# ואלה

שמות בני ישראל) דם זענין דו נעמון פון דו קינדור פון יעקב שלמה המלך זאגט אונ משלי (נזם זהב וחלי כתם מוכיח חכם על אוזן שומעת) אזו ווי איין צירונג איז שיין צום גוף אזו איז שיין צום גוף צוא הערון דם שטראפון פון אחכם אונ דער עיקר שטראף איז צו איין קינד ווען ער איז יונג ווייל דענסט מאל גייט ער נאך תענוגים אונ האט נאך קיין יצר טוב נוט דען דער יצר טוב קומט ערשט צום מענשון נאך דרייצעהן יאר דרום דארף מען דענסט מאל שטראפון דאס קינד דרום זאגט שלמה המלך ווער עס פר מייד דוא רוט פון דעם קינד דער הט פיינט דאס קינד אבור דער וואס הט ליב דם קינד דער שטראפט אום מוט רייד און אודור שלאגון כדי ער זאל גוט זיין דויד האט נוט גשטראפט זיין זון אבשלום איז ער זייעיר שלעכט גוועו אונ איז גלעגון ביי זיין פאטורם וייבור אונ דויד הט גמוזט אנטלופון פון ירושלים פר אום אבור יעקב הט יוא גשטראפט זיינו קינדור זעגון זיי אלו גוועו צדיקים אונ דר פסוק רופט זיי רעכטו קינדור צום פטר דרום זאגט דר פסוק (ואלה שמות בני ישראל) זייא זענון גוועו רעכטו קינדור צו זייער פטור דען ער הט זיי אויך גוצוגון צו גוטון רש"י שרייבט ווארום דארף דער פסוק ציילון דו קינדור פון יעקב ער האט דאך זייא

## אוהל יעקב

ואלה שמות (וישמע אלהים את נאקתם ויזכור אלהים את בריתו וכו׳) גאט הט גהערט דם גשרייא פון דוא יודון וואס דוא מצרים ארבוטון מוט זייא האט גאט גדענקט זיין זוכרהייט וואס ער האט צו גזאגט צו אברהם (וירא אלהים וגו׳ וידע אלהים) זאגט דער מדרש (וירא אלהים) גאט הט געזהן אז דוא יודון וועלון גוט האבון קיין מעשים טובים זייא זאלון דורך זייא אום גליינט ווערון (וידע אלהים) אונ נאט הט גוויסט אז ער מוז זייא אום לייזון מחמת ער הט צו גזאגט צו אברהם אום צו לייזון דוא יודון פון מצרים הט לער אייבערשטור אן גבריים דוא רפואה פר דער מכה היינו ער הט אן גבריים דעם גואל משה איידור עס איז גוקומון דו צייט פון דער גאולה עס איז איין דמיון צווייא בתולות האבון חתונה גהאט איין בתולה הט אור דער פאטור חתונה גמאכט ער איז גוועו איין עושר אונ דוא אנדערו איז גוועו איין יתומה האבון אור דוא משפחה חתונה גמאכט דוא בתולה וום דער פאטור הט אור חתונה גמאכט הט ער אור אן גבריים חתונה קליידור אבור דוא בתולה וום דוא משפחה האבון אור חתונה גמאכט איז נוט אזו גוועו זייא האבון מורא גהאט טאמור וועט זייא נוט מספיק זיין אוף אלו קליידור איז דער שטייגור וועלוכם עס איז נייטוגור דאס מאכט מען פרור . האבון זייא פרור גמאכט חתונה קליידור אונ האבון אן גבריים הוצאת החתונה וואס דאס איז נייטוגור אונ דער נאך האבון זייא אור גמאכט אנדרו מלבושים. ווערלונ זייא האבון גהאט ביכולה ווארון וועלוכם עס איז נייטונ וום עס איז מעכב דו חתונה

## ספר הישר

אין בתיה דוא טאכטור פון פרעה הט גנודערט צום טייך באדון זוך אונ אורע דונסטן זענון גגאנגון ביים בארטון פון דעם טייך האט בתיה גוזעהן דם קעסטול אוף דעם וואסור האט זו גשוקט אדונסט אין הט עס ארום גנומון האט זו דער זעהון דם קונד אין האט זוך דער בארומט איבר אום אונ הט גזאגט דם מוז זיין פון דו יודושע קונדר האבון דוא מצריות דם קונד גוואלט אן זייגון הט דאס קונד נוט גוואלט זייגון ביי זיי דען דאס איז גוועו פון גאט כדי ער זאל ווידר גקערט ווערון צו דער ברוסט פון זיין מוטער אין מרים איז גוועו ביי דעם טייך הט זו גזאגט צו בתיה זאל אוך גיין רופון איינגרון פון דו יודושע וייבור וועט זוא אן זייגון דאס קונד האט בתיה גזאגט גייא האט מרים גרופון דו מוטר פון דעם קינד האט בתיה צו אור גזאגט נעם דאס קונד אונ זייג עם אן אוך וועל דור דער פר בלונון הט זוא גנומון דם קונד אונ הט עם גזייגט אונ סוף צווייא יאר האט זוא עם גבראכט צוא בתיה אונ ער איז גוועו צוא אור פאר אזון אונ זו האט אום גרופון משה ווייל זו הט אום ארוס גצוגון פון וואסור דען דאס ווארט משה איז טייטש אום צוהון אונ משה איז דר וואקסון גווארון אונ הויז פון פרעה אונ גאט איז גוועו מוט אום אונ הט גהאט חן אונ דו אוגון פון פרעה אונ אלו האבון אום ליב גהאט (ויהי היום) אין משה גגאנגון קיין גושן הט ער געזהן ווי ישראל ארבוטון זייערו שווערו בוטרו ארבוט הט משה דער פון גרוס צער גהאט איז משה גקומון אונ האט זוך גבוקט צו פרעה אונ הט גזאגט אוך וועל דוך בעטון

זיי שון געצײלט אונ פרשת ויגש דר תירוץ
אוז דו ישראל זענון גוגליכון צו שטערון
אונ הומול וואס גאט צו האט זייא אום צו
לייכטון מוט דער צאל אונ ברענגט זיי
אריין מוט דער צאל אזו אויך דו קונדור
פון יעקב האט ער זייא געצײלט ביי
זייער לעבון אונ ציילט זייא ווידר נאך
זייער טוט דער צרור המור אונ דער
תולדות יצחק שרייבון דרום זענון דוא
צדיקים גגלעכון צוא שטערון צוא ווייזון
אזו וויא שטערון לייכטון ביי דער נאכט
מיין ווי באטאג אזו אויך דו צדיקים הבון
מער כבוד אויף יענור וועלט ווי אויף דר
וועלט דער בחיי אונ דר חזקוני אונ דר
אמרי נועם שרייבון דער פסוק לערונגט
אונז דאס יעקב הט אלו זון אונ איינקלך
ווייבור געגעבון כדי זייא זאלון זוך נוט
מתחתן זיין מוט דוא מצרים ער הט זיי
פיינט גוהאט (איש וביתו באו) דר מדרש
אונ דער בחיי אונ דער צרור המור
שרייבון דאס דער פסוק ווייזט אונז דם
גאט אוז אויך מוט ישראל אונ גלות געוועןן
כלומר הקב"ה הט אויף זייא חס גוהאט
דען גאט ווערט גורופון איש מלחמה אונ
ער אוז גוקומון צו אום לייזון זייא דר
בחיי שרייבט דרום רעכונט ער דו בני
השפחות צווישון בנימין אונ יוסף צוא
ווייזון דאס דוא קונדור פון רחל ולאה
זאלון קיין שררה נוט פירון אובור דוא
בני השפחות נייערט זייא זאלון זיי אזו
חשוב האלטון וויא יוסף אונ בנימין ווס
זייא זענון דו קונדור פון רחל דם לובסטו
ווייב פון יעקב אונ דרום רעכונט ער
יוסף צום אונטערשטון צו ווייזון חטשו
ער אוז אשליט געוועןן הט ער זוך נודריג
גהאלטון דען דוא צדיקים מער זיי האבון
גדולה מער האלטון זייא זוך נודריג דר
בחיי שרייבט דרום זאגט דער פסוק

(וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא)
צו ווייזון חאטשו זיי אלו זענון געשטארבון
אובור גאט אונ הומגיל לעבט דרום
שטייט (ובני ישראל פרו וישרצו) דוא
קונדער ישראל האבון זוך גמערט הען
אוטלוכו אשה הט גהאט זעקס קונדר
אונ איין מאל אונ קיין אשה האט נוט
מפיל געוועןן אונ עס אוז נוט געוועןן קיין
אשה וואס זאל קיין קונדור נוט האבון
אונ אזו שרייבט דער תולדות יצחק דער
צרור המור שרייבט דרום ציילט זיי דער
פסוק דא נאך אמאל צו ווייזון דאס זייא
זענון געוועןן זובוציג נפשות אונ גאר
באלד זענון זייא גווארון פול צעהון
טוזונט אויך שרייבט דער צרור המור
דרום שטייט (יוצאי ירך יעקב) זיי זענון
ארוס געגאנגון פון איין דוך פון יעקב צו
ווייזון ווייל דער מלאך האט פאר רוקט
דו דוך פון יעקב דרום הט ער נור זובוציג
נפשות גוהאט אובור עס זאל נוט געוועןן
פר רוקט זיין דו דוך וואלט ער נאך מער
קונדור גוהאט דרום שטייט נוט (יוצאי
ירכיו) דאס אוז צווייא דוכון (ויוסף היה
במצרים) אונ יוסף אוז געוועןן אונ מצרים
רש"י שרייבט דרום זאגט אונז דר פסוק
יוסף אוז געוועןן אונ מצרים חאטשו מור
ווייסון עס פון לאנג אן צו ווייזון חאטשו
ער אוז געוועןן אונ מצרים צווישון עע"ז אוז
ער דאך אזו וויא פרור געוועןן מוט זיין
חסידות אונ מוט זיין פרומקייט (וירבו
מאוד) דו ישראל האבון זוך זייער גמערט
ר' אברהם זאגט ער הט געזעהן איין אשה
הט פיר קונדור אונ איין מאל גהאט אונ
ווייל דער סדר אוז ווען איין אשה הט
איין צווילונג זענון זייא שלאף ווייל דער
כח וואס דארף זיין אונ איין קונד ווערט
גטיילט אויף צווייא קונדער מכל שכן
ווען עס ווערט געבורון זעקס קונדער
דרום

**שלי"ה הקדוש**

(ויוסף היה במצרים) אונ יוסף אוז געוועזן אונ מצרים. רש"י מאכט נייסון מור דען נוט אז יוסף אוז

**אוהל יעקב**

דאס גרייט מען אן פרור פון דעם ווס עס אוז נוט נייעט דם זאגט דער מדרש גאס הט געזעהון אז דוא

דרום זאגט דער פסוק (ויעצמו במאוד) זיי זענן זייער שטארק גוועז (ויקם מלך חדש) דער חזקוני שרייבט ווען עס שטייט נוט (וימת) נור ויקם דר אלטר מלך איז גשטארבן מוז זיין דאס ער איז גוועזן דער אלטור מלך נאר ער האט גמכט נייאו גזירות אונ הט פר געסון דם גוטס וואס יוסף הט גוטן מוט די מצרים אונ אזו שרייבט רש"י דם אונ דר גמרא קריגט רב ושמואל איינור זאגט עס איז גוועזן א נייאר מלך אונ איינור זאגט ער איז גוועזן דר אלטר מלך נאר ער הט זוך בנייאוט מוט נייע גזירות (הי"ה עם בני ישראל רב ועצום ממנו) זיי האבן גזאגט פון דריי זאכן ווענן מוזן מור די ישראל טייטן איינם וייל זיי זענן גוואנט מוט ניסים גדענקט וואס יעקב הט גוטן צו זיין ברודור עשו ער איז צו אים גקומן מוט פור הונדרט מאן אונ הט אים נוט גקאנט טון אוך גדענקט דם זיינו צווייא קונדר האבן די גאנצי שטאט שכם אום גהרגות אונ וואס פר אבייז זיי הבן גוטן זיי האבן זייאור ברודור פר קופט דאס אגדורו איז זייא זענן שטארק (הבה נתחכמה לו) דרום מוזן מור טראכטן מוט חכמה אקעגן זיי מור מוזן טראכטן מוט חכמה מוט וואס פר אמיתה מור זלון זיי טייטן דען זייער גאט בצאלט אלין מדה כנגד מדה דרום וועלן מור זייערו קונדור אונ וואסור אריין ווארפן אונ זייער גאט האט גשווארן ער זאל נוט ברענגן קיין מבול אוף דר וועלט אזו וועט ער אינז נוט קענן שטראפן מוט וואסור א'בור זיי הבן נוט גוויסט דס גאט הט נאר גשווארן ער זאל נוט ברענגן קיין מבול אוף דר וועלט אובור זיי אונ ים אריין מעג ער ברענגן דר חזקוני שרייבט די גמרא זאגט דם בלעם איז אוך גוועזן אונ דר עצה די ישראל צו פארלורן איז קשה ווי קאן דאס זיין דאס בלעם הט אזו לאנג גלעבט בוז די ישראל זענן גוועזן אונ דר מדבר את הט מלחמה נהאלטין

## של"ה הקדוש

גוועזן אונ מצרים. ער אונ זיינו קונדר זענן דאך גרעכנט אונ דער צאל פון די זיבצוג נפשות וועלכו זענן אריין גקומן אונ מצרים. נאר דער פסוק לאזט אונז הערון די פרומקייט פון יוסף. אונ מיינט צוא זאגן אז יוסף איז גוועזן אונ מצרים דער זעלבוגער יוסף וואס ער איז גוועזן בשעת ער האט גפוטערט זיין פאטרס שאף אונ הט זוך נאר נוט פר ענדורט. דער פון דארף זוך יעדור מענש אמוסר ארפ נעמון ער זאל זיין שטענדוג צו גבונדן צו גאט מוט זיין גאנצן הארצן אלו צייטן גלייך. אונ אונגליק חלילה אונ אין גלוק ער זאל נוט פר לורן זיין האפנונג אונ זיין בטחון זאל זיין אוף גאט. בשעת אז ער איז ארום אונ שפל. אונ זאל ווידר נוט שטאלץ זיין אונ דער צייט אז ער איז גוהובן אדרבא ער זאל דאמאלס נאך מער נכנע זיין אונ זל מער מצות אונ מעשים טובים טון: (וימררו את חייהם) אונ די מצריים פר בוטרון זייער לעבון. מור האבון שון כמה מאל גשריבן אז דם גאנצע ענין פון דעם שעבוד אונ די יסורים וואס גאט הט גוברא כט אוף דוא ישראל איז נאר גוועזן אום זיי צו ריינוגין אונ זייער זונד מכפר צוא זיין. וכמו כן זענון אלו פורעניות וואס הש"י שוקט אוף דעם

## ספר הישר

אקליין נבעט נאר די זאלסט מור דם טון. הט משה צו אים גזאגט לאז וערון געבון צוא דיינו קנעכט דיא ישראל. איין טאג אונ דער וואך זאלון דעמולט ריאון פון זייער ארבוט. הט ער אים גענפרט אוך טוא דאס דיר צוא לוב האט זוך משה זייער גפרייט דרוף וום מען הט זיי גשענקט דעם זובטון טאג דען דיא זאך איז גוועזן אצייכן אז גאט הט אן גוהובן צו העלפן דוא ישראל. אונ משה איז ווידר גגאנגן קיין גושן אונ איז גקומן צו דעם אורט וויא דוא ישראל ארבוטן אונ זעהט וויא איין מצרי שלאגט איין יהודי. אונ וויא דער יהודי האט גזעהן אז משה שטייט איז ער גלאפן צוא משה אונ האט צוא אים גזאגט אוך בעט דוך מיין האר דער דאזוגר מצרי איז גקומן ביי נאכט אונ מיין הויז אריין אונ האט מוך גבונדן אונ האט פר פורט מיין וייב פר מיינו אוגן אין היינט וויל ער מוך טייטן. אונ ווי משה הט דר הערט די בייזו זאך האט אום זייער פר דראסן אונ ער קוקט זוך אום פון אלו זייטן הט ער קיינם נוט גזעהן הט משה איין שם מזכיר גוועזן איז דער מצרי אום גקומן אונ ער הט אום בהאלטן אונ זאמד אונ הט מציל גוועזן דעם יהודי:

## אוהל יעקב

יודון וועלן נוט האבן קיין מעשים טובים זיי זאלון אום גלייזט ווערון דורך זייא אונ ער הט אבור גוויסט

גהאלטן מוט מדין אונ פנחס האט אום גהרגות אונ אוך גופונון מור אונ דער גמרא אונ פרק חלק דאס בלעם האט גלעבט דרייא אונ דרייסוג יאר דער ת״רון אוז עס אוז גוועזן צווי בלעם דעם זון האט מען גורופן בלעם נאך זיין פאטור אונ דער וום אוז גוועזן אונ דער עצה ביי פרעה דר אוז גוועזן דר פאטור פון דעם בלעם וואס פנחס הט גוהרגות (ונוסף גם הוא על שונאנו) ער תולדות יצחק שרייבט דוא מצרים האבון זוך גפארכטון ווען אפיינט וועט אוף זיי קומון וועלון זוך דוא ישראל באלד אונטער געבון כדי מען זאל זייא לאזון לעבון אז ווייא דער סדר אוז ווען איינור גוט זוך אונטר לאזט מען אום לעבון אונ דער שנא וועט דו שטאט אפ געמון (וישימו עליו שרי מסים) אונ פרעה האט גזעצט אובור ישראל הארון מען זאל פון זיי נעמון מס אונ האט נוט גוואלט אליין נעמון מס ער זאל נוט ווייזון דם ער הט זייא פיינט דו גמרא זאגט דרייא

ווענון גזעסון אונ דער עצה ביי פרעה דר ערשטור אוז גוועזן בלעם דר הט גזאגט מען זאל זיי אלו טייטון דרום אוז ער ווארון גוטייט דורך ישראל אונ דער מדבר דער אנדרור אוז גוועזן איוב דער הט גשוויגון דרום אוז ער וורון גשטרפט מוט יסורים דר דרוטור אוז גוועזן יתרו ער אוז אוועק גולופון פון דער עצה דרום האט ער זוכה גוועזן דם זיינו קונדר זענון גזעסון צווישון דוא סנהדרין אונ לשכת הגזית אוף דער נאכט הט פרעה גהייסון ציילון דו צוגול פון דעם טאג אונ האט גזעהן דאס זייא האבון פול גמאכט דען דעם ערשטון טאג זענון זייא נאך זייער שטארק גוועזן אזו הט ער גוהייסון דאס אזו פול צוגול זאלון זייא אלו טאג מאכון אונ האט גזעצט הארון זיי זאלון זעהון אלו טאג צו מכון דעם חשבון פון דו צוגול אונ דו הארון פלעגון אלו טאג דו צוגול נאך ציילון אונ ווען עס אוז נוט גוועזן דוא צאל האט פרעה גהייסון שלגון דו שטרים וויל זיי האבון זייא נוט צוא

אוהל יעקב גטריבן

אז ער מוז זייא אום לייזון הט ער אן גבריים דעם גואל פר דער צייט פון דער גאולה ווארום טאמור אז עס וועט קומון דוא צייט פון דער גאולה וועלון זייא חס ושלום נוט זיין ראוי אום גלייזט צו ווערון דרום הט ער אן גבריים דעם גואל פרור וום נייטוג אוז :

(ועתה לכה ואשלחך אל פרעה והוצא את עמי בני ישראל ממצרים ויאמר משה אל האלהים מי אנכי כי אלך אל פרעה וכי אוציא את בני ישראל ממצרים) גאט הט גזאגט צו משה גייא צו פרעה אונ צוה אום דו יודון פון מצרים הט משה גזאגט צו גאט ווער בון איך אוך זאל גיין צו פרעה אונ אוך זאל אום צוהון דוא יודון פון מצרים . זאגט דער מדרש גאט הט גזאגט צו משה אז דוא וועסט זיי נוט אום לייזון וועט זיי קיין אנדרר נוט אום לייזון לאמור פר שטיין דוא בונה פון דעם מדרש וועלון מור קלערון אונ דעם שליחות עס אוז פאר האנדון צווייא עהלייא שליחות איינור זאגט צו דעם אנדרון פאר קיין ווין אונ ברענג מור סחורה אונ גוט אום מוט געלט צו קופון סחורה אונ ווידור אוז פאר האנדון איינור זאגט צום אנדרון פאר מור ברענגון סחורה אונ אז דער שליח פרעגט אום אוף געלט זאגט ער קוף פאר דיין געלט אודור נעם אוף בארג אונ אז דוא וועסט דוך אום קערון פון דעם ווענ וועל אוךדור אפ גבין דר חילוק אוז צווישון ביידו שלוחים דער ערשטור שליח וום דער סוחר גוט אום מוט געלט קען ער דעם סוחר מדחה זיין אונ זאגון שוק מוט אנדערון דם געלט צו קופון סחורה אנדרר וועט אוך קענון קופון אזו ווייא אוך אבור דער אנדרר שליח וום דער סוחר וויל דער שליח זאל אום לייגון זיין געלט אודור ער זאל נעמון אוף בארג דער שליח קען דעם סוחר נוט מדחה זיין צו זאגון שוק אנדרון ווארום נוט אוטלוכור האט אום צו לייגון אודור קרעדוט דם אוז דאס ענין גאט האט גוואלט שוקון צו פרעה ארום נעמון דוא יודון פון מצרים אונ ווען דו יודון זאלון גוועזן האבון אזכות אום גלייזט צו ווערון וואלט ביי גאט קיין חילוק נוט גוועזן צו שוקון מוט וועמון עס אוז נאר אונ אמת האבון דוא יודון גוט גהאט קיין זכות אום גלייזט צו ווערון אזו ווייא עס שטייט אונ ירמיה (ואת ערום ועריה) דוא בוסט נאקוט אן מצות הט גאט גוואלט שוקון דעם צדיק משה ער זאל זיי אום לייזון אונ זיין זכות דאס זאגט דער פסוק (ועתה לכה ואשלחך אל פרעה והוצא את עמי בני ישראל ממצרים) גאט הט גזאגט צו משה גייא אוך וועל דוך שוקון צו פרעה אונ זאלסט אום צוהון דוא יודון פון מצרים אונ דיין זכות דרום קען שון קיי אנדרור שליח נוט גיין אונ דעם שליחות :

גטריבן צוא דר ארבייט אונ דו שוטרים
זענין גוועזן ישראל אזו האבן זייא זיך
גלאזט שלאגן אונ האבן נוט גזאגט
ווער עס הט דו צאל נוט דער פולט כדי
מען זאל יענום ישראל נוט שלאגן דרום
האבן זיי זוכה גוועזן צו זיין סנהדרין
איבר דו ישראל אונ זייא זענין גוועזן
דו זיבציג זקנים אונ מצרים וואס זייא
זענין גייען מוט משה בייא אלו נסים
פר פרעה דער ילקוט שרייבט (ובכל
עבודה בשדה) פרעה הט גהייסן זייא
זאלן נעכטוגן אונ פעלד כדי זייא
זאלן זיין אפ גשייד פון זייערו ווייבור
אונ זאלן קיין קונדור נוט האבן איבור
דוא ווייבור פלעגון טראגן דוא מאנגן
עסן אונ פעלד אונ פלעגן זיי טרייסטן
דם גאט וועט אונז אים לייזן פון דעם
שווערון גלות אזו פלעגון דו מאנן קריגן
אפרייליך גמוט אונ פלעגון זיך מוט זיי
בהעפטן אונ פעלד אונ זייא פלעגן
טראגן ווערון פון זייא אונ דער פר הט
גאט זיי גוצלט דם זיי האבן גוהאט פול
זולבור אונ גאלד דען דר ים הט דו מצרים
ארויס גווארפן פר דוא ישראל אונ דוא
ישראל האבן אראפ גונומן פון זיי פול
גאלד אונ זולבור דו גמרא זגט פון וועגן
דעם זכות פון דו פרומו ווייבור זענין דו
ישראל אום גלייזט גוורן פון גלות מצרים
דען ווען איין אשה איז גגאנגן וואסור
שעפון הט גאט גמאכט דם זוא האט אן
גשעפט אהאלבון קריג פיש אונ אהאלבון
קריג וואסור האט זו דו פיש גקאכט אונ
אין דם וואסור הט זוא אן גווארימט אונ
הט גטראגן צו איר מאן אויף דעם פעלד
אונ האט אים גוואשן אונ גבאדן אונ
גשמירט אונ הט אים געבן צו עסן פיש
אונ אז עס איז גקומן דו צייט זו זאל דאם
קונד האבן איז זו גגאנגן אונ פעלד אריין
אונטר א עפול בום אונ הט דם קונד גהט
אליין אן אהייבן אונ גאט הט גמאכט דם
קונד איז ריין גווארן אונ דר גאפיל איז
אום אראפ גפאלן אונ גאט הט גושוקט
אוטלוכן קונד צוויי שטיינר פון איינם הט
גרונן פום אייל אונ פון דעם אנדרון הט
גרונן האנוק אונ דם קונד הט זיך דר
פון דר נערט אונ אז פרעה איז דער פון
גוואר גווארן הט ער גושוקט מען זאל דו
קונדר אויף דם פעלד דר הרגונן הט גאט
איין גטון דאס זיי זענין אונ דער ערד
אריין אזו הט פרעה גהייסן צו אקרן דו
ערד אונ גאט הט זיי דאך מציל גוועזן פון
זיין האנד אונ גאט האט דו קונדר גלאזט
אונ דו ערד אויף וואקסן אונ דער נאך
זענין זיי ארויס גגאנגן פון דר ערד אזו ווי
גראז אונ זענין גוקומן פול מאל צעהן
טויזנט דו קונדר האבן דר קענט גאט אויף
דעם ים אונ האבן גזגט (זה אלי ואנוהו)
דם איז מיין גאט אונ איך וועל אים בשיינון
מוט ליבן (ויאמר מלך מצרים למילדות
העבריות) פרעה הט בסוד גזאגט צו דו
הייבן פון ישראל זיי זאלן אים ברענגן דו
קונדר פון ישראל ווען עס וועט אזון
זיין (וראיתם על האבנים) איר זאלט זעהן
ווי אזו דם קונד גייט ארויס פון זיין מוטרס
לייב אויב זיין פנים איז צו דר ערד איז דם
איין זון אזו זאלט איר אום באלד טייטן
דם דו מוטור זאל נוט וויסן דר פון דען זו
וועט טרכטן דם קונד איז טוט גבורון
גווארן אונ ווען עס גייט מוט דעם פנים
ארויף איז דם גוים איין טכטר זאלט איר
זו לאזן לעבן אזו שרייבט דער חזקוני
פון וועגן דער גמרא רש"י שרייבט ער
הט דרום גהייסן טייטן דו זכרים דען
דו שטערן זעהר האבן אום גזאגט דם
עס וועט גבורן ווערן איין קונד וואס
וועט העלפן צוא ישראל דרום האט
פרעה גהייסן טייטן אלו זכרים אונ דר
חזקוני שרייבט ער האט דרום גהייסן
טייטן דו זכרים וויל זיי גייאן אונ דר
מלחמה דער בחיי שרייבט פון וועגן דר
גמרא דרום הייסט דו שטול וום דו אשה
זוצט דרויף צו גווינן אבנים דאס ווייזט

ווען דיא אשה גייט צו קינד ווערין איר
די פיס אונ אלי גלידיר קאלט אזו ווי
אשטיין וואס ער הייסט אבנים אזו האט
פרעה דעם סימן געגעבין צו דיא הייבין
ווען איר וועט זעהן איין אשה וואס
אירי גלידיר ווערין קאלט זאלט איר
וויסין דאס זי גייט צו קינד. איין הייבין
הט געהייסין שפרה דס איז געוועזן יוכבד
אונ ווייל זי הט דס קינד ריין אונ שיין
גימאכט דרום הט מען זי גירופין שפרה
דס איז טייטש שיין אונ די אנדירי האט
געהייסין פועה דאס איז געוועזן מרים דיא
טאכטיר פון יוכבד אונ דרום האט מען
זי גירופין פועה ווייל זי האט גירעט צום
קינד אונ הט עס גימאכט שווייגין ווען עס
האט גיוויינט אונ דיא צווייא הייבין האבין
גלאזט לעבין דיא קינדיר אונ האבין
זייא נאך געגעבין עסין דער חזקוני אונ
דער תולדות יצחק אונ דער אמרי נועם
זאגין דאס דיא צווייא הייבין האבין גיהאט
צוא שאפין איבור פיל הייבין דען עס
איז ניט מיגליך דאס צוויי הייבין זאלין
זיין גינוג צו כל ישראל אונ דער אמרי
נועם שרייבט מען האט גיוואלט אגרוסין
שוחד געבין די הייבין זיי זאלין טייטין די
קינדיר הבין זיי ניט גיוואלט ווייל זיי הבין
מורא גיהאט פאר גאט אונ פרעה האט
גירופין דיא הייבין (ויאמר להן מדוע
עשיתן) אונ האט זיי גיזאגט וואריס הט
איר גיטואין די דאזיגי זאך אונ הט גילזט
לעבין די קינדיר האבין דיא הייבין גיזאגט
די ווייביר פון ישראל זענין גליך ווי די
חיות פון דעם פעלד דאס זיי גווינין אן
הייבין נאך אפשט איז זייא זענין אליין
הייבין (וויעש להם בתים) רש"י שרייבט
פון וועגין דער גמרא דאס גאט האט
געגעבין שכר צו די הייבין דס פון יוכבד
איז ארויס גיקומין כהנים אונ לוים אונ
פון מרים איז ארויס גיקומין מלכים דער
בחיי שרייבט (ויעש להם בתים) איז
טייטש פרעה הט גזעצט צווישין צווייא

הייזור פון ישראל אמצרי ער זאל היטין
ווען איין זון וועט גיבורין ווערין זאל מען
אים אונ וואסור אריין ווארפין אונ דער
חזקוני שרייבט פרעה הט גיבויאט הייזר
צוא זעצין די ווייבר וואס זענין טראגינדיג
אונ צו היטין זיי מען זאל זייערי קינדר
אונ וואסור אריין ווארפין דער בחיי
שרייבט דרום שטייט ניט להן אזו ווי
מען רעט צו אנקבה נייערט להם אזו
ווי מען רעט צו אזכר דאס ווייזט אונז
דאס גאט האט זייא גיגעבין אגוטין שכר
אזו ווי צו אזכר וואס ער טוט רעכט איין
מצוה דען זיי הבין די מצוה אויך רעכט
גוטואין (ויצו פרעה לכל עמו) רש"י אונ
תנחומא שרייבין דס די שטערין זעהר
האבין גזאגט צוא פרעה דעם היינטיגין
טאג וועט גיבורין ווערין דער העלפר פון
ישראל נור מיר ווייסין ניט אוב פון
ישראל אודיר פון דיא מצרים אונ דער
העלפר וועט ווערין גישלאגין דורך וואסר
דרום האט ער גהייסין דאס אפילו דיא
מצרים זאלין אויך זייערי זין ווארפין אונ
וואסר איבור די שטערין זעהר האבין
ניט רעכט גזעהן דען משה איז ווארין
גשלאגין דער פאר וואס גאט האט אים
גהייסין רעדין צום שטיין אונ דר מדבר
ער זאל געבין וואסר אונ ער הט דעם
שטיין גישלאגין דרום האט גאט אים
גשטראפט דאס ער זאל ניט קומין קיין
ארץ ישראל (ויקח את בת לוי) אונ עמרם
איז גגאנגין אונ האט גינומין די טאכטור
פון לוי די גמרא זאגט דאס עמרם איז
געוועזן דער גרעסטור פון דעם דור אונ אז
פרעה הט גיהייסין מען זאל דיא קינדיר
ווארפין אונ וואסור הט ער זיך אפ גשייד
פון זיין ווייב אונ האט איר גט געגעבין
אונ אזו אויך האבין פיל צדיקים גיטין
איז גיקומין זיין טאכטור מרים אונ הט
צו אים גזאגט דיין גזירה איז ערגיר פון
דער גזירה פון פרעה דען פרעה הט נאר
גהייסין טייטין די זכרים אונ נקבות הט

ער גלאזט לעבון אונ דוא מאכסט פר לורון זכרים אונ נקבות האט עמרם זיין ווייב צורוק גונומון הבון אלו זייערו ווייבר צורוק גונומון דרום שטייט (ויקח את בת לוי) ער האט אחופה גמאכט זיין ווייב צורוק צו נעמון. יוכבד איז דענסטמאל אלט גוועון הונדורט אונ דרייסיג יאר אונ דרום רופט זוא דער פסוק (בת) דאס הייסט יונג צו ווייזון דם זו איז גאר יונג גווארון אזו ווי אבתולה אונ הט גטראגוי אונ הט גווינון אן צער דם לערונט אונז דם דו פרומו ווייבור האבון קונדור אן צער דער פרקי רבי אליעזר שרייבט דאס אלו קונדור וום מען הט גווארפון אונ וואסור הט דם וואסור ווידור ארום גווארפון זייא אונ דער מדבר אונ גאט האט צו אוטלובון קונד צו גושוקט צוויי שטיינור פון איינום הט גורונון בום אייל אונ פון דעם אנדורון האנוק אונ דר פון פלעגון זוך דו קונדור דער נערון אונ יוכבד האט גווינון איין זון דם איז גוועון משה אונ זו האט אום פר בארגון דריי חדשים (ולא יכלה עוד הצפינו) אונ זו הט אום מער נוט גוקענט בהלטון דען דו מצרים הבון גורעכונט זונד עמרם הט זו צורוק גונומון אונ זענון גוקומון זוכון נאך ניין חדשים אזו ווי איין אשה דארף צו גווינון אבור משה איז וורון גובורון נאך זעקס חדשים אונ איין טאג דרום הט זו אום גוקענט פר בארגון דריי חדשים אונ אור הויז אונ נאך ניין חדשים זענון גקומן דו מצרים אונ האבון גזאגט ווי איז דיין קונד הט זו גזגט מען הט אום אונ וואסר גווארפון אונ משה איז ווארון גבורון אונ זיין אדר אונ איז וורון בהלטון בוז זעקס טאג אונ סיון אונ וויל ער איז גוועון אן גבריט צו נעמון דו תורה אונ זעקסטון טאג אונ סיון דרום הט דו תורה אום מציל גוועון פון דעם וואסור אזו שרייבט דר בחיי אונ דר חזקוני (ותרא אותו כי טוב הוא) אונ אז משה איז גבוהרון גוורון

הט דו מוטור גזעהן אז ער איז גוט דען עס איז וואורון פול דם הויז מוט לוכט אונ זו הט גזעהן אז ער איז גבורון גווארון גמלית דרום הט זו גטראכט אום מציל צו זיין אונ הט גמאכט אקאסטון אונ הט אום בקלעבט מוט ליים אונ מוט פעך אונ האט אריין גלייגט אונ אום דם קונד אונ הט דעם קאסטון גלאזט אוף דעם וואסור איז גוקומון דו טכטור פון פרעה צו באדון זוך אונ טייך אונ הט דר זעהון דעם קאסטון הט זו גהייסן אורו דונסט מיידון זיי זאלון דם קאסטון ארום נעמן האבון זיי אור גווערט הט גאט גמאכט אז זיי זענון באלד גשטארבון אונ גאט הט אנם גטון דם אור האנד איז לאנג גוורון דם זו הט גקאנט דר לאנגון אונ זו הט אום געפונט הט זו דר זעהן דו שכינה ביי דעם קונד אונ דם קונד הט גאנץ הויך גווינט הט דו טאכטור פון פרעה גזאגט דם איז אקונד פון דו יהודים וום דו מוטור הט מורא גהט דו מצרים זאלון אום נוט דר טרענקון אונ וואסור דרום הט זו עס אוף דעם וואסור גלאזט אונ דו שוועסטור פון דעם קונד איז גוועון מרים זיא הט גזאגט בנבואה אז אור מוטור ווערט האבון אזון ער ווערט אום צוהון דו ישראל פון מצרים דרום האט זוא זוך גשטעלט ביי דעם וואסור פון ווייטון צו זעהן אוב אור נבואה ווערט מקוים ווערון אונ דוא טאכטור פון פרעה הט גהייסון זעהן פול ווייבור פון דו מצרים אן צוא זייגון דם קונד אונ דם קונד האט נוט גוואלט ביי זיי זייגון דען דם מול וואס ווערט ריידון מוט גאט דארף ביי איין ע״ז נוט צו זייגון זגט מרים צו דר טאכטור פון פרעה זאל אוך דור רופון איין אשה פון יהודים אן צו זייגון דם קונד הט זו גזאגט גיי אונ רוף מור אונז זו גגאנגון אונ הט גרופון דו מוטור פון דעם קונד זאגט דו טאכטור פון פרעה צו אור נעם דור דיינם דו נבואה איז אור גקומון אונ מול אונ

זו הט גזאגט נעם דור דיינם כלומר דם איז דיין קונד אונ אוך וועל דור בצאלון אונ נעם נוט נאך אקונד צוא זייגן פון דאנן לערנון מור אפ ווען איין אשה נעמט אקונד צו זייגן טאר זו נוט נעמון נאך אקונד צו זייגן דר בחיי שרייבט גאט טוט מוט די צדיקים גרוס חסד דען עס איז נוט גונוג דם מען הט אור אפ גגעבון אור קונד הט מען אור נאך שכר גגעבון דר פר אונ אז זו הט דם קונד אנטוויינט הט זו אום גבראכט צו דר טאכטור פון פרעה אונ זוא האט אום גהאלטון גלייך ווי אור אייגנום זון אונ זו הט אום גהאלזט אונ גקושט אונ פרעה הט זוך מוט אום גשפולט אזו וויא מוט אקליין קונד אונ די טאכטור פון פרעה הט אום אנאמון גגעבון משה ווייל זוא האט אום פון דעם וואסר ארוס גצוגן אונ גאט הט אור אזו אונ זון גגעבון אז זו זאל אום דעם נאמון געבון אונ ער איז גבלובון ביי דעם נאמון אונ אז משה איז גרוס גווארון איז ער גגאנגון אונ פעלד אריין אונ האט גזעהן וויא די ישראל ארבוטון זייער שווער אונ אוך הט ער גזעהן דם אמצרי שלאגט איהודי דען דר מצרי איז גווען אשופט אונ האט דעם יהודי אוף גוועקט צו דר ארבוט אונ הט אום ארוס גוצוגן פון זיין הויז אונ הט זוך אליין אום גקערט אונ איז גלעגון ביי זיין ווייב אונ זו הט גמיינט עס איז אור מאן אונ זוא איז ווארון טראגון פון אום אונ דט גוהט אזון ארשע וום מען הט אום פר שטיינט ווייל ער הט גבענשט דעם שם אונ ווי דר יהודי איז גקומן אהיים איז ער דר פון גוואר גווארון אונ דער מצרי הט גוויסט אז דר יהודי ווייסט שון פון דר מעשה הט ער אום ביי דר ארבוט

זייער גשלאגון אונ משה הט דאס אלץ גוויסט אונ הט גזעהון דם קיין גוטס ווט פון אום נוט ארוס קומון האט ער אום גהרגות מוט דעם שם המפורש אונ האט אום בהלטון אונ זאמר דעם אנדורון טאג איז משה ארוס גגאנגון הט ער גזעהן ווי דתן ואבירם קריגון זוך הט ער צו איינום גזגט די רשע ווארום שלאגסטו דיין חבר פון דאנון לערנון מור אפ ווען איהודי הייבט אוף זיין האנד אוף זיין חבר צו שלאגון אום הייסט ער ארשע דען דא הבון זוך גקריגט אונ האבון אוף גוהובון די הענד איינר אקעגון דעם אנדורון צו שלאגון הט משה אום שון גורופון רשע הט דתן ואבירם גזאגט צו משה ווער הט דוך גמאכט פאר אהאר אודור אשופט אובור אונז דוא בוסט נאך יונג צוא זיין אשופט דען דענסט מאל איז משה נאר אלט גווען צוועלוף יאר די ווילכט אונז הרגונון אזו ווי דו האסט גהרגות דעם מצרי הט משה זוך גפארכטן אונ פרעה איז גוואר גוורון די זאך ווייל דתן ואבירם האבון אום גזאגט הט פרעה אום גוואלט הארגונון הט ער גמאכט מוט דעם שם המפורש דם מען הט אום נוט גזעהן אונ איז אנטלפון גווארון פון פרעה דר מדרש זאגט מען האט אום גגעבון צו אתליון ער זאל אום דעם קאפ אפ האקון הט די שווערד נוט גקענט האקון אונ האלז אונ משה איז אנטלאפון אונ לאנד מדין אונ הט זוך גזעצט ביי דער ברונו אונ יתרו איז גווען אהאר אונ דעם לאנד מדין אונ דענצמאל האט ער זוך אפ גשייד פון ע״ז הבון זיי אום מחרים גווען הט אום קיינור נוט גוואלט פאסון זיינו שאף אונ ער הט קיין זון נוט גהאט הבון די טעכטער גומוזט פאסון דוא שאף אונ

זענין

של״ה

מענשון נאר אום זיינו תאוות אפ צו האלטון אונ אום צו תשובה צו ברענגון . אונ יעדור מענש וואס האלט זוך אוף פון הנאות אונ תאוות כדי זיין גוף צו

הקדש

ריינונן איז איין ווירקלוכור בעל תשובה :

(ויאמר לרשע למה תכה רעך) אונ ער האט גזאגט צו דעם רשע ווארום ווילסטו שלאגון דיין

זענון גנאנגון אן טרענקון דו שאף זענון גקומון דו פאסטוכור אונ האבון זיי פאר טריבון אונ האבון זייאור וואסור אוועק גנומון אוז גוקומון משה אונ האט זייא גהאלפון פון דו פאסטוכור אונ האט אן גטרענקט דו שאף אונ זיי זענון גוקומון צו יתרו זייאור פאטור האט ער גפרעגט וואס זענט אור היינט אזו גוך גוקומון האבון זיי אום גזאגט אמצרי האט אונז מציל גוועזן פון דו פאסטוכור אונ הט אן גשעפט וואסור אונ דם וואסור אוז אום אקעגון גגאנגון אונ ער הט אן גטרענקט דוא שאף אונ דרום רופט דו תורה צוא משה מצרי ווייל דם ווס ער הט גהרגות דעם מצרי האט גורם גוועזן ער זאל קומון קיין מדין האט יתרו גזאגט ווארום האט אור אום אוועק גלאזט ער וואלט גונומון איינו פון אייך דען ווען דם וואסור אוז אום אקעגון גגאנגון אוז ער פון דוא קונדור פון יעקב (ויואל משה) משה הט גוואלט זוצון מוט דעם מאן יתרו אונ הט גונומון ביי אום איין טאכטור דער בחיי שרייבט דרום האט משה גונומון ביי יתרו איין טאכטור ווייל ער הט מורא גהאט מען וועט אום זוכון פון פרעה אונ מען וועט אום גופונון אונ דרום אוז משה גוקומון צו יתרו ווייל ער האט גהט פול טעכטור אזו ווי דער פסוק זאגט ער הט גהאט זובון טעכטור דרום האט משה גטראכט ער וועט מור גווים געבון איין טאכטור אונ משה הט צו יתרו גשווארון ער זאל נוט אוועק גיין פון זיין לאנד אן זיין רשות האט אום יתרו געגבון זיין טאכטור צפורה פאר אווייב אונ דרום האט זוא גהייסון צפורה דם אוז טייטש פוגול דען זוא אוז גוך גולפון צוא משה וויא אפוגול אונ נאך אפשט אוז זוא הט גהייסון צפורה ווייל זוא האט גלייכט אזו וויא דער מארגון שטערון אונ זוא אוז וואר(ו)ן טראגון אונ האט גוויגון איין זון (ויקרא את שמו גרשום) האט משה אום גורופון גרשום ווייל ער אוז גוועזן איין גר אונ איין פרעמד לאנד (וימת מלך מצרים) אונ דער מלך מצרים אוז מצורע גווארון האט מען אלו טאג גשאכטון קונדור פון ישראל אונ ער האט זוך גובאדון אונ זייער בלוט האבון דו ישראל זייער גוטרוערט האט גאט צו גהערט זייער גשריי אונ האט זייא דער מאנט דעם זכות פון אברהם יצחק וי' עקב וואס זייא זענון זייער פרום גוועזן (ומשה היה רועה את צאן יתרו) אונ משה האט גפאסות דו שאף פון זיין שווער יתרו דען דער סדר אוז גוועזן אזו פון אלו צדיקים דם זיי פלעגון צו פאסון שאף כדי זייא זאלון זוך אפ שיידון פון לייט ווייל פול עבירות קומט ווען מען אוז צווישון לייט דהיינו רכילות אונ קנאה אונ שנאה (אחר המדבר) ער הט ווייט גפאסות אונ הר מדבר כדי ער זאל נוט פאסון אונ פרעמדו פעלדור דוא חכמים זאגון משה אוז גזעסון פערצוג יאר אונ מצרים אונ פערצוג יאר אונ מדין אונ פערצוג יאר אונ דר מדבר אונ אזו אוך אוז גוועזן רבי עקיבא פערצוג יאר הט ער גהאנדולט אונ פערצוג יאר הט ער גלערינט

של"ה הקדוש

פריינר. אונזרו חכמים האבון אפ גלערונט פון דוא ווערטר אז דער ווס הייבט אוף אהאנט אוף דעם צווייטון ווען אפילו ער האט אום נאך נוט גשלאגון ווערט ער שון אן גרופון ארשע. ווייל עס שטייט נוט הכית נאר תכה. ווארום האסטו גשלאגון. נאר תכה דוא ווילסט שלאגון:

(ויקם משה ויושיען) אונ משה אוז אוף גשטנון אונ הט זייא גהאלפון דער פון זעהון מור אז יעדור מענש אוז מחייב ביי צו שטיין דעם שוואכון. אונ זייא צו העלפון פון דעם שטארקורון ווס וויל זייא דרוקון. ווען אוך דוא שוואכו זענון אום גאר פרעמד. אונ ער אוז גאר נוט גשטעלט גווארון אז ער זאל זיין זייער משגיח:

(ומשה היה רועה את צאן יתרו) משה אוז גוועזן אהורט אונ ווידעט דוא שאף פון יתרו. דער זוהר שרייבט דער שטיינור פון איין ערלוכון הורטון אוז

גלערונט און פערצוג יאר הט ער איין ישיבה געהאלטן און משה איז געקומען צו דעם בארג חורב ווי מען וועט דוא תורה געבן האט גאט זוך צוא אום באוויזן דורך פייער אויף אדארן און דער דארן איז נוט פאר ברענט געווארן דער חזקוני און דער בחיי שרייבן דרום האט גאט זוך באוויזן מוט פייער דען ווען מען וועט די תורה געבן וועט זיין פול פייער האט משה געזאגט איך וועל גיין זעהן ווארום ווערט דר דארן נוט פר ברענט האט גאט געזגט צו אום משה משה הט ער געענפערט איך בון דא זאגט גאט צו אום טוא אום דיינו שוך פון דיינו פוס דען די ערד וואס דו שטייסט דרויף איז הייליג און דרום האט ער געהערט צוויא מאל משה ווייל דאס קול פון דעם הומול איז זייער שטארק ווייזט עם אום ווי צוויא קולות נאך אפשט איז ווייל דאס ערשטו מאל דער שרעקט זוך דר מענשווען ער הערט אקול פון דם הומול און קען נוט ענפורון מוז מען דם מנשון נאך אמאל רופן און גאט האט געזאגט (אנכי אלהי אביך) איך בון דער גאט פון דיין פאטור עמרם דער מוט הט ער אום געוויזן דם זיין פאטור איז געשטארבן דען גאט דער מאנט נוט זיין נאמן אובר אלעבודוגן און דרום הט גאט אום געלזט ווסן דאס זיין פאטור איז געשטארבן ווארום גאט האט געוויסט דם משה וועט נוט וועלן אן נעמן קיין שררה ווען זיין פאטר לעבט האט משה פאר בארגן זיין פנים און האט מורא געהאט צו רעדן מוט גאט אזו זאגט גאט אויך הב געזעהן די צרות פון ישראל און בון אראפ געגנגן צו מציל זיין זייא צו ברענגן זייא אויך און אגוט לאנד וואס טוט רונן מולך און האנוק און דרום מוזטו משה גיין צו פרעה צוא אום צוהון דוא ישראל פון מצרים ענפורט משה ווער בון. איך דם איך זאל רעדן מוט אמלך און ווס פר אזכות האבן די ישראל צוא אום געלייזט ווערן און ווער בון איך דם איך זאל אזו אחשוב פאלק אום צוהון וואס זיי זענן זייער קלוג און ווען שון זיי וועלן ארום גיין פון דר שווערו ארבוט וועלן זיי דאך נוט וועלן גיין קיין כנען זיי וועלן מורא האבן פר די שטארקו ע"ז הט גאט צו משה געענפורט אויף די צוויי זאכן דם ווס דו פרכסט דוך צו רעדן מוט פרעה זאלסטו ווסן דאס איך וועל זיין מוט דור אלו צייט דרום דארפסטו דוך נוט צו פרכטון און וואס דוא זאגסט וואס פאר אזכות האבן דוא ישראל צוא אום געלייזט ווערן זאג איך דור זייא וועלן מקבל זיין דוא תורה אויף דעם בארג סיני און דעם זכות וועלן זייא אום געלייזט ווערן און דאס פייעור וואס דוא זעהסט זאל דור זיין אצייכן דאס דוא זאלסט דוך נוט פארכטון פאר פרעה און דוא ישראל זאלן זוך נוט פארכטון פר דוא ע"ז פון לאנד כנען דען איך וועל זייא פר ברענען מוט פייעור זאגט משה ווען ישראל וועלן פרעגן ווי אזו הייסט דער הקדוש

שלי"ה

זיינו פוה און ערלובקייט צו פוטורן ער זאל זייא פר הוטן נוט ארוף צו גיין אויף פרעמדו פעלדור און קיינום קיין שאדון נוט צו טון. ער זארגט פר זייא. זיי זאלן זייער בעדערפנוסו האבן. און האלט אויף ארום און דער האנט זייא זאלן גיין און רעכטון ווענ און זאלן נוט אפ גיינון נוט רעכטס נוט לונקס. דרובור ווערט השי"י אויך אן גרופן מוט דעם (תאר רועה ישראל) דער הורט פון דעם פאלק ישראל. ווייל ער פורט זייא און רעכטון ווענ און פר הוט זייא. זייא זאלן נוט אפ ווענדון פון דעם ווענ נוט רעכטס נוט לונקס דרובור ווערט משה רבינו ע"ה אויך אן גרופן רועה דער הורט און אזו וויא דער הורט הט רחמנות מוט זיינו שאף פאר הוט דוא קראנקו און דוא שוואכו. און טראגט און זיין שום די ניי געבורונו און שפייזט זיי מוט בארום הארצוקייט וויא דער פסוק זאגט (כאשר ישא האומן את היונק) וויא דער ערצוער טראגט דעם זייגלונג. אזו דארף אויך יעדור ווס איז אפירער. אפארשטעהר ביי יודן זייא פורן מוט רחמנות און חלילה נוט מוט אכזריות:

גאט וואס וויל אונז אום צוהון וואס זאל איך זייא זאגון זאגט גאט זאג זייא דאס איך הייס (אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה) כְּלוֹמַר איך וועל מיט זייא זיין אונ דעם גלות אונ אויך אונ אנדורון גלות (לֵךְ וְאָסַפְתָּ) גייא אונ זאמיל איין דיא עלצטו פון ישראל אונ זאג זיי דער גאט פון אייערו עלטורון האט מיך גישיקט צו אוס צוהן איך אונ מיט דעם לשון זאלסטו זיי זאגון (פָּקוֹד פָּקַדְתִּי) איך טוה איך גדענקון דען יעקב האט אויך גוזאגט פקוד יפקוד דרום וועלון זיי דור גלייבון אז דו וועסט ריידון דם לשון (פָּקוֹד) גיי צו פרעה אונ זאג (אֱלֹהֵי הָעִבְרִים נִקְרָה עָלֵינוּ) דער גאט פון יהודים האט זיך צו אונז בווייזון אונ האט אונז גהייסון גיין אונ דער מדבר מקריב צו זיין קרבנות אונ איך ווייס דם פרעה וועט איך נוט וועלון לאזון גיין ביז ערט איך וועל מוזון פרור ווייזון מיין שטארקו האנד מיט מכות אונדר נאך וועט ער איך לאזון גיין אונ איך וועל איך געבון חן אונ דיא אוגון פון דיא מצרים אונ זיי וועלון איך לייאון גאלד אונ זולבור אונ איר וועט אום ליידיגון דאס לאנד מצרים דער בחיי זאגט זייא האבון בייא זייא נוט גולוגון נייערט זייא האבון חן גוהאט בייא זייא אזו האבון זייא גשענקט צו דיא ישראל פול גאלד אונ זולבור האט משה גזאגט צוא גאט טאמור וועלון די ישראל מיר נוט גלייבון דאס דוא האסט מיך גושוקט האט גאט גזאגט (מַזֶּה בְּיָדֶךָ) וואס האסטו אונ דיין האנד זאגט משה איין שטעקון זאגט גאט ווארף אום צו דער ערד האט אום משה גווארפון צוא דער ערד אוז ער גווארון א שלאנג אוז משה אוועק גולופון פאר אום האט גאט גזאגט נעם אן אונ זיין ווידול האט משה אום אן גונומון אוז ער ווידור גווארון איין שטעקון רש״י שרייבט גאט האט דרום פון דם שטעקון גמאכט א שלאנג צוא ווייזון משה דוא

רעדסט אויף ישראל זיי וועלון נוט גלייבון אזו וויא דוא שלאנג האט גרעט אויף גאט דער נאך האט גאט גזאגט צו משה לייג אריין דיין האנד אונ דיין בוזום האט ער זו אריין גולייגט אוז זוא מצורע גווארון דאס האט אום גאט גוויזון דם דער וואס רעט לשון הרע ווערט גשלאגון מיט צרעת דער נאך האט גאט גזאגט לייג ווידור דיין האנד אונ בוזום אריין הט ער זו אריין גלייגט אוז זו גווארון ריין אזו וויא פרור אונ גאט האט גזאגט צו משה דוא זאלסט דו צייכון מאכון פאר דיא ישראל אונ ווען זייא וועלון דור נוט גלובון צום ערשטון צייכון זאלסטו זייא ווייזון דעם אנדורון צייכון דאס דו בוסט ווארון גשלאגון מיט צרעת ווייל דו האסט אויף זיי לשון הרע גרעט אונ דם ווייסון זיי לאנג דם דר ווס טוט צו ישראל ביין דער ווערט מצורע אזו ווי פרעה הט גנומון שרה אונ הט גוואלט ביי איר ליגון אוז ער ווארון גשלאגון מוט צרעת אונ אוב זיי וועלון נוט גלובון צו דו צווייא צייכון זאלסטו נעמון וואסור פון דעם טייך אונ זאלסט גוסון אויף דר ערד וועט דר פון ווערון בלוט הט משה גזאגט איך בעט דיך מיין גאט איך קאן נוט ריידון דען אז משה הט פרעה דו קרון ארפ גנומון האבון דו שטערון זעהר גזאגט צו פרעה מור האבון דור שון לאנג גזאגט דם עם וועט גבורון ווערון איינור ווס וועט דוא ישראל העלפן פון דעם גלות אונ דם אוז ער גווים הט פרעה גזעצט צו זיין משפט ית־ו אונ איוב אונ בלעם הט איינר גזגט ער איז חייב מיתה אונ דר אנדרר הט גזאגט ער אוז נאך אקונד ער הט נאך קיין שכל נוט האט מען גבראכט איין שוסול גאלד אונ איין שוסול פייער צו זעהן וועט ער נעמון דם פייער וועט מען ווייסון דם ער האט דם אן שכל גטון אונ אוב ער וועט נעמון דאס גאלד האט ער שון שכל זאל מען אום הרגונון הט משה

גוואלט געמען דם גאלד אונ גקומן אמלאך אונ הט אום אשטום גוטן צום פייער האט משה גנומן אקול פייער אונ מול אריין אונ האט זוך דו צונג צו גברענט דרום הט ער נוט גקענט רעכט ריידן דר כתוב שרייבט דרום הט אום גאט נוט גהיילט דער פון וייל ער הט קיין תפלה ניט גוטן דרוף אונ משה הט דרום קיין תפלה נוט גוטן דרוף כדי ער זאל איין אום רייד האבן פאר גאט דם ער קאן נוט ריידן האט אום גאט גענפרט דוא ווילסט נוט גיין וייל דוא קענסט נוט ריידן (מי שם פה לאדם) ווער הט דוך גמאכט ריידן פר פרעה ווען מען האט דיך גוואלט טייטון (או מי ישום אלם) אודור ווער הט שטום גמאכט דם מען האט נוט באלד דוך גהייסן הארגונן אודר ווער הט זיינו קנעכט טוב גמכט דם זייא האבון נוט גהערט וויא מען האט גהייסן דוך הרגונן אודר ווער הט זייא גמכט בלינד דם זיי הבון נוט גזעהון וויא דו בוסט אוועק גלופון דם אלין הב איך גטון קאן איך דם אוך מבון דם דו זאלסט קענון ריידן פר פרעה הט משה גענפרט שוק אהרן דען ער אוז עלטער פון מור אונ איך אוך וועל דאך דוא ישראל נוט ברענגון קיין ארץ ישראל דרום שוק אזעלוכו שלוחים וואס וועלון זיי ברענגון קיין ארץ ישראל הט גאט גצערונט אוף משה אונ זאגט צו משה אובור דם וועסטו קיין כהן נוט זיין נאר דיין ברודור אהרן וועט זיין אכהן אונ דוא וועסט זיין אלוי אונ אהרן וועט פאר דור ריידון צו פרעה אונ אהרן וועט דור אקעגון גיין אונ וועט זיך פרייאין אונ זיין הארץ וום דו הסט דער צוא זוכה גוועון אונ וועט זוך נוט אונ דור מתקנא זיין אונ דרום הט אהרן זוכה גוועון צו טראגון דעם חושן מוט גוטו שטיינור אוף זיין הארץ דרום גייא אונ זאג צוא אהרן אלין וואס איך האב דור גזאגט אונ דו זאלסט זיין צוא אום אהאר

אונ אהרן זאל פר דור ריידון מוט פרעה אונ דעם שטעקון נעם אונ דיין האנד וואס דו זאלסט מוט אום טון דו צייכון (וילך משה וישב אל יתר חותנו) אונ משה אוז גגאנגון אונ הט גנומון רשות פון זיין שווער צו גיין קיין מצרים אונ זאגט איך וועל גיין זעהון וואס מיינו ברודור טון זאגט יתרו גיי לשלום אונ גאט הט גזאגט צו משה גיי קיין מצרים דען עם אוז גשטארבון דתן ואבירם וום הבון אוף דור גורעט בייא פרעה אונ חאטשו זייא האבון נאך גלעבט האט ער גזאגט זייא זענון גשטארבון וייל זיי זענון ארום גווארון דאס אוז גלייך וויא גשטארבון אונ זיי וועלון שון נוט קענון קיין רכילות זאגון אוף דור וייל זייערו רייד וועלון שון נוט זיין אן גנומון האט משה גנומון זיין וייב אונ זיינו קונדר אונ האט זיי גמאכט רייטון אוף דעם איזול פון אברהם וום האט יצחק צו דר ע' קדה גפורט אונ אוף דעם איזול וועט רייטון משיח ווען ער וועט קומון אונ גאט הט גזאגט צוא משה דעם שטעקון וואס דוא האסט אונ דיין האנד זאלסטו מוט אום טון אלו צייכון פאר פרעה אונ איך וועל שטארקון זיין הארץ ער זאל נוט שוקון דו ישראל כדי איך זאל אונ אום מערון מיינו וונדר אונ זאלסט זאגון צוא פרעה דער גאט פון ישראל האט מוך גשוקט צוא זאגון דור (בני בכורי ישראל) דוא ישראל זענון מיין חשוב פאלק דרום זאלסטו זייא שוקון צוא דונון מוך אונ אוב דו ווילסט זייא נוט שוקון וועל איך הארגונן דיין בכור אונ חאטשו דם אוז גוועון דו אונטערשטו מכה האט ער זוא פרור גזאגט כדי צוא דער שרעקון אום מוט דער שטארקסטור מכה (ויהי בדרך במלון) אונ אז משה אוז גוועון אונ וועג אוף איין הארבורג האט אום בגעגנט אמלאך פון גאט אונ האט אום גוואלט טייטון וייל ער האט זיין זון אליעזר

נוט גְמַלוּת רַבִּי יוֹסִי זָאגְט חַס וְשָׁלוֹם דָם מֹשֶׁה הָאט נוט גְהַאלְטוּן מִצְוַת מִילָה נוּר עֶר הָאט זוּךְ גְטְרַאכְט וֶוען זָאל אוּךְ אוּם מַל זַיין אַיי אוּךְ גֵיי אוּנ וֶועג אוּז דָם אַחֲכָּנָה מוּט אַוֶוינְד צוּא גֵיין אוּנ וֶועג זָאל אוּךְ וַוארְטוּן דְרַיי טֶעג בּוּז דוּ מִילָה וֶועט זוּךְ פַאר הַיילוּן גָאט הָאט דָאךְ מוּר גְהֵייסוּן גֵיין קֵיין מִצְרַיִם טָאר אוּךְ מוּךְ נוּט זוּמוּן אוּנ דֶער מַלְאָךְ וָאלְט אוּם דֶער פַאר נוּט גוּטוּן וָוארוּם עֶר אוּז אוּנ דֶעם נוּט שׁוּלְדוּג גְוֶוען נוּר וִויא עֶר אוּז גוּקוּמוּן אוּף דֶער הַארְבּוּרוּג הָאט עֶר אָן גְהוֹבּוּן עוֹסֵק צוּא זַיין אוּנ זַיינוּ זַאכוּן נוּט אוּנ מִצְוַת מִילָה דְרוּם הָאט אוּם דֶער מַלְאָךְ גְוָוארְט טֵייטוּן הָאט צִפּוֹרָה פַאר שְׁטַאנוּן דָאם עֶם אוּז אוּבּוּר דֶער מִצְוַת מִילָה הָט זוּ גוּנוּמוּן אַשַׁארְפוּן שְׁטֵיין אוּנ הָאט מַל גְוֶוען דֶם זוּן אַזוּ הָט דֶר מַלְאָךְ פוּן אוּם אָפּ גְלָאזְט דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט פוּן וֶועגוּן רַבֵּינוּ חֲנַנְאֵל דְרוּם הָאט מֹשֶׁה אַלֵיין אוּם נוּט מַל גְוֶוען וַויל מֹשֶׁה אוּז נוּט גְוֶוען דֶר בַּיי דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם שְׁטֵייט נוּט (וַיֵלֶךְ מִמֶנוּ) דֶער מַלְאָךְ אוּז אַוֶועק גְגַאנְגוּן פוּן אוּם נָאר עֶם שְׁטֵייט (וַיֶרֶף מִמֶנוּ) דָאם אוּז טַייטְשׁ דֶער מַלְאָךְ הָט אָפּ גְלָאזְט פוּן אוּם אָבּוּר עֶר אוּז נוּט אַוֶועק גְגַאנְגוּן דֶען צִפּוֹרָה הָאט נָאר בַּשְׁנוּטוּן אוּנ הָט קֵיין פְּרִיעָה נוּט גְמַכְט דְרוּם הָאט דֶער מַלְאָךְ גְוַוארְט בּוּז זוּא הָאט פּוֹרֵעַ גְוֶוען אוּנ דְרוּם הָאט צִפּוֹרָה גְזָאגְט (חֲתַן דָמִים לַמוּלוֹת) דָם אוּז צְוַויי מִילוֹת צוּ בַּשְׁנַיידוּן אוּנ צוּ פּוֹרֵעַ זַיין דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט מֶען הָאט דָאם קוּנְד מוּט אַשַׁארְפוּן שְׁטֵיין מַל גְוֶוען נוּט מוּט קֵיין מֶעסוּר וָוארוּם אַזוּ אוּז פַר צַייטוּן דֶער מִנְהָג גְוֶוען צוּא בַּשְׁנַיידוּן מוּט אַשַׁארְפוּן שְׁטֵיין נָאר אַז דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גוּנוּמוּן אַשְׁטֵיין אוּנ הָאט גְוָוארְפוּן צוּא דֶער הַרְגוּנוּן דֶעם פְּלִשְׁתִּי וָואם עֶר אוּז גְגַנְגוּן אוּנ אֵיין אַייזוּרוּן הוּטוּל אוּף זַיין קָאפּ אַזוּ הָט גְזָאגְט דֶר מַלְאָךְ וָום אוּז גְוֶועצְט

אוּבּוּר שְׁטֵיינוּר צוּ דֶעם מַלְאָךְ וָואם אוּז גְזֶעצְט אוּבּוּר אַייזוּן לָאז דַיין אַייזוּן זוּךְ שְׁפַּאלְטוּן דָאם דֶר שְׁטֵיין זָאל קֶענוּן גֵיין דֶעם פְּלִשְׁתִּי אוּנ קָאפּ אַרַיין אוּנ אוּךְ וֶועל דוּר שֶׁענְקוּן אַמַתָּנָה דָאם מֶען פְּלֶעגְט בּוּז אַהֶער מַלוּ זַיין מוּט אַשְׁטֵיין אוּנ פוּן הַיינְט אָן זָאל מֶען מַל זַיין מוּט אַמֶעסוּר פוּן אַייזוּן אַזוּ הָאט דֶער מַלְאָךְ אוּם גְפָאלְגְט דְרוּם אוּז מֶען הַיינְט מַל מוּט אַמֶעסוּר אוּנ גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ אַהֲרֹן (לֵךְ לִקְרַאת מֹשֶׁה) גֵיי אַקֶעגוּן מֹשֶׁה אוּז אַהֲרֹן אוּם אַקֶעגוּן גְגַאנְגוּן אוּנ הָאט אוּם דֶער צֵיילְט אַלוּ צֵייכוּן וָואם גָאט הָאט אוּם גְוִויזוּן אוּנ זֵיי הָאבּוּן אֵיין גְזַאמוּלְט דוּא זְקֵנִים אוּנ הָאבּוּן גְמַאכְט דוּ צֵייכוּן מוּט דֶעם שְׁטֶעקוּן פַר דוּ יִשְׂרָאֵל אוּנ דוּ יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן גְגְלֵייבְּט דָאם גָאט הָאט גְשׁוּקְט מֹשֶׁה זֵיי אוּם צוּ לֵייזוּן אוּנ הָאבּוּן זוּךְ גְבּוּקְט אוּנ גְקְנוּט אוּף דֶער גוּטוּ בְּשׂוֹרָה אוּנ דוּא זְקֵנִים הָאבּוּן זוּךְ אָפּ גְשַׁייד פוּן זֵייא וַויל זֵייא הָאבּוּן מוֹרָא גְהַאט צוּא גֵיין צוּ פַּרְעֹה נָאר מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן זֶענוּן גְגַאנְגוּן דְרוּם הָאבּוּן דוּ זְקֵנִים נוּט זוֹכֶה גְוֶוען צוּ גֵיין מוּט מֹשֶׁה אוּף דֶם בַּארְג סִינַי אוּנ מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן הָאבּוּן גְזָאגְט צוּ פַּרְעֹה דֶער גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל הָאט זוּךְ צוּ אוּנְז בַּאוִויזוּן אוּנ הָט גְזָגְט דוּ זָאלְסְט דוּ יִשְׂרָאֵל שׁוּקוּן אֵיין יוֹם טוֹב מַאכוּן אוּנ דֶער מִדְבָּר עֶנְפוּרְט פַּרְעֹה אוּךְ קֶען נוּט אַיֶיער גָאט דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט פַּרְעֹה הָאט גְהַאט אַסֵפֶר וָום דְרוּנוּן זֶענוּן גְשְׁטַאנוּן אַלוּ אָפּ גֶעטוּר דְרוּם הָט עֶר גְזָאגְט אוּנ מַיין סֵפֶר שְׁטֵייט נוּט דֶר נָאמוּן פוּן אַיֶיער גָאט דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט פַּרְעֹה אוּז גְוֶוען אַגְרוֹסוּר חָכָם עֶר הָט גְוִויסְט אוּטְלוּכוּן מֶלֶךְ וָואם גְוֶועלְטוּגְט אוּבּוּר אֵיין לַאנְד עֶר הָאט גְזָאגְט אוּךְ קֶען נוּט אַיֶיער גָאט דֶען עֶר הָאט נוּט קֵיין לַאנְד אוּנְטוּר זוּךְ אוּף דֶער עֶרְד דָם עֶר זָאל אוּבּוּר דֶם גְוֶועלְטוּגוּן אָבּוּר עֶר הָאט נוּט גְוִויסְט דָאם גָאט גְוֶועלְטוּגְט

אויבור אלו מלכים וום גוועלטיגון אויף דר
וועלט אונזורו חכמים האבון גזאגט איין
משל צו איין כהן וום האט איין קנעכט
אשוטה אונ דער כהן איז אוועק גגאנגון
קומט דער קנעכט אויף דם בית הקברות
אונ פרעגט אויז דא מיין האר אזו ענפורון
אום דו לייט דיין האר אוז דאך אכהן
ווי קומט ער אויף דעם בית הקברות אזו
אוך הט משה גזאגט צו פרעה דו זוכסט
גאט צווישון דו ע"ז וואס זענון ט"ט אונ
הבון נוט קיין גוועלטיקייט אויבור אונזור
גאט לעבט אונ אוז אמלך אויבור אלו
מלכים הט פרעה גפרעגט וום קאן אייער
גאט זאגט משה ער הט בשאפון הימול
אונ ערד אונ אלו בשעפנוש אונ מאכט
רעגון אונ מאכט אלין וואקסון אונ מאכט
מלכים אויף דר ערד ענפורט פרעה אוך
בון דר האר פון דר וועלט אוך הב מוך
אליין בשאפון אונ הב מיין טייך נילום
אליין בשאפון זאגט גאט צו משה וויל
פרעה האלט זוך חשוב מוט דעם טייך
דרום זאלסטו משה מאכון דם וואסור פון
דעם טייך נילום צו בלוט נאך הט פרעה
גזאגט אוך דארף נוט צו הערון גאט
דען ער הט זוך צו מור נוט בווייזון אז
אוך הב גנומון שרה נאר צו אבימלך הט
ער זוך בווייזון אז ער הט גנומון שרה
זאגון משה ואהרן צוא פרעה לאז אונז
גיין אונ ווען נוט וועט דוך גאט שלגון מוט
דבר אונ שווערד הט פרעה גזאגט צוא
זייא אור זאלט נוט פאר שטערון דאס
פאלק פון זייעור ארבוט דען כל ישראל
הערון אייך ריידון אונ ארבוטון נוט (לכו
לסבלותיכם) גייט אור משה אונ אהרן
צו אייער ארבוט אונ פאר שטערט נוט
דם פאלק פון זייער ארבוט אויבור פרעה
האט נוט גוהייסון משה אונ אהרן גיין
צו זיין ארבוט דען שבט לוי אוז פרייא
גוועזן פון דער ארבוט דען פרעה האט
גזאגט לאז שבט לוי לערנון תורה אונ
זלון לערנון צו ישראל דינים אונ משפטים

דר חזקוני שרייבט דרום האבון שבט לוי
נוט גארבוט וייל פרעה הט פרור מוט
ישראל אונ איינום גארבוט כדי זיי זאלון
גלוסטון צו ארבוטון אויבור שבט לוי הבון
פון אן הייב נוט גוואלט ארבוטון דען
יעקב האט אן גזאגט לוי זאל זיין ארון
נוט טראגון וייל זייא וועלון טראגון דם
ארון הקודש מוט דוא הייליגו כלים פון
דעם משכן דרום האבון זייא מוט פרעה
אוך נוט גוולט דעם ערשטון טאג ארבוטון
אונ זענון גובלובון פרייא פון דר ארבוט
(ויצו פרעה ביום ההוא וגו') אונ פרעה
האט דעם טאג גובאטון מען זאל זיי קיין
שטרויא געבון אונ דעם לים צו קנעטון
זייא זאלון אליין קלובון שטרוי אונ דעם
חשבון פון צוגול זאלון זייא מאכון אלו
טאג גלייך וויא מען האט זייא געבון
שטרויא כדי עס זאל זיין שווער דוא
ארבוט אויף ישראל זיי זאלון נוט רעדון
מור וועלון גיין אונ דער מדבר יום טוב
מאכון האבון זוך ישראל פר שפרייט צו
קלובון שטרוי אונ דוא בצווינגור האבון
גשלאגון דוא שוטרים פון ישראל וואס
זענון ווארון גזעצט אויבור דו ישראל צו
זעהון דוא ישראל זאלון ארבוטון אונ
זיי האבון גזאגט ארבוט אום אלו טאג
אייעור צאל גלייך וויא עס איז גוועזן
שטרוי אונ דרום האבון דו שוטרים זוכה
גוועזן צו זיין סנהדרין אויבור ישראל וייל
זייא זענון ווארון גשלאגון אויבור דוא
ישראל זיי זאלון ארבוטון (ויראו שוטרי
בני ישראל אותם ברע) אונ דוא שוטרים
האבון גוזעהון דאס ישראל מוזון זייעור
שווער ארבוטון אונ זיי האבון בגעגונט
משה ואהרן ארום גיין פון פרעה האבון
זייא צו זיי גזאגט גאט זאל אייך משפטון
וואס אור הט שווער גומאכט דו ארבוט
אויף ישראל האט משה גזאגט צוא גאט
ווארום האסטו שלעכט גוטון צו ישראל
דאס מען האט אויף זיי שווער גמאכט דו
ארבוט אונ דוא קרוג איז אויף מור וייל

אוך בון אשליה גוועזן דרונון אונ פרעה וויל די ישראל נוט שוקון פון מצרים האט גאט צו אום גזאגט דוא בוסט נוט אזו ווי אברהם דאס אוך האב אום גזאגט דיין עיקר זרע וועט זיין יצחק אונ דער נאך האב אוך אום גזאגט ער זאל אום פאר אקרבן שעכטון אונ ער האט דרוך נוט גרעט אונ דוא משה טוסט פול ריידון אוף מיינו מעשים (עתה תראה) דרום וועסטו נאר אצונד זעהון די צייכון וואס אוך וועל טון צו פרעה אבור נוט וואס אוך וועל טון צוא איין אונ דרייסוג מלכים פון ארץ ישראל דער בחיי שרייבט משה האט גזאגט (למה הרעות) ווארום גייט עס ישראל אובול אונ פרעה מוט זיין פאלק גייט עס וואל וואס זייא זענון אלו רשעים אונ דוא ישראל האבון יסורים די יסורים קומון דאך אודור אוף עבירות וואס מען האט גוטון אודור כדי עס זאל נאך דעם גוט זיין אוף יענור וועלט דרום פרעגט משה פר וועלכון האבון די ישראל יסורים ענפורט גאט (עתה תראה) באלד וועסטו זעהון די מפלה פון מצרים מוט פרעה זייעור שמחה וועט זוך באלד אום לאזון אונ דרום האב אוך שווער גמאכט דוא ארבוט פון ישראל כדי אוך זאל זייא טאפול שכר געבון ווען זייא וועלון ליידון די יסורים מוט לובשאפט:

# הפטרת שמות

(דברי ירמיהו בן חלקיהו) דס זענון דוא רייד פון ירמיהו דר זון פון חלקיהו דר ירמיהו הנביא אוז ארום גקומון פון רחב הזונה הט גאט גזאגט לאז קומון ירמיהו וום ער קומט ארום פון א זונה אונ אוז פרום אונ לאז שטראפון די ישראל וום קומון ארום פון א פרומע מוטער אין זענון שלעכט אונ ירמיהו אוז גוועזן פון די כהנים וום וואנון אונ דער שטאט ענתות וואס עס אוז צו אום גוועזן דער אן הייב פון נאטס רייד אונ די טעג פון יאשיהו בן אמון דר מלך פון יהודה דם דרייצוטו יאר פון זיין מלוכה אונ ער אוז גוועזן א נביא אונ די טעג פון יהויקים בן יאשיהו מלך יהודה בוז עס האט זוך אום גלאזט דאס עלופטו יאר צוא צדקיהו בן יאשיהו מלך יהודה דם אוז גוועזן דם יאר ווס די לייט פון ירושלים זענון פר טריבון גווארון אונ פופטין חודש דם אוז אב זאגט ירמיהו עס אוז גוועזן נאטס רייד צו מיר אזו צו זאגון (בטרם) אז אוך גאט האב דוך ירמיהו בשפון אונ בוך הב אוך דוך גקענט אין איידר דו בוסט ארום גגאנגון פון דיין מיטרם לייב האב אוך דוך אן גבריים אונ הב דוך גגעבון צו א נביא צו פעלקר (ואומר) האב אוך גזאגט אוך קלאג גאט דער האר ווארום אוך וויים נוט צוא ריידון דען אוך בין יונג אונ בון נוט ראוי צוא שטראפון דוא ישראל משה הט זיי גשטראפט פר זיין טוט וום ער אוז שון חשוב גוועזן אונ זייערו אונגון דורך פול נסים וום ער הט זיי אום גצוגון פון מצרים אונ הט זיי גשפלטון דעם ים אונ

הט

נופת

דברי ירמיהו בן חלקיהו מן הכהנים אשר בענתות בארץ בנימין (ירמיה א׳) ענתות אוז דער טייטש ארומקייט וויא עס שטייט עניה ענתות אוך ענתות לך על שדיך כי איש מות אתה שלמה האט גזאגט צו אביתר הכהן גייא קיין ענתות אוף דיינו פעלדור דען דוא בוסט אמחויב מיתה דא אוז צוא באטראכטון דער פאר וום אדוניהו האט אום פאר בעטון אוף אמאל צייט זאל אום דען קומון צוא טייטון. אוך ער אוז דאך גאר גוועזן פון נוב עיר הכהנים נוא וויא קומט ער אונ ענתות. אלא שלמה המלך הט צו אום גרעט בדרך סוד דיי

צופים

פון נייער איין ארומטער אונ נדרוגור מדרגה זוא וערט אן גרופון ברמז אספקלריא שאינה מאירה (קיין לוכטוגו ברולון) בבחינת לבנה אונ אן הייב חודש קום וום ווא לייכט אונ דאס אוז זוא אוך נאר מקבל פון דוא זון שיין. דם הייסט בחינת בן מות ר״ל על בן האסטו נאר גפאסט פאר אכהן גדול בייא מיין פאטור דוד ע״ה בשעת ער אוז ארום גגאנגן נע ונד אובור שאול המלך. אבער וויא ער אוז דער נאך נתעלה גווארון למעלה למעלה דורך תורה ומזמורים אונ אוך בון שון נאר במדרגת לבנה אונ רעכטון האלבון חודש אצונד גייא זוך פון מור. הא חיי

הט זיי גומאכט גידרון דעם מן אונ הט זיי גיטין וויאון דעם שליו אונ האט זיי גגעבון די תורה אונ הט זיי אויף גבראכט דעם באר אין איך ביי מיין אן הוב וואס דו הייבסט מיך אן צו שיקון צו די ישראל זאל איך זיי באלד אן הייבון צו שטראפון (ויאמר יי) האט גאט צו מיר גזאגט דו זאלסט נוט זאגון איך בין יונג נאר צו וואס איך וועל דיך שיקון צו די זאלסטו גיין אונ וואס איך וועל דיר גבוטין צו די ישראל זלסטו ריידון דו זאלסט דיך פר זיי נוט פרכטון ווארים איך בין מוט דיר צו מציל זיין דיך אזו זאגט גאט (וישלח יי) אונ גאט הט נושטרעקט זיין האנד אונ הט אן גרורט אונ מיין מול אונ הט צו מור גזאגט איך האב גגעבון מיינו רייד אונ דיין מול (ראה) זעה איך הב דיך בפולון היינטוגין טאג אופדו קינוגרייך פונכשדים אונ פלשתים אום צו רייסון אונ צו שטוסון אונ צו מאכון פר לירין. אונ צו בואן אונ צו פלאנצין דוא ישראל ווען זייא וועלון דוך צו הערון (ויהי) אין עס איז גוועזן דו רייד פון גאט צו מור צו זאגין וואס זעהסטו ירמיה הב איך גזאגט איין מאנדול שטעקון. הט גאט צו מור גזאגט דו האסט גוט גזעהן דען ווי איין מאנדול בוים איילט צו בלועען פרור פר אלו ביימער אזו וועל איך גאט איילון צו טאן מיינו רייד. דר מדרש זאגט אזו ווי אמאנדול בום פון דם אן הייב בלואין ביז עס וועררון פארטונ דו פירות א״ז איין אונ צוואנצונ טעג אזו פול ווי פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב וום אונ אום וועט דם בית המקדש פר ברענט ווערון (ויהי דבר יי אלי שנית) עס איז גוועזן דו רייד פון גאט צו מור דם אנדרו מאל צו זאגון וום זעהסטו הב איך ירמיהו גזאגט אזודיגון טאפ זעה איך אונ דר זאט איז פון צפון זייט הט גאט צו מור גזאגט דם ווייזט דם פון בבל וום זוצט אונ צפון זייט פון ארץ ישראל וועט זיך אן הייבון דם בייז אויף אלו זיצר פון דם לאנד דען איך גאט וועל ריפון צוא אלו משפחות אונ קינוגרייך פון צפון זייט זייא וועלון קומן אונ וועלון שטעלון איטלוכר זיין שטול אונ די טוערון פון ירושלים אונ אויף אלו אירע טוערון אונ אויף אלו שטעט פון יהודה (ודברתי) אונ איך וועל מוך בוועררון מוט זיי אויף זייער בייז וואס זיי האבון מוך פאר לאזט אונ האבון גרעמפט צוא פרעמדו אפ געטר אונ הבון זוך גבוקט צו די אפ געטער וום זייערו הענט האבון גמאכט (ואתה) אונ די ירמיהו גורט אן דיינו לענדון אונ שטיי אוף אונ זאלסט ריידון צו זיי אלץ וום איך וועל דוך גבוטין דו זאלסט נוט אנגסטון פר זיי ווארום ווען דוא וועסט פר זיי יוא מורא האבון וועל איך דוך צוא ברעכון פאר זייא (ואני הנה נתתיך היום הזה) אונ איך האב דוך גגעבון דם היינטוגין טאג גלייך ווי אפעסטו שטאט אונ צו איין אייזערנו זייל אונ צוא אקופרנו מואר אובר דם גאנצון לאנד אקעגין די מלכים פון יהודה אונ אקעגון אירע שרים אין אקעגון אירע כהנים אונ אקעגון דם פלק פון דעם לאנד זיי וועלון דור נוט קענון טון (ונלחמו אליך ולא יוכלו לך) אונ זיי וועלון מוט דיר מלחמה הלטון אונ וועלון דוך נוט קענון ביי קומן דען איך בון מוט דיר צו מציל זיין דיך אזו זאגט גאט (ויהי דבר יי אלי לאמר) אונ עס איז גוועען דו רייד פון גאט צו מור ירמיה צו זאגון גיי אונ רוף אונ די אוערון פון דוא לייט פון ירושלים אזו צו זאגון אזו הט גאט גזאגט איך טו גדענקון דם חסד וום דו הסט גיטון אונ דיין יוגינט דם ליבשפט וום איך הב דוך גבראכט אונטר דער חופה דם איז

ווּם

נופת

קום אונ זעה דוא גרוסו מדרגה פון קדושה רופט מען בלשון קבלה מוטון נאמון שדה תפוחים אונ דוא קליינו דוא גמיינו הייסט שדה ענתות אונ תחלת אוו ירמיהו אויך גשפאנון אונ דוא ועלבוגו מדרגה אונ דאם אוו דער סוד ווארום ער הם אפ גקופט פון חנמאל דוא שדה ענתות היינו כדי מעלה ומתקן צו זיין דעם ענין אונ כדי צו ירשנון סודות עליונים. קום אונ זעה אוף דוא בערג וועלבע עם ברענט שטרק דוא זון וערם פון די ערד גאלד אונ ווען נוט דוא

צופים

דארטוגו שרעקליכו בייזו שלאנגון וואלטן אונ דער וועלט קיין ארומו לייט נוט גוועזון דאם ווייזט וויול גאלד איז רוט קומט ארום מצד גבורה ודין ומצד שמאל. אונ וולבער וום איז ווייס איז מסטרא דחסד ורחמים לימין אונ שלמהם צייטון הם דוא זון שארק גלויכטון אונ דוא לבנה איז גוועזן כמעט נאהנט צו אור. דם הייסט דוא וועלט איז גייען בקדושה ובטהרה במעלה עליונה אונ שלמה ע״ה מוט זיין הוכון דרך אונ עבודה אונ חכמת התורה האם ער

וָוס דו ביסט נאך גגאנגן נאך מיינו שלוחים משה אונ אהרן אונ דער מדבר אונ אלאנד וָוס איז נוט גזייאט אונ אור הט איך נוט מיט גנומין קיין שפייז אויף דעם וועג דעןאור הט אונ מור גגלייבט דס איך קען איך געבן שפייז דר פר האב איך איך ליב אונ וואלט גערן צו דער בארומין מיך איבר איך ווען איר זאלט תשובה טון (קודש ישראל ליי׳) ישראל זענן הייליג צוא גאט אזו וויא דאס ערשטו פון דר תבואה איי מען ברענגט דם עומר וואס מען טאר נוט עסן פון אור אזו אוך דו וָוס עסן דו ישראל וועלן שולדיג זיין אין איין בייז וועט אויף זיי קומען אזו זאגט גאט דר מדרש רבתי שרייבט אויף דם פסוק (בטרם אצרך בבטן ידעתיך) דם קונד ווערט דר קענט אונ דער מיטערם לייב וָוס עס וועט זיין אצדיק אודער ארשע אזו וויא אונ פסוק שטייט ביי רבקה (ויתרוצצו הבנים בקרבה) דו קונדר האבן זוך גשטוסן אונ אור בוך דען ווען זו איז גגאנגן פר איין בית המדרש הט יעקב גוואלט ארוס גיין אונ ווען זו איז פור גגאנגן פר איין ע״ז האט עשו גוואלט ארויס גיין עס איז גוועזן איין מעשה דם איין אשה מעוברת הט דר שמעקט עסן אונ הט זייער גגלוסט דר צו אונ עס איז גוועזן יום כפור הט מען גפרעגט רבי חנינא האט ער גזאגט מען זאל דער אשה איין רומון אונ איער עס איז יום כפור אונ אויב עס וועט נוט גשטולט ווערן אור גלוסטן זאל מען איר געבן עסן אין מען הט איר אזו גיטון אונ דם גלוסטין איז נוט גשטילט גווארן בוז מען האט איר גגעבן עסן האט ר׳ חנינא אויף איר גזאגט דם פסוק (זורו רשעים מבטן) זיי זענון פר פרעמד די רשעים נאך פון זייער מוטרס בוך אונ עס איז פון איר גבורן גווארן ארשע אונ נאך איין מעשה איז גוועזן דאס צוא איין אשה מעוברת האט זוך גגלוסט צוא עסן אום יום כפור הט רבי יוסף גזאגט מען זאל איר איין רומון אונ אויער דם עס איז הייגט יום כפור הט מען אזו גיטון אזו איז איר גלוסטן גשטילט גווארן הט רבי יוסף אויף איר גזגט דעם פסוק (בטרם אצרך בבטן ידעתיך) נאך פון דר מיטרס בוך דער קענט מען דם ער וועט זיין איין צדיק אונ עס איז פון דער אשה גבורין גווארן רבי יוחנן :

**נופת**

מיהר גוועזן קודשא בריך הוא ושכינתיה בסוד שמאלו תחת לראשי וימינו תחבקני אונ דרום האט שלמה גזונגן שירים מוטון מול אז דער פסוק זאגט ויהי שירו חמשה ואלף אונ דוד הט גשפילט מזמורים אויף אפודול אונ אינסטרומענטן . כביכול וויא דער מנהג העולם איז פארון מלך שפולין מוזוק ווען אבור דוא מלכה איז בייא אום דאמאלסט וונגט מען פר זייא דארובור הט ער בייא זוך גרעכנט דו הנהגת העולם קען שון אוצטער זיין בגבורה ומדת הדין . אונ מדת החסד ורחמים נוצט מער נוט פלומר לייטין קומט פון השי״ת השפעה ושפע על פי דין צו לוב זייערו מעשים טובים דאס איז דוא כונה אין כסף נחשב בימי שלמה למאומה היינו מדת החסד וואס אויף איר איז דער רמז כסף וולבער האט שלמה פאר אכטוס אונ

**צופים**

הט גמיינט אז דוא וועלט קען אקיום האבן מוט הויל דין הט הקב״ה צו אום גזאגט חייך אנת תצמרך לחסד אזו נאר דוא לעבסט אז דוא וועסט אמאל באדארפון חסד וועסטו זוכן אונ נוט גפונון דאס איז גשעהון אונ דוא צייטון ווען דער אשמדאי הט אום פאר וארפון פאר פור הונדערט מייל ראן איז ער ארום גגאנגן אונ דוא הייזור אונ גשריגון אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלים דם היים אוך בון שלמה המלך אונ קיין איינור הט מוט אום קיין חסד גטאן דער פון איז צו לערנון דאס אפילו אקדוש וטהור איז אוך נוט יוצא אנטקענון דעם בורא יתברך שמו אונ ווען נוט דוא רחמנות זיינו וואס איז פול וואלט מען אפילו איין רגע קיין קיום נוט גהאט :

***

# צאינה פרשת וארא וראינה

(וארא אל אברהם) זאגט גאט אוך האב מוך בוויזון צו אברהם אונ יצחק אונ יעקב אונ האב זייא גוזאגט דם מיין נאמון איז (שדי) אונ אפ ל׳ מוט מיין

**אוהל יעקב**

(וידבר אלהים אל משה . ויאמר אליו אני ה׳ וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באל שדי) נאט הט גרעט צו משה אונ האט צו אום גזאגט אוך

**של״ה הקדוש**

(וידבר אלהים אל משה) רש״י איז מדקדק דאס לשון (וידבר אלהים) אונ שרייבט דם ווייזט אז גאט הט מוט משה גרעט שפרענגו רייד ווייל ער האט

נאמן שדי האב איך זייא גגעבן וואס איך האב צוא זייא צוא גזאגט מכל שכן מיט מיין נאמן (יהוה) וועל איך בוודאי טאן דאס וואס איך האב גזאגט דרום גייא אונ זאג צוא ישראל איך וועל האלטן מיין שבועה וואס איך האב גשווארן צוא זייערו עלטרן אונ וועל זייא אויס צוהן פון מצרים דער בחיי שרייבט דר פסוק זאגט פיר ארליי לשונות פון גאולה והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי דאס ווייזט אונז דאס פיר זאכן האט גאט צוא גזאגט צו ישראל דם ערשטו הט ער גזגט דם זיי וועלן פריי זיין פון דר ארבוט דם האט ער גזאגט והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים איך וועל אייך פריי מאכן פון דער ארבוט פון מצרים דאס זעקס חדשים פאר דער גאולה וועלן זייא ניט ארבוטן אזו ווי אונזרו חכמים הבן גזאגט דם אום ראש השנה הבן זיי אוף געהערט צו ארבוטן אונ פופצן טאג אונ ניסן זנן זיי אוס גליזט גווארן דם אנדרו הט גאט גזאגט דאס זייא וועלן ארום גיין פון דו מצרימס רשות דם הט ער גזאגט (והצלתי אתכם מעבודתם) איך וועל אייך גאר מציל זיין פון זייער ארבוט דם איר וועט ארום גיין פון זייער רשות אום ניסן דם דריטו הט ער זיי גזאגט דם ער וועט זייא שפאלטן דעם ים דאס האט ער גזאגט (וגאלתי אתכם) איך וועל אייך אויס לייזן דען כל זמן דר האר לעבט הט גאך דר קגעכט מורא טאמער וועט אום דר האר ווידר האפון אבר אז דער ים איז ווארן גשפאלטן אונ ישראל זענן אובר גגאנגן אונ דו מצרים זענן דר טרונקן גווארן אזו הט אוטלוכור גזעהן דאס זיי זענן פון זיי אוס גלייזט דאס פערדו הט גאט צו גזאגט זיי זאלן מקבל זיין דו תורה דאס האט ער זיי גזאגט (ולקחתי אתכם לי לעם

אוהל

בון נאט אונ אוך האב מוך באוויזן צו אברהם אונ צו יצחק אונ צו יעקב מיט דעם נאמן אלמעכטיגור נאט (ושמי ה׳ לא נודעתי להם) אונ מיין נאמן ה׳ בון איך ניט ווארן וויסוג צו זייא ווארן אז דער אייבורשטר איז זוך מרחם ווערט ער אן גרופן מיט דעם נאמן ה׳ אונ אז ער משפט ווערט ער אן גרופן מיט דעם נאמן אל שדי. משה הט געזעהן אז גאט טוט דעם היפך פון דעם דרך הטבע ווארום דער דרך הטבע איז אז עס קומט דער סוף פון דער מלאכה זוא זאל זיך שון אום לאזן ווערט דו מלאכה גרינגר אונ דא אונ מצרים איז געווען פר קערט דוא יודן האבן שון געהערט פון משה אז גאט וויל זיי אוס לייזן אונ פרעה הט אוף זייא נאך גמערט דו ארבוט אונ הט מיט זייא שטארקר גארבוט וויא פרור. נאר דוא זאך איז אזו ווען דוא גאולה זאל געווען זיין ווייל עס איז שון גקומן דוא רעכטו צייט מען זאל זיי אוס לייזן וואלט פאקו געווען דוא ארבוט אלו מאל קלענור גווארן נאר דוא צייט איז נאך ניט געווען זייא אוס צו לייזן ווארן גאט הט גזאגט צו אברהם אז זיינו קונדר וועלן זיין אונ גלות פיר הונדרט יאר אונ זיי זענן ערשט געווען אונ גלות צוויי הונדרט אונ צעהן יאר נאר גאט הט געזעהן אז דוא יודן קענן שון מיין ניט זיין אונ מצרים זיי זאלן ח״ו ניט אריין פאלן אונ דער פופצונסטר שערי טומאה הט ער זיי גמוזט אוס לייזן פר דער צייט אונ גאט אז ער שטראפט אמענשן אונ זעהט אז דער מענש קען ניט אוס.

יעקב

האלטן שטראפט ער צו בוסלוך אצונד אבוסול אונ אין אצייט ארום ווייטור אבוסול בוו ער צאלט אוס זיינם. ווארום ער שענקט קיינום נוט דם אוז דאס ענין משה הט גמיינט אז עס איז שון דער סוף פון דעם גלות אוז אום קשה געווען דוא ארבוט דארף גרונגר ווערן אונ צום סוף ארבוט פרעה שטארקר מיט דוא יודן דם הט משה גזאגט צו גאט (למה הרעות וגו׳ ומאז באתי וגו׳ לדבר בשמך הרע) הט אום דער אייבורשטור גענפורט (וארא אל אברהם וגו׳ באל שדי) איך האב מוך באוויזן צו אברהם מיט דעם נאמן אלמעכטיגור נאט (ושמי ה׳ לא נודעתי להם) אונ מיין נאמן ה׳ אז איך בון ארחמן בון איך ניט גווארן וויסונ צו זיי דרום דארפן זייא אוס זיין אלו פיר הונדרט יאר אונ גלות ווארום איך שענק ניט נאר ווייל איך זעה אז דוא יודן קענן ניט אום האלטן אלו פיר הונדרט יאר דרום מוז איך זיי אוס לייזן פר דער צייט אבר דם אונ נאך גיט דו רעכטו גאולה זייא דארפן נאך זיין אונ גלות. דרום איז גלייכור זייא זאלן אצונד שווערור ארבוטן כדי עס זאל זייא אפ גרעכנט ווערן וועלן זיי שפעטור ווינצוגר דארפן זיין אונ גלות וועט דוא שווערו ארבוט זיין זייא נאך אטובה. מיר וועלן געבן צו פר שטיין דוא זאך מיט איין משל איינור איז דעם אנדרן שולדוג פול געלד אז ער הט גאר ניט פאר מאגט אזו פול אום צו בצאלן הט דער מלוה מיט אום מטיב געווען אז ער זאל ביי אום נעמן וויא פול ער

לעם) איך וועל אייך נעמון צו מיר פאר אפאלק דען דורך דער תורה זענון זייא גווארון גאטס פאלק צו דינון אים אונ נוט קיין אנדורון גאט (ונתתי אותה לכם מורשה) גאט הט גזאגט איך הב גשווארן צו געבון אייך ארץ ישראל פאר איין ארב דר בחיי זאגט דרום שטייט מורשה דאס איז טייטש מאכון ארבון אונ שטייט נוט ירושה דאס איז טייטש איין ארב דם ווייזט אז ישראל אליין וועלון נוט ירשונון דם לאנד נייארט זיי וועלון שטארבון אונ דער מדבר אונ וועלון מאכון ארבון ארץ ישראל צוא זייער קונדר אונ משה איז גקומון צוא ישראל אונ זאגט זיי איך בון גקומון אום צוא לייזון אייך פון דעם גלות (ולא שמעו אל משה) האבון זיי נוט צוא גהערט משה ווייל זיי הבון גהט אקורצון אטום זייא האבון דעם אטום נוט גקענט חאפון פאר גרוסו צרות וואס מען האט מוט זייא שווער גארבוט אונ גאט האט גזאגט צו משה גיי צו פרעה אונ זאג ער זאל ארום שוקון די ישראל פון מצרים זאגט משה ווען די ישראל האבון מוך נוט צו גוהערט וואס דם איז צו זיי איין גוטו בשורה ווי אזו וועט מוך פרעה צוא הערון האט גאט ווידור גובאטון צוא משה ער זאל גיין צו פרעה אונ האט אום אן גוזאגט ער זאל אום כבוד אן טון האטשו ער איז ארשע ער איז אבור דאך אמלך אונ הט אום גובטון ער זאל נוט צערנון אוף ישראל (אלה ראשי בית אבותם) דם איז די עלצטו פון זייערו משפחות ווייל עם איז גוקומון די צייט אום צוא לייזון דוא ישראל דרום איז דער פסוק זיי מייחס צו ווייזון זייא זענון נוט גלייך וויא דוא מצרים וואס האבון נוט קיין יחוס אונ ער איז מייחס משה ואהרן דאס זייא זענון פון חשובו פאטור אונ מוטור אונ ער הייבט זייא אנצו רעכונון פון ראובן ביז ער קומט צו שבט לוי אונ דר פסוק זאגט דם לוי איז אלט גוועזן הונדרט אונ זובון אונ דרייסיג יאר צו ווייזון דם כל זמן עם הט גולעבט איינער פון די קונדר פון יעקב האט מען נאך מוט זייא נוט גוארבוט אונ לוי האט לענגור גולעבט פון אלע זון פון יעקב אונ דם

### של"ה הקדוש

זאך גמראכט נאך דוא מדות פון גאט אונ הט גזאגט (למה הרעותה לעם הזה) ווארום האסטו שלעכטס גטואון דעם פאלק דער פון דארפון מיר אראפ נעמון אמוסר וויא ווייט [illegible] דארף יהר זיינגוט צו קלערון גאטס ווענון . אונ זיין הנהגה אונ אלוס וואס הש"י טוט אום . הן גוטס הן שלעכטס . ער דארף וויסון אז גאט איז גרעכט אונ אלו זיינו ווענון אונ דם וואס אונז דאכט זוך אז דאס איז ארעה קאן זיין אז דאס איז אטובה :

(וידבר יי אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל) אונ גאט זאגט צו משה אונ צו אהרן אונ הט זיי פר זאגט צו די קונדר ישראל . רש"י ברענגט פון מדרש . אוף דוא ווערטור (ויצום אל בני ישראל) אז די כוונה איז גאט האט משה אונ אהרן אוף גנומון פר אפאר שטעהר אובור דוא קונדער ישראל אונ הט זיי אן גזאגט אז זייא זאלון זוך מוט זיי נוהג זיין מוט געדולד אונ מוט פריינדלוכקייט אונ זאלון מרוצה זיין פון זיי צו ליידון אינ דם איז אמוסר פר יעדון מנהיג אז ער מוז געדולדוג טראגון אוף זוך דעם יאך פון כלל . אונ זאל זוך נוט בייזערון אוף זייא . דאמאלס קאן ער האפון צו גאט אז ער זאל אום גוט באלונון פר די גוטקייט :

(ואלה שמות בני לוי) אונ דם זענון דוא נעמון פון די קונדר לוי מען קאן פרעגון פר וואס שטייאון דוא ווערטר (ואלה שמות) נאר ביי דוא קונדר פון לוי אונ נוט ביי ראובנס אונ שמעונס קונדר נאר מען קען זאגון ווייל לוי הט גוואוסט אז זיין שבט דארף נוט ליידון אונ גלות מצרים . ער האט אבור נוט גוואלט זוך ארום נעמון פון כלל אונ הט גוואלט זוך פאר איינונגון אונ דעם צער פון אלו אוברנו שבטים וואס הט ער גטאן ער האט ווייננסטונס אלו זיינו קונדר נעמון גגעבון אוף נעמון פון דוא צרות וואס זיינו ברודור האבון גלוטון (גרשון) ווייל זייא זענון גוועזון וויא גרים פרעמד אונ לאנד (קהת) איז פון שורש קהה וואס בדייטוט שטומפף זיין איילוג זיין ווייל זייערו ציין זענון שטומפף אונ איילוג גווארון פון די אונ צייטונגו פרוכט וואס זיי האבון גגעסון (מררי) בעדייטוט ביטרקייט וויא דער פסוק זאגט וימררו את חייהם דוא מצרים האבון פאר ביטרט אור לעבון דערוביר הט דוא תורה גשטעלט דוא ווערטר (אלה שמות) ביי דוא קונדר פון לוי . צו ווייזון אז יעדור מענש איז מחויב זוך אריין צו לייגון אונ דוא צרות

דָם גָלוּת הָט זוּךְ אָן גֶהוֹבּוּן נָאךְ זַיין טוֹט
(אֲחוֹת נַחְשׁוֹן) אַהֲרֹן הָאט גֶנוּמוּן אַוַייבּ
אֱלִישֶׁבַע דוּא טָאכְטֶער פוּן עַמִינָדָב דִי
שְׁוֶועסְטֶער פוּן נַחְשׁוֹן אוּנ דְרוּם זָאגְט דֶר
פָּסוּק דָם נַחְשׁוֹן אִיז אִיר אַבְּרוּדֶער גֶוֶועזֶן
צוּא וַויזוּן וֶוען אֵיינֶר ווִיל אַוַייבּ נֶעמוּן
זָאל עֶר זֶעהוּן וָואס פַר אַבְּרוּדֶער זִי הָט
דֶען דִי קִינְדֶער גְרָאטוּן נָאךְ דֶער מוּטֶערְס
בְּרוּדֶער (הוּא אַהֲרֹן וּמשֶׁה) דֶער פָּסוּק
זָאגְט אֵיין מָאל משֶׁה פַר אַהֲרֹן אוּנ אֵיין
מָאל אַהֲרֹן פַאר משֶׁה צוּ וַויזוּן דָאס זֵיי
זֶענוּן בֵּיידוּ גְלַייךְ אַהֲרֹן אִיז חָשׁוּב וַוייל
עֶר אִיז עֶלְטֶער אוּנ משֶׁה אִיז חָשׁוּב מִיט
דֶער נְבוּאָה גָאט הָאט גְזָאגְט צוּא משֶׁה
גֵייא צוּ פַּרְעה הָאט משֶׁה גְזָאגְט (הֵן אֲנִי
עֲרַל שְׂפָתָיִם) אִיךְ קֶען נִיט רֶעכְט רֶעדְן
וַוייל מַיינוּ לֶעפְצוּן זֶענוּן פַאר שְׁטָאפְּט
דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם הָט משֶׁה פְרוּר
נִיט גְזָאגְט אִיךְ קֶען נִיט רֶעדוּן וֶוען גָאט
הָט זֵיי גְבָּאטוּן צוּם מֶלֶךְ פוּן מִצְרַיִם נוּר
דֶענְסְט מָאל הָאט גָאט צוּא אַהֲרֹן אוּךְ
גְבָּאטוּן הָאט משֶׁה גֶמֵיינְט דָאס אַהֲרֹן

וֶועט רֶעדוּן אָבֶּר דָא הָט גָאט אִים אַלֵיין
גְזָאגְט גֵייא צוּא פַּרְעה הָאט עֶר גְזָאגְט
אוּךְ קֶען נִיט רֶעדוּן דֶער חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט
דְרוּם הָאט גָאט גֶמַאכְט דָאס משֶׁה אוּנ
אַהֲרֹן זֶענוּן אַרוּם גֶקוּמוּן פוּן עַמְרָם וָוס
עֶר הָאט גֶנוּמוּן זַיין מִימִי וָוס דִי תּוֹרָה
הָאט עֶס דֶער נָאךְ גֶאַסוּרְתּ כְּדֵי מֶען זָאל
הָאבּוּן עֶפּוּס אוּף צוּא וַוארְפוּן וֶוען זֵייא
וֶועלוּן זוּךְ גְרוּס הַאלְטוּן וֶועט מֶען זֵייא
זָאגוּן אִיר זֶענְט וָורוּן גֶבּוּרוּן פוּן אַזֶעלוּכוּ
וָואס דִי תּוֹרָה הָאט גֶאַסוּרְתּ גָאט הָאט
גְזָאגְט צוּא משֶׁה וֶוען פַּרְעה וֶועט זָאגוּן
גִיט אַצֵייכוּן זָאלְסְטוּ גֶעמוּן דֶעם שְׁטֶעקוּן
אוּנ זָאלְסְט אִים וַוארְפוּן פַאר פַּרְעה וֶועט
עֶר וֶוערוּן אַשְׁלַאנְג דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט
דְרוּם אִיז עֶר גְוָורוּן אַשְׁלַאנְג וַוייל פַּרְעה
אִיז גְלַייךְ וִוי דִי שְׁלַאנְג וָוס הָאט גְרֶעט
בֵּייז אוּף גָאט אוּנ הָאט גְמַאכְט זוּנְדִיגוּן
אָדָם הָרִאשׁוֹן אַזוֹ אִיז פַּרְעה עֶר הָט גְזָגְט
וֶוער אִיז גָאט דָם אוּךְ זָאל אִים צוּ הֶערוּן
אוּנ אַזוֹ ווִיא אַשְׁלַאנְג קְרוּמְט זוּךְ אַלוּ
מָאל הִין אוּנ הֶער אַזוֹ אוּךְ אִיז פַּרְעה

אמאל

### של"ה הקדוש

הַכְּלָל . אוּנ זוּךְ צַעַר נֶעמוּן פוּן דֶם אַלְגְמַיינוּ לַיידוּן
וֶוען אֲפִילוּ עֶס רוּרְט אִים גָאר נִיט אָן אַזוֹ גְפִינוּן מִיר
אוּךְ אַז אוּף דוּא פְרַאגוּ וָוס משֶׁה רע"ה הָט גְפְרֶעגְט
בַּייא נָאט ווִיא זָאל עֶר דִי קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל זָאגוּן ווִיא
רוּפְט מֶען אִים הָט אִים גָאט גְזָאגְט אוּךְ הַיינְט (אֶהְיֶה
אֲשֶׁר אֶהְיֶה) אוּנ זָאגוּן זָאלְסְטוּ צוּ דִי קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל
(אֶהְיֶה) הָט מִיךְ גְשִׁיקְט צוּ אַייךְ (שמות ג' י"ד) אוּנְזֶרוּ
חֲכָמִים דַרְשְׁנוּן דְרוּף אַז גָאט הָט מְגַלֶּה גֶוֶועזוּן משֶׁה
רַבֵּינוּ אַז אוּסוּר דֶעם גָלוּת מִצְרַיִם וֶועלוּן יוּדוּן זַיין
אוּנ נָאךְ אַגָלוּת אוּנ הָאט אִים מַבְטִיחַ גֶוֶועזוּן אַז אַזוֹ
ווִיא עֶר וֶועט זַיין מִיט זֵיי אוּנ גָלוּת מִצְרַיִם וֶועט
עֶר זַיין מִיט זֵיי אוּנ דֶעם אַנְדֶרוּן גָלוּת אוּנ דָם אִיז
דוּא כַּוָונָה פוּן (אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה) אוּךְ וֶועל זַיין אוּנ
וֶועל זַיין נָאר כְּדֵי דוּא קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל נִיט מְצַעֵר צוּ
זַיין הָט גָאט גְהַייסוּן משֶׁה רע"ה זָאל זֵייא נָאר זָאגוּן
(אֶהְיֶה) אַלֵיין אוּנ נִיט מוֹדִיעַ זַיין אַז עֶס שְׁטֵייט זֵיי
פַאר נָאךְ אַגָלוּת אִיבּוּר צוּ משֶׁה רע"ה הָט דָאס גָאט
מְגַלֶּה גֶוֶועזוּן כְּדֵי עֶר זָאל זוּךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין אוּנ דוּא
צָרוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל . וַוייל עֶר אַלֵיין אִיז דָאךְ גַייעֶר
גְרוּס גֶוֶועזוּן אוּנ דוּא אוּגוּן פוּן פַּרְעה אוּנ אַלוּ זַיינוּ
קְנֶכְט אוּנ דָאט גוּוִים נִיט טוֹעֵם גֶוֶועזוּן דֶעם טַעַם
פוּן גָלוּת :

### אוהל יעקב

קָאן אַצוּנְד גֶעבּוּן אוּנ מִיט דֶעם אִיבְּרִיגוּן גֶעלְד הָט
זוּךְ אוּמְלוּבֶּר גְטַראכְט אֵיין אַנְדֶרוּ מַחֲשָׁבָה דֶער מַלְוֶה
הָט זוּךְ גְטַראכְט אוּךְ וֶועל אַצוּנְד בַּיי אִים נֶעמוּן ווִיא
פִיל עֶר הָט אוּנ אַצַייט אַרוּם וֶועל אוּךְ אִים מָאנוּן
דָאס אִיבְּרִיגוּ גֶעלְד אוּנ דֶער לֹוֶה הָט זוּךְ אַנְדֶירְם
גְטַראכְט . עֶר הָט גְמֵיינְט אַז עֶר פַּטְרְט זוּךְ שׁוֹן פוּן
דֶעם חוֹב מִיט דֶעם בּוּסוּל גֶעלְד וָוס עֶר גִיט אִים
אַצוּנְד דֶער חִילוּק אִיז צְוִוישׁוּן זֵייא בֵּיידוּ וָוארוּם
וֶועדְלוּג דוּא מַחֲשָׁבָה פוּן דֶעם לֹוֶה . אִיז פַאר אִים
בֶּעסוּר עֶר זָאל אַצוּנְד אֵיין קָארְגִין ווִיפִיל עֶר קֶען אוּנ
זָאל זוּךְ פַּאטְרוּן דֶעם חוֹב מִיט אַבּוּסוּל גֶעלְד
אִבּוּר וֶוען דֶער לֹוֶה זָאל ווִיסוּן דִי מַחֲשָׁבָה פוּן דֶעם
מַלְוֶה אַז עֶר וֶועט אִים נָאךְ מָאנוּן דָאס אִיבְּרִיגוּ גֶעלְד
וָואלְט פַאר אִים גְלַייכוּר גֶוֶועזוּן עֶר זָאל זוּךְ נַיימוּן
ווִיא וַוייט עֶר קֶען עֶר זָאל אִים גֶעבּוּן זַיין גֶעלְד
כְּדֵי עֶר זָאל ווִינְצִיגוּר שׁוּלְדִיג בְּלַייבּוּן וִועט עֶר אִים
שְׁפֶּעטוּר וִוינְצִיגוּר דַארְפוּן גֶעבּוּן דָם אַיינִגוּ אִיז מִיט
משֶׁה עֶר הָט גְמֵיינְט אַז עֶס אִיז שׁוֹן דוּא רֶעכְטוּ
גְאוּלָה דוּא יוּדוּן וֶועלוּן שׁוֹן מֵיין נִיט דַארְפוּן זַיין
אוּנ גָלוּת וָוארוּם עֶר הָט דָאךְ גְזֶעהוּן אַז דֶער
אֵייבֶּרְשְׁטוּר אִיז מְמַעֵט דָאס גָלוּת וֶועדְלוּג עֶר הָאט
גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם וַוייל דוּא יוּדוּן זֶענוּן נִיט בִּיכוֹלֶת

אַמָאל הָט עֶר גְזָאגְט עֶר וֶועט יוא שׁוּקִין יִשְׂרָאֵל וֶוען דוּ מַכָּה הָאט אוּם וַויי גוּטוּן אונ בַּאלְד נָאךְ דֶער מַכָּה הָאט עֶר נוּט גְוָואלְט שׁוּקִין (לִפְנֵי פַּרְעֹה וְלִפְנֵי עֲבָדָיו) אַהֲרֹן הָאט גְוָוארְפִין זַיין שְׁטֶעקִין פַאר פַּרְעֹה אונ פַר זַיינוּ קְנֶעכְט אִוז עֶר גְוָורִין צוּא אַשְׁלַאנְג דָאט פַּרְעֹה גוּשׁוּקְט נָאךְ זַיינוּ מְכַשְׁפִים הָאבִין זַייא מוּט כִּישׁוּף פוּן זַייערוּ שְׁטֶעקִין אוֹךְ שְׁלַאנְגִין גוּמַאכְט אַזוּ אִוז דֶער שְׁטֶעקִין פוּן אַהֲרֹן ווידוּר אַיין שְׁטֶעקִין גְוָוארִין אונ הָאט אַיין גוּשְׁלוּנְגִין דוא שְׁטֶעקִין פוּן דוּא מְכַשְׁפִים וְדָאס אִוז גְוֶוען אַרְמֶז דָאס צוּם סוֹף וֶועלִין דוּא מִצְרַיִם אַיין גוּשְׁלוּנְגִין וֶוערִין אונ יַם דוּרךְ יִשְׂרָאֵל דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט עֶס שְׁטַייט (יְהִי לְתַנִּין) דוּ שְׁטֶעקִין פוּן דוּ מְכַשְׁפִים זֶענִין גְוֶוען גְלַייךְ וויא שְׁלַאנְגִין זַיי הָאבִין פַאר בְּלֶענְזוּט דוּא אוּגִין מֶען זָאל מַיינִין עֶס אִוז שְׁלַאנְגִין אוּבּוּר צוּם אֶמֶת אִוז דָם גָאר נוּט גְוֶוען קַיין שְׁלַנְגִין (וַיֶּחֱזַק לֵב פַּרְעֹה) אונ עֶס הָאט זוּךְ גְשְׁטַארְקְט דָאס הָאֶרֶץ פוּן פַּרְעֹה אונ עֶר הָאט נוּט גְוָואלְט שׁוּקִין יִשְׂרָאֵל הָט גָאט גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה (לֵךְ אֶל פַּרְעֹה) גֵיי גַאנְץ פְרוּ צוּ פַּרְעֹה וֶועסְטוּ אוּם גוּפוּנִין בַּיי דֶעם טַייךְ דֶען פַּרְעֹה הָט זוּךְ גְמַכְט פַאר אַגָאט אונ הָאט גְזָאגְט עֶר עֶסְט נוּט אונ טְרוּנְקְט נוּט אונ הָאט נוּט קַיין אוּם גַאנְג אונ פֶלֶעגְט אַלוּ אונ דֶר פְרוּא גֵיין צוּם טַייךְ צוּ הָאבִין אוּם גַאנְג דָם קַיינוּר זָאל אוּם נוּט זֶעהִין אַזוּ הָאט גָאט גְזָגְט צוּ מֹשֶׁה גֵייא צוּא אוּם צוּם טַייךְ אונ זָאג צוּ אוּם עֶר זָאל שׁוּקִין דוּ יִשְׂרָאֵל אונ אוֹךְ ווייס דָאס עֶר וֶועט זַייא נוּט שׁוּקִין בּוּז אוֹךְ וֶועל אוּם שְׁלָאגִין מוּט דֶר מַכָּה פוּן בְּכוֹרוֹת אונ זָאג אוּם אוֹךְ וֶועל שְׁלָאגִין מוּט דֶעם שְׁטֶעקִין וָואס אונ מַיין הַאנְד דָם ווַאסוּר וָואס אונ טַייךְ וֶועט זוּ וֶוערִין צוּ בְּלוּט אונ דוּ פוּשׁ פוּן דֶעם טַייךְ וֶועלִין גוּטַייט וֶוערִין אונ דֶער טַייךְ וֶועט פַאר שְׁטוּנְקִין וֶוערִין דָאס מֶען וֶועט פוּן אוּם נוּט קֶענִין טְרוּנְקִין אונ גָאט זָאגְט צוּא מֹשֶׁה גֵיי צוּ אַהֲרֹן אונ זָאג אוּם עֶר זָאל נֶעמִין דֶעם שְׁטֶעקִין אונ זָאל אוּם נֵייגִין אוּבּוּר דֶעם וַואסוּר פוּן מִצְרַיִם אוּבּוּר אַלוּ טַייכִין אונ שַׁאזְוִוקִים עֶס זָאל וֶוערִין בְּלוּט אונ אַלוּ הוּלְצוּרְנוּ כֵּלִים אונ אִין אַלוּ שְׁטַיינֶערְנוּ כֵּלִים דְרוּם הָט אַהֲרֹן דֶם טַייךְ גְשְׁלָאגִין נוּט מֹשֶׁה. ווַייל דֶער טַייךְ הָאט אוּם גוּטְס גוּטוּן וֶוען מֶען הָאט אוּם אַרַיין גְוָוארְפִין אונ אוּם דְרוּם הָאט עֶר אוּם נוּט גְטָארְט שְׁלָאגִין אונ אַזוּ אוֹךְ בַּיי דוּ צְפַרְדְעִים הָט אוֹךְ מֹשֶׁה נוּט גְבְּרַאכְט נָאר אַהֲרֹן ווַייל זַיי קוּמִין פוּן דֶעם וַואסֶר אונ אַזוּ אוֹךְ דוּ כִּנִּים הָט אוֹךְ מֹשֶׁה נוּט גְבְּרַאכְט אוּף דֶער עֶרְד ווַייל זוּ הָט אוּם מַצִּיל גְוֶוען אַז עֶר הָט גַהַרְגוּת דֶם מִצְרִי אונ הָאט אוּם אִין דֶער עֶרְד בַּהַאלְטִין הָאבִין דוּ מְכַשְׁפִים אוֹךְ אַזוּ גוּטוּאִין אונ הָאבִין גְמַאכְט פוּן ווַאסוּר בְּלוּט דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט זַיי הָאבִין גְגְרָאבִין אונ הָאבִין גוּפוּנִין ווַאסוּר אונ הָאבִין פוּן אִיר בְּלוּט גְמַאכְט אִיבּוּר דָם ווַאסוּר וָואס אִוז פְרוּר גְוֶוען הָאט אַהֲרֹן פוּן אַלוּ בְּלוּט גְמַאכְט (וַיִּבְאַשׁ הַיְאוֹר) אונ דֶער טַייךְ אִוז וָורִין פַאר שְׁטוּנְקִין אונ דוּ פוּשׁ פוּן דֶעם טַייךְ זֶענִין וָוארִין גוּטַייט אונ דוּ מִצְרַיִם הָאבִין גוּגְרָאבִין אַרוּם דֶעם טַייךְ ווַאסוּר צוּא טְרוּנְקִין דֶען זַייא הָאבִין נוּט גְקֶענְט טְרוּנְקִין דָם וַוסוּר פוּן דֶעם טַייךְ (וַיִּמָּלֵא

שבעת

אוהל יעקב

אוּם צוּ זַיין אונ גַאנְצִין דוּא צַיים אונ מִצְרַיִם הָאט עֶר גְמַיינְט אַז גָאט הָט זַיי שׁוֹן גְשֶׁענְקְט דוּא אוּבְּרוּגוּ יארין פוּן דֶעם גָלוּת דְרוּם אִוז אוּם נוּט גְפֶעלִין דָּם מִיהאם מוּט דוּ יוּדִין אַן גְהוֹבִּין שְׁטַארְקֶר צוּ אַרְבֵּייטִין גָאט הָט אוּם גְשִׁיקְט אונ אַיין שְׁלִיחוּת אוּם צוּ לַייזִין דוּא יוּדִין אונ הָט גְפְרֶעגְט גָאט נָאךְ וָואס הָאסְטוּ שְׁלֶעכְט גְטוּן דוּא יוּדִין זִינְד דוּא הָאסְט מוּךְ גְשִׁיקְט אונ שְׁלִיחוּת אוּם צוּ לַייזִין זַייא הָט פַּרְעֹה נָאךְ גְמַאכְט שְׁטַארְקוּר אוּף זַייא דוּ אַרְבּוּט דְרוּף הָט אוּם גָאט גְעֶנְפוּרְט עֶס אִוז נוּט אַזוּ וויא דוּ מַיינְסְט אַז

שבעת ימים) און עס איז אום גגנגון זובון טאג פון דר מכה הט פרעה נוט גוואלט שוקון די ישראל און אוטלוכו מכה הט געוערט זובון טאג אזו ווי איין אשה ווס זוא איז אגדה און איין און צוואנציג טעג הט פרעה גהט רוא איי די אנדורו מכה איז גוקומון און אין די טעג הט אליץ משה אהתראה גוטון און פרעה דר נאך האט גאט גזאגט צו משה גיי צו פרעה און זאג אום דו ווילסט נאך נוט לאזון די ישראל וועל איך שלאגון (את כל גבולך בצפרדעים) דיין גאנץ לאנד מוט פרעש זיי וועלון זיין און דיין הוז און אין דיינו קאמורון און און דיין בעט און ביי דיינו הארון און ביי דיינו קנעכט און אין דיין אובון און און דיין זואור טייג דר בחיי שרייבט דר מלך מצרים האט זוך גקריגט מוט דעם מלך כוש הט דר מלך מצרים גזאגט צום מלך כוש דוא האסט מיין לאנד אוועק גונומון און דר מלך כוש זאגט דו הסט מיין לאנד אוועק גונומון ווייל זיי האבון זוך גגרענצט. אבער ווען עס איז גקומן די צפרדעים הט מען גזעהן ווי ווייט דם לנד מצרים איז דען די פרעש זענון גוועזן און דעם גאנצן לאנד מצרים בוז און גרענויץ פון לאנד כוש אזו איז שלום גוורון צווישון די צוויי מלכים (ובכה ובעמך) און און דור און און דיין פאלק וועלון איך זיין פרעש און אייערו גדערום (ותעל הצפרדע) און עס איז פון דעם וואסור ארוס גגאנגון פול פרעש בוז עס איז פול גווארון דם לאנד הבון די מכשפים איך אוך גבראכט פרעש מוט כישוף האט

של"ה הקדוש

ויקח אהרן את אלישבע בת עמינדב אחות נחשון) און אהרן הט גנומון פר אווייב אלישבע די טאכטור פון עמינדב דוא שוועסטור פון נחשון דער פון לערנון אפ אונזרו חכמים או דער וואס וויל נעמון אווייב דארף ער זוך ארום זעהון ארום אירו ברודור ווס פאר אמענשון זייא זענון :

ומצאתי את העיר אפרוש את כפי) ווען איך וועל

פרעה גזאגט צו משה ואהרן טוט היינט תפלה אז דוא פרעש זאלון מארגון אוועק גיין דר רמב"ן און דער חזקוני און דר בחיי שרייבון דרום הט פרעה גזאגט די פרעש זאלון אוועק גיין מרגון ווארום ער האט זוך אזו גטרכט מאמור איז די צייט דם זיי וועלון היינט אוועק גיין אין זיי וועלון זגונדורך זייער תפלה זענון זיי אוועק גגאנגון דרום הט ער גהייסון תפלה טואון זיי זאלון מארגון אוועק גיין און ווען זיי וועלון היינט אוועק גיין וועט משה איין לוגנער בלייבון ווייל זיי זענון אוועק גגאנגון אן זיין תפלה פון דענסט מאל אן הט פרעה אליץ גזאגט מרגון און משה הט אוך גזאגט מארגון אפ צו טאן ביי אלו מכות דר חזקוני און דר בעל הטורים שרייבון אז משה הט תפלה גוטון זענון אלו פרעש גטייט גוורון נאר די ווס זענון און די אובונום גגאנגון און פייאר דורך גטם גבאט די זענון גבלובון לעבון און זענון צוא רוק און וואסור גגאנגון דר אמרי נועם פרעגט עס שטייט (וסרו הצפרדעים) די פרעש וועלון ווערון אפ גטאן און עס שטייט (וימותו הצפרדעים) די פרעש זענון ווארון גטייט דר תירוץ איז די פרעש ווס זענון גוועזן און דם גוף פון די מענשון די זענון ווארון אפ גוטון לעבדוג אוך די ווס זענון גוועזן און הוז פון פרעה זענון אוך לעבדוג אוועק גגאנגון פון וועגון דם כבוד פון דם מלך אבור די וואס זענון גוועזן און אנדרו הייזור דוא זענון ווארון גטייט (ויצעק משה אל יי) משה הט גשרוגון צו גאט דר אמרי נועם שרייבט דרום הט משה ביי דר מכה פון

צפרדעים

אוהל יעקב

אוך האב זיי גשענקט אוך האב נאר אפ גליינט דאס אוברוגו גלות אוף איין אנדרו צייט ווייל זיי זענון נוט ביכולת אום צו האלטון אבור אוך האב זיי נוט גשענקט לחלוטין דרום איז בעסור פר זייא אז אוך זאל אצונד פון זיי גובה זיין מוט דעם וואס זייא וועלון שטארקר ארבוטון פדי זיי זאלון שפעטור דארפון וויניגור צו זיין און גלות :

צפרדעים גשריגון ווייל ער הט גזאגט צו פרעה התפאר עלי טוא דוך אויף מיר ברומן ווען איך זאל אפ טאן די פרעש אונ ווייל ער הט מיט גאוה גרעט הט גאט באלד זיין תפלה נוט אן גנומן ביז ער הט גמוזט שרייען רבי איסריל שרייבט די מכה פון בלוט איז גוועזן אונ הולצרנו כלים אונ אין שטיינרדגו כלים אבור נוט אונ אייזרנו כלים פון דאנון לערנון מיר אפ ווען די תקופה גפלט זאל מען אייזן אונ דעם וואסור ארייין ווארפון וועט דוא תקופה נוט שאדון אונ גאט הט גזגט צו משה ווייל פרעה וויל נוט שוקון ישראל זאג צו אהרן ער זאל נייגון דם שטעקון אונ זאל שלאגון די ערד וועט פון דער ערד זייער פול כנים ארום גיין הט אהרן אזו גטואון אונ די מכשפים האבון איך גוולט מכון כנים אבור זיי הבון נוט גקענט ווייל כישוף הט נוט קיין כח אויף אזאך וואס איז קלענור פון איין גערשטון אונ דר בחיי שרייבט בלוט האבון די מכשפים גקענט מכון ווייל עס איז נוט קיין נייא בשעפנוש דען דם וואסור איז גרייט גוועזן הבון זיי גקענט פר קערון צו בלוט אונ אוך די צפרדעים זענון גוועזן גרייט אונ וואסור נאר מען הט גדרפט זיי זלון ארום גיין דרום האבון דאס די מכשפים גקענט אובור כנים איז גוועזן איין נייא בשעפנוש דרום האבון דם די מכשפים נוט גקענט אזו האבון זיי דר קענט אז דם איז גאט דרום הט זיי פרעה שון נוט גרופון ביי די איברוגי מכות אונ די כנים זענון גוועזן אונ מענשון אונ אין בהמות אונ גנצון לאנד מצרים (את הערוב) גאט זאגט צו משה ווייל פרעה וויל נוט שוקון די ישראל ׃ ׃נ מאכט שטארק זיין הארץ דרום וועל איך שוקון חיות רעות אונ דוא הייזור אונ גאנצון לאנד מצרים נייערט אונ לנד גושן וואס דורטון זענון די ישראל וועט נוט זיין קיין חיות רעות דר בחיי שרייבט דער סדר איז ווען איין מענטש וויל עפיס שלעכץ טואון צו זיין פיינד האלט ער דאס בסוד כדי דר פיינד זאל זוך נוט פאר הוטון אובור גאט הט צו פרעה אלץ פרור צו ווישון גטאן פון איטלוכר מכה אונ ער האט זוך נוט גקענט פאר הוטון (ושמתי פדות) איך וועל מאכון אצווישון שייד צווישון מיין פאלק אונ צווישון דיין פאלק דען ווען איין ישראל וועט גיין אונ לנד מצרים ווי די חיות רעות וועלון גיין וועלון זיי אום נוט טון אונ עס איז אזו גוועזן אזו זגט פרעה צו משה אונ אהרן (לכו זבחו לאלהיכם) גייט אונ שעכט קרבנות צו אייער גאט דא נוט גייט אונ דער מדבר זאגט משה ואהרן וויא קאנון מיר דא אונ לאנד שעכטון קרבנות מיר וועלון קולון די אפ געטור פון די מצרים וועלון זיי אונז דען נוט פר שטיינון זאגט פרעה איך וועל איך שוקון נאר גייט נוט ווייט אונ בעט פאר מיר זאגט משה איך וועל ארום גיין פון דר שטאט וועל איך בעטון אז די חיות רעות זאלון ווערון מרגון אפ גטון כדי די זלסט נוט מיינון די חיות רעות זענון אליין ווארין אפ גוטון נור די זלסט נוט חרטה האבון פון צוא שוקון די ישראל (ויסר הערוב) אונ די חיות רעות זענון ווארון אפ גוטון אונ דרום זענון זיי נוט ווארון גטייט אזו ווי די פרעש כדי די מצרים זלון קיין הנאה נוט הבון פון זייער פעל דר חזקוני שרייבט דרום הבון די מכשפים נוט גקענט מאכון קיין כנים ווייל די ערד

איז

### של"ה

ארום גיין אום דער שטאט וועל איך אויף שפרייטון מיינו הענט צו גאט אבור אונ שטאט הט משה רבינו ע"ה נוט גוואלט מתפלל זיין ווייל דוא איז נוט ריין גוועזין דער פון קאנון מיר וועחן אז דוא מענשון

### הקדוש

וועלכו רייזון אונ וועג אונ שם איז שון צייט צו דאווינון איז גלייכור זיי זאלון דאווינון אופון פרייאון פעלד אונ אפילו וועגדוג אופון וואגון איידור ארייין צו גיין אונ אשטוב ווס איז נוט ריין ׃

אוז גוועזן פול מיט כנים בוז מען הט נוט געקענט שטיין אוף דר ערד אונ ווען דר מכשף שטיט נוט אוף דר ערד קען ער קיין כישוף נוט טון אונ פרעה הט זיין הארץ שווער גמאכט (גם בפעם הזאת) דס מאל אוך אונ הט נוט גוואלט שיקן די ישראל דר בחיי שרייבט דרום זאגט ער ביי דר מכה (גם בפעם הזאת) ווייל ביי די ערשט דריי מכות הבן אום די מכשפים נוט שווער גמאכט דס הארץ אובור אז זיי הבן קיין כנים נוט גקענט מכון הבן זיי גזגט דס אוז אליין פון גאט דרום שטייט גם בפעם הזאת ביי דם מאל אוך כלומר חאטשו די מכשפים הבן אום נוט שווער גמכט זיין הרץ הט ער אליין שווער גמכט זיין הרץ אן די מכשפים אזו הט גאט גזאגט צו משה גיי צו פרעה אונ זאג אום ווען דו וועסט נוט שיקן די ישראל (הנה יד יי הויה במקנך אשר בשדה) וועל אוך דר שלאגון דיינו בהמות אונ פעלד דר בחיי זגט ער זגט דרום אוף דם פעלד ווייל צום מיינסטן זענון בהמות אונ פעלד אודור אונ הויז זענון אוך דר שלאגון גווארון דר רמב"ן שרייבט ער זגט דרום אוף דעם פעלד ווייל דוא מצרים פלעגון דונון צו די בהמות האבון זיי נוט גוואלט האלטון די בהמות אונ שטאט צווישון מענשון דרום האבון זיי גהלטון אונ פעלד ווייט פון מענשון גאה נט פון לאנד גושן אונ דוא בהמות פון ישראל זענון גוועזן נאהונט פון זייא פון דעסט וועגון זענון דוא בהמות פון מצרים ווארון גוטייט אונ פון דוא בהמות פון ישראל אוז נוט ווארון גוטייט אפילו איינו אונ פרעה הט גשוקט זעהן דס עס אוז פון די בהמות פון ישראל נוט איינו ווארון גוטייט פון דעסט וועגון הט ער דאך שווער גמאכט זיין הארץ אונ הט נוט גוואלט שוקון ישראל האט גאט גזאגט צוא משה אונ אהרן נעמט אונ אייערו הענט אש פון איין קאלוך אובון אונ ווארפט אקעגון דעם הומול פאר פרעה וועט דרום ווערון שחין אוף מענשון אונ בהמות אונ עס אוז גוועזן אנס דס אהרן אונ משה האבון אוטלובור גנומון ביידו גאפלון פול מוט אש אזו האט משה דס גאנצו אש אונ איין האנד ארייון גונומון אונ האט דס אש גווארפון גאנץ הוך צום הומול אונ דס אוז נאך אנס גוועזן דאס אש קאן מען הוך נוט ווארפון ווייל עס צו פלוהט (ויחזק יי את לב פרעה) אונ גאט הט גשטרקט דאס הארץ פון פרעה אונ ער הט נוט גוואלט שוקון דוא ישראל פון זיין לאנד דער בחיי שרייבט דרום שטייט ביי דר מכה ויחזק גאט האט גשטארקט ווייל ביי דוא ערשטו מכות האבון די מכשפים גשטארקט זיין הארץ אובור ביי דער מכה פון שחין האבון זיי פול שחין גוהט דאס זייא האבון זוך גשעמט צוא גיין אונ הוז פון פרעה דרום הט גאט גושטארקט זיין הארץ רש"י פרעגט עס שטייט דער שחין אוז גוועזן אונ בהמות וויא אוז דען גוועזן בהמות עס שטייט דאך דאס עס אוז ווארון גוטייט אלו בהמות פון מצרים דער תירוץ אוז עס זענון ווארון גוטייט דוא וואס זענון גוועזן אונ פעלד אובור דוא בהמות וואס זענון אונ די הייזור גוועזן זענון נוט ווארון גוטייט אוף דוא אוז דער שחין גוועזן אונ גאט זאגט צו משה גיי אונ זאג צו פרעה אוב ער וועט נוט שוקון די ישראל וועל אוך שוקון אגרוסון האגול אונ ער וועט צוא ברעכון אלו ביימור אונ תבואה אוף דעם פעלד דרום שוק אונ זאמול איין דיינו בהמות פון דעם פעלד אונ אוך דוא לייט כדי דער האגול זאל זיי נוט דר שלאגון דער בחיי שרייבט חאטשו אלו בהמות זענון גוטייט גווארון אונ דבר האבון דוא מצרים גוקופט בהמות פון אנדורו עובדי ע"ז די בהמות הט גאט גהייסון אנזאמלון אונ הוז ארייון אוך אוז גוועזן בהמות

וואס איין יהודי מוט איין מצרי זענון חברותה גוועזן דו זענון נוט ווארון גטייט אונ דבר זיי האט גאט גהייסן אנזמלון דער האגול זאל זייא נוט דער שלאגון דער בחיי שרייבט הער האגול אוז פון וואסור אונ מוטון אוז גגאנגון פייאור אונ דאס פייאור האט פאר ברענט דוא ווארצלון אונ דער ערד אונ דם וואסור האט נוט פר לאשון דאס פייאור אמשל אהאר האט גוהאט צווייא קנעכט וואס האבון זוך פיינט גהאט איין מאל האט ער גדארפט גיין אונ איין מלחמה אונ האט בדארפט האבון ביידו אזו הט ער גמאכט שלום צווישון זייא אזו אוך צוא שלאגון פרעה האט גאט גמאכט שלום צווישון פייאור אונ וואסור אונ אזו אוך מאכט גאט שלום אונ הומול דען גבריאל אוז גוזעצט איבור פייאור אונ מיכאל אוז איבור וואסור אונ זייא זענון ביידו פר גאט אונ הומול אונ גאט מאכט שלום צווישון זיי אונ דער האגול הט פר דרבון אלו קרייטור אונ פעלד אונ דם פלאקס אונ גערשטון אונ אוך דוא בהמות אונ מענשון נאר אונ לאנד גושן וויא דוא ישראל זענון גוועזן אוז נוט גוועזן קיין האגול האט פרעה גושוקט נאך משה אונ אהרן אונ זאגט גאט אוז גורעכט אונ ער מוט זיין פאלק זענון רשעים וואס זיי ווילון דוא ישראל נוט שוקון טוט גאט בעטון עס זאל אוף הערון דוא דונורון אונ האגול אזו ועל אוך שוקון דוא ישראל זאגט משה אוך וועל ארום גיין פון דר שטאט וועל אוך תפלה טון אונ דוא דונורון מוט דם האגול וועלון אוף הערון כדי דו זאלסט ווסון דם גאט אוז אובור אלו געטור אונ משה אוז ארום גגנגון פון דער שטאט אונ האט תפלה גוטון ווייל אונ שטאט אוז גוועזן פול מוט ע"ז דער חזקוני שרייבט דרום אוז משה ארום גגאנגון פון דער שטאט צו ווייזון חאטשו אונ פעלד אוז אגרוסור האגול האט ער דאך קיין מורא נוט צו גיין אונ פעלד דער חזקוני שרייבט דרום האט משה איין התראה גוטון ביי דעם האגול מען זאל אנזאמלון דוא בהמות פון דעם פעלד אונ ביי דעם דבר זענון ווארון גטייט אלו בהמות אונ פעלד אונ גאט האט נוט גהייסן אנזאמלון זייא אונ שטאט אביין ווייל ביי דעם האגול זענון מענשון אוך ווארון גטייט דרום האט גאט גהייסן אנזאמלון דוא בהמות פון וועגון דוא מענשון אבור דער דבר אוז נאר גוועזן אוף בהמות דרום האט גאט נוט גהייסן דוא בהמות אנזאמלון אונ שטאט אריין דער בחיי שרייבט דרום האט משה ביי דעם האגול אוף גוהובון דוא הענד אונ האט תפלה גטון מער וויא ביי אלו מכות ווייל ביא דעם האגול אוז ווארון גטייט מענשון אונ בהמות אונ עס אוז גוועזן אגרום גשרייא דרום האט ער זייעור גבעטון אונ האט אוף גוהובון זיינו הענד (ויי נתן קולות וברד) אונ גאט הט גגעבון פרוער דעם דונור אונ ער הט גטייט דוא מענשון אונ דר נאך אוז גוקומון דר הגול (ומטר לא נתך ארצה) אונ דר האגול הט נוט גגרייכט צו דר ערד דר בחיי שרייבט דער האגול אוז גבלובון הענגון צווישון הימל אונ ערד איין אונ פערצוג יאר בוז יהושע אוז גקומון אונ האט מלחמה גהאלטון מוט איין אונ דרייסוג מלכים אזו הט זיי דער האגול דר שלאגון מוט זייער פאלק אונ דער דינר אוז גבלובון הענגונבוז אלישע אוז גקומון אז דר מלך ארם אוז גקומון אוף שומרון מוט איין גרום פאלק אונ האט גוואלט דו שטאט איין גנעמון הט גאט גלאזט דם דינור אוף דם פאלק הבוזיי פר גרום דר שרעקנוש גלאזט זייער גוטס אונ זייערו גצעלטון אונ זענון אנטלפון אונ דו ישראל האבון צו גנומון גאר זייער גוטס (ויוסף לחטוא) אונ ווי באלד דר האגול הט אוף גהערט הט פרעה ווידור גזונדוגט דען דר רשע

כל זמנדו צרה אוז איך אים איז ער פרום אונ לובט גאט אבור ווען דו צרה גייט אוועק ווערט ער ווידר שלעכט אבור דו צדיקים האלטון זוך אלו צייט נידריג דרום האבון זיי כבוד אזו ווי דר פסוק זאגט (ושפל רוח יתמוך כבוד) דר וום האלט זוך נידריג ווערט אונטר גלענט מוט כבוד:

# הפטרת וארא

כה אמר יי' זאגט יחזקאל אזו הט גאט גזאגט אז אוך וועל איין זאמלון דם הוז גזונד פון ישראל פון דו וום זענון פר שפרייט צווישון זיי אזו וועל אוך גהיילוגט ווערון דורך זיי פר דיא אוגון פון דו פעלקער דורך דו אותות ומופתים וום אוך וועל טון צו זיי אונ זיי וועלן זיצון אוף זייער ערד וואס אוך האב גגעבון צו מיין קנעכט צו יעקב דם אוךהאב אים צו גזאגט צו געבון איין חלק נחלה אן איין סוף אין אן איין גבול (וישבו עליה לבטח) אונ זיי וועלון זיצן אוף דר ערד צו זעבר אונ וועלן בואון הייזר אונ פלאנצין ויין גערטנר אונ וועלון זוצון אונ זיי זעכור אונ דם וועט זיין אז אוך וועל טון משפטים אונ אלו וום זענון מבזה אודער וואס ברובון זיי פון ארום אונ ארום אונ זיי וועלון ויסון דם אוך בון זייער גאט (בשנה העשירית) אונ צעהנטון יאר צום מלכות פון צדקיהו אונ צעהנטון חודש דאס איז טבת אונ צוועלופטן טאג אונ חודש אוז גוועזן גאטס רייד צו מור יחזקאל צוא זאגון (בן אדם שים פניך) דו בן אדם טוא דיין פנים

אין זיי מקבל איין נבואה אויף פרעה מלך מצרים אונ זאג נביאות אויף אום אונ אויף גאנץ מצרים (דבר ואמרת) רייד אונ זאלסט זאגון אזו הט גזאגט גאט דער האר אוך וועל שיקון מיין צארון אויף דור פרעה וום דוא ביסט דער גרוסר פוש וום רואט צווישון זיינו שאזיוקים אונ וויל גאר דו גדולה אונ דאס זאטקייט פון דעם לאנד מצרים אוז דורך דם נילום וום ער גייט אוף דורך שאזיוקים אונ טרענקט אן דם לאנד מצרים דרום גלייכט גאט דעם מלך מצרים צו א גרוסון פוש אונ דם פלק גלייכט ער צו קליינו פוש פונאטייך אין גאט זאגט צו פרעה דו בוסט דר גרוסר פיש (אשר אמר לי יאורי) וום ער זאגט צו מור איז מיין טייך מספיק גאר מיין בדערפנוש אין אוך דארף נוט קיין רעגון פון דעם הומל אין אוך מוט מיין גבורה אונ מוט מיין דיעה הב אוך מור גרום גומאכט מיין גדולה אונ מיין ממשלה אזו זאגסטו פרעה (ונתתי חחים בלחייך) אבור אוך גאט וועל געבון איין אייזרנום רונג אונ דיינו קון באקון אונ וועל

בהעפטין

נוסף:

אמר רבי שמעון השתא אית לגלאה רזין) רבי שמעון זאגט אצונד אוז פאר האנדון אזעלכו סודות מגלה צו זיין וועלכו עם זענון שייך צו דוא אייבערשטו אונ אונטערשטו וועלטון. זעה עם דארף שטיין אונ פסוק (לך אל פרעה) גיי צוא פרעה אונ עם שטייט נאר (בא אל פרעה) דם הייסט קום אריין צו פרעה דם איזט וייל הקב"ה האט דורך גפורט דעם משה רבינו עליו השלום כמה וכמה חדרים ביז אונ איין לעצטון צוטר וואס דארטון רועט דער גרוסר שלאנג מוט דעם נאמון (תנים הגדול) אונ אז משה הט דער זעהון אז פעסט ער איזט דארטון איין גוואר צולם דאן האט ער זוך גשראקון אונ אוז נאר צו גטרעטון צו דו יאורים דם הייסט דו מדרגות פון דיא שרים וועלכו עם שטייאון אונטר אום האט ער יוא מכניע גוועזן אבר נוט דעם סם אליין וום ער אוז גוועזן דער שר של מצרים וויא הקב"ה הט דר זעהן

צופים

אז משה הט מורא פאר אום אונ דו ממונים אונ הומל קענון גוים צו אום נוט צו קומען דא הט גאט ב"ה אגושריי גוטאן (הנני עליך פרעה מלך מצרים התנים הגדול הרובץ בתוך יאוריו) היינו אוך זעלבסט וועל מלחמה האלטון מוט אום דרום שטייט גשריבון דארטון (ולמען תספר באזני בנך וגו' ואת אותותי אשר שמתי בם וידעתם כי אני יי') דאס טייטש אום דיא זאלסט דער ציילון דו צייבונגם וועלכו אוך אליין האב גוטאן אונ דעם שר של מצרים אונ אור זאלט וויסון דאס נאר אוך בון גאט אונ דער רשע פרעה וואס ער הט זוך איין גורעט נארושקייט אז ער אוז אויך עפום אחשוב אונ האט גזאגט (מי יי' אשר אשמע בקולו) דאס טייטש ווער אוז ער גאט דם אוך זאל אים הערון דער רשע וועט בלייבון אנאר אונ דאס איז דער סוד פון דעם פסוק (יהי מאורות ברקיע השמים) עם שטייט מאורת (חסר אן ואוין) דאס אוז

בהעפטון דוא פוש פון דיינו שאזיוקים אונ דיינו שופון אונ וועל דוך אוף ברענגון פון דיינו שאזיוקים אונ אלו פוש וועלון זוך בהעפטון אונ דיינו שופון כלומר אוך וועל געבון אונ דיין הארץ אונ אין הארץ פון אלו דיינו גבורים זייא זאלון ארום גיין מוט דור אין איין מלחמה אונ דארטון וועט אור אלו פאלון (ונטשתיך המדברה) אונ אוך וועל דוך פר שפרייטון אונ דר מדבר דוך אונ אלו פוש פון דיינו שאזיוקים כלומר דער סדר אוז פון פיש זיי ווערון פר שפרייט אוף דר טרוקנוש ווערון זיי טוט אזו וועל אוך טייטון דוך פרעה אין דיין פאלק אוף דעם פעלד וועסטו פלון בשעת מלחמה אונ וועסט נוט ווערון איין ביטון אונ איין גזאמולט אונ קבר איין גאר צו דו חיות פון דעם פעלד אונ צו דו פייגול פון דעם הומל האב אוך דוך געבון צו עסון אין זיי וועלון וויסון אלו זוצר פון מצרים אז איך בון גאט אונ בון בגלייבט צו צאלון ווייל זייא זענון געוען איין אונטער לעהנונג פון אשטעקון צום הוז גזונד פון ישראל וואס ער איז ווייך אונ לעהנט אונטער דעם וום לעהנט זיך אן אוף אום אזו האבון זוך דוא ישראל עטלוכו מאל אן גולעהנט אונ פר לאזט אוף דו מצריים זיי זלון זיי העלפון אונ דו טענ פון סנחרב אונ נבוכדנצר אונ זיי האבון זיי נוט געהאלפון (בתפשם בכף תרוץ) אז דוא ישראל האבון אן גנומון אונ דור מוט זייער האנד בוסטו צו בראכון גווארון אונ האסט זיי צוא שפאלטון אלו אקסלון גלייך ווי איינר לעהנט זיך אן אויף אשטעקון אונטר זיין ארום אונ דר שטעקון ווערט צו בראכון פלט דאך דר

מענש אויף אום אונ דוא שפענדלוך גייאון אים אריין אונ זיין אקסול אונ אז ישראל האבון זוך אן גלעהנט אויף דו מצרים בוסטו צוא בראכון גווארון אונ האסט זייא גמאכט אוף שטעלון אלו לענדון גלייך וויא אמענש וום זיין חבר לעהנט זוך אן אוף אום אונ ער איז שלאף זאגט דער חבר שטארק דוך צוא שטיין אויף דיינו לענדון אונ לעהן דוך נוט אן אוף מור (לכן) דרום הט אזו גזאגט גאט דער האר אוך וועל ברענגון אוף דור מצרים בעלי מלחמות וום טייטון מוט דער שווערד אונ וועלון מכון פר שניידון פון דור מענשון אין בהמות אונ דם לאנד מצרים וועט זיין צו איין פר וויסטונג אונ צוא חורבן אונ דוא מצרים וועלון וויסון דאם אוך בון גאט אונ בין בגלייבט צו בצלון ווייל זייער מלך הט גזאגט מיין טייך אוז צוא מור מספיק מיין בדערפונוש אונ אוך דארף קיינום נוט אונ איך אליין הב מור גמאכט דוא ממשלה וום איך הב דרום וועל אוך שוקון מיין צרון אוף דיר פרעה אונ אוף דיין טייך אונ וועל געבון דם לנד מצרים צו אוויסטיקייט וועט דם זיין פון דעם טורום סונה בוז אונ גבול פון כוש (לא תעבור בה רגל אדם) עם וועט נוט אובור פארון אונ לנד אפום פון אמענש אונ אפום פון אבהמה וועט נוט אובור פרון דרינן פר גרום וויסטיקייט (לא תשב ארבעים שנה) אונ עם וועט נוט זיין בזעסון פערצונ יאר רש״י שרייבט צוויי אונ פערצונ יאר הונגר אוז נגזר גווארון דורך דם חלום פון פרעה צוא קומון אוף מצרים אקענגון דו דריי מאל וום דר חלום שטייט גשרובון אונ דר תורה איין מאל. שטייט

ווי

**נופת**

לשון ארור פלוך. צו וייזון אז אונ הומל מאכט זוך אפט איין מקטרג דאם אוז דער נחש בריח (איין ריגיל שלאנג) ווייל ער ליגט פאר ריגילט אונ פאר שלאסון אונ אלו זייטון אונ נאר איין מאל אונ יובל גייט ער ארום אוף דער וועלט אונ אין אלטו ספרים גפונט זוך אז דאם אוז גומיינט דער (נחש עקלתון) (איין קרומער שלאנג) דען ער קוקט תמיד אוף דוא קרומו וועגון פון דוא לייטון אונ אויף חטאים בדי מלמד חוב צו זיין אונ דער פון רועט חלילה קללות אין פורעניות אונ דער וועלט ער ווערט אן גרופון דער נם הרוח אונ דער שמאלץ פון ים אונ ווען

**צופים**

הקב״ה ועלבסט וואלט אום נוט מכניע גוועזן דאן וואלט דו וועלט קיין קיום נוט גוהאט כלומר תשובה איז מבטל גזירות רעות אבר מען מוז וויסון דאם איין מסייע צו תשובה אוז נאר השם יתברך ווארום מיר אליין זענון נוט אונ שטאנד גובר צוא זיין דעם יצר הרע דאם אוז דער מיין פון פסוק (והרג את התנין אשר בים) אויך דער פסוק (ודורך על במתי ים) דאם טייטש הקב״ה טרעט אויף דוא הוכו בעלי גאוה פון ים (דער זוהר אוז מאריך בסודות נסתרות ונפלאות וייא זענון נוט צום שרייבון בדרך נגלה ופשוט) :

ווי ער הט גזעהן זובן שלעכטי קוא אונ זובן שלעכטי זאנגן אונ דר נאך שטייט נאך איין מאל ווי ער הט דם דר ציילט צו יוסף אונ יוסף הט דם אובר גחזורת ממילא איז צווייא אונ פערציג דם הט גוויזן אויף צוויי אונ פערציג יאר פון הונגר אונ עס איז נאר גוועזן צוויי יאר הונגר איי יעקב איז גקומן קיין מצרים אזו ווי אונ פסוק שטייט (כי זה שנתים הרעב) אונ ווי יעקב איז גקומן קיין מצרים הט אויף גהערט דר הונגר צו זיין אונ דרום הבן די מצרים גזגט צו יוסף אונ דם דריטן יאר (ותן זרע ונחיה) אזו איז נאך איבר גבליבן פערציג יאר צו זיין הונגר די פערציג יאר איז דא בצאלט גווארן צו זיי דם לנד איז גוועזן וויסט פערציג יאר (ונתתי את ארץ מצרים שממה) אונ איך וועל געבן דם לאנד מצרים וויסט צווישן אנדרי וויסטי לענדור אונ גלייך צו זיי אונ אורי שטעט צווישן אנדרי וויסטי שטעט וועלן זיין פר וויסט אונ איך וועל פר שפרייטן די מצרים צווישן די אומות אונ וועל זיי פר שפרייטן צווישן לענדר (כי כה אמר יי) דען אזו הט גאט גזאגט דר האר סוף פערציג יאר וועל איך איין זאמלן די מצרים פון די אומות וום זיי זענן פר שפרייט גוורן אהין אונ איך וועל זיי אום קערן צום לאנד פתרוס צום לאנד פון זייער גבארן אונ זייא וועלן דארטן זיין איין נדריג קוניגרייך פון אנדרי קוניגרייך וועט דאס קוניגרייך פון מצרים זיין נדריג אונ עס וועט זיך נוט דער הובן איבר די אומות אונ איך גאט וועל זיי מינרן דם זיי זאלן נוט גוועלטיגן איבור די אומות אזו ווי זיי האבן גוועלטיגט (ולא יהיה עוד לבית ישראל למבטח) אונ מצרים וועט מער ניט זיין צו ישראל צוא איין פר זוכורונג וואס דם דער מאנט דוא זונד פון ישראל וום זייא קערן זיך אום קיין מצרים דען גאט הט אן גזאגט דם מען זאל שוין נוט זעהן די מצרים ביז איביג אונ דענסטמל וועלן דוא מצרים וויסן דאס איך בין גאט דער האר אונ האב יכולת צו טאן וום איך וויל (ויהי בעשרים ושבע שנים) אונ עס איז גוועזן זובן אונ צוואנציג יאר צום מלכות פון נבוכדנצר אונ ערשטון חודש ניסן איז איין טאג אונ חודש איז

גוועזן גאטס רייד צו מיר יחזקאל צו זאגן די בן אדם נבוכדנצר מלך בבל האט גמאכט ארבוטן זיין חיל אגרוסי ארבוט אויף דער שטאט צור אוטליכור קאפ פון זיינו חיילות איז אוים גקראכן דוא האר אונ אוטליכער אקסול איז גפליקט פון דער הוט פון וועגן דער משא העלצר וום זיי הבן גטרגן אויף זייערו קעפ אונ אוף זייערו אקסלן צו בואון אטורים שאנצן צו איין נעמן דורך דעם די שטאט אזו וויא דער סדר איז פון דוא וואס בלעגירן אויף אשטאט אונ קיין שכר איז נוט גוועזן צו נבוכדנצר אונ זיין חיל פון צור אויף דער ארבוט וום ער האט גארבוט אויף איר ווארום נאך דעם אז זייא האבן גרובט איר זאק רוב איז אויף גגאנגן דר ים אונ הט פר פלייצט דעם זאק רוב ווייל עס איז נגזר גווארן אויף צור אונ אויף איר זאק רוב עס זאל פאר לורן ווערן אונ ים (לכן כה אמר יי אלהים) דרום הט גזאגט גאט דער האר איך וועל געבן צו נבוכדנצר דאס לאנד מצרים אונ ער וועט אוועק טראגן דם ברומונג פון איר פאלק אונ גלות אונ ער וועט רובן איר זאק רוב אונ איר אנדור רובונג אונ דם וועט זיין אשכר צו זיין חיל פר דעם ארב פון צור דר שכר פון זיין ארבוט וום ער הט גארבוט אויף צור מוט מיין גבאט דען איך גאט האב דם גוואלט האבן דר פר וועל איך אום געבן דם לאנד מצרים וום הבן מור בייז גטאן דר מוט ווום זיי האבן מבטיח גוועזן מיין פאלק ישראל מוט זייער פאלשור הולף אזו זאגט גאט דער האר (ביום ההוא אצמיח קרן לבית ישראל) אונ דעם דאזיגן טאג וום עס וועט אום גיין די פערציג יאר וואס מצרים זאל חרוב זיין וועל איך גאט מאכן שפראצן איין הערשפט צו די קינדר פון ישראל דען אונ דר צייט וועט דאס מלכות פון בבל אן הייבן אמפלה הבן אונ דם מלכות פון פרס וועט זיך אן הייבן צו שטארקן אונ דם וועט זיין איין הולף צו ישראל ווארום כורש מלך פרם וועט בואון דם בהמ"ק אונ וועט ארום שוקן דיא ישראל פון דם גלות אונ צו דור יחזקאל וועל איך דענסט מאל געבן איין עפונונג פון דיין מול צווישן די ישראל דאס דוא וועסט

קֶענֶען פְרַייא רֵיידן וַוייל זַיי וֶועלִין זֶעהן דָם
דַיין נְבוּאוֹת אִיז מְקוּיָם גִוָוארון אונ זַיי וֶועלִין
דֶערְנְסְט מָאל וִויסון דָאס אִיךְ בִּין גָאט אונ בִּין
בַּגְלַייבְט צוּ מְקַיֵּים זַיין מַיינוּ רֵייד :

# פרשת בא

צאינה וראינה

(בֹּא אֶל פַּרְעֹה) הָט גָאט גְזָגְט צוּ מֹשֶׁה
קוּם צוּ פַּרְעֹה אונ זַיי אִים מַתְרֶה דָם
אוּךְ וֶועל אִים שְׁלָאגון וֶוען עֶר וֶועט נִיט
שִׁיקן די יִשְׂרָאֵל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָט גְזָגְט
אונ מִשְׁלֵי (אַשְׁרֵי אָדָם מְפַחֵד תָּמִיד) ווֹאל
דֶעם מֶענְשׁ וָוס פַאַרְכְט זִיךְ אַלוּ צַייט
עֶס זָאל פוּן זַיינוּ מַעֲשִׂים קֵיין שְׁלֶעכְץ נִיט
אַרוּם קוּמוּן אונ דְרוּם זָאגְט עֶר אָדָם
כְּלוֹמַר חָאטְשׁוּ דֶר מֶענְשׁ אִיז פוּן דֶער
עֶרְד לֵייגְט עֶר דָאךְ זַיין שֵׂכֶל צוּא טוּן
גוּטְס אונ וֶוען עֶר וִויל עֶסן אונ טְרִינְקְן
זָאל נִיט זַיין די כַּוָּונָה דֶר גוּף זָאל הֲנָאָה
הָבּוּן נַייעֶרְט זַיין כַּוָּונָה זָאל זַיין דֶר גוּף
זָאל זַיין שְׁטַאַרְק צוּ דִינוּן גָאט (וּמַקְשֶׁה
לִבּוֹ יִפּוֹל בְּרָעָה) אונ וֶוער עֶס מַכְשׁ הַאַרְט
זַיין הַאַרְץ אַקֶעגוּן גָאט דֶער פַאלְט אונ
בֵּייז אַזוֹ וִוי פַּרְעֹה הָט גְמַכְט הַאַרְט זַיין
הַאַרְץ אַקֶעגוּן גָאט דְרוּם אִיז אוּף אִים
פִיל בֵּייז גְקוּמוּן אונ וַוייל עֶר הָט צוּם
עֶרְשְׁטוּן אַלֵיין שְׁוֶוער גְמַכְט זַיין הַאַרְץ
דְרוּם הָט גָאט אִים אוּךְ שְׁוֶוער גְמַאכְט
זַיין הַאַרְץ כְּדֵי עֶר זָאל אִים שְׁטְרָפוּן דֶען
אונ דֶעם וֶועג וָואס דֶר מֶענְשׁ וִויל גֵיין
פוּרְט אִים גָאט וִויל עֶר גֵיין צוּ גוּטוּן פוּרְט
אִים גָאט וִויל עֶר גֵיין צוּ בֵּייזוּן הֶעלְפְט
אִים אוּךְ גָאט דְרוּם זָאגְט גָאט צוּ מֹשֶׁה
(בֹּא אֶל פַּרְעֹה) קוּם צוּ פַּרְעֹה אונ זַיין
הוֹז אונ טוּ אִים הַתְרָאָה דָם וַוייל עֶר וִויל
נִיט דֶר קֶענוּן מַיינוּ וְוינְדֶר דְרוּם וֶועל אוּךְ
שִׁיקוּן אַהֵיישֶׁערוּק אונ עֶר וֶועט בַּדֶעקוּן

דו

נחלת צבי

וַיִּשָּׂא הָעָם אֶת בְּצֵקוֹ טֶרֶם יֶחְמָץ דוּא מְצָוֶה
וַוייזְט מֶען זָאל מְבַעֵר חָמֵץ זַיין דֶען דוּא
מִצְוָה אִיז אוּבּוּר גֶענְפֶּערְט גְוָוארוּן צוּא דוּא
יִשְׂרָאֵל אַזוֹ וִוי עֶס שְׁטֵייט וַיִּשָּׂא הָעָם וגו׳ נָאךְ
שְׁטֵייט שְׂאוֹר לֹא יִמָּצֵא בְּבָתֵּיכֶם אוּנְזֶרוּ חֲכָמִים
הָאבּוּן גְזָאגְט דֶעם חִילּוּק פוּן חָמֵץ וּמַצָּה דֶען
מַצָּה אִיז אַקֶעגוּן יֵצֶר טוֹב אונ חָמֵץ אַקֶעגוּן
יֵצֶר הָרָע נָאךְ דֶעם אִיז אֵיין מִצְוָה צוּא דֶער

מאנון

## ספר הישר

(וַיְהִי) אונ עֶס אִיז גְוֶועזן נָאךְ אונ צְוַויי יָאר הָט גָאט
וִוידֶר גְשׁוּקְט מֹשֶׁה אונ אַהֲרֹן צוּא פַּרְעֹה עֶר
זָאל יִשְׂרָאֵל אַרוּם שִׁיקוּן פוּן מִצְרַיִם הָאט פַּרְעֹה נִיט
גְוָואלְט צוּ הֶערוּן אונ דֶעם קוֹל פוּן גָאט הָט גָאט דֶר
וֶועקְט זַיין גְבוּרָה אונ מִצְרַיִם אונ הָאט זַייא גְשְׁלָאגוּן
מִיט זַייעֶרוּ גְרוֹסוּ שְׁלֶעכְטוּ מַכּוֹת עֶר הָאט פַר קֶערְט
אַלוּ וַואסֶרוּן פוּן מִצְרַיִם צוּא בְּלוּט זַייא פְלֶעגוּן עֶפּוּס
קְנֶעטוּן אוֹדֶער קָאכוּן אִיז זַייעֶר גְשְׁטַאלְט גְוֶועזן וִויא
בְּלוּט גָאט הָאט אוּךְ גְמַאכְט וִוידְמוּזְגוּן אונ אַלוּ זַייעֶרוּ
וַואסֶרוּן פְרֶעשׁ די פְרֶעשׁ זֶענוּן גְקוּמוּן אונ דוּא הַייזֶער
פוּן דוּא מִצְרַיִם אונ אַז זַייא פְלֶעגוּן טְרִינְקוּן וַואסֶער
פְלֶעגְט דְרוּנוּן וֶוערוּן פְרֶעשׁ אונ דָם וַואסִיר פוּן זַייעֶר
גְקֶעכְץ אִיז גְוָוארוּן צוּ פְרֶעשׁ אונ הָאט אוּךְ גְשְׁלָאגוּן
זַייעֶר עֶרְד צוּ כִּנִּים גָאט הָאט אִיךְ גֶבְּרַאכְט אַלֶרְלַיי
חַיּוֹת פוּן דֶעם פֶעלְד קֵיין מִצְרַיִם שְׁלַאנְגוּן אונ
עֶנְדוּסִין אונ די מִצְרַיִם הָאבּוּן זִיךְ בַּהַאלְטִין פַר דוּא
חַיּוֹת רָעוֹת . גָאט הָאט גְשׁוּקְט אוּף זַייעֶרוּ פֶערְד אונ
אֵייזְלוּן אונ שָׁאף דֶעם דֶבֶר אונ דוּא מִצְרַיִם זֶענוּן אוּף

## אוהל יעקב

(וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה בֹּא אֶל פַּרְעֹה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי
אֶת וגו׳) גָאט הָט גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה גַייא צוּא
פַּרְעֹה וָוארוּן אִיךְ הָאבּ אִים שְׁוֶוער גְמַאכְט דָם הַאַרְץ
אִין עֶר וֶועט נִיט וֶועלוּן אַרוּם שִׁיקוּן די יוּדִין (לְמַעַן
שִׁתִי וגו׳) אִיךְ זָאל טוּן מַיינוּ צֵייכוּן צְוִוישׁוּן אִים דָם
הַייְמְס אִיךְ זָאל אִים שְׁלָאגוּן מוּט מַכּוֹת (וּלְמַעַן תְּסַפֵּר
בְּאָזְנֵי בִנְךָ) אונ כְּדֵי דוּא זָאלְסְט דֶער צֵיילוּן דַיינוּ
קִינְדֶר וָוס אִיךְ הָאבּ גְטוּאוּן מוּט פַּרְעֹה (וִידַעְתֶּם כִּי
אֲנִי ה׳) אִיר וֶועט וִויסוּן אַז אִיךְ בִּין גָאט . עֶס אִיז
אַיין מָשָׁל דֶער שׁוֹפֵט פוּן דֶער שְׁטָאט הָאט גִישׁוּקְט
נֶעמוּן אֵיינֶעם אַיין מַשְׁכּוֹן וַוייל עֶר הָאט גְטוּאוּן אַיין
מַעֲשֶׂה רָע אונ אַז דֶער מֶענְשׁ אִיז וִויסוּג גְוָוארוּן דֶער
פוּן אִיז עֶר נְגַאנְגוּן צוּם שׁוֹפֵט אונ הָאט אִים גְזָאגְט
אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבּוּן וִוי פִיל די וִוילְסְט קֵיינֶער זָאל
נִיט וִויסוּן אַבִּי דוּא זָאלְסְט מִיר נִיט טוּן דוּא שַׁאנְד
עֶפוּנְטְלִיךְ זָאגְט דֶער שׁוֹפֵט צוּא אִים שׁוֹטֶה מַיין אִיךְ
אִיךְ דֶען קְנַס וָואס אִיךְ וֶועל בַּיי דִיר נֶעמוּן אִיךְ
מַיין אִיךְ זָאל מַאכוּן אַיין נֶדֶר פַאר דוּא אוּבְּרוּנְגָע

דו ערד אונ ער וועט אוף עסון אלו ביימור אונ דם גראז פון דר ערד אונ ער וועט זיין פול אונ אייערו הייזור ווס אלו אייערו עלטורון הבון אזו אגרוסן היישרק נוט גזעהן דר בחיי שרייבט גאט הט אום גלאזט צווייי מאל איין התראה טון איין מאל ביא דעם טייך ווייל ער האט זוך ברומט ער הט דעם טייך בשאפון אונ ער הט אום ווידור אהתראה גוטון אונ הוז ווייל ער הט זוך ברומט ער הט אשיין הוז דרום הט אום גאט אוף דו ביידו ערטר נודריג גמאכט אונ אזו אוך ביי נבוכדנצר ווייל ער הט זוך הוך גהלטון אונ הט גזאגט ער אוז אגאט דרום הט אום גאט נודריג גמאכט דאס ער אוז גווארון אבהמה אונ אוז גוועז זובון יאר אונ וואלד אונ הט געסון גראז דר בחיי שרייבט דו מכות זענון אזו נאך אנגדור גגאנגון צום ערשטו פופצון טאג אונ ניסן האט זוך גאט בוויזון צו משה אוף דעם סנה אונ הט אום גהייסון גיין צו פרעה אונ דעם איין אונ צוואנצוגסטון טאג אונ ניסן הט ער גונומון רשות ביי זיין שווער יתרו צו גיין קיין מצרים צו פרעה אונ גוט אום אהתראה ער זאל שוקון דו ישראל אונ דם הט גווערט אכט טאג אוז שון דר חודש ניסן אוועק גגאנגון אונ דער נאך דריי חדשים אייר סיון תמוז הט זוך משה פאר בארגון פר פרעה אזו הט זוך דו מכה פון דם אן גוהיבון ראש חודש אב אונ זובון טעג האט גווערט דו מכה אונ דריי וואכון הט ער גהט רוה צווישון איין מכה אונ צווישון דר אנדורו אונ אזו האבון זוך אלו צעהן מכות גופורט אונ דו מכה פון בכורות אוז גוועזן אום ניסן אונ דעם פריערדוגון ניסן הט משה צוא פרעה אהתראה גוטון אוף דער מכה בכורות אזו הט דאס גווערט צוועלוף חדשים

אוהל יעקב

מענשון זיי זאלון דו מעשה רע נוט טון נוא ווס דיין שאנד וועט גרעסור זיין וועט דר נדר שטארקר זיין. דער נמשל אוז גאט הט גזאגט צו משה גיי צו פרעה אין זאג אום ער זאל ארוס לאזון דו יודין ווארון אוף האב אום שווער גומאכט דם הארץ אונ ער וועט נוט וועלון ארוס לאזון טאמר ניעסט דו משה אוך וועלון פרעגון נאך ווס זאל אוך גיין אומזוסט אז איך וועל נים פועל זיין מוט מיין גיין דרוף הט אום גאט גזאגט בין אוך מוך דען מכוין מוט דיין שליחות דער עיקר די נקמה פון פרעה אוך בון מוך מכוין דער עיקר אז דו יודין זאלון אוך ווסון אז אוך בון אגאט אם כן אז עם אוז אזו האסטו שון פול גפולט מוט דיין גיין צוא פרעה אוך וועל אום בכבון שווער מאכון דאס הארץ ער זאל נוט וועלון ארוס שוקון דו יודין וועל איך אום אלו מאל שלאגון מוט מכות אונ דוא יודין וועלון זעהן וועלון זיי ווסון אז אוך בון אשטרקר גאט אונ וועלון מורא האבון פר מור:

החודש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה) גאט האט גזאגט דער חודש ניסן אוז צו איך דר ערשטר חודש פון אלו חדשים פון דעם יאר דער מדרש זאגט גאט ווערט אן גרופון ראשון אונ ציון דאס מיינט מען דאס בהמ"ק ווערט אוך אן גרופון ראשון אונ עשו ווערט אוך אן גרופון ראשון לעתיד וועט קומון גאט ווס ער הייסט ראשון אין וועט בואון דאס ביהמ"ק וואס ער הייסט ראשון אין וועט בצאלון שלעכין צו עשו ווס ער ווערט אן

ספר הישר

גשמאנון פרוה צוא זייערו פוך האבון זייא מיין נוט נים נאר איינם פון צעהן אונ דו פוך פון ישראל אוז נים נמונרט גווארון אפילו איינם. גאט האט גשוקט איין בראנד אונ זייערו לייבור אוז עם גווארון איין שחין אונ גאנץ מצרים אונ זייער פלייש אוז גווארון פול מוט בלאטערון גאט האט זייא גשוקט אשווערון האגול אונ פייאר האט זוך גקאקולט אונ האגול דרום הט ער אום גשלאגון אלו ביימר מוט דוא פירות אונ אלו תבואות אוך מענשון אונ בהמות ווס זענון גוועזן אויף דער נאס זענון גהרגות גווארון מחמת דעם האגול ווס גאט הט גובראכט אשרעקלוכון היישערוק קיין מצרים זיי האבון אויף גגעסון וואס דער האגול הט אובר גלאזט גאט האט גשוקט פונצטערנוש אויף גאנץ מצרים דריי טאג בוז קיין מענש הט נוט גזעהן קיין שום זאך אונ דער צייט זענון אום גשטארבון פול פון ישראל וואס האבון נוט צוא גהערט משה ואהרן אונ האבון נוט גגלייבט אז גאט האט זייא גשוקט אונ האבון גזאגט מור וועלון נוט ארוס זיין פון מצרים טאמר וועלון מור שטארבון אונ דר מדבר פאר הונגער זענון זייא אום גקומון אונ דוא דרייא פינצטרו טעג. אונ דו ישראל האבון זיי בגראבון כדי די מצרים זאלון דער פון נוט וויסון. דער נאך האט גאט גשוקט משה ואהרן צו דו ישראל אזו צוא זאגון מאכט איין קרבן פסח דען אוך וועל קומון אונ דער האלבו נאכט אונ גאנץ מצרים אונ וועל אום ברענגון אלו זייערו בכורים פון מענשון אודר פון בהמות אונ

חדשים אזו וויא רשעים ווערון גמשפט
אונ גיהנם צווועלוף חדשים אזו אוך זענון
זיי גוועזן אונ צרות צווועלוף חדשים (ויפן
ויצא מעם פרעה) אונ ווי משה אוז ארוס
גגאנגן פון פרעה אזו הבון די קנעכט
פון פרעה צו אים גזאגט ווי לאנג נאך
ווילון די ישראל זיין צוא אונז צו איין
שטרויכלונג שוק זיי אונ לאזון זיי דינון
זייער גאט ווייסטו דען נאך נוט דאס
מצרים אוז שון פר לורון גוואורון אובור די
מכ"ת הט פרעה גשוקט ווידר קערון משה
אונ אהרן אונ זגט גייט דונט אייער גאט
נאר זאגט מור ווער ווערט גיין זאגט משה
מור מוזן אלו גיין אלטו אונ יונגו ווייבר
אונ קונדר דען מור הבון איין יום טוב פון
גאט דס הט ער גמיינט שבועות ווס זיי
ווילון די תורה מקבל זיין זאגט פרעה צו
ווס זלון נאך די קונדר גיין לאזון גיין די
מאנון דען איר הט גזאגט איר דארפט
ברענגון קרבנות אונ קיין ווייבור אודור
קונדר שעכטון נוט קיין קרבנות אוך זעה
אז איר ווילט אנטלופון אונ דער מדבר
אובור עס ווערט אייך שלכט אום גיין דען
אוך זעה אבייזר שטערון ווערט אוף גיין
אונ דר מדבר אקעגון אייך אונ ער בטייט
אוף בלוט דם איר ווערט פר לורון ווערון אונ
דר שטערון הייסט רעה ווייל ער מאכט
בייז אוף לייטון אונ און אמת הט פרעה
רעכט גזעהן דס דר שטערון בטייט אוף
בלוט דען אז ישראל הבון דס עגל גמכט
הט גאט זיי גוואלט פר לורון נאר משה
הט תפלה גטון האט גאט פאר קערט
דס בלוט אוף דם מילה וואס ישראל
האבון זוך מל גוועזן אונ דער מדבר איי
זיי זענון גוקומון קיין ארץ ישראל הט
זייא יהושע מל גוועזן אונ דס האט משה
גזאגט אונ זיין תפלה (למה יאמרו מצרים
ברעה הוציאם) ווען דוא ווערסט ישראל

### נחלת צבי

מאנון יציאת מצרים עס אוז איין חיוב אויף
אוטליכון מענטש צו דער ציילון דעם שבח
אייבונ דען אונזרו חכמים האבון מפורש
גוועזן אז דער מענטש ווס דר ציילט יציאת
מצרים אונ פרייט זוך מוט שמחה דער מוט
וואס ער דער ציילט אוז ער אן גיברייט זוך
פרייאון מוט דער שכינה לעולם הבא אונ צו
מאכון אום אנרעסערו שמחה וויא צוא
אנאנדרון דען ער פרייט זוך מוט הקב"ה אונ
הקב"ה פרייט זוך מוט זיין דער ציילון אונ
דער צייט זאמילט איין הקב"ה זיין פמליא
של מעלה אונ זאגט צוא זיי גייט אונ הערט
ווי מיינו קונדר דער ציילון מיין שבח אונ
פרייאון זוך מוט מיין גאולה אזו זאמלון זוך
אלו איין אונ בהעפטון זוך מוט דוא ישראל
אונ הערון דס דער ציילונג דעם שבח פון
דער גאולה פון זייער הארון אונ לויבון צוא
הקב"ה אויף אלו נסים וגבורות ווס ער האט
גטון

### אוהל יעקב

גרופון ראשון אונ דעם הודש ניסן וואס ער הייסט
ראשון עס אוז איין משל צוויא ארומו לייט זענון
גגאנגון פון שטאט צוא שטאט איינור אוז גוועזן
אגזונטר אונ זייער איין שטארקר גזונד אוף אלו
אברים ער האט ביי זיין לעבון נוט גהאט קיין שום
ווייטאג אונ דער אנדרר אוז גוועזן איין קראנקר פון
קאפ ביז צו די פוס הט ער גהאט ווינדון פלעגט דר
גזונטר שפעטון פון דעם קראנקון אונ פלעגט זוך פר
אים בארומון מוט זיין גזונדקייט אונ מוט זיין
שטארקייט אונ דער קראנקער הט גזאגט צו גאט די
נאט בצאל אום פאר מיין בושה וואס ער אוז מוך
מבייש אונ גאט הט אום צו גהערט צו זיין גבעט אונ
זייא זענון גקומון אונ איין מלוכה שטאט האט זוך

### ספר הישר

איך וועל זעהן דאס בלוט פון קרבן פסח אויף אייערו
טירון אונ עס וועט ווערון אובער גהופט אייערו
הייזור . דוא ישראל האבון גיטון אזו ווי גאט האט
גבאטון צו משה אונ צו אהרן אונ פונקט אונ דער
האלבו נאכט הט גאט גשלאגון אלו בכורים פון מצרים
פון מענשון אונ בהמות אוז גוועזן אגרוס גשריי אונ
גאנץ מצרים אונ די נאכט דען עס אוז נוט גוועזן איין
הויז אן איין מת . אלו מצרים האבון גזעהן דאס
ביז וואס עס אוז גקומון אויף זייא פלוצלונג האבון
זייא גשרוגון אונ גוויינט אוטלוכער אוף זיין זון אונ
טאכטער . אונ בתיה דוא טאכטער פון פרעה אוז
בייא נאכט גגאנגון זוכון משה ואהרן אונ האט זייא
גפונון עסון אונ טרונקן אונ פרייאן זוך מוט אלו ישראל:

פאר לורון וועלון די מצרים זאגון מיר האבון פרויר גזאגט דס ער האט זיי אום גוצוגון מיט דעם שטערון וואס הייסט רעה צו פאר לורון זייא אונ דער מדבר אונ אלו ניסים וועלון פאר געסון ווערון אונ פרעה האט משה אוועק גטריבון פון זיין הויז אזו הט גאט גזאגט צוא משה (נטה ידך על ארץ מצרים בארבה) נייג דיין האנד אויף דעם לאנד מצרים פון וועגון דעם היישרויק דס ער זאל קומון האט משה גנייגט זיין האנד אונ גאט האט גופירט אשטארקון מזרח ווינט אגאנצון טאג אונ אגאנצו נאכט האט דער ווינט גובראכט דעם היישרויק אונ זיי האבון בדעקט די גאנצו ערד אונ עס איז ווארון פינצטער איבור זייא אונ זייא האבון אויף גוגעסון אלו קרייטור אונ תבואה פון דעם פעלד אונ דרום שטייט אונ דער פרשה זיבון מאל ארבה ווייל עס איז אויך גוועען זיבון ערלייא היישרויקון גרוסו אונ קליינו רוטו אונ שווארצו ווייסו גרינו ברוינו אזו הט פרעה גזאגט צוא משה אונ אהרן איך האב גזונדיגט צוא אייאר גאט אונ צו אייך דס איך האב אייך גרופון אונ האב אייך ווידיר פר טריבון פון מיין הויז היינט בעט נאר ער זאל פון מיר אפ טואון דעם ביטרון טוט פון דעם היישרויק דר בחיי שרייבט די היישרויקון הבון אוס גביסון די אויגון פון די מצרים אונ זיי זענון דר פון ווארון גוטייט דרום הט פרעה גזאגט ער זאל אפ טואון דעם טוט האט משה תפלה גוטון הט גאט גבראכט איין מערב ווינט הט ער גנומון דעם היישרויק אונ הט אום אוועק גטראגון אונ ים דר אמרי נועם שרייבט גאט הט דרום דם היישרויק גבראכט אונ ים כדי אז די מצרים וועלון נאך יאגון די ישראל אונ ים וועלון זיי די

נחלת צבי

גטאן אויף דער ערד צו זיינו בשעפונגש דען ווערט נימערט כח וגבורה איבון מיט דעם דער ציילונג אזו ווי איין מלך וואס הט היאה אז מען זאגט אום דעם כח פון זיינו מעשים וואס ער האט גטאן אונ מען לובט אום דורך דעם פרכטון זוך אלו פר אום אונ זיין כבוד ווערט דער הויבון העכור איבור אלו דרום גהערט מען צוא דער ציילון יציאת מצרים אזו אויך איז איין חיוב אויף דעם מענטש דער ציילון פר הקב"ה אונ מפרסם זיין אלו נסים וואס ער האט גטאן איב דוא וועסט פרעגון ווארום איז דס איין חיוב אמער הקב"ה ווייסט דאך אליין וואול וואס עס איז גוועען אונ וואס עס וועט זיין וואס איז דער פרסום הנס אלא בוודאי דער מענטש מוז מפרסם זיין דוא נסים אונ ארוים צו ריידון אלץ וואס ער האט גטאן דען די רייד וואס ער זאגט אויף דר וועלט גייען ארונטר דעם הימול אונ די פמליא של מעלה זאמלון זוך איין אונ זעהן די רייד אונ געבון אויך איין לויב צו הקב"ה אונ זיין כבוד ווערט גיגרייסט בעולם הזה ובעולם הבא דעסט גלייכון ווען איינור איז מתודה אויף זיינו עבירות וואס ער הט גטאן איז דאך קשה נאך וואס דארף דער מענטש מתודה זיין דען הקב"ה ווייסט דאך אליין פון דוא אלו זאכון וואס דער מענטש הט גטאן אונ וועט טאן . נאר מחמת דער שטן ומקטרג שטייט איבון אלו מאל פאר הקב"ה אונ איז מקטרג אונ ברענגט ארויף דוא עבירות פון די לייט כדי צו ברענגון אויף זייא איין עונש אונ אז דער

אוהל יעקב

גטראפון עס איז געשטארבון ביי דעם מלך איין גבור פון זיינו גבורים עס איז נוט גוועען אזו אמין גבור אויף דער גאנצר מדינה נאך האט זוך גטראפון אונ דער שטאט אז עס איז געשטארבון דר גרעסטר פון אלו רופאים האט דער מלך זייער גטרויערט אויף ביידו הט דר מלך גגעבון איין בפעל אויף זיין מדינה מען זאל זוכון צוויי מענשון אזעלכו אזו אגבור אונ ארופא ווי יענור איז גוועען האט מען גפונגון אונ איין שטאט פון זיין מדינה אזעלכו צוויי מענשון איין גבור אונ איין רופא אונ מען האט זיי גובראכט צום מלך איז דם מלך גפעלון ער זאל זיי פרובון צוא זיי זענון אזו ווי די ערשטו צו ניין זאגט דער גבור צום מלך

הַיישׁוּרקֵן בֵּייז טוּאוּן דֶען אַלוּ מַכּוֹת וָואס זֶענוּן גֶוועֶן אוּנ מִצְרַיִם זֶענוּן אַלוּ גְוֶועֶן בַּיי דֶם יַם (לֹא נִשְׁאַר אַרְבֶּה אֶחָד) עֶס אִיז נוּט אוּבּוּר גְבְּלוּבּוּן אֲפִילוּ אֵיין הַיישׁוּרוּק הֶען אֲפִילוּ דוּא הַיישׁוּרוּקוּן וָוס דִיא מִצְרַיִם הָאבּוּן אַיין גֲזאלְצוּן זֶענוּן לֶעבְּדוּג גְוָוארוּן אוּנ זֶענוּן אַוֶועק גְפְלוּגוּן כְּדֵי דוּ מִצְרַיִם זָאלוּן פוּן זֵיי קֵיין הַנָאָה נִיט הָאבּוּן דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דוּ תְּפִלָּה פוּן משֶׁה הֶעלְפְט אוּף אֵייבּוּג דֶען דָם וָוס משֶׁה הָט תְּפִלָּה גוּטוּן עֶס זָאל וֶוערוּן אָפּ גִיטוּן דֶר הַיישׁוּרוּק פוּן מִצְרַיִם אַזוּ קוּמְט נִיט קֵיין הַיישׁוּרוּק אוּנ מִצְרַיִם הָאטְשׁוּ אוּנ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קוּמְט יוּא צוּא צַייטוּן אַהַיישׁוּרוּק אוּבּוּר אוּנ מִצְרַיִם קוּמְט נוּט קֵיין הַיישׁוּרוּק אוּנ וֶוען אֲפִילוּ זֵיי גֵייאוּן דוּרְךְ מִצְרַיִם טוּן זֵיי קֵיין שָׁדוּן נוּט אוּךְ מִיט דוּ פְּרֶעשׁ דָם משֶׁה הָט גְזָאגְט זֵייא זָאלוּן בְּלַייבּוּן אוּנ וַואסוּר אִיז אַפְּרָאשׁ גְבְּלוּבּוּן אוּנ וַואסוּר אַגַאנְץ גְרוֹסוּ אוּנ זוּ גִייט אוּף צוּא צַייטוּן אוּף דֶער יַבָּשָׁה אוּנ עֶסְט אוּף מוּט אַמָאל דְרַייא מֶענְשׁוּן אוּנ מֶען קָאן אִיר נוּט טוּן אוּנ זִיא הָט אַגְרוֹסוּן גִיפְט דָם וֶוען אֲפִילוּ מֶען שְׁטֶעכְט זוּ אוּנ בּוּךְ אוּנ מֶען טֵייט זוּ אַזוּ וֶוער עֶס רוּרְט אָן אוּנ אוּר מוּז עֶר שְׁטַרְבּוּן אוּנ גָאט הָט

נחלת

גְזָגְט צוּ משֶׁה גֵייג דַיין הַאנְד אֲקֶעגוּן דֶם הִימוּל אַזוּ וֶועט קוּמוּן אַגְרוֹס פוּנְצְטֶערְנוּשׁ (וִיהִי חוֹשֶׁךְ) וֶוען עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין דָם פוּנְצְטֶערְנוּשׁ פוּן נַאכְט אוּנ עֶס וֶועט אָן הֵייבּוּן צוּא טָאגוּן זָאל ווידוּר פוּנְצְטֶער וֶוערוּן כְּדֵי זֵיי זָאלוּן זֶעהוּן אַז דָאס אִיז אַמַכָּה פוּן גָאט אוּנ רַשִׁ״י שְׁרַייבְּט דְרוּם אִיז גְוֶועֶן הוֹשֶׁךְ וַוייל עֶס אִיז גְוֶועֶן צְווִישׁוּן יִשְׂרָאֵל רְשָׁעִים וָואס הָאבּוּן נוּט גְוָואלְט אַרוֹס גֵיין זֶענוּן זֵיי אוּם גְשְׁטָארְבּוּן אוּנ דוּ טֶעג וָוס עֶס אִיז גְוֶועֶן פוּנְצְטֶער כְּדֵי דוּא מִצְרַיִם זָאלוּן נוּט זֶעהֶן אוּנ וֶועלוּן זָאגוּן אַזוּ ווִי מוּר וֶוערוּן גְשְׁלָאגוּן אַזוּ וֶוערוּן יִשְׂרָאֵל אוּךְ גְשְׁלָאגוּן דָם פוּנְצְטֶערְנוּשׁ אִיז גְוֶועֶן גְרָאבּ וֶוען אֵיינוּר הָאט זוּךְ אַנִידֶער גְזֶעצְט הָט עֶר נוּט גְקָאנְט אוּף שְׁטֵיין אוּנ דָם פוּנְצְטֶערְנוּשׁ אִיז גְוֶועֶן נָאר זֶעקְס טָאג אַיינְדֶר זִיבּוּטֶר טָאג אִיז אוּבֶּר גְבְּלוּבּוּן בּוּז דוּא מִצְרַיִם זֶענוּן נָאךְ גוּלוּפוּן נָאךְ יִשְׂרָאֵל בַּייא דֶעם יַם אַזוּ אִיז גְוֶועֶן פוּנְצְטוּר צוּא דוּ מִצְרַיִם (אוֹר בְּמוֹשְׁבוֹתָם) צוּא דוּא יִשְׂרָאֵל אִיז גְוֶועֶן לֶעכְטוּג וִוּיא זֵייא זֶענוּן גְזֶעסוּן דְרוּם שְׁטֵייט (בְּמוֹשְׁבוֹתָם) אוּנ נוּט אוּנ לַאנְד גוֹשֶׁן וִוּיא דוּא יִשְׂרָאֵל הָבּוּן גְוואנְט צוּ ווייזוּן וֶוען אֵיין יִשְׂרָאֵל אִיז גְזֶעסוּן בַּייא אֵיין

מצרי

צבי

זִיךְ אָפּ הוּטוּן פוּן דוּא אַלוּ זַאכוּן אוּנ זָאל זוּךְ אַיין גִיוויינוּן צוּא זַיין אֵיין עֶבֶד נֶאֱמָן צוּא הקב״ה :

פִּקוּדָא נָאךְ דֶעם שְׁטֵייט אֵיין מִצְוָה פוּן פֶּסַח אַז מֶען זָאל גְדֶענְקוּן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת אַז אִין דִיא צַייט זֶענוּן מוּר אַרוֹיס גְגַאנְגוּן פוּן דֶעם רְשׁוּת פוּן דוּא קְלִיפּוֹת וָוס הֵייסוּן חָמֵץ אוּנ זֶענוּן בַּהֶעפְט גְוָוארוּן אוּנ דֶער קְדוּשָׁה וָואס מַצָה דָם אִיז דֶר יְסוֹד אֱמוּנָה וְיִחוּד שֶׁל מַעְלָה וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל משֶׁה וְאַהֲרֹן זֹאת חֻקַּת הַפֶּסַח דָאס אִיז דִי מִצְוָה אַז מֶען זָאל קוֹילוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח פֶּערְצֶעהֶן טֶעג אִין נִיסָן צְווִישׁוּן טָאג אוּנ נַכְט אֵיין זֵכֶר צוּ פֶּסַח מִצְרַיִם אוּנ דֶער חִיּוּב אִיז אוּיף אַלוּ אַזוּ וִוי עֶס שְׁטֵייט וְשָׁחֲטוּ אוֹתוֹ כֹּל קְהַל

עדת

מֶענְטְשׁ אִיז זוּךְ מַקְדִים אוּנ אִיז מִתְוַדֶּה אוּיף אוּטְלִיכוּ עֲבֵירָה הָאט שׁוֹין דֶער מְקַטְרֵג קֵיין פִּתְחוֹן פֶּה נוּט אוּף אִים מְקַטְרֵג זַיין אוּנ קֶען שׁוֹין נוּט פָּאדֶערוּן אוּיף אִים קֵיין עוֹנֶשׁ עֶר וֶוערְט פוּן אִים אָפּ גְשֵׁייד אוּנ נַאנְצוּן גֵייט שׁוֹין אַוֶועק אִיז עֶר חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה אוּנ טוּט שׁוֹין ווייטֶער דוּ עֲבֵירוֹת נוּט אִיז גוּט אוּנ אוּיבּ חָלִילָה נוּט עֶר אִיז נָאר מִתְוַדֶּה אוּנ קֵיין תְּשׁוּבָה טוּט עֶר נוּט דֶעמָאלְט הָט דֶר מְקַטְרֵג נָאךְ מֶער פִּתְחוֹן פֶּה אוּנ זָאגְט רבש״ע דֶער דָאזִיגֶר מֶענְטְשׁ אִיז גוּקוּמוּן פַּר דוּר מוּט זַיין עַזּוּת פָּנִים אוּנ הָט גְזָאגְט אַזוּ אוּנ אַזוּ הָט עֶר מוֹרֵד גִיוֶועֶן אוּנ זַיין הֶערוּן אוּנ הָט פְּרַט קֵיין תְּשׁוּבָה נוּט גְטָאן . דְרוּם גְהֶער דֶער מֶענְטְשׁ

מצרי אונ הוז אוז דעם מצרי פונסטור גוועזן אונ דעם ישראל אוז לעבטיג גוועזן אזו האט פרעה גזאגט צוא משה אונ אהרן גייט אלו אונ דער מדבר גאט דינון נאר אייערו שאף זאלון בלייבון פאר אמשכון אונ לאנד מצרים הט משה געענפרט אפילו דיינו שאף וועסטו אונז אוך געבון דען מור ווייסון נוט ווי פול קרבנות גאט וועט אונז הייסון ברענגון אזו זאגט פרעה צו משה גיי ארוס זעלסט שין מעהר נוט זעהון מיין פנים האט משה געענפורט דוא האסט רעכט גרעט אונ און דער צייט האסטו גורעט דוא וועסט מוך מער נוט זעהן אונ גאט האט גזאגט צו משה נאך איין מכה וועל אוך ברענגון אוף מצרים אונ דער נאך וועט אייך פרעה ארוס שוקון פון דאנון דרום זאגט צוא ישראל דאס אוטלוכור זאל לייאין פון דוא מצרים זולבור אונ גלד אונ זאלון דער מוט ארוס גיין פון מצרים ווייל אוך האב צוא אברהם צו גזאגט דאס זייא וועלון ארוס גיין מוט פול גוטס אונ ווייל זייא האבון מוט זייא גוארבוט זאלון זייא ביי זיי אנטלייאון אונ משה האט גזאגט צו פרעה גאט הט גזאגט וויא עס וועט קומון אונ האלבו נאכט אזו וועל אוך טייטון אלו בכורים אונ לאנד מצרים סייא ער אוז איין בכור פון דעם פאטור אודור פון דער מוטור אודור איין שר אונ אוך דו בכורים פון דוא בהמות ווייל זייא האבון גודונט צוא בהמות אונ עס וועט ווערון ביא נאכט איין גרוס גושריי אונ מצרים דען עס אוז נוט גוועזן קיין הוז וואס זאל דארטון נוט זיין קיין מת נאר פרעה חמשו ער אוז איין בכור גוועזן ער אוז דאך גובליבון לעבון כדי ער זאל זעהון דוא ווינדור אוף דעם ים אונ זאל דער ציילון צו אנדורו עובדי ע"ז אונ משה האט גוזאגט צוא פרעה דיינו קנעכט וועלון קומון באנאכט צוא מור

אונ

### נחלת צבי

עדת ישראל בין הערבים דם מען זאל אום הוטון פון צעהון טעג אונ ניסן בוז פערצען טעג דען דוא צייט לייכט דו לבנה אונ ווערט פול אין דעם פופצעטון טאג אונ דרום זאל מען אום קוילון צווישון טאג אונ נאכט דען אונ דוא צייט זענון דו דינים שולט אונ דוא קליפות האבון כח שולט צוא זיין אונ זענון גורם דעם מעוט הירח דם דער אור פון דער

### של"ה הקדוש

(ושמרתם את המצות) אור זאלט היטון דו מצות. דוא מפרשים האבון מאריך גוועזן צו ערקלערון דו רמזים פון חמץ אונ מצה. אונ דער תוכן פון זייערו רייד אוז אז חמץ אוז ארמז אוף דעם יצה"ר. אונ מצה אוף דעם יצר טוב. דען אזו וויא דם ווערקייט הייבט אוף דאס טייג אונ בורעט דאס אוף. אזו הייבט דער יצה"ר אוף דעם גוף וועלכור אוז גגלעכון צו אטייג וואס מען פר זוערט אום. אבור מצה וום אוז נוט קיין זויער טייג אוז רייהוג אונ קען זוך נוט אוף בלאזון אוז מרמז אוף דעם יצר טוב וועלכור מאכט רוהוג אלו תאוות אונ מענשון. לאזט זוך נוט דער הייבון אונ שטאלץ זיין קעגון גאט אונ מענשון אונ דארורך פר הוט ער אום פון אלו עבירות אונ דער וועקט אום גוטס צו טאן אונ דוא בדיקת חמץ וום מור דעם חמץ אוף זוכון אונ ארום רומון פון אלו ערטור וויא מען קען אום נאר ארייז ברענגון אוז ארמז אז מור דארפון בודק זיין אונזרו אלו אברים וויא דוא זונד קאן זוך אן קלעבון צום ביישפיל דם מול דארפון מור בודק זיין פון לשון הרע פון

### אוהל יעקב

לאו מען מור ברענגון איין גזונטן מענשון. אונ אשטארקון וועל אוך אום נאר אן רורון מוט מיין מינצטון פונגער ווערט ער תיכף גטייט ווערון אונ דער רופא האט גזאגט לאו מען מור ברענגון איין מענשון וום ער אוז פול מוט ווינדון וועל אוך אום תיכף היילון פון זיינו ווינדון אונ ער וועט זיין גזונד אזו וויא אלו מענשון האט דער מלך אן גזאגט זיינו קנעכט מען זאל זוכון צווייא מענשון אגעזונטן אונ אווינדוגון כדי מען זאל פרובון דעם גבור מוט דעם רופא דו קנעכט זענון ארום גגאנגון זוכון אונ האבון גפונון צוויי ארומו לייט דם גזונטון מוט דם ווינדוגן מען האט זיי אויף געזעצט אוף איין וועגעלו צו פורון זייא צום מלך זאגט דער גזונטר ארומאן צום דעם ווינדוגון קראנקון זעהסטו ווי דו קנעכט זענון גלאפון פון מיינעט וועגון מוך זוכון צום מלך ווארום דער מלך וויל מור אן טואון כבוד אונ דער ווינדוגער ארום מאן שוואגט אזו ווי מען הט זיי גבראכט צום מלך האט מען גנומון דעם גזונטון ארום מאן אונ מען האט גגעבון דעם גבור האט ער אום תיכף

אונ וֶועלון מוּך בֶּעטון אוּך זָאל אַרַם גיין מוּט דוּא יִשְׂרָאֵל דֶענְסְט מָאל וֶועל אוּך עֶרְשְׁט אַוֶועק גֵיין אונ משֶׁה אוּז אַוֶועק גוּגַאנְגון פוּן פַּרְעֹה מוּט רוּגֶז אונ גָאט הָאט גוּרֶעט צוּא משֶׁה אונ אַהֲרֹן אונ לַאנְד מִצְרַיִם חוּץ דֶר שְׁטָאט דֶען מִצְרַיִם אוּז גְוֶוען פוּל מוּט ע״ז דְרוּם הָאט עֶר נוּט גְוָואלְט גוּבוּטוּן אונ שְׁטָאט מֶען זָאל אֵיין מִצְוָה טוּן אונ עֶר הָט צוּ זַייא גְזָאגְט אוּר זָאלְט טוּן אֵיין מִצְוָה צוּא מְקַדֵשׁ הַחוֹדֶשׁ זַיין וֶוען דוּ לְבָנָה בַּנַייאוּט זוּך אַלוּ חוֹדֶשׁ אונְזוּרוּ חֲכָמִים זָאגוּן וֶוען יִשְׂרָאֵל זָאלוּן מֵיין קֵיין מִצְוָה נוּט הָאבּוּן נוּר וָואס זַייא זֶענוּן מְקַדֵשׁ הַחוֹדֶשׁ וָואלְט אוּך גוּנוּג גְוֶוען דֶען מֶען אוּז זוּ מְקַבֵּל גְלַייך ווי מֶען אוּז מְקַבֵּל אַהֲארוּן מוּט לוּבְּשַׁאפְט דְרוּם מוּז מֶען שְׁטֵיין וֶוען מֶען אוּז מְקַדֵשׁ הַחוֹדֶשׁ אונ דוּ לְבָנָה ווייזְט דָם גָאט הָט בַּשַׁאפוּן דוּ וֶועלְט אַזוֹ ווי עֶר בַּנַייאוּט דוּ לְבָנָה אַלוּ חוֹדֶשׁ (וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא יֶחֱרַץ כֶּלֶב לְשׁוֹנוֹ) אונ צוּא יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן דוּא הוּנְט נוּט גוּבּוּלוּן ווייל בַּיי זַייא אוּז קֵיין נְבֵילוֹת נוּט גְוֶוען דְרוּם זָאגְט דוּ גְמָרָא וֶוען הוּנְט זֶענוּן פְרֵיילוּך אוּז אַסִימָן דָאס אֵלִיָּהוּ אוּז אונ שְׁטָאט ווייל עֶר הָאט אוּם גוּהַרְגוּת פוּר הוּנְדֶרְט פַאלְשׁוּ נְבִיאִים אונ הָאט גוּגֶעבּוּן זֵייעוּר פְלֵייש צוּ הוּנְט אוּף עֶסוּן דְרוּם וֶוען זַיי זֶעהוּן אוּם זֶענוּן זַייא פְרֵיילוּך זַייא מֵיינוּן עֶר וֶועט זַייא נָאך פְלֵייש גֶעבּוּן אונ גָאט הָאט גְבָּאטוּן מֶען זָאל נֶעמוּן אֵיין שָׁאף פַר אַקָרְבַּן פֶּסַח (שֶׂה לְבֵית אָבוֹת) אֵיין שָׁאף צוּא אֵיין הוֹז גוּזוּנְד אונ דָאס אוּז גְוֶוען צֶעהוּן טָאג אונ נִיסָן אונ מֶען הָאט דוּא שָׁאף צוּא גוּבּוּנְדוּן פוּר טֶעג בּוּז פֶערְצוּן טָאג אונ נִיסָן וָום אוּז עֶרֶב פֶּסַח אַזוֹ הָאבּוּן כָּל יִשְׂרָאֵל גְבְרַבְט אֵיין קָרְבָּן פֶּסַח אונ גָאט הָט גְזָאגְט וֶוען עֶם אוּז פוּל פַר אֵיין בַּעַל

הבית

נחלת צבי

לְבָנָה אוּז נוּט פוּל . דְרוּם הָאט הַשי״ת נְהֵייסוּן אַז זַייא זָאלוּן זוּך פְרִיעֶר מַל זַיין אונ אָפּ טָאן דוּ עָרְלָה פוּן דֶעם בְּרִית אונ דֶער רֵיחַ פוּן דֶעם גִיבְּרָאטְנְשׁ אוּז צוּ הֲנָאָה הָאבּוּן דֶער פוּן רֵיחַ נִיחוֹחַ אונ דְרוּם שְׁטֵייט וְכָל עָרֵל לֹא יֹאכַל בּוֹ עֶם טָאר נוּט עֶסוּן פוּן אוּם נָאר דֶער וָום אוּז גִימַלְתּ דֶער קֶען צוּ בְּרֶעכוּן דֶעם כֹּחַ פוּן דֶער עָרְלָה אונ דֶעם כֹּחַ פוּן דֶער עֲבוֹדַת

אוהל יעקב

נְפַייט אונ דֶעם שְׁלַאפוּן אָרוּם מַאן הָאט מֶען גְגֶעבּוּן צוּם רוֹפֵא הָאט עֶר אוּם אוּים נְהַיילְט זַיינוּ ווינְדוּן אֵין אוּז גְוָוארוּן גֶזוּנְד אַזוֹ ווּיא אַלוּ מֶענְשׁוּן . דֶער נִמְשַׁל אוּז לֶעָתִיד בִּמְהֵרָה וֶועט גָאט אַנְפְּלֶעקוּן זַיין מְלוּכָה מוּט זַיין גְבוּרָה פַר אַלוּ פֶעלְקוּר הַיְינוּ עֶר וֶועט נֶעמוּן דוּ אוּמָה וָואס וֶועט דֶענְסְמָאלְט גְוֶועלְטוּגוּן אוּף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אונ וֶועט זַייא גָאר נוּדְרוּג מַאכוּן אונ דוּ אוּמָה וָום אוּז אַצוּנְד גָאר נוּדְרוּג הַיְינוּ דִי יוּדוּן וֶועט עֶר זַיי דֶענְסְמָאלְט גְרוּם מַאכוּן אונ דוּרְךְ דִי צְווַיי זַאכוּן וָואס עֶר וֶועט טוּן וֶועלוּן אַלוּ עֵדוּת זָאגוּן אַז עֶר אוּז אֵיין גָאט אוּף דֶער גַאנְצוּר וֶועלְט דָאס זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ לֶעָתִיד וֶועט גָאט מְפוּרְסָם מַאכוּן פַר אַלוּ זַיין כֹּחַ אַז עֶר הַייסְט רִאשׁוֹן אונ עֶר וֶועט בּוֹאוּן דָם בֵּיהמ״ק וָום עֶם הַייסְט רִאשׁוֹן וָום עֶם אִיז אַצוּנְד גָאר נוּדְרוּג אונ וֶועט בַּצָאלוּן צוּא עֵשָׂו שְׁלֶעכְץ וָואס עֶר הַייסְט אוּיךְ רִאשׁוֹן אונ דוּרְךְ דוּא צְווַיי זַאכוּן הַיְינוּ דוּרְךְ דֶעם בֵּיהמ״ק אונ דוּרְךְ עֵשָׂו וֶועט גָאט מְפוּרְסָם וֶוערוּן אוּיף דֶער גַאנְצוּ וֶועלְט אַז עֶר אוּז אֵיין גָאט אוּף דֶר גַאנְצֶר וֶועלְט אונ עֶר אוּז רִאשׁוֹן לָרִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹן לָאַחֲרוֹנִים :

של"ה הקדוש

רְכִילוּת . פוּן נְבֵלוּת פוּן פַאלְשׁוּ שְׁבוּעוֹת פוּן קְלָלוֹת . פוּן דְבָרִים בְּטֵלִים . פוּן פַר בָּאטוּנוּ שְׁפַייזוּן . דָאס הַארְץ דַארְפוּן מוּר בּוֹדֵק זַיין פוּן שְׁלֶעכְטוּ גְדַאנְקוּן פוּן קִנְאָה פוּן שִׂנְאָה . דוּא אוֹגוּן דַארְפוּן מוּר בּוֹדֵק זַיין זַיי זָאלוּן נוּט זֶעהוּן דוּא זַאכוּן וָום מֶען בַּדַארְף נוּט זֶעהוּן דַאגֶעגוּן זָאלוּן זַיי נָאר זֶעהוּן צוּ לֶערְנוּן אונ מִצְוֹת צוּ טָאן אונ אוּף אָרוּמוּ לַייט זוּך מְרַחֵם צוּ זַיין דֶעם קָאפּ דַארְף מֶען בּוֹדֵק זַיין זָאל נוּט גַיין (בְּקוֹמָה זְקוּפָה) דֶעם שְׁטֶערוּן דַארְף מֶען בּוֹדֵק זַיין עֶר זָאל קֵיין עַזוּת נוּט הָאבּוּן אונ אַזוֹ דַארְף מֶען בּוֹדֵק זַיין דוּ הֶענְט אונ דוּא פוּס . אונ אַלוּ אוּבְּרוּגוּ אֵבָרִים . דוּא חֲכָמִים הָאבּוּן אוּך גְזָאגְט אַז בְּדִיקַת חָמֵץ דַארְף זַיין פַר אַלֶעכְט דָם אוּז אַרְמְז אוּף דוּ נְשָׁמָה אַז מוּר דַארְפוּן בּוֹדֵק זַיין אונְזֶרוּ חֲטָאִים פַר דוּ לֶעכְט פוּן דֶער נְשָׁמָה וָום דוּ לוּכְט הַייסְט נָאמְט גוּטְס ווּיא דֶער פָּסוּק זָאגְט (נֵר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אָדָם) אונ דוּא צַייט פוּן בְּדִיקָה אוּז בַּנַאכְט דָאס אוּז אַרְמְז אַז יֶעדוּר מֶענְשׁ דַארְף זוּך בּוֹדֵק זַיין אֵיידוּר עֶר גֵייט שְׁלָאפוּן בְּשַׁעַת עֶר אוּז אַייְנוּר אַלֵיין . דַאמַאלְט דַארְף עֶר זוּכוּן אונ ווּפוּן אַלוּ זַיינוּ מַעֲשִׂים פוּן דֶעם גַאנְצוּן טָאג אונ אוּב עֶר

הבית אשאף פר זיין הויז גוזונד זאל ער נעמון איין שאף מוט זיין שכן דאס לערונט דו תורה דם מענש ער זאל נוט אובריג געלד אוים געבון דער בחיי שרייבט דרום הט גאט גוהייסון שעכטון איין שאף וייל אונ ח' דש ניסן אוז מושל אונ הומול מזל טלה זאלון דו ישראל נוט מיינון דאס דם מזל האט זייא גהאלפון נייערט גאט האט זיי גוהאלפון אונ אוך דרום הט גאט גהייסון קולון איין שאף וייל דו מצרים הבון גודונט צו שאף. אונ מען הט דו שאף נוט גקאכט נור גברטון וואס דאס שמעקט וייט אונ מען האט אונ אור קיין ביין נוט צו בראכון אונ מען האט זו אוף איין שפוז אונ גנצון גברטון כדי דו מצרים זאלון דער קענון אז עס אוז איין שאף גוועזן אונ האבון זיי נוט גקענט טואון אונ דעם קרבן פסח זאלט אור עסון אונ מצרים אונ זאלט זיין גרייט אונ וועג צו גיין אייערו נארטלון זאלון זיין גוגורט אונ אייערו שוך אוף אייערו פוס אונ אייערו שטעקון אונ דוא הענט (ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים)

גאט האט גזאגט אוך וועל דוא ע"ז פון מצרים פר דארבון אונ גאט הט גבאטון מען זאל אום רומון דעם חמץ אונ מען זאל זובון טעג מצות עסון אונ דער ווס וועט עסון חמץ דער וועט ווערון פאר שנוטון פון דער וועלט אוך האט ער גובאטון מען זאל איין בונטול אזוב איין טונקון אונ דם בלוט פון דער שאף אונ מענזל דר מוט שפרענגון אובור דר טור אונ אוף דו בייא שטולון אונ דו נאכט וואס אוך וועל טייטון דוא בכורים זאל קיינר פון ישראל נוט ארוס גיין פון זיין הויז אונ אוך וועל זעהון דם בלוט אוף דער טור וועל אוך אובור הופון דם הויז דאס קיין מענטש וועט דרונון נוט ווערון גוטייט דער בחיי שרייבט נוט דאס בלוט האט זייא מציל גוועזן נור וייל ישראל האבון מוט דעם בלוט באשמורט דאס הויז אונ האבון קיין מורא נוט גהאט פאר פרעה וום זיי שעכטון זיין גאט אונ האבון זוך פאר לאזט אוף גאט דרום האבון זייא זוכה גוועזן דם זייא זענון לעבון גובלובון כי אין בית

נחלת צבי

כוכבים פון מצרים וואס אוז גוועזן איין שה וום דאס בטרעפט ערלה אבר איין ערל האט ניט גיטארט עסון אונ אז הקדוש ב"ה אוז גיקומון קיין מצרים האט ער גזעהן אויף דוא טירון דעם דם פסח ודם מילה ווס זיי האבון זיך מל גיוועזן. עש שטייט ולקחתם אגדת אזוב וטבלתם בדם אשר בסף דער אזוב אוז גוועזן צוא מעביר זיין דעם רוח הטומאה אונ אלו רוחות רעות הט ער מעביר גיוועזן מוט זיי התעוררות וואס מען האט גטאן מוט אום למטה אונ בגאולה העליונה וואס וועט זיין לעתיד לבא וועט הקב"ה ברענגון דעם יצר הרע אונ וועט אום שעכטון אונ אצונד ביי דעם קרבן פסח שטייט ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל דם אוז איין זכר אויף לעתיד אויף דעם זמן הגאולה העליונה ווס וועט זיין אויף דוא ישראל. מען האט גשפרענגט מוט דעם דם על המשקוף ועל שתי המזוזות מען הט גיוויזן דעם צייכון פון דם

הבית אז: דער משחית אוז נוקומון אונ הט דער זעהן דם בלוט הט ער זוך אוועק גיצוגון דר פון אזו ווי דר פסוק זאגט ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם אונ ווען הקב"ה האט אליין גישלאגון דוא בכורים וואס שטייט ולא יתן אוז דאך משמע אז דער משחית אוז גנאנגון אלא הקב"ה האט בודאי אליין ממית גוועזן דוא בכורי מצרים נאר דער משחית אוז גנאנגון צו נופונון איין ארט אריין צוא גיין דם ער זאל אויך קיין משחית זיין אונ אז ער האט גזעהן דעם בראך פון דער ערלה אויף ביידו זייטון פון פסח אונ פון מילה אוז ער אנטלאפון גוואָרון אונ הט זוך אפ גשייד פון זיי אונ וייל הקב"ה האט ממית גוועזן אלו בכורים פון דו מצרים דרום הט ער גגעבון דו בכורים פון דו ישראל פר איין פדיון כדי דער שטן זאל נוט האבון איין פתחון פה אויף ישראל אונ אין אלעמון האט הקב"ה גוהוט

אֲשֶׁר אֵין שָׁם מֵת) עֶס איז נוּט גְוֶועזְן קֵיין הויז אָן אֵיין מֵת דֶען וֶוען קֵיין בְּכוֹר איז נוּט גְוֶועזְן איז דֶער עֶלְצְטוּר פוּן דֶם הויז וָוארוּן גֶמֵייט דְרוּם דַארְף דֶר עֶלְצְטוּר אוּנ הויז אוּךְ פַסְטוּן עֶרֶב פֶּסַח (וַיִקְרָא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן לַיְלָה) אוּנ פַּרְעֹה הָט גוּרוּפוּן צוּ מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן אוּנ הָט זֵיי גוּזוּכְט פוּן הויז צוּ הויז בַּיי דֶער נַאכְט אוּנ זָאגְט גֵייט אַלוּ אַרוּם פוּן מִצְרַיִם מוּט אַיֶיערוּ בְּהֵמוֹת אוּנ דוּנְט גָאט אַזוּ וִוי אוּר הָאט גֶרֶעט (וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו׳) דֶר חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט דֶער סֵדֶר איז דָאס הוּנְט בּוּלוּן וֶוען מֶען גֵייט בַּייא נַאכְט מוּט אַשְׁטֶעקוּן אוּנ יִשְׂרָאֵל זֶענוּן אַרוּם גְגַאנְגוּן בַּיי נַאכְט אוּנ הָאבּוּן גְהַאלְטוּן שְׁטֶעקוּן אוּנ דוּ הוּנְט הָאבּוּן נוּט גוּבּוּלוּן אוּנ גָאט הָאט זֵיי דֶער פַּר גֶגֶעבּוּן דָאס אֵיין נְבֵילָה אוּדוּר אֵיין פַּר צוּקְטוּ בְּהֵמָה זָאל מֶען זֵיי גֶעבּוּן דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט גָאט הָט גְבְּרַכְט צֶעהֶן מַכּוֹת אוּף מִצְרַיִם

אַקֶעגִין דוּ צֶעהִין שְׁלֶעכְטוּ זַאכוּן וָוס זֵיי הָאבּוּן גְמַאכְט דָאס יִשְׂרָאֵל זָאלוּן שֶׁעפּוּן וַואסוּר צוּא אָן טְרוּנְקוּן זֵייעֶרוּ בְּהֵמוֹת דְרוּם הָט גָאט גְמַכְט דָם וַואסוּר צוּ בְּלוּט אוּנ דוּ בְּהֵמוֹת הָבּוּן נוּט גֶקֶענְט טְרוּנְקוּן דָם אַנְדוּרוּ זֵיי הָאבּוּן גְמַאכְט דוּ יִשְׂרָאֵל אוּךְ שְׁטֵיין גַאנְץ פְרוּ פוּן זֵייעוּר בֶּעט צוּ דֶר אַרְבּוּט דְרוּם הָט גָאט אוּף זֵיי גְבְּרַכְט פְרֶעשׁ אוּנ זֵייעוּר בֶּעט אוּנ הָבּוּן זֵיי נוּט גְלָאזְט שְׁלָאפוּן דָם דְרוּטוּ זֵיי הָאבּוּן נוּט גְלָאזְט יִשְׂרָאֵל גֵיין אוּנ מֶרְחָץ צוּ וַואשׁוּן זֶענוּן דוּא יִשְׂרָאֵל גְוָוארוּן פוּל מוּט כִּנִים דָאס פֶערְדוּ דוּ מִצְרַיִם הָאבּוּן גְבָּאטוּן דוּ יִשְׂרָאֵל זָאלוּן חַפּוּן חַיוֹת אוּנ פֶעלְד דְרוּם איז אוּף זֵיי גוּקוּמוּן פוּל חַיוֹת רָעוֹת דָם פוּפְטוּ דוּ יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן גְמוּזְט הוּטוּן זֵייאוּרוּ בְּהֵמוֹת אוּנ פֶעלְד דְרוּם הָט גָאט גְבְּרַאכְט דֶבֶר אוּף זֵייֶערוּ בְּהֵמוֹת וָואס אוּנ פֶעלְד דָם זֶעקְסְטוּ דוּ מִצְרַיִם הָאבּוּן

נוט

נחרת

צוּ דוּ יִשְׂרָאֵל וִוי אֵיין פָּטוּר הוּט זַיינוּ קוּנְדֶר :

בְּבַיִת אֶחָד יֵאָכֵל דוּא מִצְוָה איז צוּא עֶסוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח עַל מַצּוֹת וּמְרוֹרִים דָם איז צוּא וַוייזוּן אַז דוּא שְׁכִינָה איז אוּךְ גְוֶועזְן אוּנ דֶעם בִּיטֶערוּן גָלוּת מוּט זֵייא אַזוּ וִויא עֶס שְׁטֵייט וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵיהֶם בַּעֲבוֹדָה קָשָׁה אוּנ זֵייא הָאבּוּן גְנֶעסוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח צוּא וַוייזוּן אַלְץ וָוס דוּ מִצְרַיִם הָאבּוּן זֵיי גְטָאן אוּנ שִׁעְבּוּד הַגָלוּת אוּנ וָוס מֶען טָאר נוּט צוּ בְּרֶעכוּן דוּא בֵּיינֶר פוּן אוּם צוּא וַוייזוּן זֵייעֶר בִּזָיוֹן אוּנ חֶרְפָּה דָם זֵייעֶר אָפּ גָאט איז גְוֶועזְן אֵיין שֶׁעפְּשְׂעֶרֶע אוּנ אַז זֵיי הָאבְּן קֵיין בֵּיינוּר נוּט צוּ בְּרֶכוּן הָאבּוּן זֵיי דַאךְ זֵיי נוּט גֶקֶענְט עֶסוּן אוּנ הָאבּוּן זֵייא גְמוּזְט אַרוּם וַוארְפוּן אוּף דֶר גַאס דֶרֶךְ בִּזָיוֹן דְרוּם שְׁטֵייט אוּר טָארְט נוּט צוּ בְּרֶעכוּן דוּא בֵּיינֶר אָבּוּר דוּ הוּנְט זֶענוּן גוּקוּמוּן אוּנ הָבּוּן זֵייא צוּא בְּרָאכוּן אוּנ אַז דוּא מִצְרַיִם זֶענוּן גֶיקוּמוּן אוּנ הָבּוּן גְזֶעהֶן אַז דוּא הוּנְט שְׁלֶעפּוּן דִיא בֵּיינֶר פוּן אֵיין אָרְט אוּף דֶעם אַנְדֶערִין הָאבּוּן דוּא מִצְרַיִם בְּגְרָאבּוּן דוּ בֵּיינוּר אוּנ דֶר עֶרְד כְּדֵי דוּא הוּנְט זָאלוּן זֵיי נוּט קֶענוּן גוּפוּנֶן אוּנ דָם איז גְוֶועזְן דֶער רֶעכְטֶר בִּיטוּל עֲבוֹדַת

צבי

כּוֹכָבִים וַוייל זֵיי הָאבּוּן זֵיי אַלֵיין בְּגְרָבּוּן אוּנ דֶער עֶרְד אוּנ הַקָדוֹשׁ ב״ה איז גְרוּס גְוָוארוּן מִיט דֶעם הֶעכְסְטוּן כָּבוֹד וּגְדוּלָה אוּנ דוּא קְלִיפּוֹת זֶענוּן זֵייא אוּנְטֶר טֶענוּג גְוָוארוּן אוּנ דֶער בִּטוּל פוּן זֵייֶערוּ אָפּ גֶעטוּר איז גְוֶועזְן דוּרְךְ זֵיי אַלֵיין דְרוּם שְׁטֵייט וְעֶצֶם לֹא תִשְׁבְּרוּ בוֹ:

וְכָל פֶּטֶר חֲמוֹר תִּפְדֶה בְשֶׂה דוּא מִצְוָה איז צוּ לֵייזוּן דֶעם פֶּטֶר חֲמוֹר מוּט אֵיין שֶׂה אוּנ וֶוער עֶס לֵייזְט אוּם נוּט אוּיס זָאל עֶר אוּם אָפּ הַאקוּן זַיין הַאלְז אוּנ נַאקוּן אַזוּ וִוי עֶס שְׁטֵייט וְאִם לֹא תִפְדֶה וַעֲרַפְתּוֹ אוּנ דֶער טַעַם איז דֶען מֶען בַּדַארְף דֶעם יֵצֶר הָרַע מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין אוּנ עֶר זָאל וֶוערוּן אֵיין יֵצֶר טוֹב דְרוּם שְׁטֵייט אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדוֹ איז עֶר זוֹכֶה איז עֶר אוּם אַלֵיין אֵיין הוּלְף צוּא דֶער קְדוּשָׁה אוּנ אוּיבּ נוּט איז עֶר אוּם אֵיין שׂוֹנֵא מְקַטְרֵג צוּא זַיין אוּיף אוּם זֵיי זֶענוּן אוּנ דֶעם גְשְׁטַאלְט דֶר יֵצֶר טוֹב איז כְּשֶׂה אוּנ דֶער יֵצֶר הָרַע איז כַּחֲמוֹר איז עֶר זוֹכֶה אוּנ איז חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה אֲפִילוּ עֶר איז כַּחֲמוֹר אֵיין עַם הָאָרֶץ תִּפְדֶה וֶוערְט עֶר אוּיס גְלֵייזְט פוּן דֶעם גָלוּת וִוי אֵיין שֶׂה דָאס זֶענוּן דוּ יִשְׂרָאֵל יוֹם הַייסוּן שֶׂה פְזוּרָה

נוט גלאזט צוא ישראל וואררים וואסור מאכון צו וואשון זוך אזו זענון דו ישראל גוורון אום ריין דרום הט גאט אוף זיי גשיקט שהין דאס זובוטו אוז דו מצרים האבון נאך גווארפון מוט שטיינור ווי זיי האבון גזעהן איהודי דרום הט גאט אוף זיי גווארפון שטיינור פון האגול פונום הומול דם אכטו דו ישראל האבון גומוזט פירון מוסט אוף זייערו פעלדור דרום הט דר היישורוק אוף גגעסון זייערו פעלדר דם ניינטו זייא האבון דו ישראל גזעצט אונ פונצטורו תפיסות דרום הט גאט אוף זיי גבראכט פונצטרנוש דם צעהנטו זייא הבון גוואלט פר לורון דו ישראל וום זיי הייסון בכורים צו גאט דרום האט גאט גמאכט פאר לורון זייערו בכורים דער מדרש שרייבט גאט הט איך זיי גבראכט די מכות גלייך וויא אגבור וום וויל איין נעמון אשטאט צום ערשטון נעמט ער אוועקאלו וואסורון וואס גיין אריין אונ שטאט זיי זאלון נוט האבון צוא טרונקון וועלון זיי זוך אונטר געבון אזו אוך האט גאט גמאכט בלוט פון דעם וואסור פון מצרים דם אנדורו מאכט דר גבור אגשריי פון זיין חיל דם דו שטאט זאל זוך דער שרעקון אזו האט גאט גבראכט אוף דוא מצרים פרעש מוט גושרייא דאס דרוטו

הייסט דר גבור שוסון מוט פיילון אזו אוך הט גאט אוף מצרים גבראכט כנים וואס שטעכון אונ גוף אזו וויא פיילון דאס פערדו שוקט דר גבור אלרליי חיילות אוף דר שטאט צו איין נעמון זו אזו האט גאט גשוקט אוף מצרים אלרליי חיות רעות דם פופטו שוקט דר גבור ווילדע פערד וואס טיטון אלו בהמות אזו האט גאט גשוקט אדבר אונ עם זענון גווארון גטייט אלו בהמ״ת פון מצרים דם זעקסטו האפט דר גבור מענשון פון דער שטאט אונ פיינוגט זייער לייב מוט פייער זיי זאלו זאגון ווי אזו מען קען דו שטאט איין נעמון אזו הט גאט גשוקט שחין אוף מצרים וום עם הט גברענט זייער לייב דם זובוטו הייסט דר גבור גרוסו שטיינר ווארפון צו איין ווארפון דו מורון אזו האט גאט גושוקט שטיינור אונ האגול אונ עם הט גטייט מענשון אונ בהמות דם אכטו קומט דאס חיל אונ שטאט אריין אזו הט גאט גשוקט דעם היישורוק אונ מצרים דאס ניינטו האפט דער גבור מענשון אונ זעצט זיי אונ דר תפיסה אזו הט גאט גברכט פונסטרנוש אוף מצרים וואס אוז גלייך ווי אתפיסה דאס צעהנטו האט גאט אונ מצרים גטייט אלו בכורים (ותחזק מצרים וגו׳) אונ דו מצרים האבון גנייט דו ישראל

זייא

### נחלת צבי

ישראל אבער אז ער אוז נוט חוזר בתשובה שטייט וערפתו ער אוז איין קשה עורף זייא וועלון צום סוף אוים גמעקט ווערון פון דעם ספר החיים אונ אוף זיי אוז גזאגט גווארון מי אשר חטא לי אמחנו מספרי • והיה לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך דו מצוה פון תפילין הייסט קדושה אונ פאר דוא שיינקייט פון אלע גשטאלט למעלה אונ מען בדרף צוא לייגון תפילין של יד ושל ראש איינם נאך דעם אנדרון תיכף אונ קיין צווישון שייד נוט מכון צווישן זיי ווער עם ווערט גיקריינט מוט דוא תפילין דער שטייט אין דמות עליון אונ אוז בצלם אלהים אונ דם הייסט מקבל גווען אוף זיך עול מלכות שמים שלימה באהבה אונ ער אוז אונ דעם דיוקן עליון׳ אוף אום אוז גזאגט גווארון וראו כל עמי הארץ כי שם יי׳ נקרא עליך ויראו ממך אונ דם אוז גרוסע סודות :

### של״ה הקדוש

בפונט עפום אחמץ דארף ער זעהון אום אום צו רומון דאס הייסט תשובה צו טאן מוט גוויין אונ גבעט פר גאט . אונ דער עיקר פון בדיקת חמץ אוז (ביטול בלב) דאס הייסט אונ הארצון מפקיר זיין דעם חמץ אונ אום מבטל זיין • דאס אוז ארמז אז דער עיקר פון אלו מעשים הענגט אפ פון הארצון • דוא תשובה וואס דער מענטש טוט זאל זיין פון גאנצון הארצון פון אריינום אצובראכונום

דיא זאלון זוך ארוס גיין ווייל זיי זענון
ווארון גשלאגון מוט צעהון מכות דרום
האבון זיי גמוזט שוקון דו ישראל פרעה
האט גזאגט צוא משה ווער אוז אייער
גאט דען אלו אפ געטער האבון צוא
מור בריף גשריבון אונ אייער גאט הט
מור קיין בריף נוט גשריבון דרום קען
איך אום נוט אונ פרעה הט גרופן זיינו
חכמים הבון זיי גזאגט מור האבון גהערט
דס זייער גאט אוז איין זון פון חכמים הט
גאט גזאגט מוך רופט אור אן איין זון פון
חכמים אונ אייך רופט אור אן חכמים
באלד וועט אייער חכמה אפ גוטואון
ווערון אונ וועט פאר לירון ווערון אונ
דו פרעה זאגסט דו קענסט נוט גאט אזו
באלד וועסטו זאגון גאט אוז גרעכט אונ
דוא זאגסט דו וועסט ישראל נוט שוקון
באלד וועסטו זייא נאך בעטון זייא זאלון
ארוס גיין פון מצרים אונ עס אוז איין
משל צו איין האר ווס הט גשוקט זיין
קנעכט צו קופון פוש הט ער גקופט פוש
ווס שטונקון אוז דער האר ברוגז גווארון
אונ זגט צום קנעכט קלוב דיר אום איינם
פון דו דריי אודור זאלסט אליין דו פוש
אוף עסון אודור מען זאל דוך הונדורט
שלעק שלאגון אודור זאלסט הונדורט
גולדון געבון אזו האט זוך דער קנעכט
אום גקלובון צו עסון דו פוש אונ ווי ער
האט זייא אן גוהובון צו עסון האט ער נוט
גקאנט ווייל זייא האבון גשטונקון האט
ער גזאגט מען זאל אום שלאגון הט מען
אום אן גוהובון צו שלאגון הט ער גשריגון
ער וועט בעסור הונדורט גולדון געבון
אזו האט ער אלו דרייא גהאט מען האט
אום גשלאגון אונ ער האט דו פוש גגעסון
אונ האט הונדורט גולדון געבון אזו אוז
אונ מצרים גוועזן זייא זענון ווארון מוט
צעהון מכות גשלאגון אונ דו ישראל הבון
דאס געלד פון זיי אוועק גנומון אונ זייא
האבון זיי גומוזט לאזון פון זייער לאנד
דם הט אלץ זייער בייז הארץ גמכט אונ
דו ישראל האבון גטראגון זייער טייג איף
זייער אקסול איין גובונדון אונ ליילוך
האטשו זיי הבון גהאט פול בהמות הבון
זיי דאך דם טייג אליין גטראגון ווייל זיי
האבון זייער ליב גהאט דוא מצ״ת אונ
דו ישראל האבון גנומון ביי דו מצרים
(כלי כסף וכלי זהב ושמלות) זולברנו
כלים אונ גולדונו כלים אונ שיינו קליידר
דער בחיי שרייבט אז דוא קליידור
זענון מער חשוב גוועזן פון זולבור אונ
גאלד אונ דרום שטייט פרור זולבור
אונ דר נאך גאלד צו ווייזון דאס וואס
שטייט צום הונטרשטון אוז מער חשוב
דער חזקוני שרייבט דוא ישראל הבון
גנומון אלעמולו פאר אקרבן פסח דעם
צעהנטון טאג אונ ניסן אונ דם אוז גוועזן
אום שבת אונ זיי הבון דם גבונדון נוט
מוט קיין שטארקון קנופ דען מען טאר
קיין שטארקון קנופ נוט מכון אום שבת
פון דעסטוועגון הט זוך דם לעמולו נוט
אפ גרוסון אונ דם אוז גוועזן איין נס נאך
אנס אוז גוועזן דם דו מצרים הבון נוט
גקאנט ליידון ווס מען הט זייער אפ גאט
אן גבונדון אונ דם בעט אונ אשפל אורט
דרום רופט מען דעם שבת שבת הגדול
דר גרוסור שבת ווייל עס אוז אגרוס נס
אונ אום גשעהן (שה תמים) אור זאלט
נעמון אגאנץ לעמולו אן אמום כדי דוא
מצרים זאלון נוט זאגון זיי האבון גנומון
אלעמולו מוט אמום וואס אוז נוט ראוי
צו דר ע״ז דרום דארפון מור נוט ברוגז
זיין אונ אוך דרום שטייט (בן שנה) דם
לעמולו זאל אלט זיין איאר וואס מען
דארף דם בוודאי הבון צו דער ע״ז אונ
עם

של״ה
דעמיטוגון הארצון. אונ דאמאלס הייסט דם אריכטוגו
תשובה. אונ גאט פר צייעט אונז ווי דר פסוק זאגט
(לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה) אונ אצובראכוגום
דעמיטוגם הארץ וועט גאט נוט פר אכטון:

הקד ש

עס איז גשטאנון פור טעג אן גבונדרון
כדי דוא מצרים זאלון הערון זייער אפ
גאט שרייאון אונ הבון נוט גקאנט ריידן
דר פאר צו ישראל (בין הערבים) מען
זאל שעכטון דם קרבן פסח צווישון טאג
אונ נאכט ווען אלו וועלון קומון פון דר
ארבוט אונ וועלון זעהן אז מען שעכט
זייער אפ גאט אונ מען זאל דם בלוט
שפרענגון אובור דר טור אונ אויף ביידו
זייטון פון דר טור צו ווייזון פר גאר דר
וועלט אונ דרום האט מען גשפרענגט
אובור דר טור אונ אויף ביידו זייטון וום
דם איז גלייך ווי אח"ת דם ווייזט אויף
לעבון צו ישראל וום הייסט חיים אונ
מען זאל דאס לעמולו בראטון כדי עס
זאל ווייט שמעקון אונ זייא וועלון נוט
קענון ריידון דר פר אונ זאלן דם עסון
מוט מרור צו מאוס אונ בוטור מאכון די
מצרים (כי אין בית אשר אין שם מת)
עס איז נוט גוועזן קיין הוז אן אמת דען
חאטשו דר בכור איז שון לאנג גשטרבן
איז זייער סדר גוועזאום צו מאלן זיין צורה
אויף דר וואנד פון אזכרון וועגן אונ אין
דר נאכט זענון אלו צורות אפ גמעקט
גוורון דרום הט זוך זיי גדאכט אז ער איז
ערשט היינט גשטרבן אונ זיי הבן גטרגון
דם טייג אויף זייערו אקסול דען דו אייזלון
זענון גוועזן שווער אן גלאדון מוט גאלד
אונ זולבור דרום האבון זיי גמוזט דאס
טייג אויף דעם אקסול טראגון (ועצם לא
תשברו בו) איר זאלט אונ דעם שעפלי
קיין ביין נוט צו ברעכון דען ווייל מען
הט דם גגעסון מוט זעטונג אונ אז מען
וועט צוא ברעכון אביין ארום צוא נעמון
דעם מארוך וועט דאס אום ווייזון גלייך
ווי מען גלוסט נאך צו פלייש אונ מען
איז דער פון נאך נוט זאט (וגם צדה לא
עשו להם) אונ די ישראל האבון זוך קיין
שפייז נוט מוט גנומון אויף דעם וועג דען
זייא האבון זיך פאר זוכירט אויף גאט

דאס ער וועט זיי שפייזון אפילו אונ דער
מדבר וואס וואקסט נוט. גאט הט גזאגט
צו משה (קדש לי כל בכור) הייליג צוא
מור אלו בכורים וואס זענון דוא ערשטו
צוא זייערו מוטור דער בחיי שרייבט
דרום האט גאט נאר גהייסון הייליגון
דעם ערשטון זון פון דער מוטור אונ
נוט דעם ערשטון זון פון דעם פאטור
אזו ווי אונ מצרים איז אויך וואָרון גטייט
דער עלצטור זון פון דעם פאטור ווייל
בייא דער מוטור קען מען גווים ווישון
דאס דער זון איז איר ערשט קונד .
גאט האט גזאגט צוא ישראל ווען איר
וועט האלטון מיינו מצות וועל אוך איך
ברענגון אונ לאנד כנען דר בחיי שרייבט
דרום האט מען עס גרופון ארץ הכנעני
חאטשו עס איז דאך גוועזן פון זובון
אומות ווייל דער כנעני איז גוועזן פאר
שאלטון ער זאל זיין אקנעכט אונ וואס
אקנעכט קופט קער צום הארון הט גאט
גרופון דאס לאנד אויף זיין נאמון צוא
ווייזון דאס לאנד וועט נוט זיין ביי זיי דען
עס געהער צוא ישראל וום זענון זייערו
הארון אונ דר חזקוני זאגט דרום הייסט
דאס לאנד כנעני ווייל ווי זייא האבון
גהערט דאס גאט וויל דאס לאנד געבון
צו ישראל זענון זיי בצייטון ארום גגאנגון
פון דעם לאנד אונ האבון עס אובור
גלאזט צו ישראל דרום האט גאט גזאגט
ווייל דוא בוסט אליין ארום גגאנגון וועל
אויך דור איין גוט לאנד געבון דאס איז
אפריקא אונ וועל רופון ארץ ישראל אויף
דיין נאמון ארץ הכנעני (וכל פטר חמור)
ווען איין אייזול וועט אבכור האבון זאל
מען עס אום לייזון פאר אלעמולו אונ
דרום האט מען אום גלייזט דעם בכור פון
איין אייזול אונ נוט פון אנדורו בהמות
טמאות ווייל דוא אייזלון האבון גהאלפון
טראגון דאס גאלד אונ זולבור פון מצרים
דען אוטלוכור יהודי האט גהאט נייגציג

אייזלין וואס האבין גטראגין אום גאלד און זולבור (לאות על ידכה) דו תפילין זאלסטו לייגין אויף דיין לונקור האנד ווייל מוט דער רעכטור האנד טוט מען ארבוטין קען זיין דס זו איז פר שמורט מוט אום ריינוקייט דרום זאל מען תפילין לייגין אויף דר לונקור האנט רבי שמעון בן לקיש זאגט דר ווס לייגט תפילין לעבט לאנג :

## הפטרת בא

(הדבר אשר דבר יי אל ירמיהו הנביא) דאס איז דו זאך ווס גאט הט גרעט צו ירמיהו הנביא דס ער זאל קומין נבוכדנצר מלך בבל צו דר שלגון דס לאנד מצרים (הגידו במצרים) זאגט אין מצרים און לאזט הערון און דער שטאט מגדול און לאזט הערון און דר שטאט נוף ותחפנחס און זאגט שטעל דוך און ברייט דיך אן צו אמלחמה דען עס הט פר דארבין די שווערד ארום דיר וואורום איז ווארין פר פלייצט און פר לענד דיינו גבורים און קיינר פון זיי הט נוט געקענט בשטיין דס איז ווייל גאט הט אום פר שטוסין (הרבה כושל) גאט הט גמערט זיין שטרוכלונג און זיי הבין זוך איין גזאמולט איינר צום אנדרין און האבין גזאגט שטייט אויף און לאמור זוך אום קערין צוא אונזר פאלק און צום לאנד פון אונזער גבורין ווס מור זענין פון דרטין ארום נגאנגין מלחמה צו האלטין פון וועגין דר שווערד פון דם פיינד (קראו שם) רופט אום און דר מלחמה דם פרעה מלך מצרים הט עובר גוועין דוא צייט ווס ער הט אפ גזעצט צו קומין מלחמה הלטין מוט נבוכדנצר און ער קומט נוט און דאס וועט אום זיין צוא איין חרפה דען ער פלעגט זוך תמיד בארומין צו גיין און דער מלחמה (חי אני נאום המלך יי צבאות שמו) דאס שווער אוך אזו וויא אוך לעב אזו זאגט דער מלך דם גאט דר האר איבר אלו חיילות איז זיין נאמין דס אזו וויא עס איז אמת אז דער בארג תבור זוצט צווישין בערג און דר בארג כרמל זוצט ביי דם ים אזו באמת וועט קומין די זאך אויף מצרים (כלי גולה עשי לך יושבת בת מצרים) כלים ווס מען דארף האבין און גלות מאך דיר זוצרין פון דער שטאט מצרים דען דער ווס גייט און וועג נעמט זוך מוט איין לאגול און איין קרוגול צו שעפין וואסור דען דו שטאט נוף וועט זיין צו איין וויסטונג און זיא וועט ווערין פר לאזט עס וועט און אור קיינר נוט זוצין (עגלה יפיפיה מצרים) איין שיינו מלוכה איז מצרים אבר איין פר שניידר קומט אויף זיי פון צפון זייט דס איז בבל און ער

### נופת

ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל וגו׳ ושב יעקב וגו׳ כי אתך אני וגו׳ ר׳ יהודה זאגט מור האבין גלערנט עס שטייט מה רבו מעשיך ה׳ כלם בחכמה עשית אלעס הט גאט ברוך הוא גמאכט מוט חכמה דאס איז אזו איין קוואל וואס פון אים גייט ארום צווייא און דרייסיג שטעגין דאס איז דוא ל״ב נתיבות החכמה און פון אים איז אלץ דונג גגרונדט פעסטונג גווארין ער ווערט גרופין דער היילוגור רוח פון אלעם . ר׳ יצחק זאגט בעת ר׳ שמעון האט גרעט וועגין דעם ענין האט אן גהובין פליטצין פון זיינו אוגין טרערין וויא וואסור און אזו הט ער גזאגט אלו אוצרות פון מלכא עילאה זענין אונטר איין שלוסול זייא ווערין גזעהין און דעם אום גמאלטין פאלוג וועלכור בלשון קבלה הייסט דאס עולם האצילות אבור וער ווייס ווס און דעם דאזוגין קוואל איז פאר בארגין און אפילו משה רבינו ע״ה וואס ער האט מגלה גוועין און זיין לעבין אלו סודות אבור דאס הט ער נוט מגלה גוועין נייערט לסוף

### צופים

בשעת הקב״ה הט אום שון גוואלט צו נעמין צו זוך און דער ישיבה בדי אום צו בהאלטין פון מענשין דען משה רבינו ע״ה איז גאר נוט גשטארבין און דם וואס שטייט און פסוק וימת שם משה איז גמיינט דם גאר פון אונז איז ער אפ גשטארבין דם גלייכין אלו צדיקים ווס זענין באהעפט אן דוא אמונה שלימה וקדושה למשל יעקב אבינו ע״ה דען אויף דם בעטייט זיין נאמין ישראל דרום איז ער אוך נוט גשטארבין דאס זאגט הקב״ה דא און דער הפטורה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק דאס טייטש דוא מיין קנעכט יעקב דארפסט זוך נוט שרעקין פאר דעם טוט דען ווייל דוא בוסט מקושר צו מור באמונה שלימה דם איבור דעם טעם רופט מען דוך ישראל דרום וועל אוך דיר העלפין פון טוט און וועסט האבין אקיום אויף אייבוג ואת זרעך מארץ שבים אזו גוט וויא דיינו קונדר דאטשו אטייל פון זייא זענין גפאנגן צווישין דוא וועלדו פעלקור דוא היירין דאך האבין זייא איין קיום און ווערין נוט

ער קומט באלד (גם שכיריה בקרבה כעגלי מרבק) אין אוך אורו הארון זענון אונ אור אזו ווי דו גשטפטו קעלבור אונ ווילון נוט גיין אונ דער מלחמה דען זיי האבון זוך גקערט צו אנטלופון אונ זוכון ווי אהון זיי זלון אנטלופון זיי קענון נוט בשטיין אונ דר מלחמה דען דר טאג פון זייער בראך איז אויף זיי גוקומון דו צייט ווס מען דער מאנט זייערו זונד (קולה כנחש ילך) דם קול פון מצרים גייט פון איין עק וועלט צו דער אנדרור אזו ווי דם קול פון דר שלאנג אז גאט הט אום גשאלטון דו זאלסט גיין אויף דיין בוך אונ האט אום אפ גוהאקט דו פוס אזו הט ער גשרוגון דם מען הט גוהערט זיין קול פון איין עק וועלט צו דער אנדרור דען מוט גרוס חיל וועלון דוא כשדים קומון אויף זיי אונ מוט העק אזו ווי דו ווס האקון האלץ (כרתו יערה) דו כשדים האבון כח צו פר שניידון גאר דם וואלד פון מצרים ווען זיי זענון מער ווי דר היישורוק אין עם אוז צו זיי קיין צאל נוט דא (הובישה בת מצרים) זוא אוז פאר שעמט גווארון דוא שטאט מצרים זו אוז ווארון גגעבון אונ דר האנד פון דעם פאלק פון צפון דם זענון דו כשדים (אמר יי צבאות אלהי ישראל) עם האט גזאגט גאט דר האר אובור אלו חיילות דער גאט פון ישראל אוך וועל בפעלון אויף דו זונד פון דעם שר פון דער שטאט נוא דאס אוז אלכסנדריה פון מצרים אונ אויף פרעה אונ אוף מצרים אונ אוף אורע אפ געטר אונ אוף אירע מלכים אונ אוף פרעה אונ אוף אלו ווס פר זוכרן זוך אוף אום אונ איך וועל זיי אובר ענפרון אונ דר האנד פון דו ווס בגערון זייער לייב אונ אין דער האנד פון נבוכדנצר מלך בבל אונ אין דר האנד פון זיינו קנעכט אין דר נאך אונ סוף פערצוג יאר וועט מצרים ריאון אזו ווי פרוער אזו זאגט גאט (ואתה אל תירא עבדי יעקב) אונ דו זאלסט דוך נוט פרכטון מיין קנעכט יעקב אונ זאלסט נוט אנגסטון די ישראל דם זענון דו צדיקים ווס זענון אונ מצרים ווס זענון נוט אהון פר טרובון גווארון דען אוך גאט וועל דור העלפון פון דער ווייטון אונ דיינו קונדר וועל אוך העלפון פון דם לאנד ווס זייא זענון דארטון גפאנגון אונ יעקב וועט זוך אום קערון אונ וועט זיין גרואט אונ גשטולט אונ קיינור וועט אום נוט דר שרעקון אונ דוא זאלסט דוך נוט פרכטון מיין קנעכט יעקב דען אוך גאט בון מוט דור דען ווען אוך וועל טאן איין פר לענדונג אונ אלו עע"ז ווס אוך האב דוך פר שטוסון אהון דיך וועל אוך נוט טון פאר לענדון אונ איך וועל דוך שטראפון מוט משפט אונ אום רומון וועל אוך דיך נוט אוים רומון דער תנחומא שרייבט עם אוז גוועזן פור מענשן אוף דר וועלט ווס האבין זוך גמכט פר איין גאט דריי פון דו עע"ז אונ דר פערדור פון ישראל אין דם זענון זיי חירם מלך צור נבוכדנצר אונ פרעה אונ יואש פון ישראל אונ גאט הט זיי אלו גשטראפט אזו ווי מור גפונון ביי נבוכדנצר דם ער הט זוך גמאכט פר אגאט אזו הט אום גאט נידרוג גמאכט ער הט גמוזט פון זיין מלוכה אוועק לופון אונ וואלד אריין זובן יאר אין הט גגעסון גראז ווי א חיה אונ אוך חירם הט זוך גמכט אונ דר הוך זובון הומלן אונ הט גזאגט ער אוז איין גאט אונ דר נאך הט ער א מפלה גהאט אונ פרעה הט אוך איין מפלה גהאט אזו ווי אובן אוז גשטנון אונ יואש הט זיך אוך גומאכט פר אגאט דען מען הט אום פר בארגון זעקס יאר אונ בהמ"ק אוף דם אורט

**נופת**

כלה חלילה וויא עם שטייט ווייטור ואותך לא אעשה כלה ר' יהודה זאגט עם שטייט דא אל תירא וגו' כי אתך אני הקב"ה זאגט אוך בון מוט דור צוו דער משמעות אז ער כביכול האט זוך אריין גטראגון אונ דער דירה צו יעקב אונ ווען ער וואלט מאכו באמת נשטארבון הט באדארפט שטיין כי אתי אתה דוא בוסט אן נקומון צו מור . וויא גלוקלוך אוז דער קנעכט דאס דער הער זיינער זאגט דם צו אום מוט דעם לשון . ר' שמעון זאגט ר' אבא הט גאנץ גוט

**צופים**

דא נדרשות אוף דעם פסוק ושב יעקב היינו ער וועט זוך קערון צו דעם נאמון ישראל . נאך אפשט ושב יעקב וגו' ער וועט זוך אום קערון צו דעם דאזוגון ארט פון וואנון זיין נשמה אוז אונ תחלת גנומון גווארון ושקט ער וועט זיין רוהוג בעולם הזה ושאנן אונ שטול לעולם הבא ואין מחריד ער וועט נוט ליידון קיין שרעקנוס פון דעם מלאך המות דען אוף אום זענון מקוים גווארון כל הטובות . דם גלייכון זאל גשעהן מוט דם כלל ישראל במהרה בימינו אמן ב

אוֹרְט וִוי דֶר כֹּהֵן גָדוֹל פְּלֶעגְט נָאר אַרַיין גֵיין אוּם יוֹם כִּפּוּר אוּנ עֶר אִיז דָרְט גְוֶועז בַּהַלְטְן מִיט זַיין זַייגֶרִין וָוס הָט אִים גֶזַייגְט זוּנְד עֶר אִיז גְבוֹרִין גְוָוארִין בִּיז עֶר אִיז אַמֶלֶךְ גְוָורִין אִין אַז עֶר אִיז פוּן דָארְטִין אַרוֹיס גֶגַאנְגִין בְּשָׁלוֹם זֶענִין צוּ אִים גֶקוּמִין כָּל יִשְׂרָאֵל אוּנ הָבִּין צוּ אִים גְזָאגְט דִי מוּזְט זַיין אַנָאט וֶוען עֶס הָאט דוּר נוּט גְשַׁאט אוּנ דֶעם הֵיילִיגִין אוֹרְט וִוי דֶר כֹּהֵן גָדוֹל אִיז נָאר אוּם יוֹם כִּפּוּר אַרַיין גְגַאנְגִין אוּנ עֶר מַאכְט אַסְעוּדָה מִיט שִׂמְחָה וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן דָארְטִיןבְּשָׁלוֹם דְרוּם מוּסְטוּ זַיין אַנָאט אוּנ עֶר הָט גְלָאזְט זִיךְ אִיבֶּר רֵיידִין אוּנ הָאט זִיךְ גְמַאכְט פַר אַנָאט אַין זַיי הָבִּין זִיךְ צוּ אִים גְבִּוּקְט דִי גְמָרָא זָגְט אִין מְגִילָה אוּף דֶעם פָּסוּק (כִּי כִּתָבוּר בֶּהָרִים) ר׳ אֶלִיעֶזֶר הַקַפָּר זָגְט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶן וֶועלִין אַלוּ שׁוּלִין אוּנ דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים קוּמֶן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ דָס לֶערְנִין מִיר אָפּ פוּן דֶם פָּסוּק (כִּי כִּתָבוּר בֶּהָרִים) דָס עֶס אִיז גְוֶוען צְוַויי בֶּערְג וָוס זֶענִין גֶקוּמִין צוּ גָאט אוּנ דֶם טָאג וָוס מֶען הָט גְזָאלְט דִי תּוֹרָה גֶעבִּין צוּ יִשְׂרָאֵל אוּנ הָבִּין גְזָאגְט מֶען זָאל אוּף זַיי דִי תּוֹרָה גֶעבִּוןאַזוֹ הָט גָאט זַיי גֶגֶעבִּין אַיין גוּטִין שְׂכַר דָס זַיי הָבִּין זוֹכֶה גְוֶוען אוּנ זֶענִין וָורִין גֶגֶעבִּין אוּנ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִכָּל שֶׁכֵּן דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים וָוס מֶען לֶערְנְט אוּנ זַיי תּוֹרָה אוּנ בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וָוס מֶען טוּט אוּנ זַיי תְּפִלָּה דִי וֶועלִין בְּוַודַּאי קוּמֶן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׃

---

צאינה **פרשת בשלח** וראינה

(וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת הָעָם) אוּנ אַז פַּרְעֹה הָט גוּשִׁיקְט דָס פָאלְק הָט זַיי גָאט נוּט גְוָואלְט פוּרִין דוּרְךְ דֶעם לַאנְד פוּן דִיא פְּלִשְׁתִּים הָאטְשׁוּ עֶס אִיז זַייעֶר נָהוֹנְט צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דֶען גָאט הָאט גְוָואלְט פְּרוּבִּין דִי יִשְׂרָאֵל אוּבּ זַייא וֶועלִין גֵיין אוּנ דֶר מִדְבָּר מִיט וַוייבּוּר אוּנ קִינְדוּר וָוס דוֹרְטִין אִיז דָא גְרוֹסוּ שְׁלַנְגִין אוּנ אוּךְ הָט עֶר זַיי גוּפוּרְט אוּנ דֶר מִדְבָּר כְּדֵי וֶוען זייא וֶועלִין זֶעהִין אַמִלְחָמָה זָאלִין זַיי זִיךְ נוּט אוּם קֶערִין קַיין מִצְרַיִם אוּךְ דְרוּם הָט גָאט זַיי גוּפוּרְט פוּן דֶר זַייט יַם כְּדֵי זַייא זָאלִין זִיךְ נוּט אוּם קֶערִין קַיין מִצְרַיִם דֶער רַבֵּינוּ חֲנַנְאֵל שְׁרַייבְּט גָאט וַויל אַלוּ צַייט טוּן נִסִּים מִיט דִי צַדִּיקִים אוּנ הָאט צוּ יִשְׂרָאֵל אוּךְ גְוָואלְט וַוייזִין נִסִּים אוּנ דֶר מִדְבָּר מִיט דֶעם מָן אוּנ הָט זַיי גְבְּרַאכְט דִי פֵייגוּל וָואס הֵייסִין וַוכְּטוּל אוּנ הָאט זַיי אוּם גוּצוֹגִין וַואסוּר פוּן אַיין שְׁטֵיין דְרוּם הָאט עֶר זַיי גוּפוּרְט אוּנ דֶר מִדְבָּר אוּנ אַזוֹ אוּךְ גוּפוּנִין מִיר בַּייא חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה דָס מֶען הָאט זַייא אַרַיין גְוָורְפִין אוּנ קַאלוּךְ אוּבִין אַרַיין הָט גָאט גֶקֶענְט מַאכִין דָס פַייעוּר זָאל פַאר קָאשִׁין וֶוערִין הָט עֶר דָס נָאךְ שְׁטַרְקוּר גְלָאזְט בְּרֶענִין אוּנ עֶס אִיז צוּ זַיי אֲפִילוּ דִי הָאר נוּט פַר בְּרֶענְט גְוָוארִין כְּדֵי דֶר נֵס זָאל גְרֶעסוּר זַיין אוּנ אַזוֹ אוּךְ בַּיי דָנִיאֵל וֶוען מֶען הָט אִים גְוָורְפִין אוּנ דָס לֵייבִּין גְרוּבּ הָט גָאט גֶקֶענְט מַכִין דָס דִי לֵייבִּין זָאלִין גְטֵייט וֶוערִין אוּנ גָאט הָט זַיי דָאךְ גְלָאזְט לֶעבִּין אוּנ הָט זַיי דִי מַיילוּר פַר שְׁלָאסִין זַיי זָאלִין צוּא דָנִיאֵל נוּט קָאנִין קַיין בֵּייז טוּאִין אוּנ עֶר הָט גְוִויזִין זַיינוּ וִוינְדוּר אַזוֹ אוּךְ הָט גָאט גוּטִין נִסִּים אוּנ דֶר מִדְבָּר אוּנ הָט זַייא גוּשְׁפַּאלְטִין דֶם יַם אוּנ דֶר נָאךְ זֶענִין זַיי גוּקוּמִין קַיין מָרָה וָואס דוֹרְטִין אִיז פוּן לַאנְגוּ יָארִין זוּס וַואסוּר גְוֶוען אוּנ גָאט הָאט זוּ בִּוּטוּר גְמַאכְט דָאס דִי יִשְׂרָאֵל הָאבִּין זַיי נוּט גקענט

### אוהל יעקב

(וַיֵּהָפֵךְ לְבַב פַּרְעֹה וַעֲבָדָיו וַיֹּאמְרוּ מַה זֹּאת עָשִׂינוּ כִּי שִׁלַּחְנוּ אֶת יִשְׂרָאֵל מֵעָבְדֵנוּ) וֶוען פַּרְעֹה הָט אַרוֹיס גְשִׁיקְט דִיא יוּדִין פוּן מִצְרַיִם אִיז נָאךְ דֶעם פַר קֶערְט גְוָוארִין דָאס הַארְץ פוּן פַּרְעֹה אוּנ דָס הַארְץ

### שר״ה הק־וש

(וְלֹא נָחָם אֱלֹהִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וגו׳) אוּנ גָאט הָט זַייא נוּט גְפוּרְט דוּרְךְ דֶעם לַאנְד פְּלִשְׁתִּים. וַוייל עֶר הָאט גְרַאכְט דָאס פָאלְק קָאן זִיךְ פוּלַייכְט בַּדֶענְקִין עֶס וֶועט אוּנ רֶעכְט זַיין צוּ בַּיי טְרַאכְטִין אַז

גקענט טרונקן אונ האט גוטן אנם אונ האט גהייסן אבוטורן האלין אריין ווארפן אזו אוז דאס וואסר זוס גווארן אוף הט גאט דם גוטן צו פרובן ישראל אוב זייא וועלן זוך אוף אום פר זוכירן אונ דעסט גלייכן מוט דעם מן הט ער אוף אלו טאג בזונדור גוגעבן אונ האט נוט מוט אמאל גונוג געגעבן כדי זייא זאלן זוך אלי טאג פר זוכורן אוף גאט אונ זאלן אלו טאג בעטן אוף ברוט דער חזקוני שרייבט דרום הט גאט נוט גוואלט פורן ישראל דורך דעם לאנד פלשתים כדי דוא פלשתים זאלן נוט מיינן דאס דוא ישראל קומן אוף זיי מלחמה האלטן ווייל זיי האבן גהרגות דו בני אפרים וואס זענן ארוס גגאנגן פר דער צייט דען זיי האבן נוט רעכט גוויסט דעם חשבון פון דעם גלות מצרים אונ ווען ישראל וועלן גיין דורך דעם לאנד פלשתים וועלן זיי מיינן דם זיי זענן גוקומן אנקמה טון אונ זיי דרום הט זיי גאט נוט גוואלט פורן דורך דם לאנד פלשתים נאך אפשט אוז (כי קרוב הוא) דען אבימלך דער מלך פון פלשתים אוז גווען אקרוב צוא פרעה דרום הט גאט דו ישראל נוט גוולט פורן דורך דעם לאנד פלשתים דען טאמור אז דו מצרים וועלן זיי נאך יאגן וועלן דו פלשתים אוך זוך אן נעמן פר זייארו קרובים אונ וועלן מוט ישראל מלחמה האלטן (וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים) אונ מוט כלי זיין זענן דו ישראל ארוס גגאנגן פון מצרים אזו וויא בעלי מלחמות האטשו זיי האבן נוט בדארפט מלחמה האלטן דען גאט הט פר זייא מלחמה גהאלטן מוט דו מצרים דאס ווייזט אונז אז דר מענש דארף זוך אן גרייטן וום ער דארף אונ גאט וועט דר צו העלפן אזו ווי דר פסוק זאגט אונ משלי (סוס מוכן ליום מלחמה ולי' הישועה) דם פערד דארף זיין גרייט צו דר מלחמה אונ גאט וועט העלפן דער מדרש זאגט (וחמשים) אוז טייטש אפופט חלק אוז ארוס גגאנגן פון מצרים אונ פור חלקים זענן גשטארבן אונ דעם פונסטרנוש ווייל זייא האבן נוט גוואלט גיין פון מצרים אונ דרום זנון זיי גשטרבן אונ דר פונסטרנוש כדי דו מצרים זאלן נוט זעהן אונ וועלן זאגן דוא ישראל ווערן אוך גשלאגן אזו וויא מור נאך אפשט וחמשים אוז טייטש פופצוג כלומר זיי זענן ארוס גגאנגן פון מצרים מקבל זיין

## אוהל יעקב

כון ויינו קנעבט נאך צו יאגן דוא יודן אונ אום צו קערן וייא קיין מצרים זייא האבן גזאגט ווס האבן מור גטון ווס מור האבן אוועק גשוקט דו יודן פון אונזר ארבוט עס אוז איין משל איין עושר האט גמאכט אגרוסו סעודה הט ער געגעבן אלו מאכלים צו איין קעכן זוא זאל דוא מאכלים צו זוך אהיים נעמן אונ זאל אונ דער היים אפ קאכן אונ אז דו מאכלים וועלן פארטוג ווערן אונ עס וועט קומן דוא צייט פון דעם עסן אז אלו מענשן ווס מען הט גרופן אוף דער סעודה וועלן שון זיין וועט ער שוקן דעם משרת צו דער קעכן אונ וועט ברענגן פון דארט דאס עסן מען זאל געבן צום טוש אונ דער שטייגיר פון דער קעכן פלעגט צו זיין זוא פלעגט זוך נוט איילן צו קאכן נעך דם עסן כדי דם עסן זאל ביי אור מיין גרורן ווארום כל זמן אז דאס עסן אוז בייא אור אונ דער האנד עסט זוא אוך פון דעם עסן אונ נעמט אראפ פון אורו קונדר וועגן אוף דער ווייל הט זוך גמאכט אז דוא קעכן האט גדארפט אוועק גיין אוף איין שעה אודור אוף צוויי הט זוא איבור גלאזט אור קליינו טאכטור זאל אכטונג געבן אוף דעם עסן בוז זוא וועט קומן צו רוק אונ צו הוטן פון איין שאדן אונ דם מיידול הט גוואלט ווייזן פר דער מוטור אז זוא אוז איין בריה אוז זוא געך גגאנגן אונ האט אוף גקלובן דארו שפענדלוך אונ הט אוף גלייגט אוף דעם פייער אונ האט אונטר גבלאזן בוז דאס עסן אוז געך פארטוג גווארן ווען דוא משרתים גקומן אונ האבן דאס עסן גנומן צו דער סעודה אונ אז דוא קעכון אוז אהיים גקומן אונ הט געזהן ווס אור טאכטור האט גטון האט זוא זוך זייער גבייזרט אונ הט גזאגט ווס האסט דוא דוך גאיילט פארטוג צו מאכן דאס עסן איך האב גהאט אונ דער מחשבה איך זאל מור אראפ נעמן פון דעם עסן אונ זאל דור איך געבן אצינד האב איך נוט אונ דוא וועסט אוך נוט האבן

זיין דוא תורה נאך פופציג טעג ווס
פון פסח ביז שבועות (ויקח משה את
עצמות יוסף עמו) אונ משה הט מוט זיך
גנומן די ביינור פון יוסף צו בגרבן זיי
אונ ארץ ישראל דען יוסף הט בשווירן
די ישראל זיי זלון זיינו ביינור מוט געמון
צו בגראבן זיי אונ ארץ ישראל אונ כל
ישראל זענון גלאפן צו לייאון גאלד אונ
זולבור אובור משה איז גגאנגן אמצוה
טון צו דר האלטן די שבועה אונ ווייל
יוסף הט בגראבן זיין פאטור מיט גרוס
כבוד דרום הט ער זוכה גוועזן דם משה
הט זיך מוט אום מתעסק גוועזן ווס ער איז
מער חשוב פון אום אונ משה הט זוכה
גוועזן דם גאט אליין הט זיך מיט אום
מתעסק גוועזן ווס ער איז חשובור פון משה
אונ קיין מענש ווייסט נוט זיין קבר ווייל
גאט הט אום בגראבן אונ דר ים האט
זיך גשפלטן פון וועגן דעם זכות פון יוסף
דען ווי בלד דר ארון פון יוסף איז גקומן
צום ים אונ דר ים הט אום דר זעהן הט
ער זיך גשפאלטן אונ איז אונטר זיך
גלאפן ווייל יוסף איז אויך אנטלאפן פון
זיין הארונס ווייב אונ האט נוט גוואלט
מוט אור ליגן (וי' הולך לפניהם יומם
בעמוד ענן) אונ גאט הט פר ישראל גפורט
ביי טאג אוואלקודיגו זייל צו ווייזן זיי דם
וועג אונ ביי נאכט האט ער גפורט איין
פייארדיגו זייל צו לייכטן צו ישראל אונ
צו פאר ברענן די מצריים (ללכת יומם
ולילה) צו גיין בייא טאג אונ ביי נאכט צו
מקבל זיין גיך די תורה די זייל פון בייא
טאג האט גווארט ביז די זייל פון בייא
נאכט איז אויף גגאנגן אונ די זייל פון
בייא נאכט הט גווארט ביז די זייל פון
בייא טאג איז אויף גגאנגן אונ גאט הט
גזאגט דם ישראל זאלן זיך אום קערן
ארונטר צו מצרים צו ביז אונ דר שטאט
פיתום (ויחנו לפני פי החירות לפני בעל
צפון) אונ זאלן רואן פר דעם אפ גאט
וואס הייסט בעל צפון כדי פרעה זאל
זגן אז זיי בלנזון אונ דר מדבר זיי ווייסן
נוט ווי צו גיין אונ דרום הט גאט גהייסן
רואן פאר דער אפ גאט בעל צפון כדי
די מצרים זאלן מיינן דם זו איז אשטרקו
אפ גאט אונ לאזט דוא ישראל נוט
אנטלופן אונ דורך דעם וועט שטארק
ווערן זייאור הארץ צו נאך יאגן דוא
ישראל חמשו זיי זענן גערן גוועזן אוועק
צו שוקן די ישראל אבר היינט וועלן זיי
זאגן דם ישראל זענן פר אורט אונ דר
מדבר עם איז ווארן אויף זיי פר שלאסן
די מדבר זיי ווייסן נוט ווי אהין צו גיין
אונ די ישראל האבן אליץ גטון ווס גאט
הט גבאטן אונ זענן צורוק גגאנגן (ויוגד
למלך מצרים כי ברח העם) אונ עם איז
ווארין

### אוהל יעקב

דער נמשל איז דער אייבערשטער הט גגעבן די יודון גלות מצרים כדי זיי זאלן איין תיקון האבן זייא זאלן קענון מקבל זיין די תורה אונ וויפול די יודון זענון גוועזן אונ מצרים הט דער אייבערשטור גשוקט דוא ברכה קיין מצרים פון דוא יודון וועגון אונ דער אייבערשטור האט גזאגט צו אברהם אז מען וועט מוט דוא יודון ארבייטון פיר הונדערט יאר ווארום אזו הט גאט מוט זיין חכמה משער גוועזן אז ביז דער צייט וועלון דוא יודון מתוקן ווערון מקבל צו זיין דוא תורה נאר דער רשע פרעה הט אויף די יודון שווער גמאכט דעם עול אונ הט מוט זייא גארבוט שווערו ארבוט אובור דעם זענון זייא פרור מתוקן גווארון פאר דער צייט צו מקבל זיין דוא תורה האט זיי שון פרעה גמוזט ארוס שוקון פון מצרים פאר דער

### של"ה הקדוש

השי"י אליין הט כביכול גמאכט אגדר צו פר הוטון די קונדר ישראל פון אהטא על אחת כמה וכמה דארף זעהן דער מענש זוך מאכון גדרים אונ סייגים זוך צו פאר הוטון ער זאל חלילה נוט נכשל ווערון . ובדרך רמז איז דאס דוא כוונה פון דעם פסוק (שלום שלום לרחוק ולקרוב) פרודון איז צו דעם וואס דער ווייטרט זוך אפילו פון אחשש עבירה ווייל דאדורך ווערט ער נאהונט צו גאט :

(ויקח משה את עצמות יוסף) אונ משה האט גנומן דוא ביינור פון יוסף דער מדרש דרשות אויף דעם פסוק (חכם לב יקח מצות) (משלי י) דער וואס הט אקלוג הארץ קופט זוך מצות . כל ישראל זענון בשעפטיגט גוועזן צו נעמון גאלד אונ זולביר אונ משה רבינו ע"ה הט דרויף גאר נוט געהון אונ איז גגאנגון

ווארון גזאגט צום מלך מצרים אונ דעם דרוטון טאג אז דם פאלק איז אנטלפון גווארון דען די ישראל הבון גזאגט אונ מצרים צו פרעה דם זיי וועלון נאר זומון דריי טעג אונ דר מדבר אונ וועלון צורוק קומון הט פרעה מוט זיי גשוקט שלוחים דאם זיי זאלון זוך נאך דריי טעג אום קערון אבור די ישראל הבון זוך שון נוט גוואלט אום קערון אזו זענון די שלוחים גגאנגון אונ איין טאג וום די ישראל זגון גגאנגון אונ צוויי טעג ווייל זיי זענון נוט פול גוועזן אונ האבון גזאגט צו פרעה דם די ישראל ווילון זוך נוט אום קערון אונ פרעה איז גוגנגון מוט פול פאלק דרום ער גנגון אונ צוויי טעג אונ חאטשו די ישראל הבון זוך צו מצרים אום גקערט זענון זייא דאך ווייט גוועזן צוויי טעג פון מצרים ווייל זיי האבון זוך נאר אבוסול אום גקערט מען זאל מיינון דאם זייא קערון זוך אום אודור צו ישראל הט גאט איים גוטון דם זייא זענון פול פאלק אונ זענון גגאנגון אונ איין טאג דאם וואם פרעה איז גגאנגון אונ צוויי טעג אונ זיי זענון גקומון דעם זובוטון טאג פסח ביי נאכט צום ים אונ האבון שירה גזאגט דרום ליינט מען אלו יאר די שירה דעם זובוטון טאג פסח (ויאסור את רכבו) אונ פרעה אליין הט איין גשפאנט זיין רייט וואגון כדי ער זאל שטרקון דם פאלק צו

נאך יאגון אונ פרעה הט געפונט אלו זיינו אוצרות וואס אלו מלכים האבון איין גזאמולט אונ הט גוטיילט צו זיין פאלק גאלד אונ זולבר אונ זיי האבון דם אלץ מיט גנומון זעקס הונדרט הופט לייט אונ גיטו פערד פון מצרים אונ חאטשו דר האגול הט דר שלאגון אלו בהמות איז דך גבליבן בהמות פון די וום הבון מורא גהאט פר גאט אונ האבון זייערו בהמות אריין גנומון אונ הוז אריין פר דם האגול ווען משה הט זיי איין התראה גטאן אונ חאטשו זיי זענון פרום גוועזון אונ האבון מורא גהט פר גאט הבון זיי דאך זייערו בהמות גגעבון אונ דר מלחמה (ויחזק יי את לב פרעה) אונ גאט הט גשטארקט דם הארץ פון פרעה הען ער האט זוך בטראכט אוב ער זאל נאך יאגון אודר נוט הט גאט גשטארקט זיין הארץ ער זאל נאך יאגון אונ די ישראל זענון ארום גגאנגון פריי פון מצרים אופון באר אונ די מצרים הבון גפונון די ישראל ביי דם אפ גאט בעל צפון כדי זיי זאלון זגון דם איז איין שטרקו אפ גאט דם גאט קען איר נוט טון (ופרעה הקריב) אונ פרעה הט גנענט צו ישראל אונ נאך איין פשט איז פרעה הט גמאכט גנענון די הערצר פון ישראל צו גאט מוט גובעט אזו ווי דהמן הט גוולט די ישראל פר לורון זענון זיי פרום גווארון אונ האבון תשובה גוטון אזו

### אוהל יעקב

צייט אונ אז דוא יודון זענון ארום גגאנגן פון מצרים איז שון דוא ברכה נוט גקומון קיין מצרים ווארום דוא יודון זענון נוט גוועזן אונ מצרים דם הט פרעה גזאגט מוט דוא מצרים (מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל מעבדינו) וואס האבון מור גטון וואס מור האבון אוועק גשוקט דוא יודון פון אונז דורך דעם וואס מור האבון מוט זיי שטארק גארבוט אונ אז דוא יודון זענון נוט אונ מצרים קומט שון דוא ברכה אוך נוט קיין מצרים :

(אשירה לה' כי גאה גאה) אז די מצרים זענון דער טרונקון גווארון אונ ים הט משה מוט דוא יודון גזאגט אוך וועל זונגון צו גאט ווארום ער הט גהערשט אובור אלו הערשאפטון מור דארפון פאר שטיין פאר

וואס האבון דוא יודון נוט מסדר גוועזן דוא שירה ווייא אזו זייא האבון גארבוט שווערו ארבוט אונ מצרים אונ זענון גוועזן קנעכט אונ גאט הט זייא אום גלייזט זייא האבון נאר מסדר גוועזן דוא שירה ווייא אזו גאט איז מפורסם גווארון אוף דער וועלט . עס איז אמשל איין שדכן הט אום גפורט אשידוך אונ דוא צווייא מחותנים האבון חתונה גמאכט . אוף דער חתונה האבון זוך אלו גפרייט האבון דוא מחותנים גהאט אוויכוח מוט דעם שדכן וועלכו שמחה איז גרעסור הט מען גזאגט אז דוא שמחה פון דעם שדכן איז גרעסור ווארום ער האט שון דם שדכנות געלד אפ גנומון אבור די מחותנים איז זייער שמחה נאך נוט אונ גאנצון ווארום טאמור וועט דאס פאר פאלק נוט

אַזוֹ אִיךְ פַּרְעֹה אַז עֶר הָאט נָאךְ גֶיאָגְט דִי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זֵיי פְרוּם גְוָוארְן אוּנ הָבּוּן תְּפִלָּה גוּטוּן צוּ גָאט (וְהִנֵּה מִצְרַיִם נֹסֵעַ אַחֲרֵיהֶם) אוּנ יִשְׂרָאֵל הָבּוּן גְזֶעהְן דָם דִי מִצְרַיִם צוּהוּן נָאךְ זַייא דְרוּם שְׁטֵייט עֶר צוּהְט וַוייל זֵיי הָאבּוּן אַלוּ גוּצוֹגוּן מוּט אַיין דֵעָה גְלַייכְוִוי אֵיין מֶענְשׁ צוּ פַר לוּרוּן דִי יִשְׂרָאֵל דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט דְרוּם שְׁטֵייט נוֹסֵעַ עֶר טוּט צוּהוּן צוּ וַוייזוּן דָם דֶר שַׂר פוּן מִצְרַיִם וָוס הֵייסְט עֻזָא דֶער שַׂר הָט אוֹךְ נָאךְ גֶיאָגְט יִשְׂרָאֵל זֶענוּן דִי יִשְׂרָאֵל זֵייעֶר וָוארְן דֶר שְׁרָאקוּן הָאבּוּן זֵיי גְזָגְט צוּא מֹשֶׁה אוּז דֶען נוּט גוּנוּג קְבָרִים אוּנ מִצְרַיִם וָוס דוּ הָאסְט אוּנְז פוּן דָרְטוּן אוּם גְצוֹגוּן צוּ טֵייטוּן אוּנְז אוּנ דֶר מִדְבָּר דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט עֶם אוּז צְוִוישׁוּן יִשְׂרָאֵל פוּר כִּתּוֹת גְוֶוען אֵיין כִּתָּה הָט גְשְׁרוּגוּן צוּ גָאט אֵיין כִּתָּה הָט גְזָאגְט מוּר וֶועלוּן מִלְחָמָה הַלְטוּן אֵיין כִּתָּה הָאט גְזָאגְט מוּר וֶועלוּן זוּךְ אוּם קֶערוּן קֵיין מִצְרַיִם אֵיין כִּיתָּה הָט תְּפִלָּה גוּטוּן מוּט גְרוּם גְשְׁרֵיי הָאט מֹשֶׁה גְזָאגְט צוּ יִשְׂרָאֵל (יְיָ יִלָּחֵם לָכֶם) גָאט וֶועט פַר אַייךְ מִלְחָמָה הַאלְטוּן דֶען דוּא מִצְרַיִם הָאבּוּן גְזֶעהְן בַּיי דֶר מַכָּה פוּן בְּכוֹרוֹת דָם גָאט אַלֵיין שְׁלָאגְט זֵיי אוּנ זֵיי קֶערוּן זוּךְ דֶער צוּא נוּט דְרוּם אוּז גְלַייךְ וִויא זַייא הַאלְטוּן מִלְחָמָה מוּט גָאט דְרוּם וֶועט גָאט מוּט זֵיי מִלְחָמָה הַלְטוּן אוּנ אוּר זָלְט שְׁוַוייגוּן. נָאךְ אַפְּשַׁט אוּז אוּר יִשְׂרָאֵל זָאלְט שְׁטוּל שְׁוַוייגוּן דָם מֶען זָאל אַייךְ אוֹךְ נוּט שְׁטְרָאפוּן דֶען אוּר הָאט גוּדוּנְט דוּא ע״ז אוּנ מִצְרַיִם (מַה תִּצְעַק אֵלָי)

גָאט זָאגְט צוּא מֹשֶׁה עֶס אוּז הַיינְט נוּט צַייט צוּ שְׁרַייאוּן לַאנְג וַוייל יִשְׂרָאֵל זֶענוּן אוּנ גְרוֹסוּ צָרוֹת. נָאךְ אַפְּשַׁט אוּז גָאט זָאגְט וָואס שְׁרַייסְטוּ אוֹךְ וַויים אַלֵיין וואל דָאס עֶם הֶענְגְט אָן אוּנ מוּר דְרוּם זָאג צוּא יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלוּן צוּהוּן צוּם יַם אַזוֹ וֶועט עֶר זוּךְ צוּ שְׁפַּלְטוּן פַר זֵיי פוּן וֶועגוּן זְכוּת אָבוֹת אוּנ פוּן וֶועגוּן דֶער אֱמוּנָה וָואס זֵיי וֶועלוּן אוּנ מוּר גְלַייבּוּן אוּנ דֶער מִדְבָּר (הָרֵם אֶת מַטְּךָ) דוּא מֹשֶׁה הֵייבּ אוֹף דַיין שְׁטֶעקוּן אוּנ שְׁפַּאלְט דֶעם יַם דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט מֹשֶׁה הָט צוּ דֶעם יַם גוּזָאגְט שְׁפַּלְט דוּךְ הָט דֶער יַם צוּ אוּם גוּזָאגְט דוּ הָאסְט אוּבּוּר מוּר נוּט צוּא שַׁאפוּן גֵייא צוּם טַייךְ נִילוּס דָם אוּז דַיין טַייךְ הָט דָם מֹשֶׁה גְזָאגְט פַר גָאט הָאט גָאט צוּא אוּם גוּזָאגְט וֶוען אַקְנֶעכְט פָאלְגְט נוּט דֶעם הֶער שְׁלָאגְט עֶר אוּם מוּט אַשְׁטֶעקוּן דְרוּם הֵייבּ אוֹף דַיין שְׁטֶעקוּן אוּנ שְׁלָאג דֶעם יַם וֶועט עֶר זוּךְ שְׁפַּלְטוּן הָאט מֹשֶׁה אוּם גוּשְׁלָאגוּן אוּנ עֶר הָאט זוּךְ נוּט גְוָואלְט שְׁפַּלְטוּן אוּז גָאט אַלֵיין גְקוּמוּן אַזוֹ וִוי בַּאלְד דֶער יַם הָאט דֶער זֶעהְן דָאס גָאט אוּז גוּקוּמוּן הָט עֶר זוּךְ בַּאלְד גְשְׁפַּאלְטוּן אוּנ אוּז אוּנְטוּר זוּךְ גְלָאפוּן הָט מֹשֶׁה גְזָאגְט צוּם יַם וָוארוּם טוּסְטוּ אוּנְטוּר דוּר לוֹפוּן הָט דֶער יַם גְזָאגְט דוּא מֹשֶׁה בּוּסְט דוּךְ טוֹעֶה דוּא מֵיינְסְט אוֹךְ לוֹף אַוֶועק פַר דוּר אוֹךְ לוֹף אַוֶועק פַר גָאט וָואס הָאט דוּא וֶועלְט בַּשַׁאפוּן דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט (הָרֵם אֶת מַטְּךָ) אוּז טַייטְשׁ דוּ מֹשֶׁה לָאז אַרוּם דעם

### אוהל יעקב

וֶועלוּן זוּצוּן אֵיינְס מוּט דֶעם אַנְדֶרוּן אוּז זוּךְ דוּא שִׂמְחָה פוּן פְרוּר קֵיין שִׂמְחָה נוּט דָם אֵייגוּנוּ אוּז מוּט דוּא יוּדוּן זֵיי הָאבּוּן פַאר שְׁטַאנוּן אַז דוּא גְאוּלָה אוּז נוּט אוֹף תָּמִיד זַייא וֶועלוּן נָאךְ דַארְפוּן זַיין אַיין מָאל אוּנ גָלוּת אוּבּוּר דֶעם הָאבּוּן זַייא נוּט דֶער מַאנְט אוּנ דֶער שִׁירָה דוּא טוֹבָה וָואס זַייא הָאבּוּן גְהַאט נָאר זַייא הָאבּוּן מְסַדֵּר גְוֶוען דוּא שִׁירָה וִויא אַזוֹ גָאט אוּז מְפוּרְסָם גְוָוארוּן אוֹף דֶער וֶועלְט וָוארוּם זַיין פִּירְסוּם אוּז אוֹף אֵייבּוּג:

### של"ה הקדוש

אוֹף זוּכוּן יוֹמְטוֹב בֵּיינוּר. אַז הַשֵּׁ"י הָט דָאס גְזֶעהוּן הָאט עֶר גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה. אוֹף דוּר פַּאסְט דֶער פָּסוּק (חֲכַם לֵב יִקַּח מִצְוֹת) דֶער פוּן לֶערְנוּן מוּר אַז יֶעדוּר מֶענְשׁ דַארְף אַוֶועק לֵייגוּן אוּנ אַוַייט נָאלְד אוּנ זִילְבּוּר אוּנ דַארְף זֶעהוּן מְקַיֵּים צוּ זַיין דוּא מִצְוָה וָועלְכוּ עֶס קוּמְט אוּם צוּ דֶער הַאנְד. וָוארוּם עֶר קָאן זוּא פַאר זוּימוּן:

(וַיֹּאמֶר אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע) אוּנ גָאט הָט גְזָאגְט אוֹבּ דוּא וֶועסְט הֶערוּן דוּא שְׁטוּמוּ פוּן דֶעם אֵייבּוּנוּן

דעם שטעקין פון דיין האנד דען די לייט זאגין דס די קאנסט קיין וואונדר ניט טון נאר מיט דעם שטעקין דרום לאז ארום דעם שטעקין פון דיין האנד אונ זאג צום ים ער זאל זיך שפלטין (ולא קרב זה אל זה כל הלילה) אונ עס זענין ציא אנאנדר ניט גקומין ישראל אונ מצרים אני צו נאכט חאטשי זיי זענין גאר נאהנט געווען ביי אנאנדר דען דער וואלקין וואס פלעגט ביי טאג גיין פר ישראל אונ ביי נאכט פלעגט ער אוועק גיין אונ די נאכט איז ער ניט אוועק גגנגין גאר ער איז גגנגין אינטער ישראל אונ האט פינסטער גמכט צוא דיא מצרים (ויבקעו המים) אלי וואסירן פון דער וועלט זענין גשפלטין גוואורין ווען דר ים איז גשפלטין גווארין. צעהין ניסים איז גשעהין בייא דעם ים איינס וואס דער ים איז גשפלטין גווארין דס אנדרי זענין די וואסירן גווארין ווי אהייל אונ וויא אגוועלב איבר ישראל דס וואסר איז געווען פון אויבין אונ פון הינטין אונ ביי די זייטין דס דריטי פון הינטין איז גווארין טריקין אונ הארט כדי די ישראל זאלין זיך ניט אנשמירין די פיס אונ ליים דס פערדי צו די מצרים איז די ערד גווארין זייער ליימיג זענין זיי אנגזונקין גווארין דרינין דאס פינפטי דס וואסר איז גווארין פר גליווערט ווי אשטיין דס זעקסטי דס וואסר איז ניט גווארין פר גליווערט איין שטיקנאנדרט שטיקיר וויים איז זוא גווארין אזו ווי שטיינר דס זיבטי איז דר ים איז ווארין אין צוועלף שטיקיר גשפאלטין כדי איטליכים שבט זאל גיין דורך איין אנדרין וועג דס אכטי דאס וואסר איז ווארין קלאר ווי אגלאז דס איין שבט זאל קענין זעהין דס אנדרין שבט גיין לעבין זיך אונ דאס ניינטי דס וואסר פון דעם ים איז ווארין זיס וויא צוקיר כדי די ישראל זלין קענין טרינקין אונ ווען זיי האבין גנומין טרינקין איז דס וואסר גווארין וויך אונ ווי באלד זיי

האבין אפ גטרונקין איז זוא ווייטיר פר גליווערט גווארין כדי עס זאל ניט מאכין נאס אונטיר דיא פיס דאס צעהנטי גם שרייבט דער חזקוני דאס דס וואסיר אונ ים איז אינטין אדרויט חלק גבליבין פר גליווערט כדי ישראל זאלין דרויף גיין דען ווען עס זאל אום גטרוקינט ווערין בוז אונ גרונד וואלט אטופיר גרוב געווען אזו וואלט שווער געווען די ישראל אראפ צו גיין אונ ארויף צו גיין דר בחיי שרייבט גאט האט גומכט וואקסין אונ ים אלרליי פירות אונ ווען איין קינד האט גוויינט האט דיא מוטיר דעם קינד געגעבין איין אפיל אודיר אמול גראס (והמים להם חומה) דאס וואסר איז ווארין צוא ישראל אזו ווי איין מויאר פון אלי זייטין. דר מדרש זאגט דיא ישראל האבין זכות פון אלי זייטין אויף דער רעכטיר זייט האבין זייא דיא תורה אויף דר לינקיר זייט האבין זיי תפילין פר זייא איז מצות מילה אונטיר זיי איז מצות ציצית וואס מען העינגט אונ טלית פון אונטין (ויסר את אופן מרכבותיו) אונ גאט האט מיט דער פייערגי זייל פאר ברענט אלי הולצירני כלים פון זייני רייטוועגין אונ דר וואלקין האט גמאכט די ערד ליים אונ די פייערגי זייל האט דס ליים גמכט הייס דר פון איז אפ גשפרונגין די קלאין פון די פערד (לפנות בוקר לאיתנו) דר ים האט זיך אום גקערט אונ דר פרוא צו זיין שטארקייט ווען ישראל זענין פון דם ים ארויס גגנגין אונ די מצרים זענין גקומין אונ ים דיא מצרים האבין גוואלט צוריק לופין האט גאט זיי פר טומלט דס זיי זענין גלופין אקעגין דם ים דר בחיי שרייבט (לאיתנו) איז טייטש צו זיין תנאי וואס גאט האט מיט אים אום גנומין ווען ער האט אים בשאפין דס ער זאל זיך שפאלטין פאר ישראל ווען זייא וועלין ארויס גיין פון מצרים. אונ אזו אויך האט גאט איין תנאי אום גנומין מיט דער זון דאס זוא זאל

בלייבן שטיין אונ די טעג פון משה אונ
די זון אונ די לבנה זלון בלייבן שטיין אונ
די טעג פון יהושע (ומצרים נסים לקראתו)
דס וואסר איז די מצרים אקעגן געגנגן אונ
הבן זיי גשלעפט אונ ים אהיינדר חזקוני
שרייבט די מצרים האבן ישראל נאך
גיאגט אונ ים אונ הבן גמיינט זיי וועלן
אויף דעם ים דורך לופן אונ ווי זיי זענן
גקומן אונ מוטן ים איז ווארן דס וואסר
צו גאנגן האבן זיי גוואלט צו רוק לופן
הט זיי דס וואסר נוט גולזט (וירא ישראל
את מצרים מת על שפת הים) אונ ישראל
האבן גזעהן די מצרים טוט איף דעם
בארטן פון דעם ים דען דר ים האט זיי
ארוס גווארפן כדי די ישראל זאלן זיי
זעהן דר טרוקן אונ זאלן נוט זאגן אזו
ווי מיר זענן ארוס גגאנגן אונ איין זייט
אזו אויך זענן די מצרים ארוס גגנגן פון
איין אנדרר זייט אונ זיי וועלן קומן אויף
אונז אונ אויך דרום הט זיי דער ים ארוס
גווארפן כדי ישראל זלן נעמן דס געלד
אונ זולבור וואס די מצרים האבן ביא
זיך גהאט (וירא ישראל את היד הגדולה
די ישראל האבן גזעהן דס גאט הט
אויף דעם ים גשלאגן די מצרים מוט דר
גאנצור האנד דען אונ מצרים שטייט
(אצבע אלהים הוא) דס איז טייטש מוט
איין פינגור הט גאט זיי גשלאגן צעהן
מכות אונ ווען ער הט איף דעם ים מוט
דער גאנצור האנד זייא גשלאגן וואס
אונ איר איז פונוף פונגור אזו איז גוועזן
פופצוג מכות (אז ישיר משה ובני ישראל
דענסט מאל האבן כל ישראל שירה
גזאגט אפילו די קונדור פון דר ברוסט
אונ אויך דוא קונדור פון זייעור מוטורס
לייב האבן שירה גזאגט אונ זייא הבן
גזאגט גאט איז גהערשט איבור אלו
הארן (סוס ורוכבו רמה בים) גאט הט
בהעפט דעם מענשן מוט דם פערד וום
ער הט דרויף גריטן אונ דם וואסור
האט זיי גווארפן אונ ים ארויף אונ ארפ
(זה אלי ואנוהו) דאס איז מיין גאט אונ
איך וועל אים בשיינן מוט לוב (אלהי
אבי וארוממנהו) ער איז דער גאט פון
מיינו עלטורן אונ איך וועל אים דר
הייבן מוט לוב (יי איש מלחמה יי שמו)
גאט טוט מלחמה הלטן פר ישראל אונ
שפייזט די גאנצו וועלט מוט זיין הייליגן
נאמן נוט ווי איין בשר ודם איבור גאט
אונ דער צייט וואס ער האלט מלחמה
שפייזט ער אויך די גאנצו וועלט אודור
(יי איש מלחמה יי שמו) גאט הלט נוט
מלחמה מוט איין שווערד אודור אבוקס
נייערט וייל זיין נאמן איז יי מוט זיין
הייליגן נאמן האלט ער מלחמה (טובעו
בים סוף) דוא מצרים זענן ווארן איין
גזונקן אונ ים סוף דס דרום איז ווארן
פון אונטן ליים דען גאט בצאלט אליך
מדה כנגד מדה וייל זיי האבן מוט
ישראל גארבוט אונ ליים דרום זענן
זייא ווארן איין גזונקן אונ ליים (ירדו
במצולות כמו אבן) דו שלעכטו מצרים
זענן גוועזן ווי שטרוי וס שווימט אויף
דעם וואסור אזו זענן זייא אויך ארום
גשווימן אויף דם וואסור אונ זענן נוט
גוך גשטארבן אונ האבן פול יסורים
גהאט דס זאגט דר פסוק (יאכלמו כקש)
זיי זענן ווארן פאר לורן ווייא שטרוי
אונ וואסור מוט אשווערי מיתה אונ דוא
מוטיל מעסוגו זענן גוועזן וויא אשטיין
פאלט ארעפ באלד אזו האבן זיי בלד
די מיתה גהאט דס זאגט דר פסוק ירדו
במצולות

שר"ה הקדוש

נאט . אונ דאס וואס רעכט איז אונ זיינו אויגן
ועסטו טאן . אונ זיינו גבאט וועסטו הערן אונ אלו
זיינו גזעצו וועסטו הוטן . מען קען דא ביטראכטן
וויא פול ענינים הט השי"ת מפורש גוועזן וועלכו זענן
נייטונג גאט באמת צו דונן . הערן , טאן . גהארכן
אונ היטן . אונ יעדור פון זייא זענן גרוסו כללים
וום האלטן אונ זיך אפילו פרטים . אונ נאר דורך
אלו צו זאמן קאן דער מענש קומן צום תכלית :

בְּמְצוּלוֹת כְּמוֹ אָבֶן (תְּהָרוֹס קָמֶיךָ) דוא טוסט צו פורון דיינו פיינד (נֶעֶרְמוּ מַיִם) די וַסור איז וָוארון צו הופן נאך אַפְּשַׁט זָאגְט דֶער בְּחַיֵי די וַואסור זָענון קְרוּג גְוָוארון דֶען זֵיי זָענון וָוארון פַר גְלִוֶועְרְט צו יִשְׂרָאֵל אונ צו די מִצְרַיִם זָענון זֵייא גְוָוארון צו וַואסור אונ הָאבון זֵיי דֶער טְרֶענְקְט (אָמַר אוֹיֵב אֶרְדּוֹף) דֶר פַּיינְט פַּרְעֹה זָאגְט צו זַיין פָּאלְק אוך וֶועל נָאך יָאגון יִשְׂרָאֵל אונ וֶועל זֵיי גְרֵייכון וֶועלון מור זוך טֵיילון מוט דֶעם זַאק רוב (מִי כָמוֹכָה בָּאֵלִים יְיָ מִי כָּמוֹכָה נֶאְדָּר בַּקֹּדֶשׁ) וֶוער איז אַזוֹ אַנָאט וָוס שְׁוַויְיגְט אַזוֹ וִוי דו שְׁוַויְיגְסְט צו בַּצָלון די רְשָׁעִים וָוס טון פַר דור בֵּייז אונ בַּצָלְסְט זֵיי נוט בַּלְד (נוֹרָא תְהִלּוֹת) גָאט איז פָארְכְטוּג צו לובון דֶען טָאמור טוט מֶען אום נוט רֶעכְט לובון אַזוֹ וִוי מֶען דַרְף (תִּבְלָעֵמוֹ אָרֶץ) די עֶרְד הָט די מִצְרַיִם אַיינְגוּשְׁלוּנְגון אונ דָם הָבון זֵיי זוֹכֶה גְוֶועזן וַוייל זֵיי הָבון גְזָאגְט יְיָ הַצַּדִּיק גָאט איז גוּרֶעכְט דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם הָבון זֵיי זוֹכֶה גְוֶועזן צו בַּגְרָאבון וֶוערון וַוייל די מִצְרַיִם זֶענון אוף גְגַאנְגון מוט יוֹסֵף צו בַּגְרָאבון יַעֲקֹב דֶען גָאט בַּצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה (נָטִיתָ יְמִינְךָ) דו הָסְט גְנֵייגְט דַיין רֶעכְטוּ הַאנְד צו שְׁוֶוערון דֶען די עֶרְד הָט זֵיי נוט גְוָולְט צו נֶעמון וַוייל זוּ איז וָוארון גֶשָׁלְטון אוּבֶּר דֶעם וָוס זו הָט צו גֶנוּמון דָאס בְּלוּט פון הֶבֶל הָט גָאט איר גוּשְׁווארון דָם עֶר זָאל איר נוט טון דָער פַאר דֶער אִמְרֵי נוֹעַם שְׁרַייבְּט אַז יָשִׁיר וַוייזְט אוּנְז דָם גָאט וֶועט די טוֹטוּ לֶעבְּדוּג מַאכון אונ דוא טֶעג פון מָשִׁיחַ דֶען יָשִׁיר איז טַייטְשׁ זֵייא וֶועלון זִינְגון אונ דוא טֶעג פון מָשִׁיחַ דוא גְמָרָא זָאגְט דְרַיי שְׁלוּסְלון איז בַּיי גָאט אַלֵיין אונ די הֶענְט וָוס עֶר הָט זֵיי נוט אוּבֶּער גֶענְפֶּרְט צו קֵיין מַלְאָךְ אֵיינֶר איז פון אֵיין אִשָּׁה וָוס גֵייט צו קוּנְד דֶער אַנְדֶרֶר איז פון רֶעגוּנְדֶר דְרוּטֶר איז פון טוֹטוּ לֶעבְּדוּג מַאכון נָאך שְׁרַייבְּט דֶר אִמְרֵי נוֹעַם צָלְלוּ כַּעוֹפֶרֶת עֶס זֶענון גְוֶועזן פול מִצְרַיִם וָוס הָאבון גְקֶענְט כּוּשׁוּף אַזוֹ זֶענון זֵיי פון דֶם וַואסֶר אַרום גְפְלוּגון אַקֶעגון דֶעם הוּמֶעל איז גְקוּמון גַבְרִיאֵל אונ מִיכָאֵל אונ הָבון זֵיי גְשְׁלָאגון אוף זֵייעֶרוּ קֶעפּ זֶענון זֵייא אַרָאפּ גְפַאלון וִויא אֵיין בְּלַיי אונ וַואסֶר אַרַיין (שָׁמְעוּ עַמִּים יִרְגָּזוּן) דוא אוּמוֹת הָאבון גְהֶערְט דוא גְרוֹסוּ וִוינְדֶר זֶענון זֵיי וָוארון דֶער צוּטֶערְט אונ דוא פְּלִשְׁתִּים זֶענון וָוארון דֶער שְׁרָאקון זֵייא הָאבון גְמֵיינְט דָאס יִשְׂרָאֵל וֶועלון זוך נוֹקֵם זַיין אונ זֵיי וַוייל זֵיי הָאבון גְהַרְגוּת די קוּנְדֶר פון אֶפְרַיִם וָואס זֶענון אַרום גְגַאנְגון פון מִצְרַיִם דְרַייסִג יָאר פַר דֶר רֶעכְטֶר גְאוּלָּה אונ די הַארון פון אֱדוֹם זֶענון וָוארון דֶר שְׁרָאקון זֵייא הָאבון גְמֵיינְט דָם יִשְׂרָאֵל וֶועלון זוך אונ זֵיי נוֹקֵם זַיין וַוייל עֵשָׂו הָט יַעֲקֹב בֵּייז גוּטון די הַארון פון מוֹאָב הָבון זוך דֶער שְׁרָאקון אַז יִשְׂרָאֵל זָאלון זוך אונ זֵיי נוט נוֹקֵם זַיין וַוייל די פַּסְטוּכוּר פון לוֹט הָאבון זוך גְקְרוּגְט מוט דוא פַּסְטוּכוּר פון אַבְרָהָם אונ מוֹאָב קוּמְט אַרום פון לוֹט אונ די זוּצוּר פון כְּנַעַן זֶענון וָוארון דֶר שְׁרָאקון וַוייל זֵיי הָאבון גְוִויסְט דָם יִשְׂרָאֵל וֶועלון בַּיי זֵיי דָם לַאנְד צו נֶעמִין

של״ה הקדוש

(הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם לֶחֶם מִן הַשָּׁמַיִם וגו׳ לְמַעַן אֲנַסֶּנּוּ הֲיֵלֵךְ בְּתוֹרָתִי) אוך וָועל מַאכון רֶעגונון בְּרוֹט פון הומול אום צו פְּרָאבורון אום אוב עֶר וֶועט פָאלְגון מַיינו לֶערו . דֶער פון קָאן מֶען אַרום נֶעמון אַרְמַז אַז אונ עֶסון דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין בְּדִבְרֵי תוֹרָה . אַזוֹ וִוי אוּנְזֶרוּ חֲכָמִים זָאגון (כָּל שׁוּלְחָן שֶׁלֹּא אָמְרוּ עָלָיו דִּבְרֵי תוֹרָה וכו׳ אבות פרק ג׳) :

(לִקְטוּ מִמֶּנּוּ אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ) קְלוֹיבְּט דֶער פון יֶעדור וִויא פול עֶר דַארְף צום עֶסון דָאס הַייסְט נוט מֶער אונ נוט וַויינִיגוּר נָאר וִויא צו עֶרהַאלְטון דָאס לֶעבון . וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטוּר (וַיָּמֹדּוּ בָעֹמֶר וְלֹא הֶעְדִּיף הַמַּרְבֶּה וְהַמַּמְעִיט לֹא הֶחְסִיר) אונ זֵייא הָאבון אָפּ גְמָאסְטן הָאבון זֵייא גְנָעהון דָאס דֶער וָוס הָאט פול גְקְלוּבון הָט נוט מֶער גְהַאט אונ דֶער וָוס הָאט וַויינִיגוּר גְקְלוּבון הָאט נוט וַויינִיגוּר גְהַאט . הש״י הָט דָאס פַר זָאגְט אונ דֶעם וִוינְדוּר גְטָאן אום

נעמון (עד יעבור עמך יי עד יעבור עם זו קנית) גאט העלף אונז בוז מור ווערן אובור פארון דעם מייך ארנון אונ בוז מור ווערן אובור פארון דעם ירדן צו גיין קיין ארץ ישראל דען אז זייא האבון גדארפט אובור פארון דעם ירדן האבון דו כהנים זוך גשטעלט מוט דעם ארון אונ ירדן אוז דר ירדן גבלובון שטיין אונ אוז וואררן טרוקון בוז ישראל זנון אובור גפארון (עם זו קנית) דס פאלק וואס דו האסט דור גקופט ביי קבלת התורה דען אז ישראל האבון מקבל גוועזן דו תורה זענון זיי וואררן גקופט צו גאט אוף אייביג צו דינון אום אזו וויא אקנעכט צום הארן (תביאמו ותטעמו) דו גאט ווערסט זייא ברענגון קיין ארץ ישראל אונ ער האט נוט גזאגט אונז דאם האט ער אוף זוך נבואות גזאגט אז ער ווערט נוט זוכה זיין צו קומון קיין ארץ ישראל (יי ימלוך לעולם ועד) גאט זאל אייבוג אובור אונז קונוגון אזו וויא ער הט אצונד גוקוגט דס ער הט גוטס גוטון צו דו צדיקים אונ האט גמאכט פר לורון דו רשעים אונ ים אונ דרום שטייט (ימלוך) אן אוא"ו צו ווייזון דס גאט לייגט נוט קיין שווערו ארבוט אוף דעם מענש אום צו דינון נאר וויא דר מענש קען דר ליידון דר בחיי שרייבט עס זענון אכצון פסוקים אונ דר שירה דס ווייזט אכצון גלודור זענון אונ רוקון פון אמענש אונ אלו ווערן לעבודוג ווערון אונ דו טעג פון משיח אונ ווערן זאגון שירה דרום שטייט נוט (אז שר) דס ער הט גזונגון ווען ער אוז פון דעם ים גגאנגון נור עס שטייט אז ישיר ער ווערט זונגון ווען משיח ווערט קומון (כי בא סוס פרעה) ישראל האבון גזאגט שירה אז דו מצרים זענון גוקומון אונ ים אריין אונ ישראל זענון טרוקון ארום דענסט מאל (ותקח מרים הנביאה אחות אהרן וכו׳) האט מרים גנומון דו פוק אונ האט שירה גזאגט דרום זאגט ער אחות אהרן צוא ווייזון דס זוא אוז גוועזן אנביאה אז זו אוז נאך גוועזן דו שוועסטור פון אהרן איי משה אוז גובורון גווארון הט זו נביאות גזאגט אז איר מוטור ווערט האבון אזון וואס ווערט אום צודהון דו ישראל פון מצרים אוך דרום זאגט ער אחות אהרן אונ נוט אחות משה ווייל אהרן שטייט נוט דר מאנט אונ דר גאנצר שירה דרום דער מאנט ער אום דא דר בחיי שרייבט מען זאל זוך נוט וויגדורון אז איין אשה זאל זאגון נבואות דען זייא זענון אוך מענשון
ווייל

של״ה הקדוש

אונז צוא לערנון מוט ווייננ זוך צו באנגעגונון אונ דרובור אוז אוך אריין ווערום אונ דעם וואס אנדרו האבון אובור גלאזט אוף מארגון . צו ווייזון וואס דוא חכמים זאגון (מרבה בשר מרבה רימה) דער וואס מאכט מער פלייש דער מאכט טאן מערון ווערום אונ דוא תורה הט צו גגעבון דאם ווארט (ויבאש) אונ עם אוז פר דארבון גווארון צו ווייזון אז אפילו פארון לעבון ווערם פון דו מותרות אגושטאנק וויא דער פסוק זאגט (קיא צואה בלי מקום) ווארום דער פוש אוף וועלכון מען עסט דארף הייליג זיין . אונ דארף חלילה מוט מותרות נוט פאר אומריינוגט ווערון :

(ויאמר משה אל יהושע בחר לנו אנשים) אונ משה זאגט צו יהושע קלוב אונז אום מענשון . רש״י שרייבט משה רבינו ע״ה הט גזאגט (לנו) דאם הייסט פר מור אונ פר דור . ווייל ער הט גוואלט יהושע גלייך שטעלון צו זוך דער פון האבון ארום גנומון אונזרו חכמים אונ האבון גזאגט דער כבוד פון דיין תלמיד זאל דור זיין טייער וויא דיין אייגונור כבוד . אונ דער כבוד פון דיין חבר זאל ביי דור זיין גלייך וויא דו פארכט פון דיין לעהרור . ווייל עס שטייט (ויאמר אהרן אל משה בי אדוני) אוף בעט דוך מיין הער . אהרן אוז דאך עלטור גוועזן פון משה אונ ער אוז גוועזן זיין חבר אונ הט אום גרופון מיין הער וויא ער וואלט גוועזון זיין לעהרור . אונ דוא פארכט פר דיין לעהרור זאל ביי דור זיין וויא דוא פארכט פר גאט ווייל יהושע הט גזאגט צו משה רע״ה (אדוני משה כלאם במדבר י״א) מיין הער משה פר טולוג זייא פון דער וועלט זייא האבון דאם פאר דונט ווייל זייא זענון דור דער ווידור גוועזון אונ דער וואס אוז דער ווידור קעגון דיין לעהרור אוז גלייך וויא ער אוז דער ווידור קעגון גאט :

ווייל זו איז פון איר מאן וואהרין בשאפון אונ שרה איז נאך מער נביאה גוועה, פון אברהם נאך שרייבט דר בחיי מען זאל ווייבור נוט פאר נישט האלטון דען זיי זענון אויך אזו חשוב ווי אפרומור מאן ווארום מיר גיפינון דם אביגיל איז גוועזן אנביאה אונ האט בשיידליך גוויזון דאס עס איז פאר האנדון עולם הבא וואס אונ דר תורה שטייט נוט בשיידליך קיין עולם הבא חנה האט גוויזון אויף תחית המתים וואס שטייט נוט בשיידליך אונ דר תורה דרום זאל מען ווייבור חשוב האלטון ווארום אז זיי זענון פרום זענון זיי פרום אן מאס אונ די גמרא זאגט אונ מגילה אז זיבון ווייבור נביאות איז גוועזן שרה מרים חנה דבורה חולדה אביגיל אסתר (בתופים ובמחולות) מרים האט גנומון אפוק אונ דער האנד אונ האט גשפילט אונ אלו ווייבור האבון גטאנצט מיט שמחה אונ דרום הט מרים גנומון אפוק נוט איין אנדר כלי זמר כדי ווען מען וועט פוקון וועלון די מנזבולון נוט הערון דאס קול פון די ווייבור דען עס איז איין עבירה צו הערון אקול פון איין אשה אונ דרום איז אצונדרט אויך דער דר סדר ווען ווייבור זינגון אויף אחתונה קלאפון זייא מיט דיא הענד כדי דיא מאנזבולון זאלון נוט הערון זייער קול דען דער מענש טראכט בייזו מחשבות ווען ער הערט אקול פון איין אשה אונ ווען זייא דאווינון הויך זענון זיי מבלבל די מאנזבולון פון תפלה זייא זאלון זיך לערנון פון חנה אז זוא הט תפלה גוטון שטיל נאר זי הט גרורט מיט אירו לעפצן אונ איר קול הט מען נוט גהערט אונ גאט הט באלד איר תפלה אן גנומון פון דאנון לערנון אונזרי חכמים אפ אז מען זאל תפלה טון אן גשריי (ויסע משה את ישראל) רש"י מיט דם אמרי נועם שרייבן משה הט מיט גוואלט אוועק גיצוגון די ישראל פון דעם ים דען זיי האבון זיך נאך

גוואלט פר זומון צו נעמון דם גאלד אונ זולבר פון די טוטו מצרים דען עס איז מער גאלד אונ זולבר גוועזן ביי דעם ים ווי אונ מצרים אונ ווען די וועסט פרעגון עס שטייט דאך (וינצלו את מצרים) דוא ישראל האבון אום גליידיגט דוא מצרים אונ האבון ביי זיי אונ גאנצון אוועק גליגון אז זיי זענון ארוס גגאנגון פון מצרים אונ ווי האבון דוא מצרים ווידר גנומון גאלד אונ זולבער דער תירוץ איז זייא האבון נאר אוועק גוליגון דאס גאלד אונ זולבר וואס זיי האבון אונ די הייזור גוהאט אובר אז פרעה הט גוואלט נאך יאגון הט ער געפונט אלו אוצרות וואס ער האט איין גזאמולט אונ האט גגעבון צום חיל פול גאלד אונ זולבער כדי זייא זאלון וועלון נאך יאגון נאך ישראל (ולא מצאו מים) די ישראל זענון גגאנגון אונ דער מדבר אונ האבון נוט גופונון קיין וואסור צוא טרונקון אונ עס איז גוועזן אום ניסן ווס דענסט מאל איז גאנץ ווארום איז שווער צו זיין אן וואסור אונ גאט האט דם גוטון צוא פרובון זיי אוב זיי וועלון נוט רעדון קיין בייז אויף גאט אונ זענון גוקומון קיין מרה האבון זייא נוט גקענט טרונקון קיין וואסור פון מרה ווייל זייא זענון גוועזן בוטור דער בחיי שרייבט דם וואסור איז פרור זום גוועזן אונ אצונדרט האט גאט זו גומאכט בוטור צוא פרובון ישראל האבון די ישראל זייער גשריגון אויך דוא טראגונדיגו ווייבור אונ דוא קליינו קונדור איז זייער שלעכט גוועזן אן וואסור האבון זיי גושריגון צוא גאט האט גאט גזאגט צוא משה נעם אבוטור האלץ אונ ווארף אריין אונ וואסור וועט דם וואסור זום ווערון דען גאט טוט איין נס אונ דעם אנדורון אונ האט גוהייסון בוטור האלץ אונ בוטור וואסור אריין ווארפון זענון די וואסורון זום גווארון צו ווייזון דאס אמענש זאל זיך פאר לאזון אויף גאט אפילו ווען עס איז אום בוטור

דען גאט קען פון דעם בוטרקייט אליין זוס מכון (שם שם לו חוק ומשפט) דורטן איז משה גווארן אמלך איבור ישראל אונ האט זיי גמאכט תקנות וויא אזו זייא זאלן זיך פירן איינר מיט דעם אנדרן אוך פיל ע״ז האבן גיבראכט פירות צו פר קופן צו ישראל הט משה גימכט תקנות ווי אזו מען זאל זיך מיט דוא ע״ז פירן מען זאל זייא קיין שקר ניט טואן דער בהיי שרייבט משה האט זיי גוויזן איטליכם קרייטור וואס איז גוט צו איין רפואה אונ וועלוכס איז ניט גוט אונ מאכט קראנק דרום שטייט (ושם נסהו) דאס איז טייטש זיי האבן משה גיפרובט אוב ער זאגט אמת אונ דרום זאגט באלד דר פסוק (אם שמוע תשמע לקול יי אלהיך) חטשו די קרייטר זענן גוט צוא סגולות אונ רפואות דאך זאלסטו דיך דרויף ניט פר לאזן נאר אויף גאט ער קען דיך היילן פון דיין קרנקייט דרום זאלסטו תפלה טון צו גאט וועט ער דיך היילן (כי אני יי רופאך) דען איך גאט בין דיין היילור ניט די קרייטור אונ דרום הט חזקיהו המלך בהאלטן דאס ספר הרפואות וואס דרינן זענן גשטנן אלו קרייטור כדי מען זאל זיך דרויף ניט פר לאזן נאר מען זאל גאט בעטן וועט ער היילן דר מדרש שרייבט דער עץ החיים איז גשטנן ביי דם וואסור נאר דר שטן האט אים אוועק גנומן כדי די ישראל זאלן בייז ריידן אויף גאט הט גאט גוויזן דם עץ החיים צו משה הט ער אים ארין גווארפן אונ וואסור אונ האט דעם שטן אפ גוטן (אם שמוע תשמע וגו׳) אוב די וועסט הערן אונ גאטס מצות וועסטו ניט זיין קראנק דר בעל הטורים שרייבט דאס ווארט מחלה איז די אותיות הלחם אונ אותיות המלח דאס ווייזט אונ דעם מענשנס גוף איז פר האנדן דרייא אונ אכציג קראנקייט וויא פיל דאס ווארט מחלה בטרעפט אונ די אלו ווערן אפ

גטון דורך ברוט מיט זאלץ אונ וואסור דרום שטייט דאס ווארט מחלה גאהוגט ביי דוא קוואל ברונו צו ווייזן דאס דורך זאלץ אונ ברוט אונ וואסור קאן מען דוא דאזיגו קראנקהייט פאר שטערן (ויבאו אילמה) אונ זייא זענן גוקומן קיין אלים איז דארטן גוועזן צוועליף קוואלן וואסור כדי איטליכום שבט זאל אבאזונדורן קוואל האבן אונ זיבוציג טייטול ביימור כדי איטליכור זקן פון די זיבוציג זקנים וואס זענן גוועזן מיט משה זאל איטליכור האבן איין טייטול בום אונ דם וואסור איז גוועזן זייער זוס דעם דרטון ווי די טייטלן וואקסן איז דם וואסר זוס אונ די ישראל הבן גגעסן דם טייג וואס זיי האבן ארויס גיצוגן פון מצרים דרייסיג טעג ביז פופצן טאג אונ חודש אייר אונ אז דם טייג הט זיך אויס גלאזט האבן ישראל זייער גשריגן אונ זאגן עס וואלט אונז בעסר גוועזן צו זיין אונ מצרים צו זיצן אובר דעם טאפ פלייש איי מיר זאלן דא שטארבן אונ הונגר האט גאט גשיקט מן פון דעם הימל דם זעכצינטן טאג אונ אייר אונ זונטיג הט דר מן אן גהובן צו גיין אונ גאט הט גזאגט (הנני ממטיר לכם לחם מן השמים) איך וועל אייך געבן ברוט פון דם הימל דען פון דם מן הט מען גמאכט ברוט אונ דר מן איז גוועזן אזו ווי קערנר פון גלנדור אונ איז גוועזן ווייס אונ זוס ווי האניק רבי אליעזר זאגט דר מן איז גפאלן זעכציג איילן הויך אונ איז גפלן ביי נאכט ווען ישראל זענן נאך גשלפן אויף זייער בעט אונ אין דר פרו זענן גגאנגן די ישראל אונ הבן גקליבן דם מן דען גאט גוט צו צדיקים פיל גוטס ווען זייא לוגן נאך אויף די בעטן אונ אזו אויך אז דם בהמ״ק איז גשטנן איז דער רעגן נגאנגן מוצאי שבת אונ דונסטיג אויף דער נאכט וואס צו מוטוואך וואס דענסט מאל גייאון קיין מענשן ניט זיי זאלן זיך ניט פר שטערן

פון זייערו מלאכות ווען דר רעגון ווערט
גיין ביי טאג וואס מענשין גייאון אונ אזו
אוך הט חזקיהו גבעטון רבונו של עולם
אוך האב נוט קיין כח צו שלגון דו עע"ז
אונ אוך נוט נאך צו יאגון אונ קען קיין
שירה נוט זאגון דרום וויל אוך שלאפון
אוף מיין בעט אונ דו העלף מיר אונ גאט
הט גטון זיין ווילון אונ הט גשוקט ביא
נאכט איין מלאך אונ הט דער שלאגון דו
מחנה פון אשור אונ חזקיהו איז גשלאפון
אוף זיין בעט אונ אזו זאגט דר פסוק אונ
תהלים (כן יתן לידידו שנה) גאט גוט צו
זיין גלויבטן צדיק נוטש ווען ער שלאפט
נאך אונ עם העלפט נוט דעם רשע זיין
פרוא אוף שטיין אונ דער מן איז ווארון
איין גשלונגון אונ דו גלודור דאס זייא
האבין קיין אום גאנג נוט גהאט אזו וויא
אונ פסוק שטייט (לחם אבירים אכל איש)
אזו אברוט וואס איז ווארון איין גשלונגון
אונ דוא אברים האט אוטלוכור ישראל
גגעסון (דבר יום ביומו) דר מן איז גפלון
אלו טאג וואס מען הט גדארפט צום
עסון אונ גאט הט גקאנט אונ איין מאל
לאזון פאלון אוף איין צייט נאר ער הט
גוואלט אז זיי זאלון אלו טעג בעטון אונ
זאלון זוך פר זעכורון אז מארגון ווערט
אוך זיין מן רבי אלעזר זאגט ווער עס
הט היינט צו עסון אונ זאגט וואס וועל
אוך מארגון עסון דער האט קיין אמונה
נוט אונ גאט דען גאט בשערט אוטלוכן
זיין עסון אונ דר צייט רבי שמעון זאגט
דרום איז נוט אן גפאלון מן אוף אצייט
כדי אוטלוכור פון ישראל מוט ווייב אונ
קונדר זאלון אוף הייבון זייערו אוגון צו
גאט אונ זאלון בעטון ער זאל געבון מן
נאך אפשט איז כדי ישראל זאלון אלו
טאג עסון פרושון מן נאך אפשט איז
ווען עס זאל אן פאלון מן מוט אמאל
אוף אצייט וואלט שווער גווען פאר
ישראל צו טראגון ווען זיי האבון גוצוגון
פון איין אורט אוף דעם אנדורון אונ דר
מן איז גפאלון דו צדיקים פר די הייזור זיי
זאלון אום באלד נעמון אונ דו מוטול
מעסוגו לייט האבון ווייטר גמוזט גיין אונ
דו רשעים האבון נאך ווייטור גדרפט גיין
(למען אנסנו הילך בתורתי) גאט זאגט
אוך וועל צוא ישראל געבון מן צו פרובון
זיי אוב זיי וועלון הלטון דו מצות וואס ביי
דם מן איז דם ערשטו איז זיי זאלון נוט
אובור לאזון פון דם מן פון איין טאג אוף
דם אנדורון אונ זאלון אום שבת נוט גיין
קלובון אונ זיי האבון אום ערב שבת אן
מאס גקלובון אונ אז מען איז אהיים גקומן
הט מען טאפול גופונון ווי אונ איין אנדרון
טאג (ערב וידעתם כי יי הוציא אתכם
מארץ מצרים) משה אונ אהרן זאגון צו
ישראל איר וועט גוואר ווערון דם גאט
הט אייך אום גוצוגון פון מצרים אונ נוט
מור וואס איר זאגט איר הט אונז גובראכט
צו טייטון אונ דער מדבר אוף דר נאכט
וועט אייך גאט געבון פלייש וויל איר הט
נוט רעכט גובעטון דען מען קען זיין אן
פלייש דרום וועט ער אוך געבון ביא
נאכט אבור דעם מן האבון זיי רעכט
גבעטון דרום האט ער זייא געבון אונ
דער פרוה זייא זאלון צייט האבון אום
גרייט מאכון צו עסון דער בחיי שרייבט
דער מן איז ווארון גוגעבון צו ישראל כדי
זייא זאלון קענון תורה לערנון ווען זיי
וועלון גונוג עסון האבון אונ אזו אוך
האט מען דוא כהנים אונ לוים תרומות
אונ מעשרות גוגעבון אונ פלייש פון
קרבנות כדי זיי זאלון קענון זוצון אונ
לערנון תורה אזו הט גאט מוט דעם מן
דו ישראל גפרובט אוב זיי וועלון לערנון
תורה אונ גאט פרובט איין מענשון
האטשו ער ווייסט ווי אזו עס וועט זיין
נאר ער וויל ווייזון דוא לייט דאס דער
צדיק איז בשטאנון ביא דער פרוב אונ
זייא זאלון זוך פון דעם צדיק לערנון אוך
אזו צו טון דרום שטרפט גאט דעם צדיק
כדי לייט זאלון זוך פון אום אפ לערנון

מען זאל קיין בייז נוט ריידון אקעגון גאט
אפילו ווען ער שטראפט אונ מען זאל
גאט לובון אפילו אויף יסורים אויך פרובט
גאט דעם עושר אויב ער וועט זויך רעכט
נוהג זיין מוט זיין געלט צו געבון צדקה
אונ אויך פרובט גאט דעם ארימון אויב ער
וועט מקבל זיין דעם דלות אונ וועט נוט
רעדון אקעגון גאט אויך פרובט גאט די
נשמה אונ גוף אויב זי וועט נאך גיין דעם
יצר טוב אודור דעם יצר הרע אונ ווען
מען בשטייט ביי דר פרוב גוט גאט איין
גרוסון שכר דער פר (והיה ביום הששי
והכינו את אשר יביאו) משה זאגט צוא
ישראל דם זעקסטון טאג דם איז פרייטוג
זאל מען אן גרייטון מן אויף שבת משה
זאגט צו ישראל נוט אויף אונז איז אייער
קרוג נאר אויף גאט פון דאנון לערנון
מיר אפ ווער עס קריגט אויף ארב אודור
אתלמיד חכם דער איז גלייך וויא ער
קריגט אויף גאט (ובבוקר תשבעו לחם)
אונ אין דער פרוא וועט איר אייך אן
זעטון מוט ברוט אונ וועט ווישון דם אויך
בון גאט אייער גאט פון דאנון לערנון
מיר אפ דם מען דארף בענשון נאך דם
עסון דען משה האט גזאגט ווען איר
וועט אייך אן זעטון מוט ברוט זאלט
איר ווישון דאס גאט הט אייך גשפייזט
אונ זאלט בענטשון (ויהי בערב ותעל
השליו) אונ עס איז גוועון אויף דר נאכט
זענון גוקומון גוטו פייגול צו ישראל ווס
האבון גהייסון שליו אונ די פייגול הבון
זייא גוהאט אונ דער מדבר אלו פערצוג
יאר אונ דרום האט נור די תורה גשריבון
דאס דער מן איז גוועון פערצוג יאר אונ
האט נוט גושריבון דאס די פייגול זענון
גוועון פערצוג יאר ווייל דער מן איז גוועון
אניי בשעפונוש עס זענון פול ניסים ביי
אים גוועון אבר דער שליו איז נוט גוועון
קיין נייא בשעפונוש אונ אין דער פרוא
איז גוועון דער טל ארום דער מחנה דר
מדרש שרייבט אזו איז גופאלון צום
ערשטון איז גפאלון טויא אונ האט די
ערד גלייך גומאכט אונ דער נאך איז
גפאלון דער מן אונ אויף דעם מן איז
ווידער גפאלון טויא צו צוא דעקון אום
דרום לייגון מיר אום שבת איין טושטוך
אויף דעם טוש אונ דרויף די קוכון אונ
אויף די קוכון ווידור איין טושטוך צוא
גדענקון ווי אזו דער מן איז גלעגון אונ
דר מדבר אונ די בני ישראל הבון אום
גורופון מן דאס איז טייטש איין גאב פון
דעם הומול (לקטו ממנו איש לפי אכלו)
משה זאגט צו ישראל איר זאלט קיין
מורא נוט האבון דאס די גבורים וועלון
מוט גוואלד פול מן אן קלובון אונ דער
שלאפור וועט ווייניג אן קלובון דרום
זאגט ער (איש לפי אכלו) איטליכור
וועט אן קלובון נאך זיין עסון נאך (עומר
לגלגולת) איין מעסטול צוא איין מענש
אונ ווער עס וועט אויף עסון דער וועט
זיין גוזונד אונ ווער עס וועט מער אויף
עסון דער וועט הייסון אפרעסר אונ
וועט זיין שלאף (איש לאשר באהלו)
איטליכור זאל קלובון פר זיין ווייב וועגון
אויך וואס זי הייסט אוהל ווייל זי זוצט
אלין אונ גצעלט פון דאנון לערנון מיר
אפ דם אמענטש איז מחויב צוא שפייזון
זיין ווייב אונ קינדור ווען זייא זענון קליין
(וילקטו אותו בבוקר בבוקר) אונ זייא
האבון גוקלובון אונ דער פרו אונ דער
מן איז גלעגון בוז פור שעות אויף דעם
טאג אונ אז די זון איז אויף גגאנגון איז
דער מן ווארון צוא גאנגון אונ ווען איין
מענש הט פר זומט אן צו קלובון הט מען
אום גטיילט אזו ווי מען טיילט צדקה ער
זאל האבון צו עסון דעם גאנצון טאג אונ
פול ניסים איז גוועון ביי דעם מן דען ער
האט זיי פול סודות גזאגט וויא אביא
דען ווען אקגעבט פון איין ישראל איז
אנטלופון צוא אנדורון וישראל דער
האט גזאגט אויך האב ביי דור דם קגעבט
גקופט אונ דער אנדרר האט גזאגט ער

אוּז פוּן מוּר אַנְטְלוֹפוּן אוּז מֶען דֶם אֶמֶת דוּרְךְ דֶעם מָן גִוָואר גִוָוארוּן וִוי מֶען הָט דָם מֶעסְטוּל מָן גִיפוּנוּן אוּבְּרוּג צוּ דֶעם אוּז דֶר קְנֶעכְט גִוֶוען דֶען אוּטְלוּכוּן בַּעַל הַבַּיִת אוּז גִפַאלוּן מָן נָאךְ זַיין הוּז גִזוּנְד נָאךְ פוּן זַיין וַוייבּ אוּנ קוּנֶדר אוּנ קְנֶעכְט וֶוענוּן אוּטְלוּכֶן אַמֶעסְטוּל אוּנ דֶם קְנֶעכְטֶס מֶעסְטוּל אוּז גִפַאלוּן בַּיי זַיין בַּעַל הַבַּיִת דְרוּם הָט מֶען גִוִויסְט וֶוער זַיין בַּעַל הַבַּיִת אוּז אוּנ אוּךְ אֵיין אִשָׁה וָואס הָאט זוּךְ גִקְרוּגְט מוּט אוּר מַאן אוּנ אוּז גַנְאַנְגוּן צוּ אוּר פָאטֶר דֶר מַאן הָט גִזָאגְט זוּא אוּז שׁוּלְדוּג אוּנ דוּ אִשָׁה הָאט גִזָגְט דֶער מַאן אוּז שׁוּלְדוּג הָט משֶׁה גִזָגְט אוּנ דֶר פְרוּה וֶועט זַיין דָאס מִשְׁפָּט אוּנ אַז עֶס אוּז גִקוּמוּן אוּנ דֶר פְרוּ הָט מֶען גִזֶעהוּן אוּבּ דֶם מֶעסְטוּל מָן אוּז גִפַאלוּן אוּנ אוּר מַאנְס הוּז הָט מֶען גִוִויסְט אַז זוּ אוּז שׁוּלְדוּג אוּנ אוּבּ דָאס מֶעסְטוּל מָן אוּז גִפַאלוּן אוּנ אוּר פָּטֶרְס הוּז הָט מֶען גִוִויסְט אַז דֶר מַאן אוּז שׁוּלְדוּג אוּנ אוּךְ אַז אֵיין אִשָׁה הָט גִנוּמוּן אַמַאן פַר דְרַיי חֳדָשִׁים נָאךְ אוּר מַאנְס טוּט אוּדוּר נָאךְ דֶעם גֶט אוּנ הָאט גִהַאט אַקוּנְד צוּ זֶעקְס חֳדָשִׁים מוּט עֶטְלוּכוּ טֶעג הָט מֶען נוּט גִוִויסְט אוּבּ עֶס אוּז צוּ נַיין חֳדָשִׁים פוּן דֶעם עֶרְשְׁטוּן מַאן אוּז עֶר זַיין פָאטוּר אוּדוּר עֶס אוּז צוּא זֶעקְס חֳדָשִׁים מוּט עֶטְלוּכוּ טֶעג פוּן דֶעם אַנְדוּרוּן אוּז עֶר זַיין פָאטוּר הָאט מֶען גִזֶעהוּן וִוי דָאס אוּבְּרוּגוּ מֶעסְטוּל מָן אוּז גִפַאלוּן וֶוען עֶס אוּז גִפַאלוּן בַּיי דֶעם עֶרְשְׁטוּן מַאנְס הוּיז הָאט מֶען גִוִויסְט דָאס עֶס אוּז זַיין קוּנְד אוּנ אוּבּ עֶס אוּז גִפַאלוּן בַּיי דֶם אַנְדוּרוּן מַאנְס הוּז אוּז דָאס זַיין קוּנְד דֶער בַּעַל הַטוּרִים שְׁרַייבְּט וֶוען דֶער מָן אוּז צוּ גַנְגוּן אוּז פוּן אוּם גִילוּפוּן טַאכוּן וַואסוּר אוּנ דוּ חַיוֹת הָאבוּן דֶער פוּן גִטְרוּנְקוּן אוּנ דוּא אוּמוֹת הָאבוּן פוּן דוּא חַיוֹת גִגֶעסוּן אוּנ הָאבוּן פַאר זוּכְט דֶעם טַעַם פוּן מָן אוּנ הָאבוּן זוּךְ פַר וִוינְדֶרְט וָואס דָאס פְלֵייש פוּן דוּא חַיוֹת אוּז אַזוּ גוּט אוּנ הָאבוּן גִזָאגְט וִוי אַגְרוֹיסוּ טוֹבָה הָאט גָאט גוּטוּן צוּא יִשְׂרָאֵל אוּנ דֶער מִדְבָּר מוּט דֶעם מָן (וַיָרֻם תּוֹלָעִים … וּרִמָּה לֹא הָיְתָה בּוֹ) חָאטְשׁוּ וֶוען מֶען הָאט אוּם אוּנ דֶער וָואכוּן אוּבּוּר גִלָאזְט פוּן אֵיין טָאג אוּף דֶעם אַנְדוּרוּן אוּז עֶס מוּט וֶועְרוּם גִוָוארוּן אָבּוּר אַז מֶען הָאט אוּבּוּר גִלָאזְט פוּן פְרַייטוּג אוּף שַׁבָּת אוּז עֶס נוּט מוּט וֶועְרוּם גִוָוארוּן פוּן דַאנוּן לֶערְנוּן מוּר אָפּ דָאס אוּם שַׁבָּת הָאבוּן דוּא מֵתִים אוּךְ מְנוּחָה דָם דוּ וֶועְרוּם עֶסוּן זֵייא נוּט אַזוּ וִויא זֵייא הָאבוּן נוּט גוּגֶעסוּן דֶם מָן אוּם שַׁבָּת אַזוּ שְׁרַייבְּט דֶער בְּחַיֵי (אִכְלוּהוּ הַיּוֹם) משֶׁה זָאגְט צוּ יִשְׂרָאֵל אוּם שַׁבָּת עֶסְט הַיינְט דֶעם מָן דֶען הַיינְט אוּז שַׁבָּת הַיינְט וֶועט אוּר נוּט אוּם גִפוּנוּן אוּנ פֶעלְד עֶס שְׁטֵייט אוּנ פָּסוּק דְרַייא מָאל הַיּוֹם דָם וַוייזְט דָם מֶען זָאל דְרַיי סְעוּדוֹת עֶסוּן אוּם שַׁבָּת אֵיינוּ פְרַייטוּג צוּא נַאכְט אוּנ אֵיינוּ שַׁבָּת פְרוּה אוּנ אֵיינוּ שַׁבָּת נָאךְ מִנְחָה אוּנ עֶס אוּז אַגְרוֹיסוּ מִצְוָה צוּ הַלְטוּן דוּ דְרַיי סְעוּדוֹת (רְאוּ כִּי יְיָ נָתַן לָכֶם אֶת הַשַׁבָּת) זֶעהְט דָם גָאט גוּט אַייךְ דֶם שַׁבָּת דֶער מִדְרָשׁ שְׁרַייבְּט אַלוּ זַאכוּן פוּן שַׁבָּת זֶענוּן טָאפּוּל דֶער מָן פוּן שַׁבָּת אוּז גִוֶוען טָאפּוּל צְוַויי מֶעסְטְרוּךְ אוּף אֵיין מֶענְשׁוּן דֶר קָרְבָּן פוּן שַׁבָּת אוּז טָאפּוּל צְוַויי שָׁאף פַר אַקָרְבָּן שַׁבָּת אוּנ דֶער וָואס אוּז מְחַלֵל שַׁבָּת שְׁטֵייט בַּיי אוּם זַיין מִיתָה טָאפּוּל (מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת) אוּנ דֶר וָוס הַאלְט רֶעכְט שַׁבָּת אוּז זַיין שְׂכַר טָאפּוּל אוּנ דֶר מֶענְשׁ הָט אוּךְ אוּם שַׁבָּת צְוַויי נְשָׁמוֹת (לְמַעַן יִרְאוּ אֶת הַלֶחֶם) מֶען הָט אַגְלָאז מָן בַּהַלְטוּן בּוּז דוּ צַייטוּן פוּן מָשִׁיחַ צוּ וַוייזוּן דָאס בְּרוֹט וָוס אוּנְזוּרוּ עֶלְטוּרוּן הָאבּוּן אוּנ דֶר מִדְבָּר גִגֶעסוּן אוּנ אוּךְ דֶר שְׁטֶעקוּן פוּן אַהֲרֹן אוּז וָוארוּן בַּהַלְטוּן אוּנ דֶר אָרוֹן מוּט זַיינוּ שְׁטַאנְגוּן זֶענוּן אוּיךְ וָוארוּן בַּהַאלְטוּן אוּנ נָאךְ פוּל כֵּלִים פוּן דֶעם בהמ״ק זֶענוּן וָוארוּן בַּהַאלְטוּן אוּנ אַהֵייל אוּנְטֶר דֶעם בהמ״ק אוּנ דֶם גְלָאז מָן אוּז גִשְׁטַאנוּן אוּנ בהמ״ק בּוּז יֹאשִׁיָהוּ

המלך אוז גקומון אונ הט זו פר בארגון אונ דער הייל אונטר דעם בהמ"ק אונ אז ירמיהו הנביא הט דו ישראל גשטראפט ווארום לערונט איר קיין תורה נוט הבון זיי גזאנט ווי וועלון מיר נעמון עסון הט ער גנומון דס גלאז מן אונ האט זייא גוויזון זעהט גאטס שפייז וואר עס לערנט תורה דארף נוט צווא זארגון אויף עסון (את המן אכלו ארבעים שנה) דו ישראל האבון דעם מן גגעסון פערציג יאר דר בחיי שרייבט האטשו עס גייט אפ איין חודש דען זיי האבון אן גהובון צו עסון האלב אייר אונ הבון אויף גהערט האלב ניסן נאר ווייל עס גייט מיין נוט אפ נאר איין חודש אוז גלייך ווי פערציג יאר אונ דר מן אוז גגאנגון אכט אונ דרייסוג טעג נאך דעם טוט פון משה דעז משה אוז גשטארבון זובון טאג אונ אדר האט יהושע גפורט ישראל אונ דער מן אוז גגאנגון פון זיין זכות וועגון אכט אונ דרייסוג טעג בוז האלב ניסן אונ רש"י שרייבט דוא גאנצו פערציג יאר האבון ישראל גגעסון מן דעז דו מצות וום זייא האבון גהאט פון מצרים האבון גהאט אטעם מן אונ דם האבון זייא גגעסון פון האלב ניסן בוז האלב אייר אונ דער מן האט באלד אויף גהערט נאך דעם טוט פון משה נאר איין טאג פאר זיין טוט אוז גגאנגון מן וואס אוז גנוג גוועזן בוז האלב ניסן אזו האבון זייא מן פערצוג גאנצו יאר גוגעסון (והעומר עשירית האיפה הוא) אונ דער עומר אוז איין צעהנטול פון איין איפה אונ איין איפה האט גהאלטון פור הונדרט צווייא אונ דרייסוג אייער אוז אצעהנטול דריי אונ פערצוג אייער אונ אפופטול איי אזו גרוס אוז גוועזן דס מעסטול פון דעם מן אונ אזו אוז דער שיעור פון אטייג וואס מען דארף דר פון חלה נעמון זאל עס גרוס זיין דריי אונ פערצוג אייער אונ אויף פסח נעמט מען אוך אזו אמאס צו דעם טייג

פון מצ"ת מיין טאר מען אונ איין מאל נוט קנעטון (ויצמא שם העם למים) אונ אז ישראל זענון גקומון קיין רפידים זענון זיי גווארון דארשטוג צו וואסור אונ הבון נוט גהאט צו טרונקון האבון זיי גזאגט צו משה ווארום האסטו אונז אוס גצוגון פון מצרים צו טייטון אונז מוט דארשט הט משה גשרוגון צו גאט דו ישראל וועלון מיך באלד פר שטיינון זאגט גאט גייא נאר פאר ישראל אונ זעה אוב זיי וועלון דיך פאר שטיינון כלומר אוך קאן דיך מציל זיין אונ אוך דו דארפסט זיי נוט חושד זיין אז זיי וועלון דיך פר שטיינון (ומטך אשר הכית בו את היאור) אונ דעם שטעקון וואס דוא האסט מוט אום גשלאגון דעם טייך אונ מצרים אונ ער אוז גווארון בלוט מוט דעם שטעקון זלסטו שלאגון דעם שטיין וועט פון אום רונון גוט וואסור דער בחיי שרייבט דעם שטעקון האט קיין שום נביא נוט גהאט אונ זיין האנד צו טואון ניסים דען אפילו יהושע דער תלמיד פון משה הט דעם שטעקון נוט. גוהאט נאר אשפוז האט ער גהאלטון אונ זיין האנט ווען ער הט מלחמה גהלטון נאך דעם טוט פון משה דען אשטעקון וויזט אויף שררה שאפט אבור אשפוז ווייזט אויף אבעל מלחמה וואס האלט איין מלחמה אונ דרום הט גאט גהייסון נעמון דעם שטעקון ווייל דוא ישראל האבון גזאגט אז דר שטעקון אוז ווארון אן גברייט צו ברענגון בייז אונ מכות דרום האט גאט גזאגט צו משה נעם דעם שטעקון אונ שלאג דם שטיין עס זאל גיין וואסור צו ישראל זיי זאלון זעהן דאס פון דעם שטעקון קאן זיין גוטס דער בחיי שרייבט דער שטיין וום אוז גוועזן אונ רפידים אוז אוך גוועזן צום אנדורון מאל אונ קדש אונ דער שטיין אוז גוועזן דוא ברונו וואס אוז גגאנגון מוט דוא ישראל פערצוג יאר אונ דער מדבר אונ האט זייא גוגוג וואסור געבון

(ויבא עמלק) אונ עמלק איז גקומן אונ האט מלחמה גהאלטן מיט ישראל ווייל ישראל האבן גזינדיגט אונ האבן גזאגט דם גאט איז ניט ביי זיי אלו צייט דרום האט גאט אויף זייא גשיקט עמלק אונ זיי האבן גשריגן צו גאט אונ ער האט זיי גהאלפן אזו האבן זיי גוויסט דאס גאט איז ביי זיי אלו צייט (בחר לנו אנשים) משה האט גזאגט צו יהושע דר וויל אום מענשן צו אונז ביידו דער פון לערנן מיר אפ אז איין רב זאל דעם תלמיד אזו חשוב האלטן גליך וויא זיך דער בחיי שרייבט עמלק איז גוועזן אגרוסור שטערן זעהר אונ אחכם אונ האט אום גקליבן מענשן וואס וועלן דאס יאר גווים ניט שטארבן כדי ישראל זאלן ניט קענן זייא דער שלאגן דרום זאגט משה צו יהושע דר וויל אונז אום אזעלכו מענשן וואס זאלן קענן זיי דר שלאגן שטייט (ויחלוש יהושע) יהושע הט ניי נאר שלאף גמאכט אבור ער הט זיי ניט גטייט ווייל זיי האבן גמוזט דם יאר אום לעבן אונ רש"י שרייבט עס איז גוועזן ביי עמלק פיל כישוף מאבור דרום זאגט משה דער וויל אונז אוים אזעלוכו מענשן וואס קענן מבטל זיין דעם כישוף (וצא הלחם בעמלק) אונ גייא ארוס פון דעם וואלקן אונ האלט מלחמה מיט עמלק דען דו ישראל האבן ארום זיך גהאט אוואלקן וואס קיין מענש הט זיי ניט גקענט טון נאר דוא רשעים פון ישראל הט דר וואלקן ארוים גווארפן כדי עמלק זאל זיי דר שלאגן (ומשה ואהרן וחור) דו דריי זענן אויף גגאנגן תפלה צו טון אונ אז משה הט אויף גהובן זיינו הענד אקעגן דם הימל האבן זיך דוא ישראל גשטארקט אונ אז ער האט זיינו הענד אראפ גלאזט האט זיך עמלק גשטארקט אונ דו הענד פון משה זענן גוועזן שווער צו האלטן אקעגן דעם הימל הט אהרן אונ חור גנומן אשטיין אונ האבן גלייגט אונטער משה אונ משה הט זיך גזעצט אונ אהרן אונ חור האבן אום דוא הענט אונטער גהאלטן איינר פון דר זייט אונ איינר פון דר זייט דרום זענן זיינו הענד שווער גווארן ווייל ער איז אליין ניט גגאנגן אונ דר מלחמה אונ הט גשיקט יהושע אונ דרום הט ער גלייגט אשטיין אונטער זיך וואס איז הארט אונ האט ניט אונטור גלייגט אקושן ווייל ישראל זענן גוועזן אונ צער הט ער אויך גוואלט צער ליידן מיט זיי (עד בא השמש) משה האט דוא הענד גהאלטן אקעגן הימל ביז דוא זון איז אנדרשט גווארן דען עס איז גוועזן צווישן עמלקים פיל שטערן זעהר וואס האבן גוויסט וועלכו שעה עס איז גוט מלחמה צו האלטן דרום הט משה גמכט דם דו זון אונ דו לבנה זענן אנדורשט גווארן ווי מען דרף כדי דו עמלקים זלון ניט פירן דוא מלחמה נאך דער זון אונ לבנה (ויחלוש יהושע) יהושע הט אוים גהרגות אלו גבורים פון עמלק אונ האט נאר איבור גלאזט דוא שלאפו אונ גאט האט גזאגט צוא משה (כתוב זאת זכרון בספר) שרייב אן אונ דער תורה דאס עמלק האט דוא ישראל שלעכין גטון דרום זאלן זיך ישראל אייביג נוקם זיין אונ עמלק דער בחיי שרייבט גאט האט גהייסן צוא משה ער זאל איין בזונדור ספר שרייבן פון דער מעשה פון עמלק נאר מיר האבן דאס ספר ניט אונ אונזערו דורות עס איז פאר לורן גווארן:

## הפטרת בשלח

(ודבורה אשה נביאה אשת לפידות) אונ דבורה איז גוועזן איין אשה נביאה זיא פלעגט

מכון קנייטלוך צו דר מנורה אונ בהמ"ק אונ
זיא הט גמשפט די ישראל אונ דר צייט אונ
זיא איז גזעסן אונטר אטייטול בוים צווישן
רמה אונ צווישן בית אל אויף דעם בארג
אפרים אונ די ישראל זענן אויף גגאנגן צו
איר צום משפט דער תרגום יונתן שרייבט די
דבורה איז גזעסן אונ דר שטאט עטרות אונ
איר פרנסה איז גוועזן דאס זיא האט גהאט
טייטול ביימור אונ יריחו אונ ווײן גערטנר
אין רמה אונ אייל בורטן אונ בית אל ווארום
דם איז גוועזן אפעט אורט אונ ווייסו ערד הט
זיא גהאט אונ הר המלך דאס איז הר אפרים
דיא הפטורה ווייזט פול נוטץ אויף ווייבור אונ
אזו אויך שרייבט דער בחיי אונ דר סדרה דם
מען זאל זוך נוט פר ווינדרן דאס איין אשה
זאל זיין אנביאה דען מור גופונן ביי שרה דם
זיא איז גרעסור גוועזן אונ נבואות מער פון
אברהם אזו ווי אונ פסוק שטייט (כל אשר תאמר
אליך שרה שמע בקולה) וום שרה וועט דור זאגן
זאלסטו צוא הערן אונ אור קול כלומר אונ
דם קול פון רוח הקודש וום אונ אור איז אונ
מרים הט בזינדר שירה גזאגט אונ משה אונ
אלו ווייבר צדקניות הבן גזינגן מוט מרים
אין אויך אביגיל איז גוועזן אנבואה אונ אויך
חנה אזו ווי דוא גמרא זאגט אונ מגילה דאס
זיבען ווייבור זענן גוועזן נביאות שרה מרים
חנה דבורה חולדה אביגיל אסתר אונ דוא
דאזונו הפטורה איז וואורן גמאכט אקעגן דר
שירה וום משה הט גזונגן אויף דם ים צוא
ווייזן דאס דבורה מוט אור שירה איז אזו
חשוב וויא משה דען פאר צייטן איז גוועזן
אגזירה דם מען זאל נוט הלטן די תורה וום
משה הט גשריבן אזו האט מען נוט גטארט
שבת ליינן אונ דר תורה אונ שול הבן דוא
חכמים מורא גהאט די תורה זאל חס ושלום
ניט פר געסן ווערן אונ האבן אונ עשרים
וארבע אוים גזוכט די זאכן וום זענן גלייך
צו אוטליכער סדרה אונ מען הט דם גליינט
אונ דוא שולן אויף דעם אורט פון דר סדרה
אין די מעשה פון דבורה מוט אור שירה הבן
דיא חכמים גמאכט אויף דעם אורט פון דער
שירה פון משה אזו איז גוויזן דם דבורה איז
אזו חשוב ווי משה אונ דרום איז זוא גזעסן

אונטר אטייטול בום אונ נוט אונ קיין הויז
כדי מען זאל זוא נוט חושד זיין דאס זוא איז
אליין מוט אפרעמדן מענש אונ דרום איז זוא
גזעסן אויף איין פרייא פעלד אונטר
אבוים פון דאנן זאל מען אפ לערנן
דם איין אשה זאל גווארונט זיין זוא
זאל נוט גיין אן אשומר אונ איין פרעמד הויז
כדי מען זאל זוא נוט חושד זיין חטשו זו איז
זייער פרום זאל זוא זוך נוט פר לאזן אויף
איר פרומקייט דען דבורה איז גוועזן אנביאה
אין הט דאך זוך אפ גהוט מען זאל זוא נוט
חושד זיין (ותשלח ותקרא לברק בן אבינועם מקדש
נפתלי) אונ זוא הט גשוקט אונ הט גרופן צו
ברק בן אבינועם פון דער שטאט קדש פון
דעם לאנד פון נפתלי אונ הט גזאגט זאג צו
ישראל זיי זאלן פר וויסטן דוא זובן אומות
פון ארץ ישראל הט זו צו אום גזאגט גיי אונ
זלסט דוך צוהן צום בארג תבור אונ זלסט
נעמן מוט דור מוט גוטו רייד צעהן טויזנט
מאן פון די בני נפתלי אונ פון די בני זבולון
גאט זאגט (ומשכתי אליך אל נחל קישון) אוך וועל
צוהן צוא דור צום טייך קישון דעם סיסרא
דם עלצטן פון גאר דם חיל פון יבין אונ זיינו
רייט וועגן אונ זיין חיל אונ אוך וועל אום
געבן אונ דיינו הענד (ויאמר אליה ברק) הט
ברק אור גזגט אוב דו וועסט גיין מוט מור
וועל אוך אוך גיין אונ אוב דו וועסט נוט גיין
וועל אוך אוך נוט גיין (ותאמר הלוך אלך) הט
דבורה גזאגט אוך וועל גווים גיין מוט דור
נייערט עס וועט אבר נוט זיין דיין שונקייט
אויף דעם וועג וום דו גייסט ווארום אונ דר
האנד פון איין אשה וועט גאט אובר ענפרן
דם סיסרא כלומר מען וועט זגן אונ מיין זכות
הט מען סיסרא ביי גוקומן נוט אונ דיין זכות
איז דבורה אויף גשטאנן אונ איז גגאנגן מוט
ברק קיין קדש (ויזעק ברק את זבולון ואת נפתלי
קדשה) האט ברק איין גזאמלט שבט זבולון
אין שבט נפתלי קיין קדש אונ ער הט מוט
אים אויף גבראכט צעהן טויזנט מאן אונ
דבורה איז אויך מוט אום אויף גגאנגן (ויגידו
לסיסרא) אונ עס איז וואורן גזאגט צו סיסרא
אז ברק בן אבינועם איז אויף דם בארג תבור
הט

הָאט סִיסְרָא אַנְגְזַמּוּלְט גָאר זַיינֶע רַייט וֶוענִין נַיין הוּנְדֶערְט אַייזֶערְנֶע רַייט וֶועגִין אוּנ גָאר דָס פָאלְק וָוס אִיז גֶוֶועזְן מִיט אִים הָאט עֶר אַיין גְזַמּוּלְט זֵיי זָאלִין מִיט אִים גֵיין פוּן דֶער שְׁטָאט (חֲרוֹשֶׁת הַגּוֹיִם) צוּם טַייךְ קִישׁוֹן אוּנ סִיסְרָא אִיז דֶענְסְטְמָאל אַלְט גְוֶועזְן דְרַייסִיג יָאר אוּנ עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק גְוֶועזְן עֶר הָאט אַיין גוּנוּמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט עֶס אִיז נִיט גְוֶועזְן קֵיין שְׁטָאט וָואס עֶר הָאט נִיט גְמַאכְט אַיין פַאלִין אוּרִיךְ מָערִין מִיט זַיין גְבוּרָה אוּנ דִיא חַיָילוֹת פוּן דֶער שְׁטָאט הָאבִין זִיךְ נִיט גֶקֶענְט רִירִין פוּן זַיין גְשְׁרֵיי דֶען זֵייא הָאבִין זִיךְ פַאר אִים דֶער שְׁרָקִין (וַתֹּאמֶר דְּבוֹרָה אֶל בָּרָק) הָט דְבוֹרָה גְזָגְט צוּ בָּרָק שְׁטֵיי אוּף וָוארוּם הַיינְט אִיז דֶער טָאג וָואס גָאט הָט גְגֶעבִּין דֶעם סִיסְרָא אוּנ דַיינֶע הֶענְט דֶען גָאט אִיז אַרוֹיס גְגַאנְגֶען פַאר דִיר הָט בָּרָק אַרָאפּ גִינִידֶערְט פוּן דֶעם בַּארְג תָּבוֹר אוּנ דִי צֶעהֶן טוֹיזֶענְט מַאן נָאךְ אִים (וַיָּהָם וגו׳) אַזוֹ הָט גָאט פַאר טוּמֶלְט דֶם סִיסְרָא אוּנ אַלוּ זַיינֶע רַייט וֶוענִין אוּנ גָאר דִי מַחֲנֶה צוּ דֶער שַׁארְף פוּן דֶר שְׁווֶערְד פַאר בָּרָק אוּנ סִיסְרָא הָט אַרָאפּ גוּנִידֶערְט פוּן זַיין רַייט וָואגִין אוּנ אִיז אַנְטְלָאפִין גְוָוארִין צוּ פוּס (וּבָרָק רָדַף אַחֲרֵי הָרֶכֶב) אוּנ בָּרָק הָט נָאךְ גִיָאגְט נָאךְ דִי רַייט וֶועגִין אוּנ דֶער מַחֲנֶה בִּיז דֶער שְׁטָאט (חֲרוֹשֶׁת הַגּוֹיִם) אוּנ עֶס אִיז גְפַאלִין דִי גַנְצֶע מַחֲנֶה פוּן סִיסְרָא צוּ דֶער שְׁווֶערְד עֶס אִיז אֵיינֶער נִיט אִיבֶּער גִיבְּלִיבִּין אִין סִיסְרָא אִיז אַנְטְלָאפִין גְוָוארִין צוּ פוּס צוּם גְצֶעלְט פוּן יָעֵל דֶם וַוייבּ פוּן חֶבֶר הַקֵּינִי דֶען עֶס אִיז גְוֶועזְן שָׁלוֹם צְווִישֶׁן יָבִין מֶלֶךְ חָצוֹר אִין צְווִישֶׁן דָאס הוֹיז גוּזִינְד פוּן חֶבֶר הַקֵּינִי (וַתֵּצֵא יָעֵל לִקְרַאת סִיסְרָא) אוּנ יָעֵל אִיז אַרוֹיס גְגַנְגֶען אַקֶעגִין סִיסְרָא אוּנ הָט גְזָגְט צוּ אִים קֶער אָפּ צוּ מִיר הָבּ קֵיין מוֹרָא נִיט הָט עֶר אָפּ גֶקֶערְט צוּ אִיר גְצֶעלְט הָט זִיא אִים צוּ גֶדֶעקְט מִיט אַמַנְטִיל הָט עֶר צוּ אִיר גְזָאגְט מַאךְ מִיךְ אָן טְרִינְקִין אַבִּיסוֹל וַוסֶר וָוארִין אִיךְ בִּין דֶערְשְׁטִיג הָאט זִיא גֶעפִינְט דֶעם לָאגִיל מִילִיךְ אוּנ הָט אִים אָן גְטְרֶענְקְט אוּנ הָאט אִים צוּ גֶדֶעקְט רַשִׁ״י שְׁרַייבְּט זִי הָט אִים דְרוּם גְגֶעבִּין מִילִיךְ וַוייל מִילִיךְ בְּרֶענְגְט שְׁלָאף כְּדֵי עֶר זָאל שְׁטַארְק אַנְשְׁלָאפִין וֶוערִין הָט עֶר צוּ אִיר גְזָאגְט שְׁטֶעל דִיךְ אוּף דֶער טִיר פוּן דֶעם גְצֶעלְט אוּנ עֶס

וֶועט זַיין וֶוען אַמֶענְשׁ וֶועט קוּמִין אוּנ וֶועט דִיךְ פְרֶעגִין אוּנ וֶועט זָאגִין אִיז דָא פַאר הַנִדוֹן אַיין מֶענְשׁ וָלְקְמָט זָאגִין עֶס אִיז נִיט דָא אַטֵייל חֲכָמִים זָגִין דָם סִיסְרָא הָט יָעֵל נִיט אָן גְרִירְט דָם מֵיינְט דֶער פָסוּק בִּשְׂמִיכָה כְּלוֹמֶר גָאט זָגְט עֵדוּת דָם יָעֵל אִיז גֶרֶעכְט אוּנ אִיז נִיט גְלֶעגִין מִיט סִיסְרָא פוּן דַאנִין זָאל מֶען אָפּ לֶערְנִין דָם אַיין אִשָּׁה זָאל גְוָוארִינְט זַיין נִיט צוּ גֵיין אוּנ אֵיין הוֹז אַלֵיין דֶען מֶען וֶועט זִי חוֹשֵׁד זַיין אוּנ מֶען וֶועט אִיר נִיט גְלֵייבִּין דָם זִי אִיז רֵיין דֶען מִיר וֶועהִין דָם חָטְשׁוּ סִיסְרָא אִיז אַנְטְלָאפִין אוּנ יָעֵל הָט אִים גְהַרְגוּת דָאךְ הָט מֶען זִיא חוֹשֵׁד גְוֶועזְן אַז סִיסְרָא אִיז בַּיי אִיר גְלֶעגִין בִּיז גָאט הָט גְמוּזְט אוּף אִיר עֵדוּת זָאגִין דָם זִי אִיז רֵיין (וַתִּקַּח יָעֵל) הָט גְנוּמִין יָעֵל דָם וַוייבּ פוּן חֶבֶר הַקֵּינִי דָם נָגוּל פוּן דֶעם גְצֶעלְט אוּנ דֶם הַמּוֹר אוּנ אִיר הַנְד אוּנ אִיז צוּ אִים גוּקוּמִין אוּנ הָט אַיין גְשְׁטֶעקְט דָם נָגוּל אוּנ דִי זָ שְׁלֶעף אוּנ עֶר אִיז וָוארִין אַיין גְשְׁטֶעקְט אוּנ דֶר עֶרְד אוּנ עֶר הָט גְשְׁלָאפִין אוּנ אִיז גְוֶועזְן מוּד אִיז עֶר גְשְׁטָארְבִּין (וְהִנֵּה בָרָק רוֹדֵף אֶת סִיסְרָא) אוּנ בָּרָק יָאגְט נָאךְ סִיסְרָא אִיז יָעֵל אַרוֹיס גְגַאנְגִוןאקֶעגִין אִים אוּנ הָט גְזָאגְט צוּ אִים גֵיי אוּךְ וֶועל דִיר וַוייזִין דֶם מֶענְשִׁין וָוס דוּ זוּכְסְט אִיז עֶר גְקוּמִין צוּ אִיר אִין הָט גְזֶעהֶן דָם סִיסְרָא לִיגְט טוֹט אוּנ דֶער נָאגוּל אִיז אוּנ זַיין שְׁלֶעף אוּנ גָאט הָט גְמַכְט אוּנְטֶער טֶענִיג אוּנ דֶם דָאזִיגִין טָאג דֶם יָבִין מֶלֶךְ כְּנַעַן פַאר דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶס אִיז גֶגַנְגִין דִי הַאנְד פוּן דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִיטְלִיכְם מָאל שְׁטַארְקֶער אוּף דֶם יָבִין מֶלֶךְ כְּנַעְנִבִּיז זֵיי הָבִּין פַאר שְׁנִיטִין יָבִין מֶלֶךְ כְּנַעַן (וַתָּשַׁר דְּבוֹרָה וּבָרָק בֶּן אֲבִינֹעַם) אוּנ זִי הָט גֶזוּנְגִין דְבוֹרָה אוּנ בָּרָק בֶּן אֲבִינוֹעַם אוּנ דֶיעַם טָאג וֶוען גָאט טוּט בְּרֶעכִין בְּרֶעכוּנִישׁ אוּנ דִיא יִשְׂרָאֵל דָאס אִיז וַוייל זֵיי הָאבִּין פַאר לָאזְט גָאט אָבֶּער אַז דָאס פָאלְק יִשְׂרָאֵל בַּוִוילִיגִין זִיךְ אוּנ טִין תְּשׁוּבָה אַזוֹ הֶעלְפְט זֵיי גָאט תֵּיכֶף אוּנ זֵיי לוֹבִּין אִים אוּף דֶער הוֹלְף (שִׁמְעוּ מְלָכִים) הֶערְט צוּא אִיר מְלָכִים פַאר נֶעמְט אִיר הַארִין אוּךְ בִּין אַנְבִיאָה פוּן גָאט דְרוּם וֶועל אִיךְ שִׁירָה זִינְגִין אוּךְ וֶועל לוֹבּוּנְג זִינְגִינְצוּ גָאט דֶער גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט וָוארוּם שְׁטֵייט דָא צְווֵיי מָאל אָנֹכִי אוּנ בַּיי דָם בַּארְג כַּרְמֶל שְׁטֵייט צְווֵיי

מאל

מָאל (יְיָ הוּא הָאֱלֹהִים) אוּנ בַּיי דֶעם בַּארְג סִינַי הָט גָאט נָאר אֵיין מָאל גְזָאגְט (אָנֹכִי יְיָ אֱלֹהֶיךָ) דֶר תִּירוּץ אִיז וַוייל דֶר בַּארְג תָּבוֹר אוּנ דֶר בַּארְג כַּרְמֶל זֶענִין גֶקוּמִין צוּ מַתַּן תּוֹרָה כְּדֵי גָאט זָאל אוֹיף זַיי גֶעבִּין דִי תּוֹרָה אוּנ גָאט הָט אוֹיף זַיי נִיט גְוָואלְט גֶעבִּין דִי תּוֹרָה דֶער פַר הָט עֶר זַיי צוּ גְזָאגְט אַז עֶר זָאל זַיי בַּצָלִין טָאפּוּל דֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי אִיז נָר אֵיין מָאל גְזָאגְט גְוָוארִין (אָנֹכִי) אוּנ אוֹיף דֶם בַּארְג (תָּבוֹר) הָט מֶען גְזָאגְט צְוַויי מָאל (אָנֹכִי) אוֹיף דֶם בַּארְג סִינַי אִיז נָאר אֵיין מָאל גְזָגְט גְוָורִין (אָנֹכִי יְיָ אֱלֹהֶיךָ) אוּנ אוֹיף דֶם בַּארְג כַּרְמֶל וֶועט צְוַויי מָאל גְזָאגְט וֶוערִין יְיָ הוּא הָאֱלֹהִים (יְיָ בְּצֵאתְךָ מִשֵּׂעִיר) גָאט אוּנ דַיין אוּם גַיין פוּן שֵׂעִיר אִין דַיין טְרֶעטִין פוּן דֶם פֶעלְד פוּן אֱדוֹם צוּ גֶעבִּין זַיי דִי תּוֹרָה אַזוֹ הָבִּין זַיי נִיט גְוָולְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה דֶענְסְט מָאל הָט דִי עֶרְד גְשְׁטוּרְמְט אוֹיךְ דִי הוּמְלִין הָבִּין גְטְרוּפְּט טַל וָוס דִי מֵתִים וֶועלִין לֶעָתִיד דוּרְךְ דֶם לֶעבְּדִיג וֶוערִין אוֹיךְ דִי וָואלְקִין הָבִּין גְטְרוּפְּט וַוסוּר דֶען גָאט הָט אוּם גֶנוּמִין אתְנַאי מִיט הוּמוּל אִין עֶרְד אַז מֶען וֶועט נִיט וֶועלִין מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה זָאלִין זַיי חָרוּב וֶוערִין דְרוּם אַז אֱדוֹם הָט נִיט גְוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אַזוֹ הָט הִימֶל אוּנ עֶרְד גֶצִיטֶרְט דֶען זַיי הָאבִּין מוֹרָא גְהַאט זַיי זָאלִין נִיט חָרוּב וֶוערִין אוּנ דְרוּם הָט דְבוֹרָה אָן גֶהוֹבִּין דִי שִׁירָה מִיט דֶם שֶׁבַח פוּן דֶר תּוֹרָה צוּ וַוייזִין וָוס פַר אַגִיטְקֵייט דִי תּוֹרָה אִיז אַז מֶען זָאל זִיךְ מְדַבֵּק זַיין אוּנ אוּר דֶען זוּ אִיז וָוארִין גֶגֶעבִּין מִיט מוֹרָא אוּנ מִיט גְבוּרָה אוּנ וָוס פַר אַשְׁלֶעכְטִיקְייט עֶס אִיז צוּ אָפּ שֵׁיידִין זִיךְ פוּן אוּר דֶען אַז דִי יִשְׂרָאֵל זֶענִין שְׁלֶעכְט גְוֶוען אוּנ הָאבִּין זִיךְ אָפּ גְשֵׁייד פוּן אוּר אַזוֹ זֶענִין זַיי וָוארִין אוּבֶּר גֶענְפֶּרְט אוּנ דִי הֶענְד פוּן דִי פֶעלְקֶר אָבֶּר אַז זַיי זֶענִין גוּט גְוָוארִין אוּנ הָאבִּין זִיךְ מִתְנַדֵּב גְוֶוען צוּ לֶערְנִין תּוֹרָה הָאט זַיי גָאט ווִידֶר גְהָאלְפִין (הָרִים נָזְלוּ מִפְּנֵי יְיָ) דִי בֶּערְג זֶענִין וָוארִין צוּא רִינִין אַזוֹ וִויא וַואסוּר פַאר גָאט (הַר סִינַי) דֶער דָאזִיגֶר בַּארְג סִינַי שְׁטֵייט אוּנ דֶער תּוֹרָה וָוס אוֹיף אִים אִיז גְוֶוען רוּךְ אוּנ פְלַאם אוּנ קוֹלוֹת אִיז אַלְץ גְוֶוען פוּן גָאט דֶר גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל (בִּימֵי שַׁמְגַּר בֶּן עֲנָת) אוּנ דִי טֶעג פוּן שַׁמְגַּר אוּנ דִי

טֶעג פוּן יָעֵל דֶען יָעֵל הָט אוֹיךְ גְמִשְׁפָּט דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ זַייעֶרִי צַייטִין הָבִּין זִיךְ דִי יִשְׂרָאֵל פַר מִיטִין צוּא גַיין אוֹיף דִי וֶועגִין פַר דִי גוֹיִם אוּנ דִי וָוס הָאבִּין גִמוּזְט גַיין אוּנ גְלַייכִין וֶועג זֶענִין גְגַאנְגִין אוּנ קְרוּמִי וֶועגִין כְּדֵי עֶס זָאל זַיי נִיט בֶּגֶעגִינֶען קֵיינֶער פוּן דִי גוֹיִם (חָדְלוּ וגו׳) דִי יִשְׂרָאֵל הָאבִּין פַר מִיטִין צוּ וואנִין אִין דִי אוֹפִינִי שְׁטֶעט דִי שְׁטֶעט זֶענִין וָוארִין פַר מִיטִין פוּן זוּצִיר בִּיז אוּךְ דְבוֹרָה בִּין אוֹיף גְשְׁטַנִין אוּךְ בִּין אוֹיף גְשְׁטַנִין צוּ זַיין אַמוּטֶר צוּ יִשְׂרָאֵל (יִבְחַר אֱלֹהִים חֲדָשִׁים) וֶוען דִי יִשְׂרָאֵל הָאבִּין זִיךְ אוּים דֶער וַויילְט נַייאִי אָפּ גֶעטֶר דֶענְסְטְמָל הָבִּין זַיי גְמוּזְט מִלְחָמָה הַלְטִין אוּנ זַייעֶרִי שְׁטֶעט אָבֶּר הַיינְט אַז זַיי הָבְּן תְּשׁוּבָה גְטָאן אִיז דֶען גְזֶעהְן גְוָוארִין אַפַּאנְצֶר אוֹדִיר אַשְׁפִּיז אַקֶעגִין דִי פֶערְצִיג טוֹזוּנְט מַאן עֶלְצְטִי פוּן דֶעם חַיִל פוּן סִיסְרָא וָואס זֶענִין גוּקוּמֶען מִלְחָמָה הַלְטִין מִיט יִשְׂרָאֵל דֶען גָאט הָט זַיי אַלוּ פַר טוּמוּלְט מִיט דִי שְׁטֶערִין אוּנ מִיט דֶם טַייךְ קִישׁוֹן (לִבִּי לְחוֹקְקֵי יִשְׂרָאֵל) מַיין הַארְץ טְרָאגְט מִיךְ צוּ לוּבּ הָאבִּין דִי קְרֵייצְלֶר פוּן יִשְׂרָאֵל דָם זֶענִין דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס בַּוִוילִיגִין זִיךְ אוּנ פָאלְק צוּ זָאגִין צוּ זַיי לוֹבּט גָאט אוֹיף דֶר הוּלְף וָוס עֶר הָט אוּנְז גְטָאן אוּנ קֶערְט זִיךְ צוּ אִים (רוֹכְבֵי אֲתוֹנוֹת צְחוֹרוֹת) דִי סוֹחֲרִים אוּנ הַארִין וָוס מֶעגִין הַיינְט רַייטִין אוֹיף וַויסִי אֵייזְלִין אָן מוֹרָא פַר דִי עוֹבְדֵי גִלּוּלִים אוֹיךְ דִי דַיָּנִים וָוס מֶעגִין הַיינְט זִיצֶן אוֹיף אֵיין דִין אוּנ דִי וָוס גַייאִין אוֹיף דִי וֶועגִין דִי זָאלִין דֶר צֵיילִין דִי הוּלְף פוּן גָאט (מִקּוֹל מְחַצְצִים) פוּן וֶועגִין דֶעם קוֹל פוּן דִי שָׁארִין כְּלוֹמַר דִי עוֹבְדֵי גִלּוּלִים וָוס הָבִּין גוּקוּנִיגְט אוֹיף אַייךְ צְוִוישִׁין דִי שֶׁעפֶּר כְּלוֹמַר בַּיי דִי עֶרְטֶר וָוס מֶען גֵייט אַהִין וַואסֶר שֶׁעפִּין אוּנ הַיינְט הָט אַייךְ גָאט גְהָלְפִין פוּן זַיי דְרוּם זָאלְן דָרְטִין דִי סוֹחֲרִים אוּנ הַארִין דֶר צֵיילִין דִי חֲסָדִים פוּן גָאט וָוס הָט גְטִין דָם דִי יִשְׂרָאֵל מֶעגִין הַיינְט זִיצִין אוּנ דִי אוֹפֶנִי שְׁטֶעט (אָז) דֶעמוּלְט אַז גָאט הָט זַיי גְהָלְפִין הָאבִּין זַייא גִינִידֶרְט אוּנ זַייעֶרִי אוֹפֶנִי שְׁטֶעט דָם פַארְק פוּן גָאט דֶען פְרוּר הָבִּן זַיי גִמוּזְט אַנְטְלוֹפִין פַר דִי עוֹבְדֵי גִלּוּלִים אוּנ דִי פֶעסְטִי שְׁטֶעט.

נָאךְ אֵיין פְּשַׁט אִיז (מִקּוֹל מְחַצְצִים) פוּן וֶועגִין

דעם קול פון די שטיינדליך וואס זענן בייא דם טייך אונ דר וואס גייט אויף זיי הערט מען דם קול פון דעם גיין דרום הבון די ישראל פרור מורא גהאט צוא גיין שעפן וואסור פר די עובדי גלולים זיי זאלן ניט הערן זייער גיין אבר היינט אז גאט האט זיי גהאלפן זאלן זיי דארט דרציילן די לוב פון גאט (עורי עורי דבורה) דער וועק דיך דר וועק דיך דבורה רייד דיין גזאנג שטיי אויף ברק אונ פאנג דיין גפענקנוש די בן אבינעם אונזרי חכמים זאגן וייל דבורה הט זיך הויך גהלטן אין הט גזאגט ביז איך בין אוף גשטנון איין מוטר צו ישראל דרום הט זיך די נבואה פון איר אפ גטאן אזו הט זוא פור מאל גמוזט זגן (עורי) די נבואה זאל זיך ווידר דר וועקן ביי איר (אז) דעמולט הט ער גמכט גוועלטיגן דם אובור בלייבונג פון ישראל גאט הט מוך גמאכט גוועלטונגן אובור די שטרקו עובדי גלולים (מני אפרים שרשם) פון שבט אפרים איז ארום גגאנגן זייער ווארצול יהושע וום ער איז גוועזן פון שבט אפרים הט אן גהובן צו פירן מלחמה מוט עמלק דר נאך וועט ארום גיין איינור פון שבט בנימין דם איז שאול אונ דיינו פר לשונו קולון כלומר ער וועט זיי נאר פר לעשון אודר (בעממיך) מוט דיין פול פלק כלומר שאול וועט קומן מוט צוויי הונדרט טוזונט פוס גייאר (מני מכיר) פון מכיר האבן גנידרט קריצלר אונ דר מלחמה כלומר גרוסו הארון אונ האבן גנומן פול שטעט אונ פון שבט זבולון זענן גגאנגן אונ דער מלחמה אפילו די וום שרייבון מוט דער פען פון דוא סופרים דם זענון דוא תלמידי חכמים מכל שכן דוא פרסטו זענון בוודאי גגאנגן אונ דר מלחמה (ושרי בישכר) אונ די שרים פון שבט יששכר דאס זענון דוא תלמידי חכמים זענון תמיד גוועןמוט דבורה צו לערנון תורה אונ משפט צו ישראל אונ דוא אנדרו לייט פון שבט יששכר זענון אוך אזו גגנגון מוט ברק צוא טאן זיין גבאט אונ טאל איז ער ווארון גשוקט מוט זיינו פוס כלומר מען האט זייא גשוקט צוא איין זאמלון דם פאלק צוא דער מלחמה אונ נאר אלו בדערפונוש פון דער מלחמה (בפלגות ראובן) אונ דעם טיילונג פון

שבט ראובן וואס זיין הארץ האט זיך אפ גטיילט פון ישראל פון צו גיין אונ דר מלחמה זענון גרוס די מחשבות פון דם הארץ זאגט דבורה (למה ישבת בין המשפתים) ווארום ביסטו גזעסון צווישון די גרעניצון פון דער מלחמה דם איז גווים צוא הערון דם גשריי פון דר מלחמה ווער עם וועט גובר זיין די מלחמה וועסטו מוט אום הלטון צו דעם אפ טיילונג פון ראובן וום ער האט זיך אפ גטיילט פון ישראל זענון גרוס דאס פארשטונג פון מיין הרץ דען אויך וויים נוט דעם טעם דער פון (גלעד בעבר הירדן שכן) גלעד האט ביי יענור זייט ירדן גרועט ביי ראובן נוט אונ לאנד כנען אונ איז אויך נוט גוקומון צו דר מלחמה אין שבט דן ווארום הט ער איין גזמולט זיין געלט אונ שופן צו אנטלופון אונ אוף שבט אשר איז נוט קשה ווארום איז ער נוט גוקומן צו דר מלחמה ווארום אשר איז גזעסון ביי דם ברטון פון דם ים אונ וייל ער הט גוואנט אוף דר גרענוץ דרום הט ער בדרפט אוף זיינו אום גברכונו שטעט רואון וום זענון אופן אן אמוער צו הוטון זיי פר דעם שונא (זבולון עם חרף נפשו למות) אובור שבט זבולון איז אפלק וום הט מבזה גוועןן זיין נפש צו מפקיר זיין זיך צו גטייט ווערון אונ דר מלחמה מוט ברק אונ אויך נפתלי האט מפקיר גוועןן זיין נפש אוף די הויך פון דם פעלד דם איז דער ברג תבור (באו מלכים נלחמו) די מלכים זענון גקומון אונ הבון מלחמה גהלטון דענסטמל הבון מלחמה גהלטון די מלכים פון כנען אונ דער שטאט תענך האבון זיי גרוט אונ זענון גוועןן אז פול דם זיי האבון גגרייכט ביז (מי מגידו) קיין געלד הבון די מלכים נוט גנומן וואס זענון גוקומון צוא העלפון סיסרא נאר אום זוסט (מן שמים נלחמו הכוכבים) פון דעם הומול האבון מלחמה גהלטון די שטערון פון זייערו שטענון האבון זיי מלחמה גהאלטון מיט סיסרא רש״י שרייבט וייל דוא מלכים זענון גוקומון צו העלפון צו סיסרא אן געלד דרום הט גאט אויף זיי גושוקט איין חיל וום הבון אויך קיין געלד נוט גנומן דם זענון די שטערון אובור דעם זאגט דער פסוק דוא שטערון האבון מלחמה גהאלטון פון זייערו

שטעג

שְׁטֶעג (נַחַל קִישׁוֹן גְּרָפָם) דֶער טַייךְ קִישׁוֹן הָט זַייא אוֹים גְקֶערְט פוּן דֶער וֶועלְט דֶען דוּא שְׁטֶערוּן הָבּוּן זַיי גְבְּרֶענְט זֶענוּן זַיי גַּנְגְנוּן אָפּ קוֹילוּן זוּךְ אוּנ דֶם טַייךְ קִישׁוֹן הָט עֶר זַיי דֶר טְרֶענְקְט (נַחַל קְדוּמִים נַחַל קִישׁוֹן) דֶער טַייךְ קִישׁוֹן הַייסְט נַחַל קְדוּמִים דֶען קְדוּמִים אוּז טַייטְשׁ פְרוּר (תִּדְרְכִי נַפְשִׁי עוֹז) מַיין נֶפֶשׁ הָאט צוּ טְרֶעטוּן דוּא שְׁטַארְקוּ אוּמוֹת (אָז הָלְמוּ עִקְּבֵי סוּס) דֶענְסְמָל זֶענוּן צוּ קְלַפְּט גְוָורוּן דוּ טְרוּט פוּן דוּ פְעֶרְד פוּן סִיסְרָא פוּן דֶם שְׁפְּרוּנְגוּן וָוס זַיינוּ שְׁטַארְקוּ לַייט זֶענוּן גְשְׁפְּרוּנְגוּן רשׁ״י שְׁרַייבְּט וַוייל דוּ שְׁטֶערוּן הָאבּוּן הַיים גְמַאכְט דָם לַיים דְרוּם זֶענוּן אָפּ גְפַאלוּן דוּא קְלָאוּן פוּן דִיא פֶערְד אוּנ מַחֲמַת דֶעם זֶענוּן דוּ פוּס צוּא קְלַפְּט גְוָוארוּן (אוֹרוּ מֵרוֹז) שֶׁעלְט דוּא שְׁטָאט מֵרוֹז טוּט זָאגוּן דֶער שָׁלִיחַ פוּן גָאט דָאס אוּז בָּרָק שֶׁעלְט זוּא פַר שָׁאלְטוּן זָאלוּן זַיין אוּר זִיצֶר וַוייל זַיי זֶענוּן נוּט גְקוּמוּן צוּ דֶער הוּלְף פוּן גָאט אוּנ דוּ שְׁטַארְקוּ אַטַייל פוּן דוּ חֲכָמִים זָאגוּן דֶער מֵרוֹז אוּז גְוֶוען אַשְׁטֶערוּן אוּנ אוּז נוּט גְקוּמֶן הֶעלְפוּן גְלַייךְ מוּט אַנְדֶרוּ שְׁטֶערוּן אִין אַטַייל זָאגוּן מֵרוֹז אוּז גְוֶוען אַיין אָדָם חָשׁוּב אוּנ אוּז נוּט גְקוּמוּן צוּ הוּלְף צוּא בָּרָק (תְּבוֹרַךְ מִנָּשִׁים יָעֵל אֵשֶׁת חֶבֶר הַקֵּינִי) זוּ זָאל גְבֶּענְשְׁט זַיין מֶערְהְר פוּן אַנְדֶרוּ וַוייבּוּר יָעֵל דָם וַוייבּ פוּן חֶבֶר הַקֵּינִי מֶערְהְר פוּנְדוּ וַוייבּוּר וָוס שְׁטֵייט בַּיי זַיי (בָּאוֹהֶל) דָאס זֶענוּן שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה מֶער פוּן זַיי זָאל יָעֵל גְבֶּענְשְׁט וֶוערוּן וָורוּם זַיי הָאבּוּן גְוִוינוּן דוּ יִשְׂרָאֵל אוּנ אוּיף גְוּצִינְגְן אִין וָוען יָעֵל זָאל נוּט גְוֶוען אוּם בְּרֶענְגוּן דֶעם סִיסְרָא וָואלְט עֶר אַלוּ יִשְׂרָאֵל גְמַכְט פַר לוֹירוּן פוּן דֶר וֶועלְט נָאךְ אֵיין פְּשַׁט אוּז דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק בַּיי אוּר בְּרָכָה דָאס וָוארְט אוֹהֶל וַוייל זוּא אוּז אוּז אוּךְ גְוֶוען פְרוּם אוּנ אוּז אֶלְץ גְזֶעסוּן אוּנ גְצֶעלְטוּן נוּט אוּיף דֶער גַאס (מַיִם שָׁאַל חָלָב נָתָנָה) סִיסְרָא הָט גְבֶּעטוּן וַואסֶר אִין זוּא הָאט אוּם גְגֶעבּוּן מוּלוּךְ כְּדֵי זוּא זָאל וִויסוּן אוּבּ עֶר אוּז נָאךְ בַּיי זַיין שֵׂכֶל צוּא דֶר פִּילוּן דֶעם טַעַם פוּן מוּלוּךְ אוּנ אַבֶּעקוּן וָואס מֶען טְרִינְקְט דֶער פוּן וַואסֶער וָואס הַייסְט (אַדִּירִים) אַזוֹ וִוי עֶס שְׁטֵייט בְּמַיִם אַדִּירִים הָט זַיא אוּם גְנֶעהְנְט פוּטֶר (יָדָהּ לַיָּתֵד תִּשְׁלַחְנָה) אוּר הַאנְד הָט זוּא גְשְׁטְרֶעקְט צוּם נָאגוּל אוּנ אוּרוּ רֶעכְטוּ הַאנְד הָט זוּא גְשְׁטְרֶעקְט צוּא קְלַאפוּן דִיא מוּדוּ דָם אוּז סִיסְרָא וָואס אוּז גְוֶוען מִיד זוּא הָט צוּ קְלַפְּט דֶעם סִיסְרָא אוּנ הָט גְקְרִיצְט זַיין קָאפּ אוּנ הָאט אוּם גְוִוינְד אוּנ אוּז דוּרךְ גְנַאנְגְנוּן מוּט דֶעם נָאגוּל דוּרךְ זַיין שְׁלֶעף בּוּז אוּף דֶער אַנְדֶרֶר זַייט (בֵּין רַגְלֶיהָ כָּרַע נָפַל שָׁכָב) צְווִישׁוּן אוּרוּ פוּס הָט סִיסְרָא גְקְנוּט אוּנ אוּז גְפַאלוּן אוּנ אוּז גְלֶעגוּן צְווִישׁוּן אוּרוּ פוּס הָט עֶר גְקְנוּט אוּנ אוּז גְפַאלוּן וִוי עֶר הָט גְקְנוּט דָארְטוּן אוּז גְפַאלוּן סִיסְרָא (בְּעַד הַחַלּוֹן נִשְׁקְפָה) דוּרךְ דֶעם פֶענְצְטֶר הָאט אַרוּס גְקוּקְט דוּא מוּטֶר פוּן סִיסְרָא (וַתְּיַבֵּב) אוּז טַייטְשׁ זוּא הָאט גְרֶעט אוֹדֶר גְקְלָאגְט (בְּעַד הָאֶשְׁנָב) דוּרךְ דֶעם קְלֵיינוּם פֶענְסְטֶר הָט זוּא אַרוּס גְקוּקְט אוּנ הָט גְזָאגְט וָוארוּם זוּמְט זוּךְ זַיינוּ רַייט וָועגְנוּן צוּא קוּמֶן וָוארוּם זוּמְט זוּךְ דוּ טְרוּט פוּן זַיינוּ רַייט וָועגְנוּן (חַכְמוֹת שָׂרוֹתֶיהָ תַּעֲנֶנָּה) דוּא קְלוּגוּ פוּן אִירֶע הַרִינְטֶס הָאבּוּן צוּ אוּר גְעֶנְפֶרְט אוּנ זוּא אַלֵיין הָאט זוּךְ אוּךְ גְעֶנְפֶרְט וָואס פַר וִוינֶדֶר אִיךְ מוּךְ אוּף זַיין זוּמְוּן זַיין חַיִל הָאבּוּן גְוּפוּנְגְן אִין צוּ טַיילוּן זוּךְ מוּט דֶעם רוֹיבּוּנְג אוּבּוּר דָם זוּמוּן זַיי זוּךְ אֵיין אִשָּׁה אוֹדֶר צְוַויי פוּן יִשְׂרָאֵל אוּז צוּא אוּטְלִיכֶען מַאן אֵיין זַאק רוֹבּ פוּן גְפַרְבְּטוּ קְלֵיידֶר אוּז גְוּיִים צוּ מַיין זוּן סִיסְרָא אֵיין זַאק רוֹבּ מוּט גְפַרְבְּטוּ קְלֵיידֶר וָוס זֶענוּן גְוֶועבְּט אוּף בֵּיידוּ זַייטוּן גְלַייכוּ צוּרוֹת נָאר דוּ פַּרְבּוּן זֶענוּן נוּט גְלַייךְ דָם נוּט מֶען צוּ דוּא הֶעלְזוּר פוּן דָם חַיִל פוּן סִיסְרָא וָוס נֶעמוּן דָם זַאק רוֹבּ פוּן יִשְׂרָאֵל אַזוֹ הָט אַלְץ גְזָאגְט דוּא מוּטֶער פוּן סִיסְרָא דְרוּף זָאגְט דְבוֹרָה דָאס טְרֵייסְטוּנְג אוּז נָאר נַארוּשׁ (כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶיךָ יְיָ) אַזוֹ וִויא סִיסְרָא אוּז פַאר לוֹירוּן גְוָוארוּן אַזוֹ זָאלוּן אַלוּ דַיינוּ פַיינְד פַר לוֹירוּן וֶוערוּן פוּן גָאט אִין דוּ וָוס הָאבּוּן לוּבּ גָאט וֶועלוּן זַיין גְלַייךְ וִוי דוּ זוּן גֵייט אוּיף מוּט זַיין שְׁטַארְקַייט אוּנ נָאךְ דֶר מִלְחָמָה פוּן בָּרָק אוּז גְוֶוען דָם לַאנְד גְשְׁטִילְט פוּן מִלְחָמָה פֶערְצִוג יָאר׃

(וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זאגט אונ משלי (מַרְפֵּא לָשׁוֹן עֵץ חַיִּים) די צונג איז אגרוסי רפואה צו דר נשמה ווען זי זונדיגט אונ אקרענק איז צו דר נשמה די עבירות ווען מען גלייבט נוט רעכט אונ גאט אונ מוט דר צונג קען ער היילן די נשמה ווען ער טוט רעדין ווי גאט איז אגאט אונ נור אליין אפ געטר אונ איז איין אמתר גאט אונ בצאלט אוטלוכון זיין שכר ווי רעכט איז אזו ווי מיר גפונון ביי אברהם אז אונזרי חכמים זאגון איין אבן טוב איז גהאנגין אויף זיין האלז. אונ ווען אחולה הט אום גזעהן איז ער גזונד גווארון אונ ווען אברהם איז גשטארבון הט גאט אויף גהאנגון דעם אבן טוב אויף דער זון. כלומר אונזרי חכמים הבון אונז מרמז גוועזן אז גוטי רייד איז ארום גגאנגון פון זיין האלז דען אברהם הט אן גרעט לייט אונ האט זיי דר צו גבראכט זיי זאלין דינון גאט אונ אז אברהם איז גשטארבון הט ער קיינום נוט אובור גלאזט ער זאל אן רעדין צו דינון דעם ווארון גאט הט ער דעם אבן טוב אין גהאנגון אן דר זון כלומר ווען מען וויל וויסון דס עס איז דא אגאט אויף דר וועלט זאל מען זעהן פון דר זון וואס זי גייט אליין איין אונ מזרח אונ פר גייט אונ מערב דרום מוז זיין אגאט וואס פורט די זון אזו אויך דורך די גוטי רייד פון משה וואס ער הט דר צילט צו יתרו אלי וואונדור פון גאט האט זיך יתרו בקענט צום אל אמת דס זאגט דר פסוק (וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹהִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל) יתרו הט גהערט אלי וואונדור וואס גאט הט גטון צו ישראל דרום הט ער זיך בקענט צום אל אמת דר בחיי שרייבט אמ"יל חכמים זאגון אז יתרו איז גקומון צו משה נאך דעם ווען די תורה איז שון ווארון גגעבון צו ישראל אונ דס איז גדרונגן פון דעם פסוק (וְהוֹדַעְתִּי אֶת חֻקֵּי הָאֱלֹהִים וְאֶת תּוֹרֹתָיו) אויך לערון מיט ישראל די תורה אזו מוז זיין אז די תורה איז שון ווארון גגעבון אונ נאך שטייט גשריבון (וַיְשַׁלַּח מֹשֶׁה אֶת חֹתְנוֹ) משה הט זיין שווער אוועק גשוקט אונ ווען די תורה זאל נוט זיין גגעבון וואלט

משה

אוהל יעקב

(וַיְסַפֵּר משה לְחוֹתְנוֹ אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם עַל אוֹדוֹת יִשְׂרָאֵל) משה האט הער צילט זיין שווער יתרו וואס גאט הט גטון צו פרעה אונ די מצרים וועגון דיא יודן דער מדרש זאגט גאט האט גזאגט צו משה דאס וואס די בוסט עולה לגדולה איז נאר וועגון דיא יודן אונ זייער זכות. עס איז איין משל איינור איז גקומון צו זיין מחותן אונ הט ביא אום גזעהן טייערי כלים גולדוני אונ זילבערני אונ אצייט ארום איז ער ביא אום נאך אמאל גוועזן אונ הט שון ביי אום נוט גזעהן דיא כלים אונ הט גזעהן אז דער מחותן איז טרורוג אונ שעמט זיך פר אום פרעגט ער דעם מחותן וואס בוסטו פאר שעמט גווארון פאר מיר אונ פרעגט אום וויא זענון דיינו טייערי כלים וואס איך האב גזעהן ביא דיר ענפורט אום דער מחותן דער פאר שעם איך מיך ווייל מיינו כלים זענון פר זעצט איך האב גליגון געלד אויף זיא זאגט ער צום מחותן דאס איז קיין בושה נוט איך טרייסט מיך דער מיט איך האב גמיינט אז דוא כלים זענון נוט דיינו דוא האסט זיא גליגון אוצט וויים איך אז זיא זענון דיינו דאס זאגט דער מדרש אז משה איז עולה לגדולה אונ זכות פון דוא יודן אונ וואס גאט הט גטון צו פרעה אונ צו די מצרים איז נאר אונ דעם זכות פון דוא יודן והראיה אז די יודן האבון גזונדיגט זענון זיא ארא פון דער גדולה גאט הט ביי זיי די גדולה גנומון אמשכון פר זייער זונד איז אסימן אז דוא נסים וואס גאט האט גטואון דוא יודן איז גוועזן אונ זייער איינגונס זכות:

(וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹהִים) יתרו הט גזאגט גלויבט איז גאט וואס ער הט אייך מציל גוועזן פון דוא מצרים אצונד וויים איך אז גאט איז גרעסור פון אלי אפ געטור. דוא גמרא סנהדרין זאגט עס איז אשאנד צו משה מוט אזו פול יודן וואס זייא האבון נוט גזאגט (ברוך ה') אונ יתרו הט יוא גזאגט (ברוך ה') נאר דוא זאך איז אוונדר האט דען משה רבינו נוט גוויסט דאס וום יתרו האט גוויסט נאר דוא זאך איז צו פר שטיין מוט אמשל אשדכן האט אום גפורט אשידוך אונ עס איז גוועזן דוא התונה האט זיך דער שדכן גפרייט מיין וויא דוא מחותנים ווארום די מחותנים איז זייער שמחה נוט קיין רעכטי שמחה בוז זייא וועלון זעהון אונ אצייט ארום אז דאס פאר פאלק וועט זוצון אונ עס וועט זיין צווישון זיי שלום

משה אוס נוט אוועק גשיקט ער זאל נוט
שטיין ביי דעם בארג סיני אונ זאל זעהן
וויא גאט וועט זוך בווייזן מוט ווינדור
פרעגט דר בחיי ווי קאן דם זיין אז יתרו
איז גוקומן נאך מתן תורה ווארום הט
משה אים דר ציילט די נסים פון מצרים
אונ נוט די ווינדור אונ דונורן אונ דם
גרוסו פייער וום איז גוועזן ביי מתן תורה
דרום מוז זיין אז יתרו איז פאר מתן
תורה גקומן דרום הט אים משה נוט
גזאגט די ווינדור וום וועט זיין בייא מתן
תורה ווייל עס קען זיין אז ער וועט זיי נוט
גלובן אובור די נסים וום זענון שון גוועזן
הט די גאנצו וועלט גוויסט דען אז דר ים
הט זוך גשפאלטון האבון זוך גשפלטון
אלו וואסורון אונ אונ דר מלחמה פון
עמלק איז גבלובן די זון שטיין האט
מען דם גזעהן אויף דר גאנצר וועלט אונ
דרום שרייבט רש"י (וישמע יתרו) יתרו
הט גהערט אז דר ים איז ווארון גשפלטון
אונ די מלחמה פון עמלק דען דם הט
מען גהערט אויף דר גאנצר וועלט דרום
הט יתרו דרויף גגלייבט אונ דם וום שטייט
משה זאגט צו יתרו ער לערונט תורה צו
ישראל דם הט ער גמיינט די מצות וום
זענון איי די תורה איז ווארון גגבון דהיינו
דוא דינים פון שבת אונ מילה אונ נאך
אטייל מצות אונ דרום הט משה יתרו
אוועק גשיקט אונ הט אים נוט אויף
גהלטון ביז נאך מתן תורה דען ער איז
גגנגון זיין גזונד בקענט צוא מאכון מוט
דעם ווארון גאט אונ האט זוך באלד אום
גקערט אונ הט שון גופונן כל ישראל ביי
דם בארג סיני אונ דרום שטייט די פרשה
פון יתרו לעבון דער פרשה פון עמלק צו
ווייזן דאס עמלק איז גוועזן אונזער קרוב
דען ער איז ארום גוקומן פון עשו
האט ער אונז שלעכט גוטון אונ יתרו
וואס ער איז אפערעמדור גוועזן דער הט
זוך בהעפט צו ישראל אונ הט זיי פול
גוטס גוטון אונ דרום שטייט אויף יתרו
פול גוטס אונ דער תורה אונ אויף עמלק
שטייט מען זאל זיין נאמון אפמעקון
אונ נאך אפשט עס איז גוויסט דם עס
האט קיינור נוט צום ערשטון מלחמה
גהאלטון מוט ישראל נאר עמלק אונ
אזו ווי אונ דער מלחמה איז גוועזן משה
פון שבט לוי אונ יהושע פון אפרים
אזו אויך אונ דער אונטרשטור מלחמה
וועט זיין אליהו פון שבט לוי אונ משיח
בן יוסף פון שבט אפרים אונ דרום שטייט
די פרשה פון דער תורה גשריבן אונ
פרשת יתרו צוא ווייזן דאס ווען משיח
וועט קומון וועט די תורה זיין צו אשכל
צו ישראל אזו וויא זוא איז גוועזן צו יתרו
אונ דער נאך וועט זיין דער יום הדין
דרום שטייט נאך דער פרשה וישמע
יתרו דוא פרשה ואלה המשפטים צוא
ווייזן דאס ווען משיח וועט קומון וועט
גאט געבון די משפטים אונ דינים צו דוא
לייט. יתרו האט גהאט זיבון נעמון אונ
האט פרור גוהייסון יתר אונ אז ער האט
דר

אוהל יעקב

דענצמאל וועט זיין בייא דוא מחותנים איין רעכטו
שמחה אבור דער שדכן הט שון זיין שדכנות געלד
אפ גנומן איז זיין שמחה איין רעכטו שמחה דאס
אייגונו איז מוט משה אונ דוא יודון האטשו זייא
האבון מקבל גוועזן טובות פון גאט אונ האט זייא
גטון נסים אונ מצרים אונ בייא דעם ים אונ האבון
מקבל גוועזן דוא תורה פון דעמט וועגון האבון זייא
נוט נקענט זאגון (ברוך ה') ביז זייא וועלון זעהון
זייער תכלית אז משיח וועט קומון אובור יתרו האט
מקבל גוועזן זיין טובה תיכף דער מוט וואס ער האט
זוך מגייר גוועזן אונ איז גווארון איין יוד הט ער
שון גהאט איין גוטון מסחר אן אשום ספק דער מוט
וואס ער הט מברר גוועזן דעם אמת פון דעם שקר
דאס האט יתרו גזאגט (ברוך ה' עתה ידעתי כי גדול
ה' מכל האלהים) איך האב שון מיין טובה מקבל
גוועזן וואס איך האב מברר גוועזן דעם אמת פון דעם
שקר דארף איך מיך שון פרייאן פונקט אזו וויא
דער שדכן הט שון אפ גנומן זיין שדכנות געלד הט
ער זוך גפרייט:

דער קענט דעם ווארין גאט האט אום גאט מוסיף גוועזן איין אות אויף זיין נאמין דאס איז איין (ואו) אונ הט אום גורופין יתרו (למשה ולישראל) דם ווייזט אונז דאס משה האט מוט זיינו מעשים טובים גוגנין אקעגין כל ישראל (אחר שלוחיה) יתרו האט משה זיין וייב גבראכט נאך דעם אז ער האט זי אוועק גשוקט דען אז גאט האט גוהייסין צוא משה ער זאל גיין קיין מצרים האט משה גנומין זיין וייב מוט זיינו צווייא קונדור אויך קיין מצרים אוז אום אהרן אקעגין גגאנגין אונ פרעגט ווער זענין דוא דאזוגו האט משה גזאגט דאס איז מיין וייב אונ מיינו קונדור זאגט אהרן וויא אהין פורסטו זיי זאגט משה קיין מצרים זאגט אהרן מיר זענין זיך מצער אויף יענו ווייבור אונ קונדור וואס זענין אינ מצרים אונ דוא ווילסט נאך מערין אויף זיי אזו הט באלד משה זיין וייב אונ קונדור ווידור קיין מדין גשוקט צוא אור פאטור יתרו אונ אצונדורט האט ער זייא ווידור צו משה גבראכט אונ דוא צווייא קונדור האט איינור גוהייסין גרשום ווייל משה האט גזאגט איך בין גוועזן אגר אונ איין פרעמד לאנד אונ דער אנדורור האט גוהייסין אליעזר ווייל משה האט גזאגט גאט איז גוועזן אונ מיין הולף אונ האט מוך מציל גוועזן פון דער שווערד פון פרעה אונ דרום האט משה נוט גורופין דעם ערשטין זון אליעזר ווייל יתרו האט מוט משה אתנאי אום גנומין דם דער ערשטור זון זאל זיין צו דער עבודת גלולים דרום האט משה נוט גוואלט דער מאנין דעם נאמין פון גאט אויף דעם ערשטין זון אונ דרום הט אום משה נוט מל גוועזן ווייל ער האט מורא גהאט פאר יתרו אונ דער מלאך האט אום גוואלט טייטין האט אום צפורה מל גוועזן אונ יתרו האט אור דרויף מוחל גוועזן אונ דרום שטייט (כי אמר גר הייתי) כלומר משה האט זוך פר ענפורט דרום הט ער אום נוט מל גוועזן ווייל ער איז גוועזן אגר ביי יתרו אונ האט פר אום מורא גהאט ווייל ער איז גוועזן פון אום פאר באטין נוט צוא מל זיין אום אבור בייא אליעזר שטייט נוט כי אמר דען ער הט פר ברגין אונ האט נוט גוואלט זאגין דעם טעם דאס ער רופט אום אליעזר ווייל גאט האט אום מציל גוועזן פון דער שווערד פון פרעה דער חזקוני שרייבט דרום שטייט (ושם האחד אליעזר) איינור האט גהייסין אליעזר אונ עס שטייט נוט (ושם השני) דען ער איז דאך גוועזן דער אנדורור זון נאר ווייל ער הט גדרפט דעם ערשטין זון רופין אליעזר ווייל דם גם וום גאט הט אום מציל גוועזן פון דר שווערד פון פרעה איז פרור גוועזן איי ער איז אגר גוועזן דרום שטייט ושם האחד דען ער איז גוועזן גלייך ווי דר ערשטר ווייל ער הט גהייסין נאך דעם ערשטין נם (ויאמר אל משה אני חותנך יתרו בא אליך) יתרו זאגט צו משה אויך דיין שווער יתרו קום צו דיר אונ חאטשו מען הט נוט גלאנט צו ישראל קומין אובור דם וועלקין וום איז גוועזן ארום זיי גאר יתרו האט מוט אפייל אריין גשאסין וום אונ איר איז גוועזן אבריף אן גקניפט האט משה דעם ברוף גלייענט אויך יתרו דיין שווער קום צו דיר גיי ארום פון מיינוט וועגין ווילסט נוט ארום גיין פון מיינוט וועגין גיי ארום פון דיין ווייבם וועגין ווילסט נוט ארום גיין פון דיין ווייבם וועגין גיי ארום פון דיינו קונדרם וועגין איז משה פון דעם וואלקין ארום גגאנגין אונ אז משה איז גגאנגין איז אהרן אויך גגאנגין אונ נדב ואביהוא אונ כל ישראל האבין גזעהן אז משה אונ אהרן גייאין ארום זענין זייא אלי ארום גגנגין אקעגין יתרו הט יתרו גהאט גרום כבוד דם אלו זענין אום אקעגין גגאנגין אונ משה האט זוך גבוקט צו זיין שווער אונ הט אום גקושט

(וַיִּחַד יִתְרוֹ) יִתְרוֹ האט זיך גפרייט אויף די טובות וואס גאט הט גטון צו ישראל אונ הט זיך מצער גוועזן וואס אזו פיל עובדי גלולים זענין אום גקומן (עַתָּה יָדַעְתִּי) יתרו הט גזגט אצונדרט ווייס איך וואל דאס גאט איז גרעסר פון אלי אפ געטער פון דר וועלט דרום הט ער גזאגט איך ווייס אז גאט איז גרעסר פון אלי אפ געטער (כִּי בַדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ עֲלֵיהֶם) דען דר מוט וואס די מצרים האבן גוואלט ישראל שלעכץ טון אונ צו דר טרענקן זייערו קונדור אונ וואסור האט גאט די קונדר מציל גוועזן אונ הט זיי דר טרענקט אונ וואסור אונ יתרו הט גמאכט אסעודה ווייל ער הט זיך מל גוועזן אונ הט זיך גטובולת אונ דרום האט ער גמאכט אסעודה כדי דר גוף זאל זיך משמח זיין דם די שכינה זאל אויף אום רואון דען די שכינה רואוט נוט אויף אטרורוגן גוף

אזו ווי מיר גפינן ביי יצחק ווען ער הט גוואלט בענשן זיין זון הט ער זיך גהייסן מאכן גוטו שפייז כדי ער זאל פריילוך זיין ווען די שכינה זיין ביי דעם בענשן אונ דרום שטייט (לִפְנֵי הָאֱלֹהִים) דוא סעודה איז גוועזן פאר גאט דם ווייזט אונז דר וואס הט הנאה פון אסעודה וואס תלמידי חכמים זוצן ביי אור איז גליך ווי ער הט הנאה פון גאט (וַיְהִי מִמָּחֳרָת) עס איז גוון אטאג נאך יום כפור הט משה זיך גזעצט צו משפוטון דם פאלק אונ דם פאלק איז פר אום גשטאנון אזו ווי מען שטייט פאר אמלך אונ ווי יתרו הט דם גזעהון האט אום באנק גוטון וואס משה איז מזלזל אונ דעם כבוד פון ישראל זגט יתרו צו משה ווארום זוצט אונ כל ישראל שטיין דר חזקוני פרעגט ווארום הט יתרו גפרעגט ווארום זוצט עס איז דאך דר דין אזו דם אדיין דארף זוצן אונ די וואס קומן זיך

לאדין

## של"ה הקדוש

(מַדּוּעַ אַתָּה יוֹשֵׁב לְבַדֶּךָ) ווארום זוצט דו אליין רש"י מאכט יתרו האט גזעהון אז משה זוצט ווייא אקעגנוג אונ דאס גאנצו פאלק שטייען ארום אום הט דם אום פאר דראסון וואס ער אכטוט נוט אויף דעם כבוד פון דעם כלל . אונ הט אום פאר גהאלטון . דרוף קאן מען אבור פרעגון מור זעהון דאך ווייטור אז יתרו הט זיך ערקלערט אנדורש אונ הט גזאגט אז דאס איז צו שווער פר משה אליין צו רוכטון דם פאלק נאר אונ דער אמת איז אז די מלוכה אונ דוא הערשאפט וואס גאט הט גגעבון צו די פאר שטעהר פון דוא קינדר ישראל איז נוט כדי אז דוא פאר שטעהר זאלון כבוד אונ גדולה האבון אונ אור כבוד דארף נוט צו זיין אקערפערלוכור כבוד . נאר דער תכלית פון דער ממשלה איז נאר ארוחנית . כדי דוא תורה הקדושה זאל מקוים ווערון . די מלכים אונ דוא פארשטעהר זאלון מוט מאכט וואס איז צו זיי נגעבון גווארון דאס פאלק פורון אונ גאטס וועגון . אונ זייא דארפון הוטון אונ מקיים זיין אלו מצות אונ דם מיינט דער פסוק (וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים) אור זאלט מור זיין אקעגנרייך פון פרוסטור דאס הייסט דוא מלוכה די איך גיב אייך זאל זיין פון מיינוס וועגון נוט פון אייערט וועגון . אונ די תורה זאגט (בִּי מְלָכִים יִמְלוֹכוּ) פון מיינוס וועגון זאלון הערשון דוא קעניגו אובור אייך . אונ ארמז דער צו גפונון מור ביא שלמה המלך אויף אום

זאגט דער פסוק (וַיֵּשֶׁב שְׁלֹמֹה לַמֶּלֶךְ עַל כִּסֵּא יְיָ) אונ שלמה איז גזעסון פר אקיניג אויף דעם טראהן פון גאט אונ דרובור אז יתרו הט גזעהון צום ערשטון מאל ווייא משה זוצט נאר אליין . אונ אלו שטיין אונ ער האט נוט גוויסט אז זייא קומון צו אום ער זל זיי ריכטון גאטס וורט צו פארשטון. הט ער גמיינט משה וויל זיך פורון מוט שטאלץ אונ מיינט ער איז גווארון אמלך אויף די קונדר ישראל פון זיינוט וועגון הט דאס אום פאר דראסון אונ ער האט אום פאר גהאלטון אבור אז משה רע"ה הט אום ערקלערט . אז חלילה וחס ער מיינט נאר נוט כבוד צו נעמון ער זוכט נאר נוט זיין כבוד נאר גאטס כבוד ווייל זייא קומון צו אום גאטס ווארט צו פארשטון . ער זאל זייא ריכטון . אבור זייא ערקלערון די לעהרו פון גאט . אונ נאר דרובור דארף ער נאר אליין זוצון אונ זייא דארפון שטיין דאמאלס האט אום יתרו גזאגט אז דאס איז פאר דור אליין שווער די וועסט מוד ווערון . דער פון זעהון מור אז דער מענש וואס גאט איז אום מזכה מוט כבוד זאל ער דעם כבוד נוט פאר זיך האלטון אונ זאל אום נברוכון לשם שמים . עס זאל דורך דעם תורה אונ מצות קענון מקוים ווערון . אונ לשם שמים דארף מען אפילו שטרענג זיין מוט תלמידים אונ זייא אונ דער מורא האלטון :

לָאדוּן דַרְפוּן שְׁטֵיין אוּנ אוּךְ וִוי קוּמְט עֶס דָם יִתְרוֹ זָאל מֹשֶׁה שְׁטְרָאפוּן וָוס עֶר אִיז אַזוֹ אַחָשׁוּבֶר מַאן גְוֶועְן דֶר תִּירוּין אִיז יִתְרוֹ הָאט צוּ מֹשֶׁה גְזָאגְט וָוארוּם זִיצְטוּ אַלֵיין נֶעם צוּ דִיר נָאךְ דַיָינִים זֵיי זָאלוּן דִיר הֶעלְפוּן מִשְׁפּוּטוּן נוּט עֶר הָט גְזָגְט וָוארוּם זִיצְטוּ אוּנ כָּל יִשְׂרָאֵל שְׁטֵיין דָם הָט עֶר גְוִויסְט דָאס כָּל יִשְׂרָאֵל דַארְפוּן שְׁטֵיין אוּנ מֹשֶׁה הָט נוּט פַר שְׁטַאנוּן הָט עֶר גְמֵיינְט עֶר פְרֶעגְט אוּם וָורוּם שְׁטֵיין דוּא יִשְׂרָאֵל הָט עֶר אוּם גֶעעֶנְפֶרְט זֵייא קוּמוּן צוּם מִשְׁפָּט דַארְפוּן זֵיי שְׁטֵיין (מִן הַבּוֹקֶר עַד הָעָרֶב) דוּא יִשְׂרָאֵל זֶענוּן גְשְׁטַאנוּן פוּן אוּנ דֶער פְרוּא בִּיז נַאכְט פְרֶעגְט רש״י אִיז דֶען מֶעגְלוּךְ דָם אַגַאנְצוּן טָאג זָאל מֹשֶׁה מִשְׁפּוּטוּן וֶוען הָאט עֶר תּוֹרָה גְלֶערוּנְט מוּט יִשְׂרָאֵל דֶר תִּירוּץ אִיז דָאס וַוייזְט אוּנְז וֶוען אֵיין דַיָין מִשְׁפָּט רֶעכְט אֵיין שָׁעָה אִיז גְלַייךְ וִוי עֶר הָט אַגַאנְצוּן טָאג תּוֹרָה גְלֶערוּנְט אוּךְ וַוייזְט דָם אוּנְז וֶוען אֵיין דַיָין מִשְׁפָּט רֶעכְט אִיז עֶר גְלַייךְ וִוי עֶר הָאט גָאט גְהָאלְפוּן צוּ בַּשַׁפוּן הוּמוּל אוּנ עֶרְד דֶען דָא שְׁטֵייט (מִן הַבּוֹקֶר עַד הָעָרֶב) אוּנ בַּייא דֶער וֶועלְט בַּאשַׁאפוּן שְׁטֵייט אוּךְ (וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בוֹקֶר) וַוייל דוּרְךְ רֶעכְט מִשְׁפּוּטוּן הָט דוּ וֶועלְט אַקִיוּם (נָבוֹל תִּבּוֹל) יִתְרוֹ זָאגְט צוּא מֹשֶׁה דוּא וֶועסְט נוּט קֶענוּן בַּשְׁטֵיין אַלֵיין צוּ מִשְׁפּוּטוּן דָם פָאלְק דוּ וֶועסְט פַר פַאלוּן וֶוערוּן אוּנ חַס וְשָׁלוֹם יִשְׂרָאֵל אוּךְ מוּט דוּר אוּנ אֲפִילוּ אַהֲרֹן אוּנ הוּר זָאל זַיין מוּט דוּר וָואלְט דוּר אוּךְ נוּט גְהָאלְפוּן אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן הוּר אִיז שׁוֹן לַאנְג גוּטֵייט גְוָוארוּן אוּנ דֶר מַעֲשֶׂה פוּנוּם עֵגֶל אוּנ דָאס פָאלְק אִיז אוּךְ שְׁוֶוער צוּ וַוארְטוּן אֵיינוּר אוּף דֶם אַנְדֶרוּן מוּט זַיין מִשְׁפָּט בִּיז יֶענוּר וֶועט וֶוערוּן אוּם גוּמוּשְׁפָּט דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט מֹשֶׁה זָאגְט עֶס קוּמוּן צוּא מוּר פוּל יִשְׂרָאֵל אַטֵייל בַּגֶערוּן אוּךְ זָאל פַר זֵיי תְּפִלָּה טוּן אוּף זֵייעוּר קְרַנְקֵייט אוּנ עֶטְלוּכוּ בַּגֶערוּן

אוּךְ זָאל זֵייא זָאגוּן אוּב זֵייא וֶועלוּן גוּפוּנוּן דָאס וָואס זֵייא הָאבוּן פַר לוּרוּן אוּנ אַטֵייל זָאגוּן אוּךְ זָאל זֵייא מִשְׁפָּט טוּן עֶנְפוּרְט יִתְרוֹ טוּא תְּפִלָּה צוּא גָאט פַאר יִשְׂרָאֵל אוּנ לֶערוּן זֵייא תּוֹרָה אוּבּוּר מִשְׁפּוּטוּן וֶועסְטוּ אַלֵיין נוּט קֶענוּן בַּשְׁטֵיין דוּא מוּזְט נָאךְ נֶעמוּן אַנְדוּרוּ חֲכָמִים פוּן יִשְׂרָאֵל (וְאַתָּה תֶחֱזֶה) דוּא זָאלְסְט אוּם דֶר וֵוייְלוּן חֲכָמִים וָוס זָאלוּן זוּצוּן מוּט דוּר בַּיי דֶם מִשְׁפָּט דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דֶרוּם שְׁטֵייט תֶּחֱזֶה עֶס שְׁטֵייט נוּט תִּבְחַר דָם אִיז טַייטְשׁ אוּם דֶר וֵוייְלוּן תֶּחֱזֶה אִיז טַייטְשׁ נְבוּאָה אוּם צוּ קְלוּבּוּן חֲכָמִים וָוס זֶענוּן פְרוּם דָם קָאן מֶען נוּט בַּלְד וִויסוּן נוּר מוּט נְבוּאָה אוּךְ וַוייזְט תֶּחֱזֶה דוּ זָאלְסְט זֶעהוּן אוּנ פָּנִים צוּ דֶר קֶענוּן דֶען מֹשֶׁה אִיז גְוֶועְן אַחָכָם אוּנ הָט גְקֶענְט דֶר קֶענוּן אוּנ פָּנִים וֶועלְכוּר עֶס אִיז פְרוּם אוּנ וֶועלוּכוּר נוּט דֶרוּם שְׁטֵייט (וְאַתָּה תֶחֱזֶה) דוּ מֹשֶׁה אַלֵיין מוּזְט אוּם קְלוּבּוּן מוּט דַיין חָכְמָה וָואס דוּ קָאנְסְט זֶעהוּן אוּנ פָּנִים וֶוער עֶר אִיז פְרוּם (אַנְשֵׁי חָיִל) דוּ וָוס הָבּוּן אוּנ זוּךְ גוּטוּ מִדּוֹת צוּ גוּט מִשְׁפּוּטוּן אוּנ עֶס זָאל אוּם אַלוּ צַייט אוּם וַוייזוּן וִוי אַשְׁוֶוערְד לוּגְט אוּף זַיין הַאלְז אוּנ דָם גֵיהִנָּם אִיז אוּפוּן אוּנְטוּר אוּם וֶועט עֶר גוּט מִשְׁפּוּטוּן וֶועט עֶר נִיצוֹל וֶוערוּן פוּן דוּ בֵּיידוּ וֶועט עֶר נוּט רֶעכְט מִשְׁפּוּטוּן וֶועט עֶר פַלוּן דוּרְךְ דֶר שְׁוֶוערְד אוּנ גֵיהִנָּם (שׂוֹנְאֵי בָצַע) דֶר דַיָין מוּז זַיין אֵייגוּן גֶעלְד פַיינְט הָאבּוּן בַּייא דֶעם דִין אֲפִילוּ וֶוען אֵיינוּר זָאגְט אוּם אוּךְ וֶועל דִיר דַיין הוֹז פַר בְּרֶענוּן וֶוען דוּ וֶועסְט מוּךְ נוּט גְרֶעכְט מַאכוּן אוּנ דִין זָאל עֶר זוּךְ נוּט פַארְכְטוּן אוּנ זָאל לָאזוּן זַיין גֶעלְט פַאלוּן אוּנ זָאל דָאךְ רֶעכְט מִשְׁפּוּטוּן (וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם בְּכָל עֵת) אַנְדוּרוּ דַיָינִים וֶועלוּן קֶענוּן אַלוּ צַייט דָאס פָאלְק מִשְׁפּוּטוּן אוּבּוּר דוּא מֹשֶׁה הָאסְט נוּט צַייט דוּ מוּזְט אוּפְט מוּט דֶר שְׁכִינָה רֶעדוּן אוּךְ אִיז דָאס פָאלְק צוּא

גרוס פאר דור אליין צו משפוטון (שרי אלפים) משה האט אוס גקלובון איין ריין איבור טויזנט אוז גוועזן זעקס הונדרט דיינים אונ הט ווידר אוס גוקלובון אביין איבור הונדרט אוז גוועזן זעקס טויזנט דיינים אונ האט ווידר אוס גקלובון איין ריין איבור פופציג אוז גוועזן צעבציג טויזנט דיינים דר חזקוני פרעגט נאך דם חשבון נאך זנון דו דיינים גוועזן אכט אונ זובציג טויזנט אונ זעקס הונדרט אזו זענון דאך דו ישראל נוט גוועזן פר פול זעקס מאל הונדרט טויזנט דען עם זענון פול גוגנגון צו זיין דיינים דער תירוץ אוז דו דיינים זענון אלו גוועזן העכור פון זעכציג יאר אזו זענון זייא שון נוט ווארון גציילט צווישון ישראל אונ דו ישראל זענון גוועזן זעקס מאל הונדרט טויזנט חוץ דו דיינים נאך איין תירוץ זאגט דער חזקוני דוא דיינים זענון גוועזן פון דו זעקס הונדערט טויזנט אונ מוט זיי אוז דר חשבון ווארון פר פול דען דו דיינים פון טויזנט זענון ווארון גציילט אוטלוכור מוט זיין טויזנט אונ אוך דו דיינים פון הונדורט אוז אוך אוטלוכור וורון גציילט מוט זיין הונדורט אונ אזו אלו (בחודש השלישי) אונ דריטן חודש דם אוז סיון זענון דו ישראל גוקומון צו דר מדבר סיני אונ הבוןדם טאג גוצוגון פון רפידים אונ הבון גורוט אקעגון דם בארג אונ הרום שטייט ויחן נוט ויחנו צו ווייזון דם זיי הבון גורוט אלו מוט איין הארץ אונ מוט איין דעה גליך וויא איין

מענש צו מקבל זיין דו תורה איבור אלו אנדורו רואונג זענון גוועזן פול מוט ריעות אונ מוט קריג דער בחיי שרייבט ראש חודש סיון אוז גוועזן אום מאנטוג אונ דונסטוג זענון זיי גוקומון צום בארג הט גאט זייא עטלוכו מצות גובאטון אונ מוטוואך האט משה גזאגט צו גאט דאס דוא ישראל ווילון מקבל זיין דוא תורה מוט דעם גאנצון הארצון אונ אום דאנערשטוג האט גאט גוזאגט צוא משה ער זאל זאגון צוא ישראל זייא זאלון זוך אפ שיידון פון זייערו ווייבור דריי טעג דאנערשטוג אונ פרייטוג אונ שבת דאס אוז גוועזן דער זעקסטור טאג אונ סיון אזו הט גאט דו תורה גגעבון אום שבת דרום זאגון מור ישמח משה אום שבת וויל דוא תורה אוז ווארון גוגעבון דורך משה אום שבת (כה תאמר לבית יעקב) גאט האט גזאגט צוא משה גיי זאג דו ווייבור עטלוכו מצות מוט ווייכו רייד אונ דרום הט גאט פרוה גהייסון זאגון דוא ווייבור וויל זיי האבון קיין שכל נוט צוא מקבל זיין דוא תורה אזו וויא דוא מאנון דרום האט ער זיי פרוה גזאגט עטלוכו מצות נאך אפשט זאגט דער בחיי ווייבור זענון אגרוסו הולף צוא לערנון תורה אונ צוא פירון זייערו קונדור אונ הדר צום רבי אונ צוא איין רידון דאס קונד מוט גוטו ווערטור וויל זיי זענון אלו צייט אונ דר היים אונ זייא דער בארימון זוך איבור זייערו קונדור אונ דרום זאל איין אשה

תפלה

של״ה

(בחודש השלישי וגו׳ ביום הזה) אונ דריטון חודש אונ דעם טאג. רש״י מאכט עס הט איינגוטלוך גדארפט שטיין (ביום ההוא) אן יענום טאג. נאר דוא תורה הט בכוונה גשטעלט (ביום הזה) אן דעם טאג. אונז צו לאזון הערון אז דוא דברי תורה דארף אונז אלו מאל זיין לוב. וויא נייע וואס זענון היינטוגון טאג גגעבון גווארון. אונ דרובור זענון מור מחויב צו דר מאנון אלו טאג דעם מעמד הר סיני ומתן תורה אונ זאל בטראכטון דעם גרוסון גלוק וואס השי״ת האט אונז גגעבון אז ער הט אונז אוס גקלובון פון אלו פעלקור אונ הט אונז ארום גפורט פון מצרים

הקדוש

מוט גרוסו נסים אונ נפלאות הט אונז צו גפורט צום בארג סיני אונ האט אונז דארטון גריינוגט פון דער טומאה ווס דוא שלאנג האט אונ אלו מענשון אריין גלאזט אונ הט אונזרו אויגן דער לייכטון מוט דער לוכט פון זיין הייליגו תורה אזו אלוכט וואס עס שיינט איבוג אזו איין לוכט ווס אפילו דו מלאכי השרת האבון נוט זוכה גוועזן צו בקומון אונ מור אלו דאס הייסט אלו אונזרו נשמות וואס זענון גבורון גווארון אונ ועלון גבורון ווערון עד סוף כל הדורות זענון גוועזן פאר זאמולט אוף דעם בארג סיני אונ גאט הט מוט אונז אלו גרעט פנים בפנים ווען איין מענש

תְּפִלָּה טוּן וֶוען זוּא צוּנְד לֶעבְּט אוּף שַׁבָּת דָּאס גָאט זָאל אוּר גֶעבּוּן קוּנְדוּר וָואס זָאלוּן לַייכְטוּן אוּנ דֶער תּוֹרָה אַזוּ וִויא אַלֶעכְּט דֶּען דוּא תְּפִלָּה וֶוערְט מֶער אָן גוּנוּמוּן וֶוען מֶען טוּט אֵיין מִצְוָה דְּרוּם הָט גָאט גְהֵייסוּן צוּ וַוייבּוּר פְּרוּר זָאגוּן עֶטְלִיכוּ מִצְוֹת פַר דִיא מַאנוּן אוּנ גָאט הָאט צוּם עֶרְשְׁטוּן גְזָאגְט דֶּם עֶר בַּצָאלְט אוּטְלִיכוּן זַיין שָׂכָר אַזוּ וִוי עֶר פַר דוּנְט דְּרוּם הָט עֶר גְזָאגְט צוּא יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלוּן הַלְטוּן זַיין גְבָאט וֶועט עֶר זֵיי אַגוּטוּן שְׂכַר גֶעבּוּן אוּנ וֶוער עֶס וֶועט נוּט הַאלְטוּן דֶּם וֶועט עֶר שְׁטְרָאפוּן (אַתֶּם רְאִיתֶם) אוּר הָאט גֶזֶעהֶן דֶּם אוּך הָאבּ אַייך אוּם גוּצוּגוּן פוּן מִצְרַיִם וַוייל אוּר וֶועט מְקַבֵּל זַיין דוּ תּוֹרָה אוּך הָאבּ גְשְׁטְרָאפְט דוּא מִצְרִיִּים פַאר זַייעוּרוּ בֵּייזוּ מַעֲשִׂים (וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים) אוּנ אוּך הָאבּ אַייך גְטְרָאגוּן אוּף מַיינוּ הֶענְד אַזוּ וִוי אֵיין אָדְלֶר טְרָגְט זַיינוּ קוּנְדוּר אוּף זַיינוּ פְלוּגוּל דֶען אַלוּ פֵייגוּל טְרָאגוּן זֵייעוּרוּ קוּנְדוּר פוּן אֵיין גֶעסְט אוּנ דֶער אַנְדוּרוּר צְוִוישׁוּן זֵייעוּרוּ פוּס וַוייל זֵייא הָאבּוּן מוֹרָא צוּא טְרָאגוּן זֵייא אוּף דוּא פְלוּגוּל דָּאס אֵיין אַנְדוּרוּר פוּגוּל וָואס פְלוּט הֶעכוּר זָאל זֵייא נוּט אַרָאפ הַאפּוּן אָבּוּר אֵיין אָדְלוּר טְרָאגְט יוּא זַיינוּ קוּנְדוּר אוּף דוּ פְלִיגוּל וַוייל עֶס אוּז נוּט דָא קֵיין פוּגוּל וָואס זָאל הֶעכוּר פְלוּהוּן פוּן אוּם אוּנ עֶר ווּיל זֵייא נוּט טְרָאגוּן צְוִוישׁוּן דוּא פוּס דֶען טָאמוּר וֶועט מֶען זֵייא שׁוּסוּן דְּרוּם טְרָאגְט עֶר זֵייא אוּף דוּא פְלוּגוּל דֶען עֶר טְרָאכְט זוּך בֶּעסוּר זָאל אַרֵיין גֵיין דוּא פַייל אוּנ אוּם אוּנ נוּט אוּנ זַיינוּ קוּנְדֶער אַזוּ אוּך הָט גָאט גְטְרָאגוּן דוּ יִשְׂרָאֵל מוּט אַוֶיאלְקוּן אוּנ הָאט גְזָאגְט בֶּעסוּר לָאז מֶען שִׁיסוּן אוּנ וָואלְקוּן אוּנ נוּט מַיינוּ קוּנְדוּר (וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה) אוּנ אוּר יִשְׂרָאֵל וֶועט מוּר לוּבּ זַיין אוּנ דְּרוּם שְׁטֵייט (סְגֻלָּה) דָּאס אוּז טַייטְשׁ אֵיין אוֹצָר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת וָוס דֶער מֶלֶךְ הַאלְט זֵיי גָאוּנְט בֵּייא זוּך (כִּי לִי כָּל הָאָרֶץ) דֶען דוּ גַאנְצוּ וֶועלְט אוּז מַיין אַזוּ קֶען אוּך בַּצָאלוּן אַגוּטוּן שְׂכַר צוּ דֶם וָוס דוּנְט מוּך (וַיִּקְרָא לְזִקְנֵי הָעָם) אוּנ מֹשֶׁה הָאט גוּרוּפוּן צוּ דוּ זְקֵנִים פוּן דֶעם פָאלְק אוּנ הָט זֵיי גְזָאגְט אַלֶין וָוס גָאט הָאט גְזָאגְט הָאבּוּן אַלוּ יִשְׂרָאֵל מוּט אַנַנְדֶר גֶענְפֶרְט אַלֶין וָואס גָאט זָאגְט וֶועלוּן מוּר מְקַבֵּל זַיין אוּז מֹשֶׁה גְגַאנְגוּן צוּא גָאט אוּנ הָאט גְזָאגְט דוּ יִשְׂרָאֵל ווּילוּן מְקַבֵּל זַיין דוּא תּוֹרָה דֶר בְּחַיֵּי פְרֶעגְט דוּא גְמָרָא זָאגְט גָאט הָט אוּבּוּר זֵיי אוּף גוּהוּבּוּן דֶם בַּארְג אוּנ הָט צוּ זֵייא גְזָאגְט וֶועט אוּר מְקַבֵּל זַיין דוּ תּוֹרָה אוּז גוּט אוּנ אוּבּ נוּט וֶועל אוּך אוּף אַייך דֶעם בַּארְג אַרָאפ לָאזוּן וֶועט אוּר דָארְטוּן בַּגְרָאבּוּן וֶוערוּן אוּנ דָא שְׁטֵייט דָאך בַּשֵׁיידְלוּך דָּאס דוּא יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן מוּט זֵייעֶר גוּטוּן ווּילוּן מְקַבֵּל גְוֶוען דוּא תּוֹרָה דֶער תִּירוּץ אוּז דוּא תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב דָּאס אוּז דָּאס חוּמֶשׁ הָאבּוּן זֵייא מוּט דֶעם גוּטוּן ווּילוּן מְקַבֵּל



של"ה הקדוש

זָאל זוּך דָּאס אַלְץ פַאר שְׁטֶעלוּן טָאג מֶעגְלוּך אוּז נָאר אוּם מֶעגְלוּך אַז עֶר זָאל קֶענוּן וֶוגְדוּגוּן אַז אַלוּ תַּאֲוֹת פוּן עוֹלָם הַזֶּה זָאלוּן אוּם קֶענוּן פַאר פוּרוּן דוּא שְׁבוּעָה וָואס עֶר הָאט גְשְׁווָארוּן אוּף דֶעם בַּארְג סִינַי צוּ בְּרֶעכוּן:

(וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים וַיָּבֹאוּ מִדְבַּר סִינַי) אוּנ זֵייא צוּהוּן אוּם פוּן רְפִידִים אוּנ זֶענוּן גְקוּמוּן אוּנ מִדְבַּר סִינַי רש"י בְּרֶענְגְט פוּן דֶער מְכִילְתָּא צוּ וָוס דַארְף דֶם דָא נָאך אַמָאל שְׁטֵיין פוּן וַואנֶן זֵייא זֶענוּן גְקוּמוּן עֶס שְׁטֵייט דָאך אוּבּוּן אַז פְרוּר זֶענוּן זֵייא גְוֶועזוּן אוּנ רְפִידִים נָאר דוּא תּוֹרָה ווּיל אוּנְז לָאזוּן הֶערוּן דוּרְךְ אֵיין הֵיקֵשׁ אַז זֵייעֶר אַרוּם גֵיין פוּן רְפִידִים אוּז גְלַייךְ צוּ זֵייעֶר קוּמוּן אוּנ מִדְבַּר סִינַי אַזוּ ווּיא זֵייעֶר קוּמוּן אוּנ מִדְבַּר סִינַי אוּז גְוֶוען מוּט תְּשׁוּבָה אַזוּ אוּז גְוֶוען זֵייעֶר אַרוּם גֵיין פוּן רְפִידִים מוּט תְּשׁוּבָה. מוּר זֶעהוּן אַז דוּא בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן תְּשׁוּבָה גְטוּן אֵיידוּר זֵייא זֶענוּן גְקוּמוּן דוּא תּוֹרָה צוּ מְקַבֵּל זַיין. דֶער פוּן נֶעמוּן דוּא מְקוּבָּלִים אַרָמֶז אַז עֶס טְרֶעפְט זוּך אַמָאל אֲפִילוּ דֶעם לַמְדָן אַז עֶס אוּז אוּם שְׁוֶוער צוּ פַאר שְׁטֵיין אַפְּשַׁט אוּדוּר אֵיין חֲקִירָה אוּנ דֶער תּוֹרָה דַארְף עֶר בַּאלְד בַּאטְרַאכְטוּן זַיינוּ מַעֲשִׂים פוּלַייכְט וֶועט עֶר גְפוּנוּן אַחַטְא וָוס עֶס אוּז מְעַכֵּב אוּנ פַר שְׁטֶעלְט אוּם

גוועז אובור דוא הלכה וואס משה הט מקבל געוועזן אוסון ווייניג פון הקב"ה דאס הבון זיי נוט גוואלט מקבל זיין ווייל עס איז דרונן פול שווערו אונ הארבו מצות אזו האט גאט גוואלט אוף זיי דם בארג ווארפון בוז זיי האבון גמוזט מקבל זיין (ויגד משה את דברי העם אל ה') אונ משה הט גזאגט דו רייד פון דעם פאלק צו גאט דם זיי האבון גזאגט מור ווילון אליין הערון דו רייד פון גאט מור ווילון זעהן אונזר מלך (הנה אנכי בא אליך בעב הענן) גאט הט גזאגט צו משה אוך וועל מוך צוא דור בווייזון מוט דעם גראבון וואלקון כדי כל ישראל זלון מוך דר קענון אונ דו אליין זאלסט קומן אונ דעם פיארדוגון וואלקון אונ כל ישראל וועלון הערון ווי אוך וועל מוט דור ריידן אזו וועלון כל ישראל זיין נביאים ווען זיי וועלון מוך הערון רעדון אונ וועלון זוך פארכטון פאר מור בוז אייבוג אונ זייא וועלון גלייבון אז גאט רעט מוט אמענש אונ ער בלייבט לעבון אונ ווען איינור וועט אוף שטיין אונ ער וועט זגון אז ער איז אבעסערר נביא פון משה וולון אלו ישראל קענון עדות זאגון דאס ער איז נוט אזו אנביא ווי משה דען דוא דו ישראל הבון בשיידלוך גזעהן אז משה

איז געוועזן אונ אפייערדוגון וואלקון אונ האט נאונט גרעט מוט גאט אונ דרום זאגט גאט צוא משה קום דו אליין אונ וואלקון כדי אלו ישראל זאלון גלייבון דם דו בוסט ארעכטר נביא אונ וועלון האלטון דיין נבואה (וקדשתם היום ומחר) אונ דו זאלסט היילוגון דו ישראל היינט אונ מארגון זיי זאלון זיין אפ גשייד פון זייערו ווייבור אונ זאלון זוך וואשון זייאורו קליידור אונ זאלון זוך אליין אוך טובלון (אם בהמה אם איש) אונ עס זל נוט צוא טרעטון קיין מענש אונ קיין בהמה דר בחיי שרייבט דר פסוק מיינט סיי ארשע וום ער איז גגלעכון צו אבהמה אונ סיי אצדיק זאל נוט צו טרעטון צום בארג אן צו רורון אונ אום אונ דער וום וועט אן רורון אונ דם בארג מוט אהאנד דר וועט ווערון גטייט מען זאל אום פר שטיינון מוט שטיינור אונ דו משה מאך אצייכון ארום דעם בארג וויא ווייט מען מעג גיין צום בארג (במשוך היובל) אז מען וועט בלאזון אלאנג קול מוט דעם שופר מעגון זיי אוף דעם בארג גיין דען דם איז אסימן אז דו שכינה האט זוך אפ גוטון אונ דער שופר איז געוועזן פון דעם איל וואס מען האט פאר אקרבן גבראכט אוף דעם אורט פון יצחק פרעגט

דער

## של"ה הקדוש

דאס לובט פון דער תורה צו זעהון אונ זאל באלד תשובה טון אונ זאל נאט בעטון ער זאל אום גנעדוגון מוט וויסון אונ זאל אום פר שטענדוג מאכון איין רמז דער צו נפונון מור אונ דער סמיכות פון דער ברכה אתה חונן צו דער ברכה השיבנו אבינו לתורתך :

(אנכי ה' אלהיך) דו עשרת הדברות דארף יעדור מענש ליינון אלו טאג מוט גרוס מורא אונ ציטרנוש אונ דארף זעהן ער זאל זייא קענון מקיים זיין זיי מוט אלץ וואס עס קומט ארום פון זיי מוט אלו פרטים אונ דקדוקים ובפרט דוא לא תעשה (לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא) דארף יעדור מענש זיך פאר נעמון מקיים צוא זיין אונ אלו פרטים אונ דארף אוף זוך נעמון נוט ארום צו לאזון פון מול קיין שום שבועה אפילו אוף דעם גרונגסטון אופן.

דער אבן עזרא איז זייער מאריך צוא ערקלערון דו שווערקייט פון דער עבירה אונ ער זאגט אז דוא עבירה איז דו ערגסטו פון אלו לאווין וום שטייאון נאך אור נוען רציחה אונ ניאוף וועלכו זענון שווערו עבירות קען דאך אפילו דער גרעסטור בעל תאוה נוט אלו ווייל עובר זיין ווייל עס איז נוט מעגלוך אין האט אוך מורא פר מענשון אפור דער וואס איז גוויינט פאלש צו שווערון קען טוזונט פאלשו שבועות אין טאג שווערון אונ עס וועט שון בייא אום אזו ארנילות צוא שווערון איידר ער הובט נאך נאר אן צו ריידון אונ דם גילט שון ביי אום נאר פר אמליצה דו עבירה איז אזו גרוס אז ווא אליין הט בכה דם גלות צו פאר לענגרון אונ אונזרו צרות צו פר מערון מען דארף בטראכטון אונ זעהן ווי גרוס דו עבירה איז דער נזלן אז ער הרגות אמענשון הט ער גשטולט

דר בחיי מען האט דאך דעם איל פר ברענט מיט די הערנר מיט זיין פלייש אונ הוט אונ ווי קאן זיין דם פון זיין הארין הט מען גמאכט אשופר אויף דעם בארג סיני דר תירוץ איז גאט הט נאך דעם פר ברענגן פון דעם איל ווידר בשאפן איין איל פון דעם אש אונ אזו אויך שרייבט דער פרקי רבי אליעזר דם פון דעם איל פון יצחק האט מען פון די ביינר גמאכט אגרונד צום מזבח אונ פון די אדרין הט מען גמאכט סטרונים צו דר הארפי ווס דוד המלך הט אויף איר גשפילט פון דר הוט האט מען גמאכט אנארטול אויף די לענדן פון אליהו פון דעם לינקן הארין הט מען גמאכט אשופר אויף דעם בארג סיני פון דעם רעכטן הארין האט מען גמאכט אשופר ווס מען ווערט בלאזן אז משיח ווערט קומן דר רעכטר הארין איז גרעסר פון דעם לינקן הארין דרום שטייט (ביום ההוא יתקע בשופר גדול) אונ דעם טאג פון משיח ווערט מען בלזן מיט אגרוסן שופר אגרעסרן פון דעם בארג סיני (לא תגע בו יד) מען זאל נוט אן רירן קיין האנד אונ דעם בארג דער בחיי שרייבט חאטשו עס שטייט (כל הנוגע בהר מות יומת) ווער עס ווערט אן רירן אונ דעם בארג ווערט ווערן גטייט שטעלט דאך דר פסוק (לא תגע בו יד) דם מיינט מען ווער עס ווערט דעם בארג אן רירן זאל מען אים נוט אן רירן מיט קיין האנד צו טייטן אים מיט ווארגן אודר דעם קאפ אפ האקן נאר מען זאל אים פר שטיינגן מיט שטיינר (ויהי קולות וברקים) אונ עס איז גוועזן פיל קולות פון מלאכים ווס זענן גקומן מיט גאט אויף דעם בארג סיני אונ מלאכים ווס זענן גוועזן בליץ אונ פייער אונ גאט הט גמאכט אגרוסן וואלקן צווישן די מלאכים אונ צווישן ישראל כדי די ישראל זאלן זיי נוט זעהן אונ זאלן זיך נוט דר שרעקן פר זיי (ויוצא משה את העם לקראת האלהים) אונ משה האט ארוס גוצוגן די ישראל אקעגן דער מחנה פון מלאכים נאהנט פון דעם בארג עס איז גוועזן צווייא אונ צוואנציג טוזנט מלאכים נאונט בייא גאט אזו ווי די לוים זענן אויך גוגאנגן צווייא אונ צוואנציג טוזנט לוים נאונט בייא דעם משכן ווס די שכינה האט דורטן גרוט דר מדרש זאגט אונ דעם טאג פון מתן תורה איז די זון גבליבן שטיין אונ הומל אונ עס זענן פיל ישראל גשטארבן פאר מורא אונ גאט האט זייא ווידר לעבדיג גמאכט פונף מאל איז די זון גבליבן שטיין אונ דוא טעג פון משה איין מאל אז מען איז פון מצרים ארוס גגאנגן דם אנדרי מאל ביי דעם ים דם דריטו מאל ביי דר מלחמה פון עמלק דם פערדו מאל בייא מתן תורה דאס פונפטו מאל ביים טייך ארנון (ויתיצבו בתחתית ההר) אונ ישראל זענן גשטאנן אונטר דעם צייכן ווס מען הט זיי אפ גצייכנט אונ גאט איז גוועזן אונ דר הייך פון דם בארג אונ משה איז ארין גוגאנגן אונ דעם וואלקן ווי גאט אליין איז דורטן גוועזן אונ דר בארג איז ווארן פול מיט רוך אונ דער רוך איז נוט גוועזן פון דם פייער ווס גאט איז דער מיט גוקומן דען דם פייער הט קיין רוך נוט גוהאט (משה ידבר והאלהים יעננו בקול) דוא ישראל זענן גושטאנן אויף איין פלאץ פון דריי מייל פון דעסט וועגן הבן זיי גהערט אוטליכס וורט פון משה בשיידליך ווען ער הט גרעט אויף דעם בארג סיני חאטשו דר שופר הט אלץ גבלזן מיט אשטארק קול הט דם דאך נוט מבטל גוועזן דם קול פון משה דען גאט האט אים גוגעבן כח ער זאל קאנן גאנץ הויך היידן דם אלו ישראל זלן הערן וואס ער רעדט מיט גאט (וירד יי על הר סיני) גאט איז גוקומן מיט איין גרוס פייער אופן בארג סיני אונ גאט האט

גוזאגט צו משה גיי אונ זאג אן צו ישראל זיא זאלון זיך היטון צוא אן רירון אונ בארג זיא זאלון נוט ווערון גוטייט אונ דו כהנים זאלסט אויך אן זאגון זיי זאלון נוט גיין נאהוגט פון דם בארג אונ זאלון זיך נוט פר לאזון אויף זייער חשיבות ענפערט משה איך הב זיי שון פר דרייא טעג אן גוזאגט זיא ווערלון שון נוט אן רירון און ברגוויעל (עשנו כעשן הכבשן) אונ אז גאט איז גוקומון אויף דעם בארג סיני איז גוועון אגרוסור רויך ווי פון איין קאליך אובון אונ עס איז גוועון דונרון אונ בלוצון אונ איין גרוסור וואלקון אונ איין געפויל אונ דער בארג סיני האט זיך גושאקולט אונ גוצוטורט אונ פול בערג האבון גוטאנצט אונ גושפרונגון אונ די ישראל האבון אויך גוצוטורט ווייל דוא ערד הט אונטור זיי גוצוטערט אונ זיי הבון זיך אפ גושייד ווייט פון דעם בארג פון וועגון גרוס מורא (אל יהרסו לעלות) גאט זאגט צו משה זאג צו ישראל אונ צו די כהנים זיי זאלון נוט זעהון אונ דם וואלקון וויא אויך בון (את כל הדברים האלה לאמר) אונ גאט הט אום גורעט אליין אלי עשרת הדברות אונ דאס וואס אונזורו חכמים זאגון דם גאט האט נאר גרעט הוא ערשטו צווייא דברות (אנכי) אונ (לא יהיה לך) איז דער פשט גאט הט אלו דברות אליין גזאגט נור דוא ערשטו צוויי דברות האבון די ישראל אליין פאר שטאנון פון גאט אובור די אוברוגו דברות האט משה זיא גימוזט אויך געבון צו פר שטיין דען זיי האבון אליין נוט פר שטאנון (אנכי יי אלהיך) גאט זאגט דו זאלסט ווייסון אונ טרכטון אונ דיין הארץ דאס איך בון גאט (אשר הוצאתיך מארץ מצרים) וום איך הב דיך אום גוצוגון פונום לנד מצרים דרום איז ראוי איר זאלט מיך אן נעמון פאר א גאט דען איר הט גזעהן מוט אייערו אוגון די ווינדור וום איך הב גוטון אונ מצרים אונ דרום הט גאט נוט גזגט איך בון דר גאט וום האב בשאפון הומול אונ ערד ווייל דם האבון זיי נוט גזעהן מוט זייערו אוגון אובור דוא ווינדור פון מצרים האבון זיי גזעהון מוט זייערו אוגון אונ מען קען דער פון פר שטיין דם גאט האט בשאפון דוא וועלט אונ ער גוט אכטונג אויף אלו מענשון צו בצאלון גוטון שכר צו דעם וום דוגט אום אונ אויך האב איך פול גוטין גוטון דער פר אור זאלט מקבל זיין די תורה אונ אויך האב פרעה גשטראפט דער פר וום ער הט אקעגון מור בייז גוטון (מבית עבדים) עס איז ראוי אור זאלט זיין מיינו קנעכט ווייל איך האב איך אום גוצוגון פון איין הוז וואס איר זענט דארטון גוועזן קנעכט (לא יהיה לך אלהים אחרים) דוא זאלסט נוט אן נעמון קיין אנדרון גאט דוא זאלסט נוט דונון צו איין מלאך אודור איין מזל אונ הומול אונ דרום רופט זיי דער פסוק אחרים ווייל זיי זענון פרעמד צו די וום דונון זיי דען זיי רופון זיי צו העלפון זיי אונ זיי קענון זיי נוט העלפון אונ דרום שטייט לך צו דור אונ נוט לכם צו איך כדי משה זאל איין אום רייד האבון ביי דעם עגל אונ הט גזאגט צוא גאט וואס זענון דוא ישראל שולדיג דו האסט גזאגט (לא יהיה לך) אזו האסטו מור פר באטון ע״ז צו דונון אונ נוט צוא כל ישראל (על פני) ווייל אויך לעב זאל מען קיין עבודה זרה נוט דונון אונ ישראל זאלון נוט מיינון איך האב מיין נוט פר באטון ע״ז צו דונון נאר צו די וום זענון גשטנון ביי דם בארג סיני אובור די ישראל וואס וועלון דער נאך גבורון ווערון די מעגון ע״ז דונון דרום זאגט דער פסוק (על פני) ווייל איך לעב טאר מען קיין ע״ז נוט דונון (אל קנא) גאט טוט רעכונון אייבוג דעם מענשון וום דונט אפ געטור אונ איז אום נוט מוחל (לא תעשה לך פסל) דו זאלסט דיר נוט

מאכון אבולד דו זאלסט נוט מיינון אוך האב דור גזאגט (לֹא יִהְיֶה לְךָ) דם אוז גמיינט דוא זאלסט אונ דיין מחשבה נוט האבון צוא דונון דו ע"ז אובור צו מאכון איין ע"ז נוט צו דונון מעגסטו מאכון דם טארסטו אוך נוט דו ועסט דור טרבטון עם אוז קיין עבירה נוט אפ צו מאלון דוא צורה פון דער זון אודור דוא לבנה אודור פון איין מלאך דוא וועסט זאגון דורך דער צורה פון דער זון גדענקט מען דם גאט פורט דו וועלט דען זו גייט אליץ אוף אונ מזרח אונ פאר גייט אונ מערב מוז זיין דם עם אוז דא איינור וואס פורט דוא זון אזו וועסטו דורך דעם גדענקון אונ גאט אזו ווי מען מאכט איין סוכה צו גדענקון אז גאט הט אונז ארום גרונגולט מוט אוואלקון אודור מען עסט מצה צו גדענקון דם גאט הט אונז אוס גצוגון פון מצרים אזו וועסטו טרבטון דם דורך דר צורה וועסטו אוך גדענקון גאט דרום זאג אוך דור (לֹא תַעֲשֶׂה לְךָ) דו זאלסט דור קיין בולד נוט מאכון אפילו נוט צוא דונון וואורום דער סוף וועט זיין דאס דוא וועסט אום דונון פאר איין גאט (אֲשֶׁר בַּשָּׁמַיִם) דוא זאלסט נוט מאכון איין גשטאלט וואס אונ הומול אוז דאס זענון דוא מלאכים (וַאֲשֶׁר בָּאָרֶץ) אודור איין גשטאלט פון דער ערד דם אוז אמענש אודר אבהמה אודור אחיה (וַאֲשֶׁר בַּמַּיִם מִתַּחַת) אודור אגשטאלט פון שדים וום זענון אונ דעם וואסר פון אונטון אונ אפ גרונד דען עם אוז פר האנדון דריי ערליי שדים אטייל זענון אונ אויר דו לאזון צו חלומות צום מענשון אונ אטייל זענון אוף דער ערד צווישון מענשון דוא מאבון דוא מענשון זונדוגון אונ אטייל זענון אונ אפ גרונד אונ וועון זייא זאלון ארום גיין אוף דער ערד וואלטון זיי דו וועלט חרוב גמכט (פֹּקֵד עֲוֹן אָבוֹת עַל בָּנִים) גאט טוט גדענקון דו עבירות פון דם פאטר צו דו קונדור אונ שטראפט דו קונדור אוף דוא עבירות פון דעם פאטור ווען זייא הלטון אונ זוך דו מעשים פון זייער פאטר (וְעֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים) אונ ווען דר פטר אוז פרום גדענקט גאט זיין זכות צוא זיינו קונדר בוז צוויי טוזונד דורות פון דאנון לערנון מור אפ דאס דו גוטו מדה פון גאט אוז פונוף הונדורט מאל אזו גוט ווי דו שלעכטו מדה דען ווען דער פאטור אוז שלעכט רעכונט גאט צוא דו קונדור בוז פור דורות אובור ווען דר פאטור אוז פרום רעכונט גאט דם זכות צו זיינו קונדור בוז צוויי טוזונד דורות אונ פונוף הונדורט מאל פור אוז צווייא טוזונד (לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם יְיָ אֱלֹהֶיךָ לַשָּׁוְא) דוא זאלסט נוט שווערון ביי דעם נאמון פון גאט צו פאלש דר בחיי פרעגט עם וואלט גדארפט שטיין לא תשא את שמי לשוא דו זאלסט נוט שווערון ביי מיין נאמון צו פאלש דען גאט אליין האט דם גזאגט דר תירוץ זאגט דער רמב"ן דם נור דו ערשטו צוויי דברות הט גאט אליין גזאגט ווייל זיי זענון דער עיקר מען זאר גאט אן נעמון פר אגאט אבר דו אובריגו דברות הט משה גזאגט פון גאטס וועגון דרום שטייט נוט שמי מיין נמון ווייל משה הט דם גזאגט אונ דרום שטייט דער דבור פאלש שווערון לעבון דבור פון עבודה זרה צו ווייזון ווער עם שווערט פאלש אוז גלייך ווי ער דונט ע"ז דען ווען ער זאגט אזו אזוי גאט אוז אמת אזו זענון מיינו רייד אמת אונ ווען זיי זענון פאלש האלט ער חלילה גאט אוך פאר נוט אמת אזו לייקונט ער אונ גאט אונ אזו גפונון מור ביי שאול דם ער הט גוואלט הרגונון זיין זון יהונתן ווייל ער הט עובר שבועה גוועזן נאר דו ישראל הבון גזאגט ער הט דו שבועה נוט גהערט אונ ווען נוט וואלט ער אום גטייט גלייך ווי ער וואלט ע"ז גדונט אונ דר וום שווערט פאלש דר אוז גלייך ווי ער אוז גלעגון ביי איין אשת

איש דען ביי פאלש שווערין שטייט (לא ינקה) גאט וועט אים נוט ליידוג לאזין אונ בייא דעם ווס לוגט ביי איין אשת איש שטייט אוך לא ינקה אוך גופונין מור אז גאט הט גבראכט גרוס הונגר אונ ארץ ישראל איבור דעם ווס שאול המלך הט עובר גווען אוף דר שבועה וואס די ישראל האבין גשווארין צו די גבעונים מען זאל זיי קיין שלעכטס נוט טון אונ וויא באלד מען הט גוטייט דוא שולדוגע האט דער הונגור אוף גהערט אונ מור גופונין נוט קיין שכר אונ קיין עונש ביי עשרת הדברות נאר ווען מען איז מכבד פאטור אונ מוטור שטייט אז מען וועט לאנג לעבין אונ בייא ע״ז דינין אונ פאלש שווערין שטייט אז גאט וועט שטארק שטראפין דר פר צו ווייזין דאס פאלש שווערין איז גלייך צו ע״ז דינין אונ לייט מיינין דם עס איז אגרינגי עבירה אונ אמת איז דם גאנץ הארב דען רציחה אודור זנות קען מען אלי צייט נוט טון וויל ער פארכט זוך פר מענשין אבור פאלש שווערין קען ער טוזונט מאל אונ איין טאג דען ער פארכט זוך נוט פאר קיין לייט אונ ווען עס זאל קיין עבירה מער נוט זיין צווישן ישראל נאר פאלש שווערין וואלט אוך קיין היזיש נוט גווען ווס משיח קומט נוט (זכור את יום השבת) די זאלסט גדענקין צו האלטין שבת דען וייל גאט האט פריר גבעטין מען זאל אים ערליך האלטין מען זאל נוט דינין קיין אגדורין גאט דרום האט ער ווידור גבאטין מען זאל רואין אונ דעם טאג ווס ער האט גרוט אז ער האט די וועלט בשאפין מען זאל גדענקין אז ער הט די וועלט בשפין (לקדשו) די זאלסט שבת הייליג האלטין די זאלסט נוט טראכטין אוף דיין גוף אונ אוף דיין געלד נאר הייליגי זאכין צו לערנין תורה אונ דר וואס האלט שבת רעכט איז מען אים מוחל זיינו עבירות עס איז גווען א מעשה

דם טורנוסרופס הט בגעגונט רבי עקיבא אום שבת זאגט ער צו אים ווארום איז דר טאג בעסור פון אנדורי טעג זאגט רבי עקיבא ווארום בוסטו חשובור פון אנדורי לייט ענפרט ער מען האט מוך חשוב גמאכט זאגט רבי עקיבא שבת הט גאט חשוב גמכט זאגט טורנוסרופס ווען גאט וויל האבין דר טאג זאל חשוב זיין ווארום טוט ער אונ אום איין מלאכה ער לאזט גיין רעגין אונ פורט וואלקין פון דער וייטין אום שבת ענפורט רבי עקיבא די בוסט דאך בקי אונ אונזור תורה ווייסטו דאך וואל ווען צווייא בעלי בתים וואנין אונ איין הויף מוזין זייא איין עירוב לייגין זייא זאלין מעגין טראגין אבור ווען איין בעל הבית איז אונ איין הויף דארף ער קיין עירוב נוט ער מעג טראגין אן איין עירוב אזו אוך גאט די גאנצי וועלט איז זיין קיינור האט אונ דר וועלט קיין חלק נוט דרום מעג ער לאזין רעגנין אונ מעג ברענגין וואלקונס אוף דער וועלט אום שבת אוך זאגט רבי עקיבא דער מן איז נוט גיגאנגין אום שבת אונ אוך דער טייך סמבטיון רואט אום שבת זאגט טורנוסרופס ברענג מור נוט קיין ראיה פון דעם מן אונ פון דעם סמבטיון דען אוך האב דאס נוט גזעהן זגט ר׳ עקיבא גיי אוף דיין פאטורס קבר אונ לאז אים אוף ברענגין מוט כישוף וועסטו זעהין אוב ער וועט אוף גיין אום שבת די מעשה שטייט אונ גאנצין אונ פרשת בראשית אונ אום שבת האבין די רשעים מנוחה אונ גיהנם דען אונ גיהנם פרייטוג פר נאכט גייט ארוס א בת קול מען זאל דוא רשעים רוא געבין אונ דער מלאך דומה וואס איז גוזעצט צוא משפוטין די רשעים אגנצי וואך ווען עס קומט מוצאי שבת דם די ישראל האבין שון אפ גזאגט (ויהי נועם ואתה קדוש) אזו שרייט דער מלאך אונ זאגט קערט אייך אום רשעים אונ גיהנם דען דוא

ישראל האבן שון אף גזאגט ויהי נועם ואתה קדוש (ששת ימים תעבוד) זעקס טאג זאלסטו ארבוטן אונ אום שבת זאל דור גלייך זיין ווי דו האסט שון גאר דיין ארבוט אף גוטונדו זלסט נוט טרכטן אוף קיין ארבוט (כבד את אביך ואת אמך) גאט הט פרור אן גשריבן מען זאל אום מכבד זיין ער איז דר ערשטור פטור צו לייט אונ דר נאך זל מען ערליך הלטן אוטלוכור זיין פאטור אונ מוטור דען זיי האבן גהאלפן צו ברענגן דעם מענש אוף דר וועלט אונ אזו וויא ביי גאט טאר מען נוט פאלש שווערן אזו ביי פאטור אונ מוטור טאר מען אוך נוט פאלש שווערן אוך זאל ער נוט ערליך האלטן פאטור אונ מוטור פון וועגן דעם געלד וואס ער וועט ביא זיי ירשונגן אזו וויא מען טאר גאט נוט דינן פון געלד וועגן אונ ער איז מחויב צו געבן עסן אונ טרונקן צו זיין פאטור אונ מוטור פון זיין געלד גלייך וויא ער דארף גאט דינן מוט זיין געלד צו געבן צדקה אונ מעשר ווארום הט גאט גשריבן אז מען האלט ערליך פאטור אונ מוטור לעבט מען לאנג מער ווי ביי אלו דברות זגט רבינו סעדיה וויל צו ציטן לעבט דר פאטור לאנג איז שווער דעם זון ער זאל אום מכבד זיין דרום האט דו תורה אן גשריבן זיא מכבד דיין פאטור אונ מוטור וועסט דו לאנג לעבן כלומר דו מוזט אום מכבד זיין האטשו ער איז ביא דיר לאנג זלסטו דוך נוט מצער זיין דען דו בוסט דוך מצער אוף דיין איגן לעבן דען דוא לעבסט לאנג נאר וויל דו בוסט דם פאטור מכבד אונ דר תולדות יצחק שרייבט אתירוץ דער פסוק זאגט זייא מכבד דיין פאטור אונ מוטור וועסטו זוכה זיין אלט צוא ווערן וועט מען דוך אוך מכבד זיין מען וועט פר דור אוף שטיין אונ נאך כבוד אן טואן וס מען טוט צוא איין זקן (לא תענה ברעך עד שקר) אונ

דוא זאלסט אונ דיין חבר נוט פאלש עדות זאגן צוא ווייזן דאס אפילו צוא אנכרי טארסטו אוך נוט פאלשו עדות זאגן (לא תחמוד) דוא זאלסט נוט גלוסטן דיין חברים געלד אונ גוטם אונ דוא עבירה הענגט אן אונ הארין אונ זו איז אגרוסו עבירה אונ דרום איז אונ די דברות נוט אן גשריבן מען זאל נוט גזלן ווארום אוך ווייס דאס אליין וואל ווען מען טאר יענמס אפילו נוט גלוסטן איז אכל שכן דאס מען טאר יענומס נוט גזלן נאר מור גופונן אגלוסטן וואס איז מותר דהיינו ווען ער זעהט זיין חבר לערונט תורה אונ טוט מעשים טובים אונ מאכט דוא וועלט אוך לערנן תורה דער צוא מעג ער גלוסטן אונ מקנא זיין דעם חבר צוא טואון אזו וויא זיינו מעשים אוך מעג ער גלוסטן צוא נעמן זיין חבורים. טאכטור פר אווייב צוא זיין זון אזו שרייבט דער בחיי אוך שרייבט דר בחיי צום ערשטן האט דוא תורה אן גשריבן (לא תרצח) מען זאל נוט טייטן אמענש צו מגנורן דוא לייט האטשו עס איז דא גונוג לייט אוף דער וועלט אונ דר נאך זאגט ער (לא תנאף) דר מענש זאל נוט מיינן מען טאר נוט מגנורן קיין לייט אבור מערן מעג מען דרום וועט ער מזנה זיין צו מערן לייט דרום האט גאט גזאגט (ולא תנאף) דו זאלסט נוט מזנה זיין אונ דער מענש זאל נוט מיינן מען טאר קיין לייט נוט פאר לורן אבור גנבונן איין מענשן אונ פר קופן אום אונ אפרעמד לאנד דאס ער ווערט נוט פר לורן פון דר וועלט דם מעג מען דרום זאגט דער פסוק (לא תגנוב) דו זאלסט נוט גנבונן קיין מענש צו פר קופן אום אונ דר מענש זאל נוט מיינן דם מען טאר אגוף פון דעם מענשן קיין שלעכטם נוט טון אבור זיין געלד מעג אוך אוועק נעמן מוט פאלש עדות זאגן דרום זאגט דער פסוק (לא תענה) דוא

זאלסט נוט פאלש עדות זאגון אפילו מוט רייד זאל מען נוט שלעכטס טואון זיין חבר אונ דער מענש זאל נוט מיינון דס מוט רייד טאר מען נוט שלעכטס טואון זיין חבר אבור אמחשבה מעג מען טראכטון אוף זיין חברס געלד דרום זאגט דער פסוק (לא תחמוד) אפילו אונ דער מחשבה זאלסטו נוט גלוסטון דיין חברס געלד אונ כבד אוז דער פופטור דבור ווייל דער מענש קומט ארום פון פונוף זאכון פון פאטור אונ מוטור אונ פון פור יסודות דס אוז ערד אונ וואסור אונ אויר אונ פייער דער נאך אוז וו-דור אצייט דאס דער מענש מוז לוגון ניין חדשים אונ זיין מוטרס לייב אונ גאט גוט דוא נשמה אונ דעם שכל אונ דעם דבור אונ דער פאטור גוט דם ווייסו דם אוז דו אדורון אונ דו ביינור אונ דו מוטר גוט דם רוטו וום אונ מענשון בלוט אונ פליש אונ האר אונ דם שווארין אפול פון דעם אוג אונ אוך זענון פונוף ערלייא בשעפונוש אוף דער וועלט מענטשון אונ בהמות אונ פייגול אונ פוש אונ שרצים דרום שטייט (על האדמה) ביי דם דבור ווייל עס זענון פונוף ערליי גערטון ווארג אוף דו ערד דם ערשטו וואקסט קארון אוף דוא פעלדור אונ אנדורו תבואה אונ איין אורט וום וואקסט דרוף וויין אונ איין אורט וום וואקסט דרוף צובולוס אונ רובון אונ נאך ירקות אונ איין אורט וום וואקסט הלין אונ אום אונ אוך קומט פונוף ערליי מתכות פון דר ערד דאס אוז אייזון אונ בלייא אונ קופור אונ זולבור אונ גאלד (לא תרצח) שטייט אונ זעקסטון דבור ווייל פון וועגון זעקס זאכון קאן דר מענש חלילה טון רציחה פון וועגון קנאה אונ פון וועגון תאוה אונ פיינד שאפט אונ וועגון כעס אונ ווען ער אוז אגרוגגלר אונ זיין דעה קען ער באלד רציחה טון אונ שכרות אונ דר מענש אוז בשאפון געוורון אונ זעקסטון טאג (לא תנאף) אוז וורון געזאגט אונ זובעטון דבור ווייל עס זענון זובון ערליי זנות וום אוז אסור איין אשת איש אונ ווען זיין ווייב אוז אנדה אונ איין אלמנה אונ אבתולה אונ ביי אבהמה אונ משכב זכר אונ בייא אפרעמדו אוך זענון זובון זאכון אסור בייא זנות מען טאר נוט לוגון בייא אפרעמדו אשה אונ מען טאר זו נוט קושון אונ מען טאר זו נוט אן רורון אונ מען טאר מוט איר נוט פול ריידון אונ מען טאר מוט איר אונ איין הדר נוט זיין אליין אונ מען טאר נוט הערון איר קול אונ מען טאר נוט קוקון אוף איר (לא תגנוב) אוז געזאגט געוורון אונ אכטון דבור ווייל עס אוז אכט ערלייא גניבה איינס אוז וואס מען גנבות דורך חשבונות וום מען רעכונט יענום צו דם אנדורו אוז דורך פאלשו מאסון דאס דרוטו אוז דורך פאלש וועגון דם פערדו אוז ווען ער גופונט וואס זיין חבר האט פר לורון אונ וויל אום נוט אום קערון דאס פופטו אוז ווען מען גנבות איין מענשון



זיין ביינז הארץ אונ הט עמפולט דו לוסט פון נקמה דר נואף האט נאך געגעבון זיין תאוה ובמו כן דער גנב גנבה פון זיין הנאה וועגון אונ דר פאלשר עדות טוט דם ווייל ער הט ראפור געלד גנוטון אדר ער וויל נוך נוקם זיין דער כלל אוז ביי אלו עבירות הט אלץ דער מענש אהנאה אבור דר וום אוז גוואנט פאלש צו שווערון ער אוז מהלל שם שמים בפרהסיא. אונ האט דער פון קיין שום הנאה נוט:

(וירא העם וינועו) רש"י מאכט אז דר פירוש (וינועו) אוז צוטרון דוא כוונה אוז אז דם פאלק הט



גצוטרט בשעת זיי האבון דוא תורה מקבל געוועזון אונ אזו דארף אוך יעדור מענש. וואס וויל זוכה זיין די קרון פון דר תורה דארף ער צו אור צו טרעטון אזו ווי מור האבון צו גוטרעטון צוא אור זוא מקבל צוא זיין פון בארג סיני דאס הייסט ער זאל לערנון מיט גרוס פארכט אונ צוטרון מוט קדושה אונ טהרה אין גוט לדיקרהייט נוט מוט איין אומריונוס נוף אונ ניט מוט אום ריינו הענט אונ דאמאלט ווערט ער באמת זוכה זיין צוא פר שטיין דו טופקייט פון דער תורה וקדוש יאמר לו:

מענשן אונ מען פר קויפט אום דם זעקסטו איז ווען מען גנבות געלד ביי זיין חבר דם זובוטו איז ווען מען גנבות די דעה ביי זיין חבר דהיינו ווען ער ווייסט אז דער חבר וועט ביי אום נוט עסון בעט ער אום ער זאל ביי אום עסון כדי דר חבר זאל מיינון ער האט אום לוב דם אכטו איז ווען איינור איז אין אפוטרופוס אובור געלד פון יתומים נעמט ער די יתומה פאר אווייב צו זיין זון כדי דאס געלד זאל בלייבון ביי זיין משפחה דאס איז אויך אגניבה (וכל העם רואים) אונ דם גאנצו פאלק האבון גזעהן דען זייא זענון אלו ווארון גהיילט עס איז צווישון זיי קיין בלונדור נוט גוועזן אונ ווער עס איז טוב גוועזן איז אויך ווארון גהיילט אזו ווי אונ פסוק שטייט דם אלו האבון גזאגט נעשה ונשמע מיר וועלון טון די תורה אונ הערון אונ ווער עס איז שטום גוועזן דר איז אויך גהיילט גווארון אזו ווי אונ פסוק שטייט (ויענו כל העם) דם גאנצו פאלק האבון גענפורט דען אלו האבון גקענט רעדון (וירא כל העם וינועו) אונ כל ישראל האבון גזעהן די דונורון אונ בלוצון זענון זיי ווארון דר שרקון אונ זענון אונטור זוך צוועלוף מייל גוגאנגון זענון גוקומון מלאכים אונ האבון זיי צורוק גופורט צום בארג סיני אזו האבון די ישראל גזאגט צו משה רייד דוא מוט אונז אונ מיר וועלון הערון אונ לאז גאט מוט אונז נוט רעדון דען מיר וועלון שטארבון זאגט משה צו ישראל פארכט אייך נוט דען גאט וויל אייך פרובון דאס איר זאלט אייך פאר אום אייבוג פארכטון זענון דוא ישראל גשטאנגון פון ווייטון אונ משה איז אריין גוגאנגון אונ וואלקון אונ האט מקבל גוועזן דוא תורה אונ גאט האט גזאגט צו משה זאג צו ישראל ווייל זיי האבון מוך גוהערט רעדון מוט דור דרום זאלון זייא נוט מכון קיין אפ גאט פון מלאכים (לא תעשון אתי אלהי כסף) אונ איר זאלט נוט מאכון אדיין אודור איין ראש הקהל פון וועגון וואס ער הט געלד דען אדיין ווערט גורופון אלהים נאך אפשט איז דו זאלסט מוך נוט הלטון פר אגאט ווען דו האסט פול געלט אונ עס גייט דור גוט אונ ווען דור גייט אובול וועסטו מוך נוט האלטון פר קיין גאט דאס טארסטו נוט נור סיי עס גייט דור גוט אודור עס גייט דור אובול זאלסטו אלין מוך הלטון פר אגאט אונ זאלסט מוך לובון אונ ווען דו וועסט בואון אמזבח (לא תבנה אתהן גזית) זאלסטו נוט בואון דאס מזבח פון גהאקטו שטיינר דען וועסט דרפון איין האק פון אייזון צוא זיי אונ עס איז נוט ראוי מען זאל אויף הייבון אייזון וום דער קורצט די יארון פון איין מענשון דען מען הרגות אום מוט אייזון זל מען דם נוט אויף הייבון אויף דם מזבח וום ער דר לענגורט די יארון פון דעם מענשון נאך איין פשט איז איין מזבח מאכט שלום צווישון גאט אונ צווישון די מענשון דרום איז נוט רעכט צו אויף הייבן אויף אום אייזון דם מכט קרוג אונ טייט מענשון פון דאנון לערנון מיר אפ ווען גאט האט נוט גהייסון אויף הייבון קיין אייזון אויף דם מזבח ווייל ער מאכט שלום צווישון גאט אונ מנשון מכל שכן ווען אמענש מכט שלום צווישון מאן אונ ווייב אודור צווישון צווייא משפחות אודור צווישון חברים קומט בוודאי אויף אום אייבג

קיין

של"ה הקדוש

(אשר לא תגלה ערותך עליו) דיין שאנד גלוד זאל נוט אויף דעקט ווערון רש"י ברענגט פון דער מכילתא מען דארף אפ לערנון דער פון אקל וחומר שטיינור וום האבון נאר קיין פר שטאנד נוט מקפיד צו זיין אויף זייער בזיון הט די תורה גזאגט ווייל מען דארף ווי נייטוג דארף מען זיי נוט מבזה זיין פשיטא שון דיין חבר וום איז בשאפון גווארון אונ דם פורם פון דיין בשעפור אונ פולט זיין בזיון ווי ווייט דארפסט די זוך היטון אום נוט מבזה צו זיין :

קיין בייז נוט דר בחיי שרייבט דרום הט מען נוט גטארט האקן די שטיינר ווייל די שטיינר זענן הייליג גוועזן דרום זאל מען זיי נוט ארום האקן אוועק צו ווארפן אונ די גאסן אונ דר אמרי נועם שרייבט גאט האט גזאגט מען זאל מאכן אמזבח פון ערד אונ נוט פון גהקטו שטיינר מוט גאוה אונ הפרדיקייט דען ווען די ווענסט בואן פון גוהאקטו שטיינר ווערסטו פול געלד מוזן גזלן אונ אוף הייבן אשווערד צו גזלן פרעמד געלד אונ ווערסט דער מוט פאר שוועכן מיין מזבח דען גאט האט פיינד אקרבן פון גזל דאס זאגט דר פסוק (כי חרבך הנפת עליה ותחלל ה) דוא ווערסט אשווערד אוף הייבן צוא גאזלן ווערסטו פאר שוועכן דאס מזבח (ולא תעלה במעלות על מזבחי) ווען דו ווערסט בואן אוועג אוף דעם מזבח ארוף צו גיין זאלסטו נוט מאכן קיין שטפלן ווארום ווען עס ווערט זיין שטאפלן אונ ווערסט וועלן ארוף גיין ווערסטו מוזן צו שפרייטן די פוס אזו ווערסטו דיין שאנד אנפלעקן אקעגן דעם מזבח חאטשו דער כהן האט גהאט מכנסים זאלסטו דאך נוט מאכן קיין שטאפלן נאר מאך משופע אונ גלאט פון דאנן לערנן אונזורו חכמים אפ ווען די תורה הט פר באטן מען זאל דוא שטיינר קיין חרפה נוט אן טון מכל שכן מען זאל קיין חרפה נוט אן טון צו איין מענשן וום הט שכל אונ איז ווארן בשאפן אונ דעם פארום פון גאט:

# הפטרת יתרו

(בשנת מות המלך עוזיהו) אונ דעם יאר וום דר מלך עוזיהו איז מצורע גווארן. דרום ריפט ער אן מות ווייל איין מצורע איז גלייך ווי גושטארבן ווי מור גפונין אונ בראשית רבה פור זענין גלייך וויא גושטארבן איין עני אונ אמצורע אונ אבלונדר אונ דער וום הט קיין קונדר נוט אונ דר עוזיהו איז גוועזן אמלך אובר ישראל אונ הט נאך גוואלט זיין אכהן אוך חאטשו ער איז נוט גוועזן פון דוא קונדר פון אהרן דען אזו איז דער סדר ווען גאט גוט איינום עושר אונ כבוד וויל ער נאך מער. דרום שרייבט דער מנורת המאור דו ישראל זענון גגלעכון צו אוויין שטאק. אוויין שטאק וום מער וויין טרובין ער הט אוף זוך איז ער אלקמער אראפ גובוגן אזו אודרפון צו זיין דו ישראל וום מער כבוד אישראל הט זאל ער זוך מער נידרוג האלטן כדי ער זאל ניט קומון צו גאוה. דרום איז גבאטן גווארן מען זאל זוך אונ דר שמונה עשרה פור מאל ביקון. דם ערשטו מאל ווען מען הייבט אן שמונה עשרה דם אנדרו מאל ווען מען לאזט אום דו ברכה מגן אברהם דם דרוטו מאל ווען מען זאגט מודים אנחנו לך. דם פערדו מאל ווען מען זאגט דו ברכה הטוב שמך ולך נאה להודות. מען טאר זוך מער נוט בוקון. אין דר כהן גדול ווייל ער איז זייער חשוב גוועזן הט ער זוך גמוזט בוקון ביי אוטליכר ברכה אונ אן הויב אונ אין סוף. אונ אמלך ישראל אז ער הט זוך גבוקט בייא דעם אן הייב שמונה עשרה ווייל ער איז זייער חשוב גוועגן

**נופת**

בשנת מות המלך עזיהו ואראה את אדני יושב על כסא רם ונשא (ישעיה ו') רבי אלעזר זאגט אומעדום וואו עם שטייט דאם ווארט (את) איז גייטוג צו בטראכטן ווייל עם ווייזט עפום אוף אחכמה דא איז נוט נשרובן (ואראה יי) נייארט (ואראה את יי) איז נומיינט דוא שכינה דעם עצם אלהות דם הייסט מים איין דרגא נודרוגער דם גלייכון שטייט אונ דו סדרה (וכל העם רואים את הקולות) עפום מרבה צו זיין אונ ווייל עם שטייט (רואים) זיי זעהן וום עם

**צופים**

איז דאך גאר נוט שייך אזו צו זאגון דם מען זעהט איין קול נור אקול הערט מען דאך. האט דאך איינגענטלוך גהערט צוא שטיין (שומעים) זייא הערון גאר ווייל דער אפ קלאנג פון דעם דאזוגון קול אז ארייין אזו ווי איין גקרוצט אונ דוא וואלקונם אונ אין דעם לעכטוגון גלאנץ וואם פון אום האט גושיינט האבון דוא ישראל בשעת מתן תורה גוזעהן אלו בהאלטונו אונ פארבארגונו סודות אוך האבון זייא גזעהן אלו דורות בוז דעם מלך המשיח. אזעלכו

גוועון הט ער גמוזט זוך נאר מער בי יגונכדי ער זאל זוך נודרוג האלטון אבר דר עוזיהו הט נוט גינוג גהאט ווס ער איז גוועון אמלך אין הט נאך גוואלט זיין אכהן דרום הט אום גאט גמאכט מצורע. פון דאנון זאל מען אפ לערנון אמענש זאל נוט אן נעמון אזו אכבוד ווס עם קומט נוט צו אום (ואראה) אונ אוך ישעיה האב גזעהן גאט זיצון אויף אהוכר שטול אונ זיינו פוס האבון דער פולט דאס היכל. איז קשה עס שטייט דאך (כי לא יראני האדם וחי) גאט זאגט עס הט מוך נוט גזעהן קיין מענש אונ איז גבליבן לעבין אונ ווי הט ישעיה גזעהן גאט אונ איז גבליבן לעבין. דר תירוץ איז ער הט נוט קלאר גזעהן גאט נאר ווי איינר ווס זעהט דורך אגלאז (שרפים עומדים ממעל לו) ברענונדיגע מלאכים שטיין פון אובין אונ הומעל צוא ברונין אום אונ איטלוכר מלאך הט זעקס פלוגיל מוט צוויי דעקט ער צו זיין פנים ער זאל נוט זעהן די שכינה אונ מוט צוויי דעקט ער צו זיינו פוס עס זאל נוט ווערון גזעהן זיין לייב פר גאט אין מוט צוויי פלוגיל טוט ער שוועבון. דר ילמדנו שרייבט (ושוליו מלאים את ההיכל) מיינט מען די אכצוג כהנים ווס זענון גגאנגון מוט עוזיהו אונ בהמ"ק צו מקטיר זיין קטורת (שרפים עומדים ממעל לו) מיינט מען עוזיהו איז ראוי גוועון פר ברענט צו ווערון ווי קרח מוט זיין עדה נאר ווייל גאט הט גזאגט עס זאל קיין מענש נוט זיין וויא קרח אונ זיין עדה דרום הט אום גאט נוט פר ברענט נאר ער הט אום מצורע גמכט. דר מדרש זגט מיכאל שטייט אויף דער רעכטור זייט פון גאט אונ איז ברייט אכצון מאל צעהן טוזונד מייל אונ גבריאל שטייט אוף דר לונקר זייט אונ איז אויך ברייט אכצון מאל צעהן טוזונד מייל אזו איז דם צוזאמון זעקס אונ דרייסוג מאל צעהן טוזונד מייל אזו פול ווי דם ווארט (לו) בטרעפט דאס איז זעקס אונ דרייסוג אונ גבריאל שוועבט אום דוא גאנצו וועלט אונ צוויי שוועב (וקרא זה אל זה) די מלאכים נעמן רשות איינר פון דעם אנדרון זיי זאלון אלו אן הייבון שירה צו זאגון איינר זאל נוט אן הייבון פר דעם אנדרון דען ער וועט חייב זיין פר ברענט צוא ווערון דרום שטייט אונ אונזער תפלה (קדושה כולם כאחד עונים) דוא מלאכים זאגון מוט איין מאל קדושה פון דאנון זאל מען אפ לערנון צו טון תפלה אונ שול מוט וויא פול לייט עס זענון צו זאגון קדושה אונ איינום. די גמרא זגט דריי כיתות מלאכים זאגון אלו טאג שירה. איין כיתה זאגט קדוש די אנדרו כיתה זגט קדוש קדוש. די דרוטו כיתה זאגט קדוש קדוש קדוש יי צבאות אונ ישראל זענון מער גלובט פר גאט פון די מלאכים דען ישראל זאגון שירה אלו שעה אונ מלאכים זאגון נאר איין מאל אונ טאג. אטייל חכמים זאגון די מלאכים זאגון נאר איין מאל שירה ווייל זיי לעבון אונ נאך מער זענון ישראל בעסור דען דוא מלאכים זאגון קיין שירה נוט בוז דוא ישראל זאגון פרור שירה. אונ איטלוכר מלאך זאגט דריי מאל

נופת
ענינים ווס קיינער הט ראך דם נאך נוט גזעהן אונ וועט דם נוט זעהן חוץ די צייט פון די גאולה דען אויף דאמאלם איז גשריבן (כי עין בעין יראו בשוב יי ציון) דם טייטש אונגן שיינלוך וועלון דוא ישראל זעהן נסתרות אונ דוא צייט אז גאט ב"ה וועט זיך אומקערון אונ ציון. דא שטייט (את הקולות ואת הלפידים) אונ פרוער שטייט נאך (ויהי קולות וברקים) דאס איז ווייל זייא זענון פולייטערט אונ גהיילוגט גווארון דורך קבלת התורה אונ לפידים בטייט איין הוכו מדרגה אז עס איז גשריבן בייא אברהם אבינו ע"ה (ולפיד אש אשר עבר בין הגזרים) אויך שטייט (בםראה הלפידים) ווייטר שטייט (וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק) דאס הייסט דאס פאלק ישראל זענון צו צוטרט גווארון פון דם זואס זייא

צופים
האבון דער זעהן דוא גאנצו מרכבה מוט מלאכים ושרפים ווי ישעיה דער ציילט דא אונ דער המסורה (וינועו אמות הספים מקול הקורא) דוא ביישטורלוך פון דעם היכל האבון גצוטרט מחמת דעם קול פון די מלאכים תניא מזר האבון גולערונט רבי יוסי בר רבי יהודה זאגט יחזקאל בן בוזי האט נוט גזעהן דאס וואס אוטלוכר פון ישראל האבון גזעהן בייא דעם בארג סיני דען זייא האבון גזעהן דעם אור העליון ווי איין לעכט דורך אלאמפ אבור ער הט נור גזעהן די שכינה מוט די מרכבה אונ דם אוך פרשטעלטרהייט דורך ווופול ווענט. פונפערלייא מדרגות איז דא אונ דעם קול פון דעם קדושה עילאה דוא. גרעסטו איז קול שופר דרום איז גשריבן שופר חסר וא"ו דאס טייטש שיין גוט פון לשון (שפר קדמי

מאל קדוש גאט אוז היילונ אויף דעם הומל אין אוף דר ערד אוף איבונ גאט דער האר איבר אלו חיילות דו גאנצו ערד אוז פול פון זיין כבוד (וינועו) אונ דו ביי שטודלך פון דם היכל זענון דר צוטרט גווארון ווענון דם קול וואס דו מלאכים האבון גשריגון איינר צום אנדרון פון דאנון לערנון מיר דאס מען זאל שפרונגנון קדוש צו איין זכרון דם דוא ביא שטודלוך פון דם ביהמ"ק זענון אוך גשפרונגן אז מען הט גזאגט קדוש אונ דם ביהמ"ק אוז ווארון פול מוט רוך האב אוך ישעיה גזאגט ווי אוז מור אוך וועל פר שנוטון ווערון אונ שטארבון דען אוך בון אמענש ווס הט אום ריינו לעפצון אונ צווישון אפאלק ווס האבון אום ריינו לעפצון טו אוך זוצון כלומר זייא זענון פר שמורט מוט זונד אונ דעם מלך גאט דער האר אובור אלו חיילות האבון גוזעהן מיינו אוגין וועל אוך שטארבון (ויעף) האט גשוועבט צו מור איינור פון דו ברענונדונגע מלאכים אונ אין זיין האנד הט ער גהאלטון איין קול" מוט אצוואנג הט ער זו גנומון פון דם מזבח דרום רופט דער פסוק אקול רצפה דם מאכט רצוץ פה צו שטוס דם מול פון דם ווס רעט ביין אוף ישראל (ויגע על פי). אונ דר מלאך מוט דר קול הט אן גרורט אוף מיין מויל אונ הט גזאגט דורך דעם אוז ווארון אפ

גיטון דיינו זונד ווס דו הסט גרעט ביין אוף ישראל אונ דיין זונד ווערט ווערון פר געבון. פון דאנון אוז גדרונגנון דם דר כח פון אנביא אין גרעסר פון אמלאך דען דער נביא האט גהאלטון דו קויל אויף זיין מויל אונ עס האט אום נוט גושאט אונ דר מלאך הט זו גמוזט נעמון דורך אצוואנג פון דאנון זל מען לערנון דם איין ראש ישיבה אודר איין ראש הקהל זאל קיין ביין נוט ריידון אוף ישראל. דרייא האבון גורעט ביין אויף ישראל אונ זענון גשטראפט גווארון דם זענון זיי משה ישעיה אליהו. דר ילקוט שרייבט מנשה דם איינוקול פון ישעיה הט דר שלאגון ישעיה דען ער הט גזאגט אוך וועל מוט דור אמשפט האבון. דיין רבי משה הט גזאגט דם קיין מענש קען נוט זעהון גאט אונ זאל בלייבון לעבון אונ דיא זאגסט דו האסט גוזעהן גאט אונ בוסט גבלובון לעבון אוך הט משה גזאגט גאט אוז נאהונט צו אלו וואס ריפון זאום אונ דו זאגסט פארשט גאט ווען ער לאזט זוך גפונון כלומר נוט אלו צייט קען מען גאט גפונון האט ישעיה גוזאגט וואס זאל אוך דור ענפרון דו וייסט מוך נוט צוא הערון ווערסטו זיין אמזיד דרום אוז בעסור אוך זאל דור נוט ענפרון ווערסטו זיין אשוגג האט ישעיה גזאגט איין שם האט זוך גועפונט אטענון בום אונ

ישעיה

### נופת

להויה) מוט דוא אלו קולות אוז דוא תורה גגעבון גווארון וויא עס אוז דארטון גשרובון פונף מאל דאס ווארט קול אונ דם אלום האבון זייא גוזעהן אוטלובר נאך זיין מדרגה נאך אבור יחזקאל הט גוזעהן מוט פונפערליי מדרגות נודערונגר אז עס אוז דארטון גשרובון רוח סערה, ענן גדול, אש מתלקחת. נוגה לו סביב. עין החשמל רבי שמעון זאגט דוא ישראל זענון גושטאנון צוא טיילם אונ צעהון טייל דוא פינפערלייא השובים רעכטס אונ דוא נודערונו לונקס זייא זייא ווערון אוים גורעכונט אונ דער תורה (אתם נצבים וגו' ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל (ווידור שטייט) טפכם נשיכם וגרך וגו' מחוטב עציך עד שואב מימיך אנטקעגון דוא צעהון ספירות פון אובון אונ אנטקעגון דאס האבון זייא גדרשנט דוא עשרת הדברות, וואס אונ זייא אוז כולל כל התורה כלה אונ נאר דאס גלוק אונ טובות פון ישראל. ר' יוסי זאגט דער פסוק שרייבט ויט שמים וירד הקב"ה האט איין גבוגון דעם הומל אונ אראפ גנודערט אונ גאנצון אוף דעם בארג סיני דאס הייסט

### צופים

כביכול דער קאפ אונ דער גוף פון מלך אביר ביא יחזקאל אוז גשרובון ותהי עליו שם יד יי נאר דוא האט כביכול קום אונ נעה ביא ישעיה שטייט ואראה את אדוני היינו דוא שכינה אוך ביא יחזקאל אוז גשרובון ואראה מראת אלהים שטייט מראת אן אוא"ו נאר איין מראה אונ דער תי"ו אוז לשון נקבה דאס אוז גמיינט דוא שכינה ווייל דוא ביידע זענון גשטנון גלייך אונ איין מדרגה. אונ דער קורצער ספור פון ישעיהוס מעשה מרכבה היינו דער מזמור בשנת מות המלך עזיהו אוז כולל אונ נוך גאר. דוא פיל רייד פון מרכבת יחזקאל נאר ווייל יחזקאל אוז שון גוועזן אונ גלות כשדים דרום האט ער מער מפורש גוועזן כדי דוא ישראל זאלון וויסון וויא ווייט הקב"ה ליבט זייא דאס דוא שכינה מוט גאר דוא כבוד אוז גקומון וואונון צווישון זייא אונ גלות. ר' יהודה זאגט וואול אוז דער חלק פון משה רבינו ע"ה דאס עס שטייט גשרובון ביא אום וירד יי על הר סיני ויקרא יי אל משה הקב"ה דם אום צו גרופון צו זוך וואס דם הט קיינר נוט זוכה גוועזן קום אהער אונ בעטראכט אוף

יְשַׁעְיָה איז אונ אום אַריין אונ הָאט זוך אונ
אים פַר בָּארְגוּן הָט מְנַשֶּׁה גְהַייסוּן אָפּ זֶעגוּן
דֶעם בוים בּוּז דוּ זֶעג. איז גְקוּמֶן צוּם מוֹל פוּן
יְשַׁעְיָה אַזוֹ איז עֶר גְשְׁטָארְבּוּן אונ דָאס הָט
אים גָאט גְשְׁטְרָפְט וַוייל עֶר הָט מוּט זַיין מוֹל
בֵּייז גְרֶעט אוּף יִשְׂרָאֵל אונ הָאט זֵייא גְרוּפֶן
טְמֵא שְׂפָתַיִם (וְסָר עֲוֹנֶךָ) דוּ גְמָרָא זָאגְט אונ
שַׁבָּת מַר עוּקְבָא זָגְט וֶוען אַמֶענְשׁ טוּט תְּפִלָּה
אין עֶרֶב שַׁבָּת אונ זָאגְט וַיְכוּלוּ אַזוֹ קוּמֶן צְוַויי
מַלְאָכִים אונ לֵייגוּן דוּא הֶענְט אוּף זַיין קָאפּ
אין זָאגוּן עֶס איז אָפּ גְטָאן דַיינוּ זוּנְד אונ
דַיינוּ זוּנְד זֶענוּן וָוארוּן פַר גֶעבּוּן דֶער אֶבֶן
שׁוֹאָב שְׁרַייבְּט אונ דֶער דְרָשָׁה פוּן שְׁבוּעוֹת
פַר וָוס אַז עֶר זָאגְט וַיְכוּלוּ וֶוערוּן אוּם זַיינוּ
עֲבֵירוֹת אָפּ גְטָאן דֶער תֵּירוּץ איז דֶער וָואס
זָאגְט וַיְכוּלוּ דֶר זָאגְט עֵדוּת דָם גָאט הָט דוּ
וֶועלְט בַּשַׁפוּן אונ הָט גְרוּאֶט אוּם שַׁבָּת אונ
וֶוען אֵיינֶר וַויל קֵיין וַיְכוּלוּ נוּט זָאגֵן אַזוֹ וַויל
עֶר קֵיין עֵדוּת נוּט זָאגוּן אונ וֶוען אֵיינֶר וַויל
קֵיין עֵדוּת נוּט זָאגוּן שְׁטֵייט בֵּיי אוּם (וְאִם לֹא
יַגִּיד וְנָשָׂא עֲוֹנוֹ) וֶוען עֶר וִועט קֵיין עֵדוּת
נִיט זָאגוּן אַזוֹ וֶועט עֶר לַיידוּן זַיין זוּנְד דְרוּם
זָאגוּן דוּ מַלְאָכִים צוּ מֶענְשׁוּן וֶוען עֶר זָאגְט
וַיְכוּלוּ אונ זָאגְט עֵדוּת אַז גָאט הָט דוּ וֶועלְט
בַּשַׁאפוּן (וְסָר עֲוֹנֶךָ) דַיין זוּנְד וֶועט וֶוערוּן אָפּ
גְטָאן (מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ) דוּ גְמָרָא זָאגְט אונ
קִידוּשִׁין אֵיין מֶענְשׁ זָאל נוּט גַיין מוּט דֶעם
קָאפּ אוּף גְשְׁטֶעלְט מוּט גַאֲוָה דֶען גָאט כָּבוֹד
איז פוּל דוּא גַאנְצוּ וֶועלְט דְרוּם זָאל אַמֶענְשׁ
הַאלְטוּן אַרָפּ דֶעם קָאפּ (וָאֶשְׁמַע אֶת קוֹל אֲדֹנָי)
אין אוּך הָב גְהֶערְט דָאס קוֹל פוּן גָאט טוּט
זָאגוּן (אֶת מִי אֶשְׁלַח) וֶועמוּן זָאל אוּך שׁוּקוּן צוּ
שְׁטְרָפוּן דוּ יִשְׂרָאֵל אוּך הָאב גוּשׁוּקְט עָמוֹס
הָאבּוּן זֵיי אוּם גוּרוּפֶן שְׁטִימְלֶר וַוייל עֶר הָט
גְהַאט אֵיין שְׁוֶוער לָשׁוֹן אונ זֵיי הָבּוּן גְזָאגְט
גָאט הָט אַוֶועק גְלָזְט דוּ גַאנְצוּ וֶועלְט אונ הָט
גְמַאכְט רוּאוּן זַיין שְׁכִינָה אוּף דֶעם עָמוֹס וָוס
עֶר הָאט אֵיין אָפּ גְהַאקְטוּ צוּנְג (וּמִי יֵלֶךְ לָנוּ)

אין וֶוער וֶועט גֵיין צוּ אוּנְז אונ דֶעם שְׁלִיחוּת
הָב אוּך יְשַׁעְיָהוּ גְזָאגְט אוּך בּוּן אָן גְבְרֵייט
שִׁיק מוּך הָט גָאט צוּ מוּר יְשַׁעְיָה גְזָאגְט גֵיי
אין זָאג דֶעם דָאזוּגוּן פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוּך גָאט
זָאג אַייך אוּר טוּט הֶערוּן מַיינוּ רֵייד אונ אוּר
וִוילְט נוּט פַר שְׁטֵיין אונ אוּר טוּט זֶעהוּן דוּא
נִיסִים וָואס אוּך הָאב אַייך גְטָאן אונ וִוילְט
מִיך נוּט וִויסוּן עֶס איז וָוארוּן פֶעט דָם הַרְץ
פוּן דֶעם פָאלְק אונ זַיינוּ אוֹיֶערוּן זֶענוּן שְׁוֶוער
אין זַיינוּ אוֹיגוּן זֶענוּן פַר קְלֶעפְּט דֶען זֵיי הָבּוּן
מוֹרָא טָאמוּר וֶועט עֶר זֶעהוּן מוּט זַיינוּ אוֹיגוּן
אין זֵיי וֶועלוּן הֶערוּן מוּט זֵייעֶרוּ אוֹיֶערוּן אונ
זַיין הַארְץ וֶועט פַר שְׁטֵיין דוּ רֵייד פוּן דוּא
נְבִיאִים אונ עֶס וֶועט זֵייא ווֹאל גְפֶעלוּן אַזוֹ
וֶועלוּן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט עֶס זַיין צוּא זֵייא
אֵיין רְפוּאָה (וָאוֹמַר עַד מָתַי) הָאב אוּך יְשַׁעְיָה
גְזָאגְט בּוּז וַואנוּן וֶועלוּן זֵיי שְׁוֶוער מַאכוּן
זֵייעֶר הַארְץ אונ וֶועלוּן נוּט וֶועלוּן צוּ הֶערוּן
הָט גָאט גְזָאגְט אוּך וֵוייס דָם זֵיי וֶועלוּן קֵיין
תְּשׁוּבָה נוּט טָאן בּוּז יֶנֶם יָעט אוּף זֵיי קוּמוּן
אֵיין פוּרְעָנִיּוֹת אונ זֵיי וֶועלוּן גַיין אונ גָלוּת
אין עֶס וֶועט זַיין וִויסְט זֵייעֶרוּ שְׁטֶעט אָן זוּצוּר
אין זֵייעֶרוּ הַייזוּר וֶועלוּן זַיין אָן מֶענְשׁוּן אונ
דִי עֶרְד וֶועט וִויסְטוּן אֵיין וִויסְטוּנְג (וְרִחַק יְיָ
אֶת הָאָדָם) אונ גָאט וֶועט דֶער וַוייטֶערוּן דֶעם
מֶענְשׁוּן אונ עֶס וֶועט זַיין גְרוּם פַר לָאזוּנְג אונ
לַאנְד (וְעוֹד בָּהּ עֲשִׂירִיָּה) אונ עֶס וֶועט נָאך אונ
איר זַיין אֵיין צֶעהֶנְטוּל כְּלוֹמַר עֶס וֶועט גָאר
וֵוייניג אוּבּוּר בְּלַייבּוּן אונ אין דֶעם אוּבּוּר
בְּלַייבּוּנְג וֶועל אוּך גָאט נָאך וַוידֶר לַייטֶערוּן בּוּז
עֶס וֶועלוּן נָאך אוּבּוּר בְּלַייבּוּן דוּא רֶעכְטוּ
צַדִּיקִים וָוס זֵיי וֶועלוּן תְּשׁוּבָה טָאן מוּט דֶעם
גַאנְצוּן הַרְץ אַזוֹ וִוי אֵיין לוּנְדוּן בּוֹים אונ אַיין
אֵייל בּוֹים בְּלַייבְּט אונ דֶר צַייט וָוס עֶר וַורְפְט
אַרָפּ דוּ בְּלֶעטוּר אוּם וַוינְטֶר דָם עֶס בְּלַייבְּט
נָאר אוּבּוּר אוּר בַּשְׁטַאנְד אַזוֹ אוּך וֶועלוּן דוּ
צַדִּיקִים אוּבּוּר בְּלַייבּוּן דוּ זֶרַע פוּן דוּ הֵיילוּגוּ
אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב דְרוּם וֶועל אוּך
זֵייא

**נופת**

מֹשֶׁה איז גְשְׁרוּבּוּן פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ וּמַרְאֶה מוּט
אַמְגוּל לָשׁוֹן זָכָר אונ אוּף אַנְדֶרוּ נְבִיאִים שְׁטֵייט אִם
יִהְיֶה נְבִיאֲכֶם יְיָ בַּמַּרְאָה אֵלָיו אֶתְוַדָּע מוּט אַקָּמֶץ לָשׁוֹן
נְקֵבָה וִויא אֵלוּ נְבִיאִים זֶענוּן גְוֶועזְן שְׁוַואכוּ אונ נְבוּאָה
קֶענוּן מֹשֶׁה אַז דוּא שְׁוַואכְקֵייט פוּן אֵיין אִשָּׁה קֶעגוּן

**צופים**

אֵיין מַאנְם פַּעְרְזָאן . ווֹאוּל איז צוּ דֶעם דוֹר וָואס אַזוֹ
אַנְבִיא הָאט גְרוּעֶט צְווִישׁוּן זֵייא . הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא
זָאל עֶרְלַייכְטוּן דוּא נְבוּאָה אוּף אוּנְז אוּף אֵייבּוּג
אונ עֶס זָאל נְבוּעֶט וֶוערוּן דָאס בִּיהמ"ק בִּמְהֵרָה
בְּיָמֵינוּ אָמֵן :

זייא נוט פאר דארבון (ויהי בימי אחז בן עוזיהו מלך יהודה) אונ עס איז גוועזן אונ דיא טעג פון אחז דר זון פון יותם וואס ער איז גוועזן דער זון פון עוזיהו מלך יהודה איז אויף גגאנגן רצין דר מלך פון ארם אונ פקח בן רמליהו דער מלך פון ישראל אויף ירושלים מלחמה הלטן אין ער האט נוט גקאנט אויף אור מלחמה האלטון פון וועגון דעם זכות פון עוזיהו אונ דרום איז אום דר פסוק מיחס נאך זיינו פרומו עלטרון וייל דיא מלאכי השרת האבון גזאגט ווייא גשרוגון דם אזו איין רשע זאל איין מלך זיין דרום הט גאט גזאגט ער איז איין זון פון יותם דער זון פון עוזיהו וואס זיי זענון פרום גוועזן (ויגד לבית דוד) אונ עס איז ווארון גזגט צו אחז וואס ער קומט ארוס פון דוד המלך צו זאגון עס הט זוך בהעפט דר מלך ארם אונ דער מלך ישראל צו קומון אויף דיר מלחמה הלטון אונ דרום דר מאנט נוט דר פסוק צו אחז ביי זיין נאמון וייל ער איז גוועזן א רשע אין עס איז ווארון פר וואנגלט דם הרץ פון אחז פר דער שרעקנוש אזו ווי עס ווערט פר וואנגלט דוא ביימור פון דעם וואלד פר דעם ווינט דען אחז הט זוך פר זיי דר שרקון וייל ער הט מוט אוטליכון פון דוא צווייא מלכים מלחמה גהלטן בזונדר אונ הט זיי נוט גקענט ביי קומון מכל שכן ווען דיא צווייא מלכים זענן ביי אננדר וועלון זיי גוויס אום ביי קומון דר מדרש שרייבט דרום זאגט דער פסוק אזו ווי דיא ביימור פון דעם וואלד וואס וואקסט אויף זיי קיין פירות נוט אונ זאגט נוט אזו ווי דוא ביימר וואס וואקסט אויף זייא פירות עס איז איין משל מען זאגט צום טייך פרת ווארום שרייאוט דיין וואסור נוט הוך אזו וויא אנדרו וואסרון שרייאון הוך אונ לאזון זוך הערון פון וייטון ענפרט דער טייך פרת אוך דארף נוט שרייאון מען ווייסט וועך אוך בון דען דוא ביימור וואס מען פלאנצט נעבון מור וואקסון זייערו פירות צו דרייסוג טאג אונ דוא קרייטר וואס מען בגיסט פון מיין וואסור וואקסון אויף דרייא טאג אונ מען פרענגט דעם טייך חדקל ווארום שרייסטו אזו הוך ענפרט ער ווער וואלט גגעבון מען זאל מוך הערון חטשו אוך שריי הוך דען מען הערט מוך נוט וייל מיין

וואסור הט נוט אזו איין לוב ווי אנדר וואסר דרום מוז אוך שרייאון צו וייזון דם אוך בון אוך עפוס אויף דר וועלט אונ אזו אוך פרעגט מען דוא ביימור וואס עס וואקסט אויף זיי פירות ווארום הערט מען אייך נוט שרייאון אזו ווי דיא ביימור פון דעם וואלד וואס שרייאון הוך פון וועגון דעם ווינט ענפרון דוא ביימור מען קאן אונז דורך אונזרו פירות אונ מען טוט אונז לובון דורך זיי חטשו מור שוויינגון אבר דיא ביימור פון דעם וואלד זאגון מור טאן שרייאון הוך וייל מור זענון נוט נאכט דרום מוזון מור זוך לאזון הערון פון דנון לערנון מור אפ דם ווער עס ברימט זוך אונ לובט זוך דר איז נושט וייל ער ווייסט מען הלט אום פר נישט דרום טוט ער זוך ברומון (ויאמר יי' אל ישעיהו) גאט הט גזאגט צו ישעיהו גיי אקעגון אחז אונ דו ישראל וואס הבון זוך אום גקערט צוא מור דורך דוא וואס זיי זענון גרעכנט ווי דיינו קונדר זאלט אור גיין צום עק פון דעם אייברשטון גראבון צום שטעג פון דם פעלד וואס דוא וועשר פר שפרייטון דארטון זייערו קליידר צוא טריקנון דארטון וועסטו גופונן אחז אונ זאלסט זאגון צוא אום זיי גהייבונט אין גשטילט אזו ווי וויין וואס זוצט אויף זיינו הייבון אונ זאלסט דוך נוט פרכטון אונ דיין הארץ זאל נוט וייך זיין פון וועגון דו צווייא אובר גברענטו העלצר וואס רוכון דם זענון דו לייט וואס גייאון דורך דעם גרום צארון פון רצין אונ פקח בן רמליהו (יען כי יעץ עליך ארם רעה) וייל ארם הט אויף דור איין עצה גהלטן צו בייזון אפרים אונ בן רמליהו האבון איין עצה גהאלטון צוא זאגון מור וועלון אויף גיין אויף דעם לאנד יהודה אונ וועלון זייא דער וועקון צוא דער מלחמה אונ וועלון זוא אוים גלייכון צו אונז אונ מור וועלון מכון אונ אור איין מלך דם וואס וועט וואל גפעלון אונ אונזרו אוגון אזו זאגון זיי זאלסטו פר זיי קיין מורא ניט האבון (כי ילד יולד לנו) דען חאטשו אחז איז איין רשע אבר איין קונד איז ווארון גבורן צוא אונז דם איז חזקיהו המלך וואס ער וועט זיין איין מלך אויף אחז אורט ער איז איין צדיק אונ וועט ניינון זיין אקסול צוא גאטס מצות אונ גאט וואס ער הייסט (פלא יועץ אל

גבור

גבור) ער טוט ווינדערלוכי עצות אונ אוז איין שטארקר גאט (אבי עד) אונ אוז איין פאטור בוז אייבוג דער גאט וועט רופון דעם נאמון פון חזקיהו (שר שלום) ער אוז דר האר פון שלום דם אונ זיינו צייטון וועט זיין שלום אונ אמת:

## צאינה פרשת משפטים וראינה

(ואלה המשפטים) שלמה המלך האט גזאגט אונ משלי (גם אלה לחכמים הכר פנים במשפט בל טוב) עס אוז נוט גוט פאר דעם חכם ער זאל הנפונגון אונ משפט דען ווער עס משפט רעכט דער מאכט רעכט שטיין די שטל פון גאט אוף זיין אורט אונ ווער עס משפט נוט רעכט דער פר רוקט די שטול פון גאט פון זיין אורט אונ דער משפט מאכט שלום אוף דער וועלט אונ יתרו הט איין עצה געגעבון צום משפט שטייט ביא אום (על מקומו יבא בשלום) אונ ווען עס אוז שלום אוף דער וועלט האט די וועלט אקיום דרום אוז וואררון געגעבון משפט צו ישראל דאס זייא זאלון מאכון שלום אונ דער וועלט (אשר תשים) ווס די זאלסט טון דם ווייזט דער דיין זאל זאגון דעם בעל דין וואס ער טוט אום פסקונון אונ זאל אום געבון גשרובון אטעם פר וואס ער הט אום אזו גפסקות אונ דוא פרשה פון משפטים אוז ביא דער פרשה פון מזבח ווס אונ יענור סדרה אוז גשטאנון צוא ווייזון מען זאל זעצון דיינים ביא דעם בית המקדש ר׳ אלי עזר זאגט ווען מען טוט רעכט משפט אוף דער ערד אוז קיין משפט נוט אונ הומול דאס מען שטראפט נוט דוא וועלט איבר

נחלת רעיא

פקודא דוא מצוה נאך דעם אוז מען זאל אום קערון איין אבידה אונ דער נאך אוז אמצוה מען זאל איין גזילה אום קערון זאגט דר בוצינא קדישא רבי שמעון צו משה רבינו ווס ער הייסט רעיא מהימנא די רועה נאמן הקב״ה וועט דור אום קערון דיין אבידה ווס דוא הסט פר לארון אובור דעם ערב רב ווס זיי האבון גמאכט דאס עגל דריבור אוז גפאלון דיין כלה דם זענון די לוחות אזו ווי דער פסוק זאגט וישלך מידיו את הלוחות דרום אוז צוא דור גזאגט גווארין לך רד הקב״ה הט דיר מרמז גוועזן די ירידה בגלות הרביעי עס שטייט הן כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר דא אוז מרומז דיינו גלגולים דו מוזט נדערון אין גלות וועגון דיין כלה בת יחידה דוא היילונו וואס עס שטייט נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל אונ אז דוא וועסט צו איר נדרון אין גלות וועט זוא דורך דור אויף שטיין דם איז השבת אבדה אונ דוא תורה אוז אויף גנאנגון אקעגון דיר ווי דוא וואסור פון דעם באר אונ אזו אוך וועט דור הקב״ה אום קערן דיין גזלה עס שטייט ויגזול את החניה מיד המצרי

מהימנא צבי

המצר״י בטרעפט מ״ה אונ אין גלות וועט ער אפ שיידון ערי מקלט צוא בשירמון דוך פון פול נאך יאגער ווס יאגון דוך נאך וואס הט קיין סוף נוט דען דוא הסט אונ מצרים אום גיברכט דם מצרי ווס אונ אום אוז גוועזן דער נחש הקדמוני מוט אורע חילות אונ דו האסט אום גיהרגת פר דער צייט אונ האסט זיך נוט גיפארכטון פר אלו נאך יאגער ווס הבון דוך נאך גיאגט כמה נשים נעמ״ה אגה״ת לילי״ת אונ הקב״ה הט דור גגעבון ערי מקלט באשירמעט צו ווערון פון זיי דם זענון דוא שערי תשובה ווייטור קען מען נוט שרייבון בדרך נגלה עס זענון גרוסו סודות עליונים:

ואל משה אמר עלה אל יי ער זאל מוט זיי ארין גיין בברית דען אצונד הבון זיי מקיים גוועזן מצות פריעה דען אונ מצרים האבון זייא זוך נאר מל גוועזן אן פריעה אונ אצונד שטייט שם שם לו חוק ומשפט זיי האבון מקיים גוועזן מצות פריעה ושם נסהו מוט דעם אות ברית קודש אצונד האבון זייא כורת ברית גוועזן דורך משה אזו ווי עס שטייט ויקח משה חצי הדם וישם באגנות וחצי הדם זרק על המזבח

ונגלי

אובור ווען עס איז ניט קיין רעכט משפט אויף דער ערד איז דא משפט אונ הומול וואס שטראפט די וועלט אונ די חכמים זאגון דיא ישראל זענון דרום ווארין פאר טריבון פון זייער לאנד ווייל זייא האבון ניט רעכט גומישפוט (תשים) ווייזט ווען דער דיין משפט רעכט איז דס אום איין סם חיים אונ ווען ער משפט ניט רעכט איז עס אום איין סם המות (כי תקנה עבד עברי) די תורה האט אן גיהובון משפטים מיט דם דין ווען די ועסט קופון אגעכט א ישראל ווייל עס איז גלייך צום ערשטן דבור (אנכי יי אלהיך) אויך בון דיין גאט וויס הט דיך אוס גוצוגון פון מצרים צו זיין צו מור צו קנעכט ניט מען זאל זיך פאר קופון צו איין קנעכט אונ אזו ווי שבת וואס מור רואון ווייזט דס גאט האט אונ זעקס טאג בשאפון די וועלט אונ הט גורואוט אונ זובוטון טאג אזו אויך זאל דר קנעכט דינון ביי דעם הערון זעקס יאר אונ אונ זובוטון יאר זאל ער פרייא גיין צוא אזכרון צום זובוטון טאג וואס גאט האט גרואוט אונ אום (שש שנים יעבוד) זעקס יאר זאל ער דינון דער פסוק שמוסט פון

אקגעכט

נחלת

ויגש משה לבדו אל יי וואול צוא דעם חלק פון משה וואס ער הט גהאט אזו איין מדרגה צוא גנעהנון אליין צוא גאט וואס קיינור הט דאס ניט זוכה גוועז אונ דיא ישראל הבון אצונד זוכה גוועז וואס זיי האבון ביז אהער ניט זוכה גוועז. באותה שעה האבון זיי גיקריגין איין קיום בקיום העליון הקודש אונ מען הט זייא אבשורה גזאגט אז הקדוש ברוך הוא ווערט רוען צווישן זיי אין בית המקדש אזו ווי עס שטייט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם:

ויראו את אלהי ישראל ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר אונ דעם גשטאלט וואס הקב"ה וועט לעתיד בויען דאס בהמ"ק אזו וויא עס שטייט ויסדתיך בספירים. ואל אצילי בני ישראל וכו' דס זענון נדב ואביהוא וואס זייא האבון נהנה גיוועז מזיו השכינה וואלטון זיי תיכף באקומען זייער עונש נאר הקב"ה הט זייא גווארט אויף איין שפעטערער צייט רבי זאגט ויאכלו זיי האבון זיך בוודאי גגעסון אונ הבון זיך גשפייזט דער מיט אונ זייא זענון אצונד ראוי גוועז דער צוא אונ דער מיט האבון זייא גאר ניט גוזונדיגט נייערט דער נאך האבון זייא גוזונדיגט רבי אלעזר זאגט אפילו דיא ישראל זענון אויך ראוי גוועז דער צו מקושר זיין אונ דער שכינה מכח דעם ברית וואס זייא האבון מקיים גוועז אונ האבון די תורה מקבל גוועז אונ האבון די זכיה ניט גהאט צו זעהן אזו ווי דוא צייט ביז לעתיד לבא איז הקדוש ברוך הוא אן גבריט זיך אנטפלעקון צו די

רעיא מהיטנא

צבי

ישראל מיט אלו זיינו כבוד צו ווערון גזעהן עין בעין אזו ווי עס שטייט כי עין בעין יראו בשוב יי ציון נאך שטייט ונגלה כבוד יי וראו כל בשר יחדו וגו':

ויבא משה בתוך הענן ער הויבט אן עס שטייט אמרתי לא אראה יה יה בארץ החיים לא אביט אדם עוד עם יושבי חדל ווי גאר זענון פר שטאפט די לייט וואס זיי ווייסון ניט אונ זענון ניט משגיח אונ דער תורה אונ ווילן נאר זעהן וועלט זכון אונ עס ווערט פר געסון פון זיי דער רוח החכמה דען ער ווערט גומישפט נאך זיינו מעשים נאך אונ דארף אפ געבון דין וחשבון פאר הקדוש ברוך הוא אז ער שטארבט אונ זעהט וואס ער זעהט איידר ער קומט אויף יענור וועלט קומט ער פאר אדם הראשון ער זיצט פר דוא טויערו פון דעם גן עדן צוא זעהן אלו וואס הוטון דוא מצות פון הקב"ה אונ ער פרייט זיך מיט זיי אונ כמה צדיקים שטייען ארום אום זייא הייסון יושבי חדל אונ ניט יושבי חלד ווייל זייא זענון ניט גיוועז אזו ווי איין חולדה אווייזילע וואס עס שלעפט אונ לאזט ליגין אונ ווייסט ניט פאר וועמון ער הט דאס אן גיגרייט נייערט יושבי חדל אזו ווי עס שטייט חדלו לכם מן האדם פר מייט אייך פון דעם גיהנם אונ שטארקט זיך צוא זיין אונ גן עדן אונ ווידור יושבי חדל איז טייטש בעלי תשובה וואס הבון זיך פר מיטון פון דעם וועג פון די רשעים דרום זיצן זייא אויף דער טיר פון דעם גן עדן אונ זענון זיך

משמח

אַקְגֶעבְּט וָואס דָאס בֵּית דִין הָט אִים פַר קוֹיפְט וַויל עֶר הָט גְנֵבוֹת אוּנ הָאט נִיט מִיט עֶפּוּס צוּ צָאלִין אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגִין זָאל דֶער הַאר מִיט אִים נִיט אַרְבּוּטִין. קֵיין שְׁוֶוערִי אַרְבּוּט אוֹדִיר מוּסִי אַרְבּוּט אוּנ עֶר זָאל נָאר בַּייא טָאג אַרְבּוּטִין מִיט אִים אוּנ נִיט בַּייא נַאכְט (חִנָּם) עֶר זָאל אַרוֹם גֵיין אוּם זוּסְט דְהַיְינוּ וֶוען דֶער קְנֶעכְט אִיז קְרַאנְק גִוֶועזְן זָאל דֶער הַאר נִיט נֶעמִין קֵיין גֶעלְד בַּייא אִים וַויל עֶר הָט קֵיין מְלָאכָה נִיט גִוטִין אוּנ הָט גֶעגֶעסִין אוּנ וָואס עֶר הָט גֶעגֶעבִּין דֶעם רוֹפֵא אוֹבֶּר וֶוען דֶער קְנֶעכְט אִיז מֶער פוּן דְרַייא יָאר קְרַאנְק גִוֶועזְן מוּז עֶר דֶעם הַארִין אַלְיין בֶּצָאלִין (אִם בְּגַפּוֹ יָבֹא) וֶוען דֶער קְנֶעכְט אִיז גֶקוּמִין צוּם הַארִין אַלְיין אָן אַוַוייבּ זָאל אִים דֶער הֶער נִיט גֶעבִּין אֵיין שִׁפְחָה כְּנַעֲנִית פַר אֵיין וַוייבּ (אִם בַּעַל אִשָּׁה הוּא) אָבֶּר וֶוען דֶער קְנֶעכְט הָאט פוּן פְרִיהֶר אַוַוייבּ אַבַּת יִשְׂרָאֵל זָאל דֶם וַוייבּ מִיט אִים פְרַייא אַרוֹם גֵיין פְרֶעגְט רש״י וֶוער הָט דֶען זִיא אַרֵיין גִבְרַאכְט זִי זָאל דַרְפוּן אַרוֹם גֵיין זִי הָט דָאךְ גָאר נִיט גִדִינְגְט בַּיי דֶעם הֶערִין דֶער תֵּירוּץ אִיז דָם וַוייזְט אוּנְז וֶוען אֵיינֶר קוֹיפְט אַקְנֶעכְט אֵיין יִשְׂרָאֵל דַארְף עֶר גֶעבִּין עֶסִין זַיין וַוייבּ אוּנ דִי קִינְדֶר כָּל זְמַן דֶער קְנֶעכְט אִיז בַּיי אִים דְרוּם שְׁטֵיט (וְיָצְאָה אִשְׁתּוֹ עִמּוֹ) צוּ וַוייזִין דָם בִּיז דֶער צַייט מוּז דֶער הַאר אִיר גֶעבִּין עֶסִין אוּנ וֶוען דֶער קְנֶעכְט הָט פוּן פְרִיהֶר אַוַוייבּ מֶעג דֶער הַאר אִים גֶעבִּין אֵיין שִׁפְחָה כְּנַעֲנִית צוּ הָאבִּין מִיט אִיר קִינְדֶר אוּנ דִיא קִינְדֶר

זָאלִין זַיין צוּם הַארִין קְנֶעכְט אוּנ וֶוען דֶער קְנֶעכְט זָאגְט (אָהַבְתִּי אֶת אֲדוֹנִי) אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין הַארִין אוּנ מַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶר אִיךְ וִויל נִיט פְרַייא אַרוֹם גֵיין פוּן מַיין הַארִין זָאל דֶער הַאר אִים בּוֹרִין דָאס אוֹיעֶר מִיט אַנָגֶעל צוּ דֶער טִיר אוּנ דֶער קְנֶעכְט זָאל בַּיי אִים דִינִין בִּיז יוֹבֵל אוּנ דְרוּם בּוֹרְט מֶען אִים דָם אוֹיעֶר וַויל דָם אוֹיעֶר הָט גֶהֶערְט אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי דָם גָאט הָט גְזָאגְט דִי יִשְׂרָאֵל זֶענִין צוּא מִיר קְנֶעכְט אוּנ נִיט צוּ אַנְדֶרִי אוּנ עֶר ווִיל וַוייטֶער זַיין אֵיין קְנֶעכְט דְרוּם זָאל מֶען אִים בּוֹאֶרִין דָאס אוֹיעֶר אוּנ דְרוּם בּוֹאֶרְט מֶען אִים צוּ דֶער טִיר וַויל דִי טִיר אִיז אֵיין עֵדוּת גִוֶועזְן אוּנ מִצְרַיִם דָם גָאט הָט אִיבֶּר גֶהוּפְּט דִי טִירִין פוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ דֶער נַאכְט וָוס עֶר הָט גְהַרְגֶעט דִי בְּכוֹרִים פוּן מִצְרַיִם אוּנ הָט דֶעמְסְמָאל גֶזָאגְט אַז דִי יִשְׂרָאֵל זָאלִין זַיין מַיינִי קְנֶעכְט דְרוּם בּוֹאֶרְט מֶען אִים צוּ דֶער טִיר אוֹדֶער צוּם בַּיי שְׁטוּדוֹל פוּן דֶער טִיר (וְרָצַע אֲדוֹנָיו) דֶער הַאר אַלְיין מוּז אִים דָם אוֹיעֶר בּוֹאֶרִין נִיט זַיין זוּן אוֹדֶער זַיין שָׁלִיחַ נוּר דֶער הַאר וָוס עֶר הָט זִיךְ צוּ אִים פַר קוֹיפְט עֶר זָאל אִים דִיא חֶרְפָּה אָן טוּן אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט עֶבֶד עִבְרִי אוּנ נִיט עֶבֶד יִשְׂרָאֵל וַויל דָם אִיז אֵיין גוּטֶער נָאמִין וָוס מֶען הָאט זֵייא גְרוּפִין נָאךְ דֶעם אַז גָאט הָאט דִי יִשְׂרָאֵל אוּם גְלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם פוּן צוּ זַיין קְנֶעכְט אוּנ הָט זֵיי דִי תּוֹרָה גְגֶעבִּין אוֹבֶּר וֶוען זֵיי זֶענִין גִוֶועזְן קְנֶעכְט אוּנ מִצְרַיִם הָט מֶען זֵיי גְרוּפִין עִבְרִים אַזוֹ ווִי אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט

אלהי

רעיא מהימנא

נחלת צבי

מְשַׂמֵּחַ מִיט דִיא וָוס קוּמִין אִין גַּן עֵדֶן אַרֵיין קוּם אוּנ וָועה חִזְקִיָּה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶדַארְפְט שְׁטַארְבִּין הָט עֶר מִתְפַּלֵּל גִוֶועזְן צוּא הקב״ה עֶר הָט אִים מוֹסִיף גִוֶועזְן פוּפְצִין יָאר אוּנ עֶר זָאגְט אָמַרְתִּי לֹא אֶרְאֶה יָהּ אִיךְ הָב גְמֵיינְט אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִיט זוֹכֶה זַיין צוּא זֶעהְן יָהּ בְּאֶרֶץ הַחַיִּים וֶוען דִיא נְשָׁמוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אוּנ צְרוֹר הַחַיִּים צוּא זֶעהְן דָאס גְרוֹסִי אוֹר וָוס הֵייסְט אַסְפַּקְלַרְיָא הַמְּאִירָה מוּזִין זִיךְ דִיא נְשָׁמוֹת צוּם עֶרְשְׁטִין אָן קְלֵיידִין מִיט דֶם מַלְבּוּשׁ פוּן אִירֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אַזוֹ אוֹיךְ מֹשֶׁה הָט נִיט גֶקָאנְט אַרוֹיף גֵיין בִּיז עֶר אִיז נִיקוּמִין אוּנ אֵיין עָנָן אוּנ דָם אִיז גִוֶועזְן צוּ אִים אֵיין מַלְבּוּשׁ דְרוּם הָאט עֶר גִזֶעהְן וָואס עֶר הָאט גִזֶעהְן דְרוּם זָאגְט עֶר אָמַרְתִּי אִיךְ הָאבּ גְמֵיינְט אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִיט זוֹכֶה זַיין צוּא זֶעהְן אָדָם הָרִאשׁוֹן

אֱלֹהֵי הָעִבְרִיִּים אוּנ דֶר וָוס הָט זוּךְ הַיינְט
פַאר קוֹפְט פַאר אַקְנֶעכְט אִיז עֶר גְלַייךְ
וִוי אוּנ מִצְרַיִם דְרוּם הֵייסְט עֶר עִבְרִי אוּנ
דְרוּם לַאזְט מֶען אִים בְּלוּט פוּן דֶם אוֹיעֶר
וַוייל עֶר הָט נוּט גְוָואלְט גְדֶענְקוּן אוּנ
דֶעם בְּלוּט וָואס מֶען הָאט גוּשְׁפְּרֶענְגְט
אוּנ מִצְרַיִם בְּשַׁעַת אַז גָאט הָאט זֵיי אוּם
גְלֵייזְט פוּן צוּ זַיין קְנֶעכְט אוּנ דֶר מֶדְרָשׁ
זָאגְט גָאט זָאגְט אוּךְ הָאבּ זֵייא גֶעפוּנְט
אֵיין טוּר צוּא גֵיין פְרַיי נָאךְ זֶעקְס יָאר
אוּנ עֶר וִויל נוּט גֵייאוּן דְרוּם זָאל מֶען
אִים בּוֹארוּן זַיין אוֹיעֶר בַּיי דֶער טוּר (וְכִי
יִמְכּוֹר אִישׁ אֶת בִּתּוֹ לְאָמָה) וֶוען אַמֶענְשׁ
וֶועט פַר קוֹפוּן זַיין טָכְטֶר פַר אֵיין דוּנְסְט
דֶעדוּ תּוֹרָה הָט גְגֶעבּוּן רְשׁוּת צוּם פָאטֶר
עֶר זָאל פַאר קוֹפוּן זַיין טָאכְטֶר פַאר
אַדוּנְסְט צוּ אֵיין יִשְׂרָאֵל וֶוען זוּ אִיז נָאךְ
קְלֵיין זָאל זוּ נוּט אַרוּם גֵיין אַזוּ וִוי אֵיין
שִׁפְחָה כְּנַעֲנִית גֵייט אַרוּם פְרַיי וֶוען מֶען
שְׁלָאגְט אִיר אוּם אֵיין צָאן אוֹדֶר אֵיין אוּג
אָבֶר אֵיין בַּת יִשְׂרָאֵל וֶוען מֶען שְׁלָאגְט
אִיר אוּם אֵיין צָאן אוֹדוּר אֵיין א״ג מוּז דֶר
הַאר אִיר גֶעלְט צָאלוּן דֶר פַאר אוּנ זוּא
זָאל וַוייטוּר דוּנוּן בּוּז אִיר צַייט אוּנ דֶער
דִין אִיז וֶוען אֵיינוּר קוֹפְט אַדוּנְסְט מוּד
אֵיין בַּת יִשְׂרָאֵל זָאל עֶר זוּא נֶעמוּן פַר
אַוַוייבּ אוּנ דַארְף אִיר קֵיין גֶעלְט אוּף
קִידוּשִׁין נוּט גֶעבּוּן נָאר דָס גֶעלְט וָוס עֶר
הָט גְגֶעבּוּן דֶעם פָאטוּר וֶוען עֶר הָאט זוּא
גְקוֹפְט דָס אִיז דָס גֶעלְט פוּן קִידוּשִׁין (אִם
רָעָה בְּעֵינֵי אֲדוֹנֶיהָ) אוּנ אוֹבּ זוּ אִיז אוּבּוּל
גְפֶעלוּן בַּיי אִיר הַרוּן אוּנ דוּ אוּגוּן דָס עֶר
וִויל זוּא נוּט נֶעמוּן פַר אַוַוייבּ זָאל עֶר זוּא
הֶעלְפוּן לֵייזוּן כְּלוֹמַר עֶר זָאל נָאךְ לָאזוּן
פוּן זַיין גֶעלְד דְהַיְינוּ עֶר הָט זוּא גוּקוֹפְט

פַאר פוּר אוּנ צְוָואנְצִיג גוּלְדוּן אוּף זֶעקְס
יָאר אִיז אוּטְלוּכְם יָאר פַר פוּר גוּלְדַן זָאל
דֶער הַאר קַרְגוּר נֶעמוּן פוּן זַיין גֶעלְט וִוי
פוּל יָאר זוּא הָט בַּיי אִים גוּדוּנְט אוּנ עֶר
זָאל נוּט זָאגוּן דוּא עֶרְשְׁטוּ יָארוּן זֶענוּן
וֵוויינוּגוּר וֶוערְט וַוייל זוּא אִיז נוּט גוּנוּט
גְוֶוען אוּנ דֶער אַרְבּוּט (לְעַם נָכְרִי לֹא
יִמְשׁוֹל לְמָכְרָהּ) אַמֶענְשׁ טָאר זַיין טָכְטוּר
נוּט פַר קוֹפוּן צוּ אֵיין עע״ז וַוייל עֶר וֶועט
מוּט אִיר מְזַנֶה זַיין דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק
פְרֶעגְט וָוארוּם הָט דוּא תּוֹרָה גְזָאגְט וֶוען
דֶר קְנֶעכְט הָאט אַוַוייבּ אֵיין בַּת יִשְׂרָאֵל
מֶעג אִים דֶער הַאר גֶעבּוּן אֵיין שִׁפְחָה
כְּנַעֲנִית אוּנ וֶוען עֶר הָט נוּט קֵיין וַוייבּ
זָאל אִים דֶר הַאר נוּט גֶעבּוּן קֵיין שִׁפְחָה
כְּנַעֲנִית אוּנ אוּךְ וִויא גוּשׁוּקְט זוּךְ מֶען
זָאל אִים גֶעבּוּן אֵיין כְּנַעֲנִית עֶר אִיז דָאךְ
אֵיין יְהוּדִי עֶר טָאר זוּךְ מוּט זֵייא נוּט
מִתְחַתֵּן זַיין אוּנ אוּךְ פְרֶעגְט עֶר וִויא
גוּשׁוּקְט זוּךְ דָס אֵיין מֶענְשׁ זָאל פַר קוֹפוּן
זַיין אֵייגוּן קוּנְד זַיין טָאכְטוּר פַאר אֵיין
דוּנְסְט מוּד דֶר תֵּירוּץ אִיז אֵיין עֶבֶד עִבְרִי
וָוס דָם בֵּית דִין פַאר קוֹפְט אִים פַאר
דֶעם וָוס עֶר הָאט גְנֵיבוּת עֶר זָאל דֶער
מוּט דוּ גְנֵבָה בְּצָאלוּן אוּנ וֶוען עֶר הָאט
אֵיין וַוייבּ וֶועט אִים קֵיינוּר נוּט וֶועלוּן
קוֹפוּן וַוייל עֶר וֶועט זַיין וַוייבּ אוּנ קוּנְדוּר
אוּךְ מוּזוּן גֶעבּוּן עֶסוּן הָאטְשׁוּ זֵייא וֶועלוּן
נוּט אַרְבּוּטוּן דְרוּם הָט דוּא תּוֹרָה גְהֵייסוּן
דֶער הַאר מֶעג אִים גֶעבּוּן אֵיין שִׁפְחָה
כְּנַעֲנִית צוּא הָאבּוּן קוּנְדוּר אוּנ דוּ קוּנְדוּר
זָאלוּן זַיין צוּם הַארוּן אַזוּ וֶועט מֶען אִים
שׁוּן וֶועלוּן קוֹפוּן הָאטְשׁוּ עֶר וֶועט מוּזוּן
שְׁפַּייזוּן זַיין וַוייבּ אוּנ קוּנְדוּר אוּנ זֵיי וֶועלוּן
נוּט אַרְבֵּייטוּן וַוייל עֶר וֶועט פוּל קוּנְדוּר



מוּט דוּא יוֹשְׁבֵי חֶדֶל וָואס זֶענוּן מוּט אִים וַוייל
עֶר הָאט נוּט גוּנוּמוּן קֵיין אִשָּׁה עֶר זָאל הָבּוּן
מוּט אִיר קוּנְדֶר דְרוּם הָט אִים יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא
גְזָאגְט צוּ לְבֵיתְךָ כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה. כִּי מֵת
אַתָּה מֵיינְט מֶען בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא תִחְיֶה אִיז

בָּעוֹלָם הַבָּא אוּנ דֶער נָאךְ אַז עֶר הָט גְנוּמֶן
דִיא טָאכְטוּר פוּן יְשַׁעְיָה הָט עֶר גְזָאגְט דָאס
וָוס אוֹיבִּין שְׁטֵייט אָמַרְתִּי וגו׳ וּמַה דָאךְ חִזְקִיָּה
וָואס הָאט גְהַאט זְכוּת אָבוֹת אוּנ אִיז גְוֶוען
אַגְרוֹיסוּר צַדִּיק וְחָסִיד הָט עֶר אַזוֹ גְזָאגְט אוּנ

פון אום הָבּון אָבּוּר וָוען ער הָט קיין ווייב נוט אַזוּ וָועט מען גפונגן וָוער עס וָועט אום קופון דרום טָאר דער הַאר אום נוט גָעבּון קיין שִׁפְחָה כְּנַעֲנִית אונ דער הַאר זָאל אום נוט גָעבּון איין ווייב איין בַּת יִשְׂרָאֵל וַוייל דו קונדור וָועלון נוט זַיין צום הַארון אונ דר הַאר וָועט נָאך זַייא מוזון שְׁפַּייזון נָאך איין תֵּירוּץ אוז אַז דֶר קָנֶעכְט הָט פון פְרוּר איין ווייב מֶעג עֶר נֶעמון איין שִׁפְחָה וַוייל עֶר וָועט זוא נוט זַייאור לוּבּ הָאבּון וָוארום דָאס לוּבְשַׁפְט פון דֶעם מֶענְשׁון אוז צום עֶרְשְׁטוּן ווייב אונ איין אִשָּׁה אוז אור עִיקָר לוּבְשַׁאפְט צו־א אור עֶרְשְׁטוּן מַאן אונ דרום וָועט עֶר זוא דֶער נָאך אַוֶועק שוּקון אָבּוּר וָוען עֶר הָאט פְרוּר נוט גְהַאט קיין ווייב אונ דוא שִׁפְחָה וָועט זַיין דוא עֶרְשְׁטוּ טָאמוּר וָועט עֶר זוא לוּבּ הָאבּון אונ וָועט זוא אייבּוּג הַאלְטוּן פַר אַווייבּ אַזוּ וָועט זוא אום אָן רֵיידוּן צו־א פוּל בֵּייז דרום הָאט דוא תּוֹרָה גַאסֻרְתּ דֶער הַאר זָאל אום גָעבּון איין שִׁפְחָה כְּנַעֲנִית צום עֶרְשְׁטוּן אונ דָאס וָואס מוּר הָאבּון גפְרֶעגְט וויא גְשׁוּקְט זוּך דָאס איין מֶענְטְשׁ זָאל זַיין א־יגוּנוּ טָאכְטוּר פַר קופון פַר אַדוּנְסְט אוז דר תֵּירוּץ וַוייל דֶר פָאטוּר טְרַאכְט דֶער הַאר וָועט זוא פַר איין ווייב נֶעמון אונ וָועט אוך נוט דַרְפון קיין גֶעלְד גֶעבּון נָאר עֶר וָועט זָאגון דו זָאלְסְט צוּ מוּר מְקוּדָשׁ וָוערון פַר דֶעם גֶעלְד וָואס דיין פָאטוּר הָט פַר דוּר גנוּמון וָוען עֶר הָאט דוּך פַאר קוּפְט דָאס הָאט דֶער פָאטוּר בְּדֵיעָה גְהַאט זַיין טָאכְטוּר איין מַאן צוּא גָעבּון נוט זוא זָאל זַיין איין דוּנְסְט אונ דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק פְרֶעגְט וָוען מֶען בּוּעֶרְט

איין קְנֶעכְט דָאס אוֹיֶער וַוייל עֶר הָאט גְהֶערְט וויא גָאט הָאט גְזָאגְט יִשְׂרָאֵל זָאלוּן זַיין מַיינוּ קְנֶעכְט נוא וָוארום בּוּעֶרְט מֶען אום נוט בַּאלְד ווי עֶר פַר קוּפְט זוּך דֶער תֵּירוּץ אוז דָאס בּ״ד הָאט אום פַר קוּפְט וַוייל עֶר הָאט גְנֵבוֹת אוז עֶר נוט שׁוּלְדוּג אונ דֶעם פַאר קופון נָאר וָוען עֶר אוז אַגַנָב ווי שׁוּקְט זוּך דֶער הַאר זָאל אום וַוייטוּר וָועלון הַאלְטוּן נָאך זֶעקְס יָאר דָם קֶען אַנְדוּרְשׁ נוט זַיין נָאר עֶר אוז שׁוּן קיין גַנָב נוט עֶר הָט בַּיי דֶעם הֶערוּן נוט גְנֵבוֹת אונ דֶער הַאר הַאלְט אום פַר אַנֶאֱמָן אונ דָאס אוֹיעוּר פון דֶעם מֶענְשׁון אוז אוּך גְלַייך ווי איין טוּר צוּ צַייטוּן דַארְף עֶס זַיין פַר שְׁלָסוּן עֶר זָאל נוט הֶערוּן קיין בֵּייזוּ רֵייד אַזוּ ווי אוּנְזֶרוּ חֲכָמִים זָאגוּן וָוארום אוז דָאס גַאנְצוּ אוֹיעוּר הַארְט אונ דָם לֶעפּוּל אוז ווייך כְּדֵי וָוען אַמֶענְשׁ הֶערְט בֵּייזוּ רֵייד זָאל עֶר דָאס לֶעפּוּל אונ אוֹיעוּר אַרַיין בֵּייגוּן עֶר זָאל נוט הֶערוּן דו בֵּייזוּ רֵייד (כְּמִשְׁפַּט הַבָּנוֹת יַעֲשֶׂה לָּהּ) וָוען דֶער זוּן נֶעמְט דו דוּנְסְט מוּיד פַר אַווייבּ זָאל עֶר זוּך מוּט אור פוּרוּן אַזוּ ווי מֶען פוּרְט זוּך מוּט אַווייבּ וָוָס מֶען נֶעמְט בַּיי אַבַּעַל הַבַּיִת אַטָאכְטוּר אונ אוּבּ דֶער זוּן וָועט נֶעמוּן נָאך אַווייבּ זָאל עֶר נוט מוּנוּרוּן צוּא לוּגוּן בַּיי אוּר עֶר זָאל אוּר שְׁפַּייז אונ אוּרוּ קְלֵיידוּר נוט מוּנוּרוּן אונ טָאר דָם אַנְדוּרוּ ווייבּ נוט חֲשׁוּבוּר הַאלְטוּן פון אוּר וַוייל זוּ אוז גְוֶועזְן פַר קוּפְט בַּיי זַיין פָאטוּר דָם טָאר עֶר נוט אונ וָוען מֶען הָט אוּר אֵיינְס פון דוּ דְרַיי זַאבּוּן נוט גוּטוּן דָם דֶר הַאר הָאט זוּ נוט גְנוּמוּן פַר אַווייבּ אונ הָט זוּ צוּם זוּן אוּך נוט גְגֶעבּוּן פַר אַווייבּ אונ דֶר

פאטר



רעיא מהימנא

שׁוּין אַכָל שֶׁכֵּן אַנְדֶרוּ וָואס הָאבּוּן נוט קיין זְכוּת אָבוֹת אונ זוּנְדִיגוּן פַר הקב״ה ווי וָועלוּן זוּי נֶעמוּן אוּיבּוּן איין לְבוּשׁ צוּ דֶר נְשָׁמָה וָוס דֶער לְבוּשׁ הֵייסְט חֲלוּקָא דְרַבָּנָן וואול דָם חֵלֶק פון דוּ צַדִּיקִים וָוס הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָט פון זַייעֶרְט וֶוענוּן בַּהַאלְטוּן כַּמָּה טוֹבוֹת וְתַעֲנוּגִים לְעוֹלָם הַבָּא אוּף זַיי שְׁטֵייט עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹהִים זוּלָתְךָ וגו׳ :

פָאטוּר הָט זוּ נוּט אוּם גְלַייזְט זָאל זוּא
פְרַיי גֵיין וֶוען זוּ בַּקוּמְט צְוַויי הָאר אוּנְטוּר
דֶער אָרוּם אוּנ וֶוערְט אַנֲעָרָה דָאס אִיז
וֶוען זוּא וֶוערְט אַלְט צְוֶועלִיף יָאר מוּט
אָטָאג (וּמַכֵּה אִישׁ וגו' וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה)
אוּנ וֶוען אַמֶענְטְשׁ הַרְגוּת אֵיין מֶענְטְשׁוּן
אוּם גֶערוּן וַוייל גָאט הָט אַזוּ גְפוּרְט דֶער
מֶענְטְשׁ זָאל גְטֵייט וֶוערוּן זָאל מֶען דֶעם
מֶענְשׁוּן פַר טְרַייבּוּן אוּנ עָרֵי מִקְלָט אַרַיין
אוּנ דוּרְטוּן טָאר מֶען אוּם נוּט טוּן אוּנ
אוּנ דֶר מִדְבָּר וָוס אִיז גָאר קֵיין עָרֵי מִקְלָט
נוּט גֶוועזְן אִיז דֶער וָוס הָט גְהַרְגוּת אוּם
גֶערוּן אַנְטְלוֹפוּן גְוָוארוּן אוּנ דֶער מַחֲנֶה
לְוִיָה הָאט מֶען שׁוּן אוּם נוּט גְטָארְט
טֵייטוּן (וְכִי יָזִיד אִישׁ) אוּנ וֶוען אַמֶענְשׁ
וֶועט מוּטְווִילִיג גֶערוּן הַרְגוּנוּן זַיין חַבֵר
זָאל עֶר וֶוערוּן גְטֵייט (מֵעִם מִזְבְּחִי תִּקָּחֶנּוּ
לָמוּת) דֶעם רוֹצֵחַ זָאלְסְטוּ אַרָאפּ נֶעמוּן
פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ הָאטְשׁוּ עֶר אִיז אַכֹּהֵן
אוּנ טוּט דִי עֲבוֹדָה אוֹיף דֶם מִזְבֵּחַ זָלְסְטוּ
אוּם אַרָאפּ נֶעמוּן צוּ הַרְגוּנוּן אוּם אוּנ אוֹיךְ
וֶוען עֶר אִיז נוּט קֵיין כֹּהֵן אוּנ אַנְטְלוֹפְט
צוּם מִזְבֵּחַ אַזוֹ וִויא מִיר גְפוּנוּן בַּיי יוֹאָב
דֶם עֶר אִיז אַנְטְלוֹפוּן אוּנ בֵּית הַמִקְדָשׁ
אַז שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָט אוּם גְהֵייסוּן הַרְגוּנוּן
דֶען עֶר הָאט גְמֵיינְט וֶוען עֶר וֶועט זוּךְ
אָן הַאלְטוּן אוּנ דֶעם מִזְבֵּחַ וֶועט עֶר פָּטוּר
זַיין אוּבּוּר אוּנ אֱמֶת הֶעלְפְט דָאס נוּט
נַייעֶרְט מֶען נֶעמְט אוּם אַוֶועק פוּן דֶעם
מִזְבֵּחַ אוּנ מֶען הַרְגוּת אוּם (וּמַכֵּה אָבִיו
וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת) דֶער וָואס שְׁלָאגְט זַיין
פָאטוּר אוֹדוּר זַיין מוּטוּר אוּנ מַאכְט זֵייא
אַוְוינְד זָאל מֶען אוּם הַרְגוּנוּן (וְגוֹנֵב אִישׁ
וּמְכָרוֹ) וֶוען אֵיינוּר גַנְבוּת אַמֶענְשׁ אוּנ
פַאר קוֹפְט אוּם זָאל עֶר וֶוערוּן גְטֵייט
וֶוען אֵיינוּר שֶׁעלְט פָאטוּר אוּנ מוּטוּר זָאל
מֶען אוּם פַר שְׁטֵיינוּן מוּט שְׁטֵיינוּר דֶער
בְּחַיֵי פְרֶעגְט וָוארוּם הָאט דוּא תּוֹרָה אָן
גְשְׁרוּבּוּן צְווִישׁוּן דִי דִינִים פוּן פָאטוּר אוּנ
מוּטוּר דֶם דִין וֶוען אֵיינוּר גַנְבוּת אַמֶנְשׁוּן
עֶר וָואלְט גְדַארְפְט בַּיי אַנְדוּר שְׁטֶעלוּן
דוּא דִינִים פוּן פָאטוּר אוּנ מוּטוּר אוּנ
דֶער נָאךְ דֶעם דִין וֶוען אֵיינוּר גַנְבוּת
אַמֶענְשׁ עֶנְפוּרְט רַבֵּינוּ סַעֲדְיָה וַוייל מֶען
פְלֶעגְט צוּא גַנְבוּנוּן קְלֵיינוּ קוּנְדוּר
וָוארוּם אַגְרוֹסוּן אִיז שְׁוֶוער צוּא גַנְבוּנוּן
דְרוּם צוּ צַייטוּן קוּמְט דָאס קוּנְד אוּנ דֶער
שְׁטָאט וָואס זַיין פָאטוּר אוּנ מוּטוּר זֶענוּן
אוּנ קְרוּגְט זוּךְ מוּט זֵייא אוּנ שֶׁעלְט
זֵיי אוֹדוּר עֶר שְׁלָגְט זֵיי וַוייל עֶר קֶען זֵייא
נוּט דְרוּם הָט דִי תּוֹרָה אָן גְשְׁרוּבּוּן דֶעם
דִין פוּן אַמֶענְשׁ גַנְבֵנוּן בַּיי דֶעם דִין וֶוען
אֵיינוּר שְׁלָגְט פָאטוּר אוּנ מוּטוּר צוּ וַוייזוּן
דָם דֶר גַנָב אִיז גוֹרֵם דֶער צוּ דֶער רמב"ן
זָאגְט דְרוּם הָט דִי תּוֹרָה אָן גְשְׁרוּבּוּן דֶם
דִין וֶוען אֵיינוּר שְׁלָגְט פָאטוּר אוּנ מוּטוּר
אוּנ דֶער נָאךְ דֶעם דִין וֶוען אֵיינוּר גַנְבוּת
אַמֶענְשׁ וַוייל זֵיי הָאבּוּן גְלַייכוּ מִיתוֹת זֵייא
בֵּיידוּ קוּמְט הֶנֶק מֶען זָאל זֵיי דֶר הַרְגוּנוּן
אוּבּוּר וֶוען אֵיינוּר שֶׁעלְט פָּטוּר אוּנ מוּטוּר
קוּמְט אוּם צוּא פַר שְׁטֵיינוּן מוּט שְׁטֵיינוּר
וָוס דָם אִיז אַשְׁוֶוערוּ מִיתָה דֶען שֶׁעלְטוּן
קֶען בַּלְד זַיין דָם עֶר זָאל מוּט דֶם מוֹל
זֵיי שֶׁעלְטוּן דְרוּם הָט אוּם דִי תּוֹרָה אֵיין
שְׁוֶוערוּ מִיתָה גְגֶעבּוּן כְּדֵי עֶר זָאל זוּךְ דֶר
פוּן אָפּ הוּטוּן אוֹיךְ וַוייל בַּיי דֶם שֶׁעלְטוּן
דֶער מַאנְט עֶר דֶעם נָאמוּן פוּן גָאט אוֹיךְ
דְרוּם אִיז זַיין מִיתָה שְׁוֶוער אוּנ וֶוען אֵיין
מֶענְשׁ וֶועט שְׁלָאגוּן זַיין חַבֵר (וְנָפַל
לְמִשְׁכָּב) אוּנ דֶער מֶענְשׁ וֶועט זוּךְ לֵייגוּן
אוּנ בֶּעט דוּרְךְ דֶעם אוּנ וֶועט נוּט קֶענוּן
קֵיין מְלָאכָה טָאן זָאל מֶען אוּם אֵיין
זֶעצוּן אוּנ דֶער תְּפִיסָה בּוּז דֶער מֶענְשׁ
וֶועט וֶוערוּן גוּזוּנְד אוּנ עֶר זָאל אוּם
בַּצָאלוּן וָואס עֶר הָאט נוּט גְאַרְבּוּט אוּנ
דֶער קְרַאנְקֵייט אוּנ וֶוען עֶר הָאט אוּם אָפּ
גְהַאקְט אֵיין הַאנְד אוֹדוּר אֵיין פוּס זָאל
מֶען שַׁצוּן וִוי פוּל עֶר אִיז הַיינְט וֵוינִיגוּר
וֶוערְט וִויא פְרוּר אַזוֹ פוּל זָאל עֶר אוּם
בַּצָאלוּן אוּנ מֶען שַׁאצְט גְלַייךְ וִוי עֶר קָאן
אֵיין גָארְטוּן הִיטוּן דָאס זָאל עֶר אוּם
בַּצָאלוּן וָואס עֶר הָאט נוּט גְטוּן אוּנ זַיין

קרנקייט (ורפא ירפא) ער זאל דונגון איין רופא צו היילון אום אובור ווען דר מענש וויל זיך נוט היילון אונ וויל דם געלד זיך נעמון דארף דר שלעגור אום נוט געבון אזו שרייבט דער רמב״ן אונ דער בחיי שרייבט מור גופונון אונ דר גנצור תורה דאם ווארט ורפא איז דוא פ״א מוט איין דגש אונ ווען עם שטייט רפואה ביי גאט שטייט דוא פ״א איין רפא דם איז ווייל דו רפואה פון דם מענשון איז שווער מוט צער דרום שטייט איין דגש דאס איז טייטש שווער מוט צער אובור דו רפואה וום איז פון גאט איז גרונג דרום שטייט איין רפא דאס איז טייטש גרונג רש״י שרייבט (ישלם שכר הרופא) ער זאל געלט צאלון דעם רופא אובור אז ער ברענגט ארופא ווס וויל היילון אן געלט קען דער חולה זאגון איין רופא ווס אן געלט זעהט נוט גוט אויך ווען דר שלעגור אליין איז ארופא קען ער אליין אום נוט היילון ווייל דר חולה קען זאגון דו בוסט מיין שונא קען אויך דיך נוט אן קוקון (וכי יכה איש את עבדו) ווען איין האר שלאגט זיין קנעכט אודור זיין דונסט מוד מוט ארוט אונ דער קנעכט ווערט שטארבון אונטר זיין האנט זאל מען דם האר הרגונון מוט אשווערד האטשו דער קנעכט איז פון כנענים אובור ווען דער קנעכט לעבט אטאג אודער צווי טאג אונ דר נאך שטארבט ער זאל דר האר נוט ווערון גטייט ווען צווי מענשון ווערון זיך קריגון אונ ווערון שטוסון איין טרגונדוגו אשה (ויצאו ילדיה) אונ עם ווערון ארום גיין אירו קונדר זאל מען שאצון דם קונד ווי דער מאן וויל אונ דו דיינים זאלון דם משפטון אונ דרום שטייט נוט ווי דו אשה וויל ווייל דם קונד גוהער צום מאן דען דו אשה הט נאר דם קונד ביי זיך ווי א איין פקדון ביז צו דר צייט אונ ווען דר מאן וויל פיל געלד זאלון דו דיינים דר קענון אונ ער דרף אזו פיל געבון אובור ווען

דו אשה ווערט אויך ווערון גוטייט פון דעם שטוסון זאגון אטייל חכמים מען זאל דם מענשון טייטון אונ אטייל זאגון ווייל ער האט נוט בדיעה גוהאט צו טייטון דו אשה זאל מען געלט פון אום נעמון ווי א פיל דוא דיינים ווערון פסקונון (וכי יכה איש את עין עבדו) ווען איין מענש ווערט זיין קנעכט אודר זיין דונסט מוד פון דו כנענים אוס שלאגון איין אוג אודער אצאן זאל ער זיי פריי לאזון דר בחיי שרייבט דוא כנענים מוזון דרום דונון ווייל הם זייעור פאטור האט גזונדוגט מוט זיינו ציין וואס ער האט דאס גזאגט צו זיינו ברודור דרום ווען דער האר שלאגט דם עבד כנעני אוס איין א׳ג אודור אצאן פון וועגון דוא יסורים איז מען אום דוא עבירה מוחל אזו דארף דער האר אום פריי לאזון (וכי יגח שור את איש) ווען איין אוקם שטוסט אמענטש אונ ער שטארבט זאל מען דם אוקם פר שטיינון אונ מען זאל פון דעם אוקם קיין הנאה נוט האבון אונ דער בעל הבית איז ריין פון איין עונש אבור ווען מען איז גוואר גווארון דאס דער אוקם איז אשטוסור אונ מען האט זיין בעל הבית דרייא מאל אן גזאגט ער זאל דעם אוקם היטון אונ ער האט אום נוט גוהוט אונ דער אוקם הט גשטוסון איין מאן אודור איין אשה זאל מען דעם אוקם פר שטיינון אונ זיין בעל הבית ווערט ווערון גטייט דורך גאט דער בחיי שרייבט דרום שטייט ווען דער אוקם שטוסט איין מענשון (כי יגח) אונ ווען ער שטוסט אבהמה שטייט (כי יגוף) דם איז ווייל אמענש הט אמזל אונ הומול קאן דער אוקם אום נוט באלד שטוסון דרום שטייט כי יגח דאס איז טייטש מוט כח מוז ער אום שטוסון אובור אבהמה הט נוט קיין מזל אונ הומול דרום שטייט (כי יגוף) כלומר ער דארף קיין מוא נוט האבון נאר באלד ער בגעגונט אום קען ער אום שטוסון דער אוקם ווען ער טייט

דרייא מענשן אונ איין טאג אוז ער נוט קיין מועד אבור ווען ער שטוסט דרייא מענשן אונ דריי טעג ווערט ער אמועד דם מען ווייסט דם ער אוז אשטוסודיגור אוקס אונ דער בעל הבית אוז חייב ווען ער הט אום נוט גוהוט אונ חאטשו מען משפט היינט נוט ווען איין אוקס שטוסט אמענטש דאך שטראפט מען אום ווען איינור האלט איין אוקס אודור אבייזון הונד וום אוז מזיק לייטון אוך זאל איין מענש נזהר זיין נוט צו ווארפון אוף דו גאסון מוסו זאכון ווי לייט גייאון כדי מען זאל דרובור נוט פאלון אונ מען זאל זוך נוט אנשמורון דרונון דו ערשטו חסידים פלעגון אוף היבון צו ברכונו גלעזור וום ליגון אוף דער גאס אונ האבון עם בגראבון אונ דער ערד דם קיין מענש זאל זוך דרונון נוט צוא שטעכון איין מעשה אוז גווען דאם אמענש האט ארום גווארפון שטיינור פון זיין פעלד אונ רשות הרבים אריין ווי לייט גייאון אוז פור גגאנגון אחסיד אונ האט גזאגט ווארום ווארפסטו שטיינור פון אפרעמד פעלד אונ דיין פעלד אריין האט דער מענש גשפעט דרום אונ נוט פול נאך דעם האט דער מענש פאר קופט זיינו פעלדור אונ אוז גגנגון אונ רשות הרבים אונ האט זוך אן גשלאגון אונ דוא שטיינור אזו האט ער גזאגט דער חסיד הט אמת גזאגט דם אוך האב גווארפון שטיינור פון אפרעמד פעלד וום אוך האב דאם גמוזט פר קופון צו אפרעמדון אונ האב זיי גווארפון אונ רשות הרבים וואם דאם אוז מיין דען אוטלובור האט דרונון אחלק אלו מעגון דרונון גיין פון דאנון לערנון מור אפ דם אמענטש זאל נוט גוסון קיין אום ריין וואסור אוף דר גאם וויא מענשון טרעטון דען עם קען זיי מזיק זיין אונ גאט ווט אום דער פר שטראפון אזו ווי ער הט גשטראפט דעם מענטשון דם ער הט גמוזט זיינו פעלדור פר קופון (כי יפתח איש בור) ווען איין מענטש וועט עפונון אגרוב אודור ער וועט גראבון אגרוב אונ רשות הרבים אונ וועט זוא נוט צו דעקון אונ עם וועט אריין פאלון איין אוקס זאל ער בצאלון דעם שאדון צום בעל הבית (כי יגנוב איש שור) ווען איין מענש וועט גנבונון איין אוקס זאל ער צאלון פונוף אוקסון פאר דעם אוקס אונ ווען ער וועט גאנבונון איין שאף זאל ער פור שאף בצאלון פאר איר רש״י שרייבט וויל איין אוקס פורט דער גנב בייא דם הארון אונ הט מוט אום קיין טירחא נוט דרום מוז ער פאר אום צאלון פונוף אוקסון אובור איין שאף מוז ער טראגון אוף דעם אקסול אונ ווערט פאר שעמט דרום זאל ער נור צאלון פור שאף נאך איין פשט אוז איין אוקס אקורט אונ פעלד אונ נאך אנדורו ארבוט אונ דער גנב האט שאדון גטואון דם בעל הבית דו ארבוט פון דעם אוקס דרום זאל ער צאלון פונוף אוקסון אובור איין שאף טוט קיין ארבוט נוט אוז גונוג פור שאף צו בצאלון דר בחיי שרייבט ווען איין מענש גנבות גאלד אונ קליידור פון איין הוז דארף ער בצאלון כפל אובור ווען ער גנבות איין בהמה פון דעם פעלד וואם עם אוז גרונג צוא גנבונון דארף ער בצאלון צוויי מאל דם אוז פור דען גאט שטראפט מער אוף איין עבירה וואם קומט גרונג אן כדי דער מענש זאל זוך דר פון אפ הוטון אונ איין אוקס אוז נאך גרונגר צו גנבוגון וויל דר פאסטוך קען זיי אונ איינום נוט האלטון דרום מוז ער פינוף בצאלון אונ דרום בצאלט איין גנב כפל אונ איין גזלן בצאלט נוט קיין כפל וויל איין גנב האט פר לייטון מער מורא ווי פאר גאט אונ גנבות קיינור זאל נוט זעהון אונ הט קיין מורא נוט פאר גאט וום ער זעהט אליץ דרום מוז ער בצלון כפל אובור איין גזלן וום נעמט צו

אופן באר דר הט פר ריט קיין מורא נוט גליך. ווי פר גאט דרום דרך ער קיין כפל נוט בצאלון דער מדרש זאגט דוא ישראל האבון גגנבות איין אוקס כלומר זיי הבון גומכט דאס עגל וום הט גהייסון אוקס דרום האבון זיי גמוזט בצלון פונף מאל אזו פול כלומר עם אוז גשטארבון פול פון ישראל אונ דרום אוז גוועז פונף מית'תביי דם שטרפון פון דם עגל מען הט זיי מוט אשוועדר גוהרגות דורך דו קונדר פון לוי דם אנדרו אוז גוועז איין מגפה פון גאט וואס זענון פול ישראל גשטארבון דם דריטו אוז עם אוז גרון אונ געל גווארון זייער פנים דורך דעם וסור וסמשה הט זיי געבון טרונקון ווי איין סוטה דם פערדו אוז דם בית המקדש אוז דרום חרוב גווארון דם פופטו אוז דם גאט גדענקט דו עבירה אונ אוטלוכון דור צו בצאלון זו (וארבע צאן תחת השה) אונ פור הונדרט יאר זענון ישראל גוועז אונ גלות מצרים וייל זיי הבון פר קופט יוסף וואס ער הייסט צאן (מכשפה לא תחיה) איין מכשפה זאלסט נוט לאזון לעבון דר בחיי שרייבט דרום האט דו תורה פאר באטון כישוף וייל ישראל האבון אונ מצרים גלערנט כישוף דרום האט גאט פר באטון כישוף כדי זיי זאלון נוט צוריק גיין קיין מצרים אונ דרום האט דו תורה אן גשריבון (לא תחיה) דו זאלסט זו נוט לאזון לעבון צו ווייזון מוט וואס פר איין מיתה דו קענסט זו טייטון זלסט זוא טייטון אונ דרום זאגט ער מכשפה אונ נוט מכשף וייל ווייבר טואון מער כישוף פון מאנזבולון אונ דר כישוף פון אוב וואס מען ברענגט אוף איין טוטון מענשון דורך כישוף דאס קען נוט זיין אנדרש נאר איין אשה זאל דר ביי זיין דרום שטייט לא תחיה דו זאלסט זו נוט לאזון לעבון מוט וום דו קענסט זאלסט זו הארגונון (כל אלמנה ויתום לא תענון) איין אלמנה אודר איין יתום זאלט אור נוט פיינוגון דען קיינור הט זוך פאר זיי נוט אן צו נעמון אונ ווען מען אונ זיי מצער טון זיי שרייאון צוא מור אונ אוך וועל הערון זייער גשריי אונ וועל איך הארגונון מוט אשווערד אונ אייערו ווייבר וועלון זיין אלמנות אונ אייערו קונדר וועלון זיין יתומים רש"י פרעגט ווען דו ווייבור וועלון זיין אלמנות ווייס אוך דאך אליין וואל דאס דוא קונדר וועלון זיין יתומים וורום שטייט דו קונדר וועלון זיין יתומים דער תירוץ אוז זייערו מאנון וועלין

**של"ה הקדוש**

(כי תצא אש ומצאה קוצים) ווען עם וועט ארום גיין אפייער אונ וועט גפונון דערנור מוט דעם לשון וויל אונז דוא תורה לערנון אז מור זאלון נוט מיינון אז מור זענון נוט שולדוג אז דאס פייעור גייט ווך ארום אליין . נאר יעדור מענש מוז זיין פייער הוטון עם זאל נוט ווייטור גיין . אונ אוז מחויב צו דער ווייטרון זוך פון דעם אנדערונס רשות וויא ווייט מעגלוך אוז . דוא גמרא זאגט אז דער פסוק קומט צו בטראכטון דעם אונס וויא ארצון אונ דעם וום הט נוט קיין כוונה וויא דער וואס הט אכוונה דען סייא וויא סיי אז עם אוז פר ברענט גווארון איין שייעור מוט תבואה מוז ער בצאלון . דארון גפונון מור אוך ארמז אוף דעם פייעור פון מחלוקת אונ פון כעס אז דער מענש אוז מחויב זוך זייער צו הוטון וויא ווייט ער קאן עם זאל דם פייער נוט ארום קומון פון אום אפילו אן איין כוונה אפילו באונס :

(כי יתן איש אל רעהו וגו' לשמור) ר' מנחם הבבלי שרייבט דער טעם פון דין פון שומר חנם איז ווייל ער נעמט נוט קיין גצאלט דער פאר וואס הוט דעם פקדון אוז ער נוט מחויב גווארון באחריות אז עם אוז גגנבות אודור פר לורון גווארון . אבור דם אוז אלץ אז ער הט דארון קיין שולד גהאט . האט ער אבור דארון שולד גהאט מוז ער שון בצאלון . דער פון נעמון מור ארמז אופון דין פון מצות עשה וום אונ דער תורה שטייט נוט ביי זייא דער מתן שכר פר דוא וום וועלון זייא הוטון . אונ מור זענון נוט חייב באחריות ווען מור האבון קיין שולד דארון אז דוא מצות זענון נוט גטון גווארון זענון מור דאך חייב אונ אחריות פון דוא מצות ווען מור האבון שולד דארון אז מור האבון דוא אונגון דער פון ארופ גנומון אונ נוט אכטונג געבון . אונ דם מיינט דער פסוק אם לא שלח ידו :

דער דין פון אשומר שכר אוז אבור אנדרש וייל ער נעמט גצאלט דער פאר וום ער הוט מוז ער

גֶעלון אַוֶועק אוּג מֶען וֶועט נוּט וויסוּן אוּב דיֵי לֶעבּוּן ווֶעלוּן דוּ ווַייבּוּר זַיין אַלְמָנוֹת חַיּוֹת אוּנ ווֶעלוּן נוּט טָרוּן קַיין מַאן נֶעמוּן אוּנ דוּ קוּנְדֶר ווֶעלוּן זַיין אֵייבּוּג יְתוֹמִים מֶען ווֶעט זֵייא נוּט לָאזוּן יַרְשׁוּנוּן דֶעם פָּאטוּרְס גוּטְס אוּנ גֶעלְד (כָּל אַלְמָנָה) אַלוּ אַלְמָנוֹת זָאלְסְטוּ נוּט פַּיינוּגוּן אֲפִילוּ ווֶען דוּ אַלְמָנָה אוּז זֵייעֶר רַייךְ זָאל מֶען זוּא אוֹיךְ נוּט מְצַעֵר זַיין דֶען דוּ אַלְמָנוֹת ווֵיינוּן זֵייעֶר אוּנ זֵייעֶרוּ טְרֶערוּן גֵייעֶן נוּט לֵיידוּג אַוֶועק דְרוּם זָאל מֶען זוּ נוּט מְצַעֵר זַיין מוּט מַסִּים הָאטְשׁוּ זוּא אוּז רַייךְ ווֶען זוּא הָאט קֵיין מַאן נוּט אוּז דָאס גֶעלְד גָאר נוּט גְאַכְט אוּנ דְרוּם הָט יִרְמְיָה גְגְלֶעכוּן יְרוּשָׁלַיִם צוּ אֵיין אַלְמָנָה אוּנ הָט גְזָאגְט (הָיְתָה כְּאַלְמָנָה) אוּנ זָאגְט נָאהוּנְט דֶער בַּיי (בָּכוֹ תִבְכֶּה בַּלַּיְלָה) זוּא ווֵיינְט בַּייא נַאכְט צוּ ווַייזוּן חָאטְשׁוּ זוּא אוּז רַייךְ אוּנ הָט פוּל תַּעֲנוּגִים אוּנ קֶען אוּנ אוּר מַאן פַּר גֶעסוּן דָאךְ בַּיי נַאכְט קֶען זוּ אוּנ אוּם נוּט פַּר גֶעסוּן (אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי) דֶער בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט (מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אַף וְשׁוֹחַד בַּחֵיק חֵמָה עַזָּה) ווֶער עֶס גוּט צְדָקָה אוּנ פַּר בְּרֶגוּנוּשׁ דֶער שְׁטוּלְט פוּן זוּךְ דֶעם צָארוּן פוּן

גָאט אוּנ דֶער ווָאס נֶעמְט שׁוֹחַד דֶער בְּרֶענְגְט אוֹיף זוּךְ דֶעם שְׁטַארְקוּן צָארוּן פוּן גָאט אוּנ דֶר ווָאס מוּנוּרְט זַיין גֶעלְד אוֹיף צְדָקָה בַּצָּלְט גָאט כֵּפֶל כִּפְלַיִם דְרוּם זֶענוּן מוּר גְבָאטוּן אוּנ דֶער תּוֹרָה צוּ לַייאוּן דֶם עָנִי דָם זָגְט דֶר פָּסוּק (אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי אֶת הֶעָנִי) ווֶען עֶס קוּמְט אֵיין עוֹשֶׁר מוּט אֵיין עָנִי זָאלְסְט דוּ בֶּעסוּר לַייעוּן דֶעם עָנִי (עִמָּךְ) ווֶען עֶס קוּמְט אֵיין עָנִי פוּן דַיין שְׁטָאט אוּנ אֵיין עָנִי פוּן אֵיין אַנְדוּרוּר שְׁטָאט זָלְסְטוּ בֶּעסוּר לַייֶען דֶעם עָנִי פוּן דַיין שְׁטָאט אוּנ ווֶען עֶס קוּמְט אֵיין עָנִי פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה אוּנ אֵיין עָנִי פוּן אֵיין פְרֶעמֶדֶר מִשְׁפָּחָה זָאלְסְטוּ בֶּעסוּר לַייֶען דֶעם עָנִי ווָאס פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה אוּז (אֶת הֶעָנִי עִמָּךְ) ווֶען דוּא ווֶעסְט נוּט לַייעוּן דֶעם עָנִי ווֶעסְטוּ אַלֵיין זַיין אֵיין עָנִי אוּנ ווֶען דוּא לַייֶעסְט אוּם זָאלְסְטוּ דוּךְ מַאכוּן גְלַייךְ ווִי עֶר אוּז דוּר נוּט שׁוּלְדוּג אוּנ זָלְסְט פוּן אוּם נוּט נֶעמוּן קֵיין רִיבִּית דֶען דוּא עֲבֵירָה פוּן רִיבִּית אוּז זֵייעֶר גְרוּס אַזוּ ווִי מוּר גוּפוּנוּן בַּיי עוֹבַדְיָה ווָס עֶר אוּז גְוֶוען אֵיין אַפּוּטְרוּפּוּס אוּנ הוּז פוּן אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אוּנ הָט גָאר זַיין גֶעלְד אוּם גְגֶעבּוּן צוּא שְׁפַּייזוּן

הונדערט

אוהל

(אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי אֶת הֶעָנִי עִמָּךְ) אַז דוּא זוֶעסְט לַייאוּן גֶעלְד דֶעם אָרוּם מַאן פוּן מַיין פָאלְק (לֹא תִהְיֶה לוֹ כְּנוֹשֶׁה) זָאלְסְטוּ נוּט זַיין דֶעם אָרוּם מַאן קֵיין מָאנוּר זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ דָאס הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אַמָשָׁל גְזָאגְט (מַלְוֵה ה׳ חוֹנֵן דָל) אַז מֶען לַייט זָעלוּגְט אֵיין אָרוּם מַאן אוּנ מַלַייאוּט אוּם גֶעלְד אוּז גְלַייךְ ווִיא מֶען לַייאוּט גָאט עֶס אוּז אַמָשָׁל אֵיינוּר אוּז גְקוּמוּן צוּם אַנְדֶערוּן לַייאוּן גֶעלְט זָאגְט דֶער אַנְדֶרוּר צוּ אוּם אַז דוּא וֶועסְט מוּר גֶעבּוּן אֵיין עָרֵב פַאר דֶעם גֶעלְד אוּז דֶער לֹוֶה גְגַאנְגֶן אוּנ הָאט אוּם גְבְרַאכְט צְווֵייא מֶענְשׁוּן אוּנ זֵייא זֶענוּן עָרֵב גְוֶוען פַר דֶעם גֶעלְד אֵיין עָרֵב אוּז גְוֶוען אֵיין עוֹשֶׁר אוּנ דֶער אַנְדֶערֶר אוּז גְוֶוען אֵיין נֵיינוּר מַאן אוּנ דֶער מַלְוֶה הָאט אֵיין גְשְׁרוּבּוּן אוּנ וֶועקְסוּל פוּן ווֶעלְכוּן עָרֵב עֶר ווֶעט ווֶערוּן אָפּ נֶעמוּן זַיין חוֹב מֶעג עֶר נֶעמוּן ווֶען דֶער מַלְוֶה זָאל זַיין אֵיין קְלוּגוּר עֶר זָאל דֶעם גְמַיינוּם עָרֵב גָאר נוּט מָאנוּן כְּדֵי דֶער עוֹשֶׁר דֶער עָרֵב זָאל

יעקב

וִוימַן אַז עֶר פַאר זוּכֶערְט זוּךְ אוֹיף אוּם מוּט דֶעם חוֹב ווָארוּן אַז עֶר ווֶעט מָאנוּן דֶעם גְמַיינוּם עָרֵב ווֶעט דֶער עוֹשֶׁר זָאגוּן אַז דוּא מָאוּנְסְט יֶענוּם עָרֵב ווָאס הָאסְטוּ מוּט מוּר דָאס אַייגְנוּ דֶער צֵיילְט דֶער פָּסוּק אֵיין עֵצָה דֶעם מֶענְשׁוּן ווָאס עֶר לַייאוּט גֶעלְד ווָארוּן דֶער ווָאס לַייאוּט גֶעלְד דֶעם אָרוּמַאן הַתְמוּת זוּךְ דֶער אָרוּמַאן אוֹיף דֶעם וֶועקְסוּל כְּדֵי דֶער מַלְוֶה זָאל נוּשְׁט שָׁאדוּן הָאבּוּן זָאגְט דֶער פָּסוּק (אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי אֶת הֶעָנִי עִמָּךְ לֹא תִהְיֶה לוֹ כְּנוֹשֶׁה) אַז דוּא וֶועסְט לַייאוּן דֶעם אָרוּמַאן גֶעלְד וְאַלְסְטוּ אוּם נוּט מָאנוּן וְאַלְסְט אוּם תַּאר לָאזוּן אוּנ זָאלְסְט נוּט טְרַאכְטוּן דַיין גֶעלְד וֶועט פַאר פַאלוּן ווֶערוּן זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ אוֹיף דֶעם פָּסוּק (מַלְוֵה ה׳ חוֹנֵן דָל) דֶער וְואס לַייט זָעלוּגְט דֶעם אָרוּמַאן אוּנ לַייאוּט אוּם גֶעלְד אוּז גְלַייךְ וִויא עֶר לַייאוּט גָאט זָאלְסְט דוּךְ פַאר זִיכֶערוּן אוּנ גָאט ווָארוּן עֶר אוּז אֵיין עוֹשֶׁר אוּנ עֶר ווֶעט דוּר בְּוַדַּאי בְּצָאלוּן דָם גֶעלְט אָן אֵיין שׁוּם סָפֵק׃

הונדורט נביאים וואס ער האט בהאלטן צוא פופציג אונ איין היל ווייל אחאב האט זיי גוואלט הרגונן אוז גווארן איין הונגור אונ ארץ ישראל האט עובדיה אום גגעבן גאר זיין געלד אוז ער גוקומן לייען ביי יהורם דר זון פון אחאב אונ האט אום צוא גזאגט ריבית אובור זיין הארץ אוז נוט גוועין דער ביא ער זאל געבן ריבית דען עס אוז אזו גרוס די עבירה פון דעם וואס גוט ריבית אזו וויא פון דעם וואס נעמט ריבית דרום האט גאט גושוקט יהוא אונ ער האט גשאסן יהורם מוט איין פייל צווישן זיינו אקסול ווי ער האט גשטרעקט זיינו הענד צוא געמון ריבית (את עמ) די עניים הייסן דם פאלק פון גאט אזו ווי אונ פסוק שטייט (כי נחם יי את עמו ועניו ירחם) גאט וועט טרייסטן זיין פאלק אונ אובור זיינו עניים וועט ער זוך דער בארומן דען איין מענטש איין עושר שעמט זוך מוט זיינו קרובים ווען זיי זענון עניים אונ אוז מכבד זיינו קרובים די עשירים אובור גאט אוז פאר קערט דוא שלעכטו עשירים האט ער פיינט אונ האט ליב דוא עניים (אם חבל תחבול) ווען דו וועסט נעמון אמשכון דיין חבורס קלייד אונ דר הבר דארף דם האבון ביי טאג זאלסטו דאס דעם גאנצון טאג ביי אום לאזון נאר ביי נאכט זאלסטו דם נעמין צו אמשכון אונ דו זאלסט נוט טרכטון דר עני וום אוך האב פון אום אמשכון גנומון אוז נוט פרום ווען אפילו אוך וועל אום דם משכון נוט אפ געבון וועל אוך אוך קיין עבירה נוט האבון דרום שטייט (כי חנון אני) אוך גאט טוא מוך דער בארומן אובור איין מענשון אפילו ווען ער האט קיין זכות נוט דרום וועל אוך דוך דער פאר שטראפון (אלהים לא תקל) אדיין זאלסטו נוט שעלטון ווען ער מאכט דוך שולדוג אונ משפט אונ אמלך זאלסטו אוך נוט שעלטון פון וועגון משפט (ואנשי קודש תהיון לי) אונ איר זאלט זיין היילוגו לייט צוא מיר אונ זאלט קיין טריפות נוט עסון איר זאלט די טריפות געבון צוא די הונט הען ווען גאט האט גהרגות די בכורים אונ מצרים האבון די הונט גבולון אוף די מצרים וואס האבון בגראבון זייערו בכורים אונ אוף דוא ישראל האבון זיא נוט גובולון חאטשו דער סדר אוז ווען מען גייט ביי נאכט מוט אשטעקון טון די הונד בולון אונ דוא ישראל זענון פון מצרים ארוס גגאנגון ביי נאכט מוט שטעקון אונ דוא הונט האבון דאך נוט גובולון אוף זייא דרום זאל מען זייא געבון נבילות אונ טריפות (לא תשא שמע שוא) דו זאלסט

ניט

שלה

בצאלון אונ אלו פעל פאר דעם פקדון אפילו ווען עם אוז פאר פאלון גווארון באונס. ביידון מען האט אתנאי אום גנומון. אונ דאס אוז אזואונדר שיינור רמז אוף דוא מצות וועלכו זענון אונז גגעבון צו פקדון מור זאלון זייא הוטון מקיים צו זיין. אונ אז זייא זענון פר לורון גווארון דורך אונזר שולד דאס הייסט מור האבון זוך גפוילט זייא צו הוטון זענון מור מחויב צו ליידון אונ בצאלון פאר זיי דעם בעל הפקדון אונ דאס מיינט דער פסוק אם גנוב יגנב מעמו ישלם לבעליו. ער מוז דעם הערון דאס אוז השי בצאלון :

(מלאתך ודמעך לא תאחר) דיינו טרוקונו אונ דייני נאסו תבואה זאלסטו נוט פאר זאמון צו ברענגון רי מנחם הבבלי שרייבט בדרך רמז קאן מען זאגין

דקדוש

אז דער פסוק מיינט אונז צו לאזון הערון אבלל גרול אז דוא תפלה אונ ווידוי פון פולון הארצון (מלאתך) אונ מוט טרערון (ודמעך) ווערט נוט פר לאזט פועל צו זיין ווארום דוא טוערון פון טרערון זענון נוט פאר שלאסון :

(לא תשא שמע שוא) דוא זאלסט נוט אוף נעמון קיין פאלשון בערוכט דאס מיינט מען דער דיין מאר נוט הערון דוא טענות פון איין בעל דין אז זיין אנדורור צר אוז נוט דער ביא. ר' מנחם הבבלי שרייבט דא לונט אזואונדר שיינור רמז דוא נשמה מוט דעם גוף זענון צווייא בעלי דינים אונ השי אוז דער דיין ער אוז זייא דן בשעת זייא זענון נאך ביידו צו זאמון אבור אז דער גוף ווערט פר דארבון אונ דאס פלייש ווערט פאר פוילט אונ קבר אונ דוא

גוט געבן קײן שבועה צו אמענשן װאס עס קאן זײן ער װעט פאלש שװערן אונ אויך זאלסטו נוט הערן דוא טענות פון אײן בעל דין אן דעם אנדורן דען ער װעט דור שקרים אן זאגון אונ עס װעט דער נאך שװער זײן אפ צו לײקנון אום װײל זײנו טענות װעלון זײן אײן געזעצט אונ דײנם הארצון אובור װען דײן חבר װעט זײן דער בײא אונ װעט אום באלד אפ לײקנון װעסטו קענון פרשטײן װער עס זאגט לוגונט אונ װער עס זאגט אמת אויך װײזט דער פסוק מען זאל נוט צוא הערן רכילות אונ לשון הרע (לא תהיה אחרי רבים לרעות) דוא זאלסט נוט נאך גײן נאך אײן רבים װען זײ טואון בײז האטשו זײא זענון ארבים אונזורו חכמים לערנון דר פון אפ װען מען האט גמשפט אײן מענשון צום טוט אוז מען נוט נאך גגנגון נאך דעם רוב פון אײן דײן װעגון צוא בײזון דען עס אוז גװען אײן אונ זובצוג סנהדרין װען זעקס אונ דרײסוג האבון גזאגט ער אוז שולדוג דם טוט אונ פונוף אונ דרײסוג האבון גזאגט ער אוז פטור אוז מען דעם רוב נוט נאך גגאנגון נאר װען עס אוז גװען מוט צװײ מער דוא װס האבון גזגט ער אוז שולדוג אבור װען עס אוז מוט אײנום מער גװען דוא װאס האבון גזאגט ער אוז פטור אזו האט מען אום גפטורת דען צו גוטון אוז מען נאך גגאנגון נאך דעם

שר"ה

נשמה בלײבט אלײן אוז חש"י דער דײן, אמת אונ אוז נוט מער דין. דאס אוז מרמז דער פסוק (וכפר אדמתו עמו) אדמה הײסט דער גוף אונ דאס פלײש װײל עס אוז רוט װעלכער אוז דער צװײטער בעל דין. אז עס װערט פר פוילט קערט דוא נשמה צורוק צו אור ארט צו דעם כסא הכבוד:

(שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך אל פני האדון) דרײא מאל אונ יאר זאלון אלי דײנו מאנס לײט גזעהון װערון פאר דעם הערון. דער טעם װס דוא תורה הט גשטעלט דוא מצוה פון צו זײן דרײא מאל אונ יאר אונ ביהמ"ק מוט דעם לשון גזעהון װערון פאר דעם הערון שרײבט ר' מנחם הבבלי אוף מערקזאם צו מאכון אז דער מענש װאס דארף

רוב אפילו װען עס אוז נאר מוט אײנום מײן גװען (לא תענה על ריב) אײן דײן טאר נוט לערנון קײן טענות צוא אײן בעל דין אונ אויך טאר ער נוט טענין פר אײן בעל דין נור דער בעל דין אלײן זאל טענין אונ דער אנדורור בעל דין זאל ענפורון (עזוב תעזוב עמו) װען דו זעהסט דאס אײזול פון דײן חבר גײט שװער מוט משא אונ װיל פלון זאלסטו אום העלפון דוא משא אראפ נעמון האטשו ער אוז דײן שונא װען דוא דו זעהסט אײן אוקס פון דײן חבר װס אוז דור אשונא בלאנזוט אונ װעג אונ װעט פאר לורון װערון בוסטו חיב צו אום קערון אום (ודל לא תהדר בריבו) װען אײן עני מוט אײן עושר קומון זוך לאדון זאלסטו נוט גרעכט מאכון דעם עני כדי דר עושר זאל אום צדקה געבון בכבוד ער װעט מײנון ער אוז שולדוג דם טרסטו נוט (ונקי וצדיק אל תהרוג) װען אמענש גײט ארוס פון דם בית דין שולדוג דעם טוט אונ עס קומט אײנור אונ זאגט אויך האב צו װײזון דס ער אוז פטור אזו פורט מען דעם מענשון צורוק צום בית דין װײל ער קאן גרעכט װערון אובור װען אמענש גײט ארוס פון דם בית דין פטור אונ עס קומט אײנור אונ זגט אויך װעל װײזון דם דר אוז שולדוג דעם טוט פורט מען שון אום נוט צורוק צום ב"ד נאר ער בלײבט גרעכט דאס

הקדוש

ארײן גײן אונ ביהמ"ק װיא דוא שכינה רואוט. דארף ער װיסון אז ער גײט פון גאט געזעהן צוא װערון אונ דארף בעקלערון אוב ער אוז ראוי דער צו. אוב ער קומט נוט בעלאדון מוט זײן פעקול עבירות פר גאט װאס זעהט אלץ אונ װײסט אלץ דו װעלבוגו דארף יעדור מענש בטראכטון אז ער גײט אונ אײן בית הכנסת װאס װערט אן גרופון אײן מקדש מעט אדור אײן בית המדרש װאס אוז אויך זײער הײלוג אונ אויך דארטון רואוט דוא שכינה אונ דער װאס גײט ארײן אהון שפײטפר גאט דארף מען זעהון ארײן צו גײן דײן אונ נוט בעשמוצט מוט עבירות חלילה:

זאגט דער פסוק (וצדיק אל תהרוג) אונ ווען ער איז פון דעם בית דין ארום גגאנגן גרעכט זאל מען אום שון נוט הרגונן אונ גאט זגט (כי לא אצדיק רשע) איך וועל אום אליין נוט גרעכט לזון אוב ער איז איין רשע אונ וועל אום אליין טייטון אוב ער איז חייב מיתה אונ דוא דרפסט אום נוט טייטון (לא תבשל גדי בחלב אמו) דר פסוק שטייט דרייא מאל אונ דר תורה צו ווייזון דס מען טאר נוט עסון פלייש מוט מולך אונ מען טאר קיין הנאה נוט האבון פון פלייש מוט מולך אונ מען טאר נוט קאכון פלייש מוט מולך אונ דרום הט דוא תורה אן גשריבון דו זלסט נוט קאכון פלייש מוט מולך אונ הט נוט אן גשריבון דו זלסט נוט עסון פלייש מוט מולך צוא ווייזון אפילו ווען ער עסט פלייש מוט מולך אונ ער הט דר פון קיין הנאה נוט דהיינו ער הט איין גושלונגון הייט פלייש מוט מולך אונ הט זוך אפ גברוט דעם האלז איז ער דאך חייב מלקות נוט אזו וויא אגדרו איסורים וואס מען איז אנדורש נוט חייב קיין מלקות נאר ווען מען הט הנאה פון דעם עסון אבור ווען מען האט קיין הנאה נוט פון דעם עסון איז מען פטור פון מלקות דער תולדות יצחק שרייבט דער סדר איז גוועז פון דו ע״ז דס זייא פלעגון קאכון פלייש מוט מולך צוא געבון אונ דו ווארצלון פון איין בום כדי עס זאל גוך וואקסון פירות דרום הט דו תורה גשטעלט דוא זאלסט נוט קאכון פלייש מוט מולך אונ איין פסוק מוט (ראשית בכורי אדמתך) ווס דס שמוסט פון תבואה צו ווייזון דס אפילו פון דעם וועגון זאלסטו אוך נוט קאכון פלייש מוט מולך אונ גאט וועט אליין דיין תבואה גוך מאכון וואקסון (הנה אנכי שולח מלאך) גאט האט גזאגט צוא משה דוא ישראל וועלון זונדוגון מוט דעם עגל אזו וועלון זייא נוט ראוי זיין דס מיין שכינה זאל גיין מוט זייא אונ אוך וועל שוקון איין מלאך וואס וועט גיין מוט זיי הט משה תפלה גטאן דאס פאר זיין לעבון זאל קיין מלאך נוט גיין מוט ישראל נאר גאט אליין אונ גאט הט גטאן זיין ווילון אונ איז אליין גגאנגן פר ישראל כל זמן משה הט גלעבט אונ וויא משה איז גושטארבון אונ יהושע איז גווארון איין ראש אובור ישראל איז אמלאך גגאנגון פר ישראל אונ דר רבינו חננאל שרייבט דר מלאך ווס איז גגאנגון מוט יהושע הט גהייסון מיכאל (כי לא ישא לפשעכם) גאט זאגט אור זאלט אייך היטון צו טון איין עבירה פר דעם מלאך דען ער הט קיין כח נוט צו מוחל זיין דו עבירות דען עס קאן קיינור נוט מוחל זיין דו עבירות נאר גאט אליין אונ זלסט צו הערון ווס דער מלאך וועט אייך זאגון אזו וועלון אייערו פיינט פאלון פר אייך אונ דער מלאך וועט דוך ברענגון קיין ארץ ישראל (והסירותי מחלה מקרבך) גאט זאגט ווען דוא וועסט האלטון דוא תורה וועל אוך אפ טון אלו קראנקייט פון דור דער בחיי שרייבט עס זענון אלהרליי קראנקייט אטיל קומון פון פול עסון אונ טרונקון ווס גיין אריין אונ גוף אונ אטייל קראנקייט קומון פון דם אוויר אובר ווען דו וועסט לערנון תורה וועט זו דור היילון אלו קראנקייט (ושלחתי את הצרעה) אונ אוך וועל שוקון דוא בייזו בוהן אונ זוא וועט בלונד מכון דו אוגון פון דעם חוי אונ כנעני אונ חתי רש״י שרייבט דו בוהן איז נוט אובור גפארון דעם ירדן נאר דו צוויי אומ׳ת חתי אונ כנעני ווס זענון גוועזן פון דער זייט ירדן האט דו בוהן זיי בלונד גמכט דוא אוגון אונ זיי זענון גשטארבון אונ דער חוי ווס איז גוועזן פון יענור זייט ירדן הט דו בוהן זוך גושטעלט פון דר זייט ירדן אונ הט אובר דעם ירדן צו זיי גווארפון אגופט אונ הט זיי בלונד גמאכט דו אוגון גאט הט

גְזָאגְט אוּךְ וָועל דוּא אוּמוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נוּט פַאר טְרַייבּוּן אוּנ אֵיינְמָל דֶען אוּר זֶענְט נָאךְ נוּט אַזוֹ פוּל דָס אוּר זָלְט קֶענוּן דֶר פוּלוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזוֹ וֶועלוּן זוּךְ דְרוּנוּן מֶערוּן דִי חַיּוֹת רָעוֹת וַוייל עֶס וֶועט קֵיין מֶענְשׁוּן דְרוּנוּן נוּט זַיין אוּנ גָאט הָט גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה (וְעַלֵה אֶל יְיָ אַתָּה וְאַהֲרֹן) גֵייא אוּף צוּא גָאט דוּא אוּנ אַהֲרֹן דוּא פַּרְשָׁה אוּז וָוארוּן גְזָאגְט אֵיי מֶען הָאט דִי תּוֹרָה גֶעגֶעבּוּן דֶען פִיר טֶעג אוּנ סִיוָן אוּז מֹשֶׁה אַלֵיין אוּף גְגַאנְגוּן אוּף דֶעם בַּארְג סִינַי אוּנ דֶעם נֶעפוּל אוּנ אוּז אַרָאפּ גְגַאנְגוּן אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא יִשְׂרָאֵל אַלְץ וָואס עֶר הָאט גְהֶערְט פוּן גָאט אוּנ דוּא יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן גֶעעֶנְפוּרְט מוּר וֶועלוּן דָאס אַלְץ מְקַבֵּל זַיין אוּנ הֶערוּן אוּנ מֹשֶׁה הָאט גְשְׁרוּבּוּן דוּא תּוֹרָה פוּן בְּרֵאשִׁית בּוּז צוּא דֶר פַּרְשָׁה פוּן מַתַּן תּוֹרָה אוּנ אוּז וִוידוּר אַרוּף גְגַאנְגוּן פוּנוּף טֶעג אוּנ סִיוָן גַאנְץ פְרוּא אוּנ מֹשֶׁה הָאט גוּבּוֹאוּט אַמִזְבֵּחַ אוּנְטוּר דֶעם בַּארְג אוּנ דִי בְּכוֹרִים הָאבּוּן מַקְרִיב גְוֶועזְן קָרְבָּנוֹת דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דוּא בְּכוֹרִים זֶענוּן אַלוּ יוּנְג גְוֶועזְן אוּנ הָאבּוּן קֵיין וַוייבּוּר נָאךְ נוּט גְהַט זֶענוּן זַיי רֵיין גְוֶועזְן דְרוּם הָאבּוּן זַיי מַקְרִיב גְוֶועזְן דָאס קָרְבָּן אוּנ מוּט דֶעם קָרְבָּן זֶענוּן דִי יִשְׂרָאֵל גְקוּמוּן אוּנ בְּרִית מוּט גָאט דָס זַיי זָאלוּן דִי תּוֹרָה הַאלְטוּן אוּנ מוּט דְרַייא זַאכוּן זֶענוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ בְּרִית אַרַיין גְגַאנְגוּן מוּט מִילָה אוּנ טְבִילָה דָס זַיי הָבוּן זוּךְ גְטוֹבוּלְת פַּר מַתַּן תּוֹרָה אוּנ דָס דְרוּטוּ אוּז דָס זַיי הָבוּן גְבְּרַכְט אַקָרְבָּן אַזוֹ אוּז אוּנ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גְוֶועזְן צוּ אוּטְלוּכוּן גֵר הָאט עֶר גְדַארְפְט הָאבּוּן דוּא דְרַייא זַאכוּן מִילָה אוּנ טְבִילָה אוּנ אֵיין קָרְבָּן אוּנ אוּטְלוּכוּן גֵר זָאגְט מֶען פְרוּר עֶטְלוּכוּ מִצְוֹת כְּדֵי עֶר זָאל זוּךְ נִיט מְגַיֵיר זַיין דֶען עֶס אוּז שְׁלֶעכְט גְוֶועזוּן גֵרִים צוּא יִשְׂרָאֵל וַוייל גֵרִים זֶענוּן גְרוּנְג אוּנ דֶר דֵיעָה אוּנ זֶענוּן נוּט מְדַקְדֵק אוּנ מִצְוֹת אוּנ יִשְׂרָאֵל לֶערְנוּן זוּךְ אָפּ פוּן זַיי

אַיין וֶוערוּן גוּשְׁטְרָאפְט אַזוֹ וִוי מוּר גֶפוּנוּן בַּיי דֶעם עֶרֶב רַב וָואס הָאבּוּן זוּךְ מְגַיֵיר גְוֶועזְן וֶוען דִי יִשְׂרָאֵל זֶענוּן אַרוּס גְגַאנְגוּן פוּן מִצְרַיִם אוּנ הָאבּוּן דֶער נָאךְ גְמַאכְט דָאס עֵגֶל אוּנ עֶס זֶענוּן אוּבּוּר דֶעם גְפַאלוּן פוּל טוּזוּנְט פוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ אַטַייל מִצְוֹת כְּדֵי זַיי זָאלוּן נָאךְ דֶעם נוּט זָאגוּן מִיר זָאלוּן גְוֶועזְן וִויסוּן דָס עֶס אוּז דָא אַזוֹ פוּל מִצְוֹת וָואלְטוּן מוּר זוּךְ נוּט מְגַיֵיר גְוֶועזְן אוּנ דָס וָוס דִי גְמָרָא זָאגְט עֶס אוּז שְׁלֶעכְט גֵרִים צוּ יִשְׂרָאֵל דָס אוּז וַוייל גָאט זֶעהְט וִוי זַיי הָבוּן פַר לָאזְט פָאטוּר אוּנ מוּטוּר אוּנ זַייעֶר מִשְׁפָּחָה אוּנ הָאבּוּן זוּךְ בַּהֶעפְט אוּנ גָאט דְרוּם שְׁטְרָפְט עֶר דוּא יִשְׂרָאֵל וַוייל זַיי זֶענוּן נוּט פְרוּם (וַיִּקַּח מֹשֶׁה חֲצִי הַדָּם) מֹשֶׁה הָט גוּנוּמוּן הַאלְבּ בְּלוּט פוּן דֶעם קָרְבָּן דֶען אֵיין מַלְאָךְ אוּז גוּקוּמוּן אוּנ הָט דָאס בְּלוּט צוּא טֵיילְט גְלַייךְ אוּף הַאלְבּ הָאט מֹשֶׁה גְטָאן הַלְבּ בְּלוּט אוּנ אַוֶועקוּן אוּנ הָאט גוּשְׁפְּרֶעגְט אוּף דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ דוּא אַנְדוּרוּ הֶעלְפְט הָט עֶר גְגָאסוּן אוּף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ עֶס זֶענוּן אוּף גוּגַאנְגוּן אוּף דֶעם בַּארְג סִינַי מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן אוּנ נָדָב וַאֲבִיהוּא אוּנ זוּבְּצִיג זְקֵנִים אוּנ הָאבּוּן גְזֶעהֶן דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד פוּן גָאט אוּנ פַר אוּם אוּז גְלֶעגוּן (כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת הַסַּפִּיר) אַזוֹ וִויא אֵיין צוּגוּל וָוס גָאט הָאט פַר זוּךְ גְלֵייגְט צוּא גְדֶענְקוּן דוּא שְׁוֶוערוּ אַרְבּוּט וָואס דוּא מִצְרִים הָאבּוּן מוּט דוּא יִשְׂרָאֵל גְאַרְבּוּט פוּן צוּגוּל אוּנ זָאל זַייא דֶר פוּן אוּס לֵייזוּן דֶער הִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט עֶס אוּז גְוֶועזְן אֵיין אִשָּׁה וָוס הָט גְהֵייסוּן רָחֵל אוּנ זוּא הָאט גְהָלְפוּן דֶעם מַאן קְנֶעטוּן אוּנ לֵיים הָאט זוּא מַפִּיל גְוֶועזְן אֵיין קוּנְד אוּז עֶס אַרַיין גְפַאלוּן אוּנ לֵיים הָאט זוּא עֶס נוּט גְקָאנְט גוּפוּנוּן הָאבּוּן זַיי גוּשְׁרוּגוּן צוּא גָאט אוּז גוּקוּמוּן דֶער מַלְאָךְ מִיכָאֵל אוּנ הָאט גְמַאכְט אֵיין צוּגוּל פוּן דֶעם לֵיים וָוס דָס קוּנְד אוּז דְרוּנוּן גְוֶועזְן אוּנ הָאט אוּם גְלֵייגְט אוּנְטוּר דָם כִּסֵא הַכָּבוֹד אוּנ דְרוּם

האט דער צוגול גוהייסן (לבנת הספיר) דם איז טייטש איין צוגול פון דם הייטול וום דם קונד לוגט דרונן. זובצוג זקנים זענן גוועזן דוא שוטרים איבור ישראל ביי דר ארבוט אין מצרים אונ האבן אויף זיי גרונג גומכט די ארבוט דם פרעה זאל נוט וויסן דרום האבן זיי זוכה גוועזן צו זעהן דם צוגול פר גאט אונ צו זיין חשובי זקנים איבור ישראל אונ דוא זקנים אונ נדב ואביהוא האבן גוגעסן אונ גוטרונקן (ויחזו את האלהים) אונ האבן גוקוקט אויף גאט דרום זענן זיי חיב מיתה גוורן נאר גאט האט נוט גוואלט פאר מושן דוא שמחה אונ האט צוא נדב ואביהוא גווארט ביז אכט טאג אונ ניסן אונ האט זיי גטייט פון דער עבירה וועגן אונ די זקנים האט ער גטייט אונ דער מדבר אז כל ישראל האבן בייז גרעט אויף גאט זענן דענסטמאל די זקנים גשטארבן פון דער עבירה וועגן אונ גאט האט גזאגט צוא משה נאך מתן תורה (ועלה אלי ההרה) גייא אויף צו מיר אויף דעם בארג סיני איז משה אויף גוגאנגן אונ האט גלערונט די גאנצי תורה אלו תרי״ג מצות אונ יהושע זיין תלמיד האט אום בלייט ביז אונטור דם בארג דען ער האט זיין גצעלט גשטעלט אונטור דעם בארג אלו פערצוג טעג וום משה איז גוועזן אויף דעם בארג אונ משה האט גזאגט צו די זקנים זיי זאלין בלייבן ביא ישראל צו משפוטן זיי אונ חור דר זון פון מרים זאל אויך אונ משפט זוצן אונ אז משה איז גוקומן אויף דעם בארג האט אוולקן בדעקט דעם בארג ביז אונ זעקסטן טאג וואס גאט האט די תורה גוגעבן אונ באלד נאך מתן תורה איז משה גוון אויף דעם בארג פערצוג טאג אונ פערצוג נעכט דער פסוק דר ציילט דם אן צו טון כבוד צו משה צו גליכן אום צוא איין מלאך וואס עסט נוט אונ טרונקט נוט אונ ווייל משה איז גוועזן אויף דעם בארג פערצוג טעג אונ האט גולערונט תורה דרום האט ער זוכה גוועזן דם פערצוג יאר האט זיין פנים גלייכט וום קיין מענש האט נוט גוקאנט קוקן אונ זיין פנים אונ ער האט די לעבט צו גדעקט מוט איין טוך אונ ער האט די לעבט גהאט ביז אונ טוט אונ אזו פול טעג ווי ער איז גוועזן אויף דם בארג אזו פול יאר האט ער גלעבט דען מור גופונגן דם ער איז גוועזן דריי מאל אויף דעם בארג סיני צוא פערצוג טאג וום דאס איז מוט אנגדור הונדורט אונ צוואנצוג טעג אונ אקעגן דם האט ער גלעבט הונדורט אונ צוואנצוג יאר אונ משה איז גוועזן אלו זעקס טעג פר מתן תורה בדעקט מוט איין וואלקן אונ און דעם זובוטן טאג האט גאט גמאכט איין וועג אונ וואלקן אונ משה איז אונ אום גוגאנגן אונ האט גורעט מוט גאט:

## הפטרת משפטים

(הדבר אשר היה אל ירמיהו מאת יי) דם זענן די רייד וום איז גוועזן צו ירמיהו פון גאט נאך דם אז דר מלך צדקיהו האט כורת ברית גוועזן מוט דעם פאלק וואס אונ ירושלים צו ריפן פריי דאס איטליכר מענש זאל ארום שוקן זיין קנעכט אונ זיין דינסט פון די יודן פרייא נאך זעקס יאר זייא זאלן מער נוט ארבוטן איין יהודי מוט זיין ברודר (וישמעו) אונ

**נוסף**

כה אמר יי אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי (ירמיה ל״ג) ר׳ שמעון זאגט דיא וועלט איז בשאפן גווארן אום נאר צו לוב די תורה כל זמן דוא ישראל זענן זיך משתדל צו לערנן

**צוספים**

האט דוא וועלט איין קיום אונ אז זייא זענן מבטל פון דער תורה זאגט הקב״ה אם לא בריתי יומם וגו׳ אוב איר האלט נוט מיין ווכרהיים הינו דוא תורה וואס מען דארף אונ איר עוסק זיין ווייא טאג אונ

אין זיי האבן צו גוהערט אלו הארון אונ דם פאלק ווס זענון גקומון אונ דעם ברית צווא אוועק שוקון אוטלוכר מענש זיין קנעכט אונ זיין דונסט פריי זיי זאלון מער נוט ארבוטן מיט זיי אונ זיי האבון דאס צו גוהערט אונ האבון זיי אוועק גשוקט (וישובו) אונ זיי האבון זיך צוריק גקערט אונ האבון אום גוקערט די קנעכט אונ די דונסטון ווס זיי האבון אוועק גשוקט פריי אונ האבון זיי בצווינגון צו קנעכט אין צו דונסטין (ויהי דבר יי) איז גוועזן דוא רייד פון גאט צו ירמיהו צו זאגון אזו האט גזאגט גאט דר גאט פון ישראל איך האב כורת ברית גוועזן מוט אייערו עלטרון אונ דעם טאג ווס איך האב זיי אוס גוצוגון פון לאנד מצרים צו זאגון (מקץ שבע שנים) פון סוף זיבון יאר זאלט אור ארום שוקון אוטלוכר מענש זיין ברודר דעם יהודי וואס ווט ווערון פר קופט צו דור אונ ער זאל דוך דונגון זעקס יאר אין דר נאך זאלסטו אום שוקון פריי פון דור אין אייערו עלטרון האבון נוט צו גהערט צו מיר אונ האבון נוט גנייגט זייערו אורון אונ איר הט אייך היינט אום גוקערט אונ האט גטאן דם וואס איז רעכט פארטוג אונ מיינו אוגון צו רופון פריי איין מענש צו זיין חבר אין אור האט כורת ברית גוועזן פר מור אונ דעם הוז וואס איז ווארון גרופון מיין נאמון אויף אום אונ אור הט אייך אום גוקערט אונ הט פר שוועכט מיין נמון אונ הט אום גקערט איטלוכר מענש זיין קנעכט אונ זיין דונסט ווס אור הט אוועק גשוקט פריי אונ הט זיי בצווינגון צו זיין צו אייך קנעכט אונ דינסטון (לכן) דרום האט גאט אזו גזאגט אור ישראל הט צו מור נוט צו גהערט צווא רופין פרייא איטלוכר מענש צו זיין ברודער אונ זיין חבר ווס

**נופת**

נאכט אז דער פסוק זאגט והגית בו יומם ולילה דאן ווט גאר נושט ווערון פון דוא געצו וואס איך האב גמאכט צום הומול אונ ערד קום אונ ועה דער פסוק זאגט עשרה עשרה הכף בשקל הקודש דאס הייסט עס שטייט צעהון מאל ויאמר ביי מעשה בראשית אוך צעהון דברות פון מתן תורה אונ אין דוא דאזונו צעהון זאגונג דם הקב"ה הט דאמוט די וועלט בשפון האלט זוך איין גאר די עשרת הדברות אונ אין די עשרת הדברות האלט זוך איין גאר דוא תורה כדי צו ווייזון דאס דער גאנצער באשטאנד פון דוא וועלט איז נאר איף דוא תורה. קום אונ ועה דער ערשטור דבור פון דוא עשרת הדברות איז אנכי יי אלהיך דאס טייטש איך בון דיין גאט אונ ביי מעשה בראשית שטייט איך ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור גאט האט גזאגט עס זאל ווערון לוכטונ אונ עס איז גווארין לוכטונ. דאס איז גמיינט דוא אמונה שלימה אונ הקב"ה וויא דויד ע"ה האט גזאגט יי אורי וישעי וגו' גאט איז מיין לוכט אונ מיין הולף. דער אנדרור דבור איז לא יהיה לך אלהים אחרים על פני עס זאל צו דור נוט זיין קיין פרעמדו געטור אונ דארטון איז גשרובון יהי רקיע בתוך המים ויהי מבדיל בין מים למים איין הומול זאל זיין אונ מוטון וואסור דאס הייסט דוא ישראל ווס זייא זענון דער חלק פון הקב"ה דאס ווערט אן גרופון באר מים חיים איין ברונו פרוש וואסור. זייא האלטון זוך פעסט באהעפט צו אום אונ זענון אפ גשייד פון דוא אפ געטור ווס אוף זייא איז גשרובון בארות נשברים וגו' צו בראכונו ברוגו וועלכו זייא קענון נוט איין האלטון אונ זוך דם וואסור זייא ווערון אן גרופון בוטערו אונ מיאוסו וואסר וואס זייא זענון מזיק דוא לייטון וועלכו עס טרינקן זייא. דער דרוטור דבור פון דוא עשרת

**צופים**

הדברות איז לא תשא את שם יי אלהיך לשוא דוא זאלסט נוט שווערון פאלש ביי גאטס נאמון. אונ מור האבון גלערונט ווער עס שווערט פאלש הייסט עס ער מאכט איין אפ שיידונג אונ אפירוד למעלה אז שלמה המלך ע"ה זאגט ונרגן מפריד אלוף דער קרוגור טוט אפ שיידון איין הערון דאס איז גמיינט הקב"ה. אונ ביי מעשה בראשית שטייט יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד דוא וואסרון פון אונטרון הומול זאלון פאר זאמולט ווערון צו איין ארט היינו עס זאל נוט ווערון צו לוב דוא פאלשע שבועה קיין פירוד אונ דוא קדושה עילאה חלילה. דער פערדור דבור איז זכור את יום השבת לקדשו דוא זאלסט גדענקון צו היילונון דעם טאג שבת אונ צו מעשה בראשית הט הקב"ה אוך גזאגט תדשא הארץ דשא עשב דוא אייבערשטו היילונו זאל מאכון וואקסון אלערלייא גראז דאס איז גמיינט ווייל דאמאלסט וואקסון ארום אלערלייא ברכות אוף דער וועלט כלומר קודשא בריך הוא האט מקבל נחת גוועזן פון זיינו מעשה ידיו אונ האט דעם טאג שבת גבענשט וויא עס איז גשרובון ויברך אלהים את יום השביעי דער פונפטער דבור איז כבד את אביך ואת אמך אונ דארטון שטייט אוך יהי מאורות ברקיע השמים עס זאל ווערון צווייא ערלייא לייכטונג אונ הומל היינו דוא זון מוט דוא לבנה דאס איז ארמז אוף קודשא בריך הוא מוט דוא כנסת ישראל אז דער פסוק זאגט כי שמש ומגן הי' אלהים אונ אוף דוא כנסת ישראל ווירד גזאגט וירחך לא יאסף דיין לבנה ווערט שון מער נוט אונטער גיין. דער זעקסטור דבור שטייט לא תרצח זאלסט נוט מאהרדון קיין מענשון אונ ביי מעשה בראשית איז גשרובון ישרצו המים שרץ נפש חיה אבור איין מענשון האסטו ער ווערט אוך אזו גרופון

וום אוז ווארין פר קופט צו אום דרום וועל
איך איך רופין פריי פון מור גלייך וויא אוך
בין נוט אייער האר מציל צו זיין איך אזו
זאגט גאט אונ איר וועט זיין הפקר צו דער
שווערד אונ צו הונגר וואס וועט קומין אויף
איך אונ אוך וועל איך געבין צו איין פר
וואגלונג צו אלו מלכים פון דר ערד אונ אוך
וועל געבין די מענשין וואס זענין עובר מיין
ברית די הארין פון ירושלים אונ דוא הענט
פון די וום בגערין זייער לייב אונ עס וועט
זיין זייערו טוטו גופים צו איין עסין צו דוא
פיינול וום פלוהין אונטרין הומל אונ צו דוא
בהמות פון דר ערד (ואת צדקיהו מלך יהודה)
אין צדקיהו מלך יהודה מוט זיינו הארין וועל
איך געבין אונ דר האנד פון זייערו פיינד אונ
אין דר האנד פון די וום בגערין זייער לייב
אין אונ דר האנד פון דם חיל פון דעם מלך
בבל וום זיי זענין אוועק גגאנגין פון איך די
וועלין זיך הינט אום קערין דען אוך גאט
וועל אוף זיי גבוטין אונ וועל זיי אום קערין
צו דר שטאט ירושלים אונ זיי וועלין מלחמה
הלטין אוף איר אונ וועלין זוא בצווינגין אונ
וועלין זו פר ברענין אונ פייער אונ די שטעט
פון יהודה וועל אוך גאט געבינצו וויסטוקייט
זיי וועלין זיין אן זוצר דרום האט גאט זייא
אזו געשטראפט פר דר עבירה וום זיי האבין
ניט גוואלט די קנעכט פריי לאזין אזו ווי דר
בחיי שרייבט אונ פרשת משפטים די תורה
האט דרום נהייסין אקנעכט פריי לאזין אונ
זיבוטין יאר צו איין זכר אוף יציאת מצרים
דם די ישראל זענין גוועין קנעכט אונ מצרים
צו פרעה אונ גאט הט זיי פון דארטין אויס
געצוגין מוט גרוס וואונדר צו זיין קנעכט צוא
אום אזו ווי אונ פסוק שטייט (כי לי בני ישראל
עבדים) דוא קונדר ישראל זאלין זיין צו מור
גאט קנעכט ווייל איך הב זיי אום גוצוגין פון
מצרים דרום זאל אקנעכט נוט זיין ביי זיין
הארין לענגר פון זעקס יאר אונ ווען מען וויל
דעם קנעכט נוט ארוס לאזין פריי נאך זעקס
יאר אזו קען פר געסין ווערין די ניסים וואס
גאט האט גיטון אונ מצרים אוך דם וום מען
זאל דעם קנעכט פריי לאזין אונ זיבטין יאר
איז צו אזכר דם גאט האט די וועלט בשאפין
אין זעקס טעג אונ הט גרואט אונ זיבטין טאג
אין דר וום וויל דם קנעכט נוט פריי לאזין דר
ווייזט דם גאט הט חס ושלום די וועלט נוט
בשפין דרום הט גאט דר פר אוף זיי זייער
גצערונט צו פר טרייבין זייא פון זייער לאנד
(כה אמר יי אם לא בריתי יומם ולילה) אזו האט
גאט גזאגט ווען נוט מיין ברית וום אוך האב
גמאכט מיט הומול אונ ערד אונ מוט טאג
אין נאכט דם זיי זאלין אייבונ שטיין ווענוט
דר ברית וואלט אוך די זרע פון יעקב אונ
פון מיין קנעכט דוד פר שעמט פון צו נעמין
פון זיינו קונדער צוא זיין הארין אונ מלכים
איבר די קונדר פון אברהם יצחק ויעקב נאר
איך טוא זיי מאכין גוועלטיגין איבר דם ברית
דר ילמדנו שרייבט (אם לא בריתי) מיינט מען
ברית מילה כלומר דער זכות מילה העלפט
צו ישראל זיי זאלין אקיום האבין אוף דער
וועלט אוךשרייבט דר ילמדנו שבת אונ מילה
האבין זוך מוט אנגדער גקרונט שבת זאגט
אוך

**נופת**

אז דער פסוק זאגט ויהי האדם לנפש חיה טארסטו
נוט הרגנין אונ׳ אור זאלט נוט גלייך זיין וויא פוש
דאס דער וואס איז גרעסור פאר שלינגט דעם
קלענערין פון אום . דער זובטור דבור אוז לא תנאף
מען טאר נוט מזנה זיין אונ דארטין שטייט אוך תוצא
הארץ נפש חיה למינה מען זאל גבארין נפשות מוט
דעם אייגענום מין . כלומר דער מאן זאל נוט פאלש
זיין צו דעם ווייב אונ זוא אוך זאל נוט פאלש זיין
צו דעם מאן נייערט יעדור זאל מאכין גבארין מוט
זיין בשערין זיווג . דער אכטור דיבור אוז לא תגנוב
מען טאר נוט גנבנין אונ דארטין שטייט אוך הנה
נותתי לכם את כל עשב זורע זרע אוך האב איך
געבין אלערלייא גראז צו זייען כלומר דאס וואס

**צופים**

אוך וועל איך צו שוקין דאס זאלט אור האבין אבור
אור זאלט נוט גנבנין דם וום געהערט צו איין פרעמדין
דער ניינטור דבור אוז לא תענה ברעך עד שקר דוא
זאלסט נוט זאגין פאלשו עדות אוף דיין חבר אונ אין
מעשה בראשית אוז געשריבין ויאמר אלהים נעשה
אדם בצלמנו כדמותנו גאט האט גזאגט מור וועלין
מאכין דעם מענשין גלייך אז אונזר פורעם . אונ וויא
אונזר געשטאלט דרום ווער עם זאגט פאלשו עדות אוף
זיין חבר אוז גרעכונט וויא ער וואלט דאס זאגין
אוף דעם אייברשטין כביכול . דער צעהנטור דבור
אוז לא תחמוד אשת רעך דוא זאלסט נוט גלוסטין
דיין חברס ווייב אונ ביי מעשה בראשית שטייט
הקב״ה הט גזאגט לא טוב היות האדם לבדו וגו׳ עם

איך בין חשובר דען אונ מיר הט גאט גרואט אז ער הט בשאפין די וועלט אונ מילה זאגט איך בין חשובר אזו וויא אונ פסוק שטייט (אם לא בריתי יומם ולילה) ווען ניט דיא מצוה פון ברית מילה וואלט אויך נאט טאג אונ נאכט אונ הימול אונ ערד ניט בשאפין ר' יוסי בן שלום זאגט עס איז אמשל צוויי חשובע הארין שטייאין ביא אנאנדער אונ קיין מענש קאן ניט וויסין וועלכר עס איז חשובר נאר ווען זיי גיין קאן מען זעהן דר וואס טרעט אפ דם וועג צו דעם אנדרין דר איז קלעניר פון דם אנדרין אזו אויך אום שבת טאר מען קיין מלאכה ניט טון אונ ווען עס טרעפט זוך אמילה אום שבת אזו איז די מצוה פון מילה דוחה שבת אונ מען איז מל אום שבת אזו מוז מילה גרעסיר זיין :

**נופת**

איז נוט גוט פאר איין מענשין צו זיין אליין נייערט ער מוז נעמין אווייב כדי ער זאל ניט גלוסטין דעם חברים ווייב דרום זאגט דער פסוק עשרה עשרה הכף בשקל הקודש כלומר דיא צעהין דבורים וואס שטייט גשריבין בעת דיא בריאה פון דיא הימול אונ ערד ווענט אויף דיא הייליגי גשריבטי רובטונג גלייך אז דיא

**צופים**

צעהין דבורים פון מתן תורה אז דער פסוק זאגט אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי אונ דיא גאנצי בריאה בשטייט נאר אויף תורה אונ תורה ברענגט שלום אונ דער וועלט אז עס איז גשריבין יי' עוז לעמו יתן יי' יברך את עמו בשלום :

# צאינה פרשת תרומה וראינה

(ויקחו לי תרומה) שלמה המלך זאגט אונ משלי (קחו מוסרי ואל כסף) נעמט מיין

**אוהל**

(ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם) נאט הט גזאגט צו משה דיא יודין זאלין מיר מאכין איין בהמ"ק וויל אויף ראזין צווישין זייא אונ בהמ"ק זאגט דער מדרש איין משל איין מלך האט גהאט איין בת יחידה איז גקומין איינער פון דיא בני מלכים אונ האט מיט איר איין שידוך גטואין אונ הט מיט איר חתונה גהאט הט זיא דער בן מלך גוואלט נעמין צו זיך אהיים האט דער מלך גזאגט צו איר מיין טאכטיר וואס איך האב דיר געגעבין פר איין ווייב איז ביא מיר איינציג אויך זאל מיך אפ טיילין פון איר קען איך ניט ווייל זיא איז ביא מיר איין איינציגי אויך זאל זיא דיר ניט געבין קען איך אויך ניט ווארום זיא איז דיין ווייב נאר וואס דען דיא טובה זאלסט מיר טון וויא אהין דוא וועסט גיין זאלסטו מיר מאכין אשטיבול אויף זאל וואנין מיט איך . דער נמשל איז גאט איז דער מלך האט ער געגעבין זיין איינציגי טאכטיר דאס איז דיא תורה צו דיא יודין אוועק געבין דיא תורה קען איך ניט ווארום זיא איז ביא מיר איין אונ איינציג אויך זאל זיא איך ניט געבין קען איך אויך ניט נאר דם זאג איך איך וויא איר וועט גיין מאכט מיר אדירה אויף זאל וואנין מיט איך אזו וויא עס שטייט (ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם) נאר דאס משל פון דעם מדרש איז שווער צו פר שטיין הט דער מלך ניט גווייסט פריר פר דער חתונה אז ער קען די טאכטיר ניט פאר לאזין אונ זיא ניט אפ האלטין פון דעם מאן וואס איז ביא אים נאך דער חתונה נייעם גווארין וויא פאר דער חתונה נאר דער מדרש איז מרמז וואס דיא חכמים ז"ל האבין גזאגט ווען דיא ישראל זענין גשטאנין אויף דעם בארג סיני מקבל

**יעקב**

צו זיין דיא תורה איז פסקה זוהמתן גווארין וויא זייא האבין גמאכט דאס עגל זענין זייא צוריק צוא זייער זוהמה פון דער נחש ווארין נאך האט בשאפין אדם הראשון ער זאל זיין אמיטול פונקט צווישין מלאכים אונ צווישין אנדרי בריאים וויא ער האט גזינדיגט אונ הט געגעסין פון דעם עץ הדעת אזו הט גאט צו אים גזאגט (כי עפר אתה ואל עפר תשוב) פון דער ערד ביסטו בשאפין אונ וועסט צוריק גיין צו דער ערד אונ דורך דעם חטא זענין יודין ניושט ראוי גוועין מקבל צו זיין דיא תורה ביז זייא זענין גשטאנין אויף דעם בארג סיני איז פון זייא אוועק דיא זוהמה פון דער נחש זענין זייא צוריק גקומין צו דער בחינה וואס אדם הראשון איז גוועין קודם החטא זייא זענין גלייך גוועין וויא מלאכים זייא זאלין אייביג לעבין אזו וויא דוד המלך ע"ה האט גזאגט (אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כולכם) אויף דעם תנאי הט זייא השי"ת געגעבין דיא תורה זייא זאלין זיין אונ דער מדריגה פון מלאכים אונ ניט אראפ צו נידרין מיט זייא איז שון אצונד רעדט דאס משל וואס דער מדרש זאגט גלייך ממש צו דעם נמשל וואס ער זאגט ער הט גוואלט גיין צו זיין מדינה איז מרומז וואס דיא ישראל זענין ווידיר שלעכט גווארין אונ זאלין ווידיר קערין לעפר אונ דם וואס דער מלך הט גזאגט מיין טאכטיר דיא תורה איז אבת יחידה הט גאט גזאגט צו דיא ישראל איך האב איך געגעבין דיא תורה אפ שיידין פון איר קען איך מיך ניט דם מיינט מען אראפ נידרין למטה ממש קען איך ניט איך זאל דיר זאגין נעם ניט דיא תורה קען איך איך ניט האטשי זייא זענין אראפ גפאלין פון זייער מדריגה

כוסר און נוט קיין געלד דם מיינט ער
איין מענש זאל זוך מואון אן צוא געמון
דו שטראף פון דער תורה. און זאל זוך
נוט מואון איין צו זמלון געלד דען דורך
דער תורה קופט מען דו וועלט און יענו
וועלט אובור דורך געלד קע מען נאך
קומון צו פול שאדון און זארג און דרום
זאגט ער (קחו מוסרי) געמט מיין שטרף
מוט גלוסטונג נוט מוט פולקייט ווען
אמענש טוט אמצוה און הט נוט דר ביי
קיין גוטו מחשבה און שמחה איז דוא
מצוה גאר נוט ווערט און אוך צו געבון
צדקה דרף מען אוך הבון אגוטו מחשבה
דען עס זענון דא פול לייט וום זיי געבון
אנדרם נוט קיין צדקה נור ווען מען זייט
זיי און גובון נוט לשם שמים דוא צדקה
איז גאר נוט ווערט דרום זאגט דר פסוק
(ויקחו לי תרומה) געמט דו תרומה פון
מיין נאמון וועגון נוט פר נוט און צוא
ברומון זוך דער מוט און אוך דרום זגט
פסוק (ויקחו לי) צו ווייזון דם ווען איינר
גוט צדקה זאל קיינר נוט וויסון נור ער
און גאט און דרום זאגט ער ויקחו זייא
זאלון געמון און זאגט נוט (ויתנו) זייא
זאלון געבון צו ווייזון דם אור זאלט מבון
אנדרו זאלון געבון צדקה און א״ר זאלט
ביי זייא געמון דוא צדקה. און צו טיילון
זיי צו עניים דען דו מצוה איז גרעסור
פון דם וום מאכט יענור זאל געבון מער
ווי דר וום גוט אלין דו צדקה דאם זאגון
דו חכמים און דוא גמרא (גדול המעשה
יותר מן העושה) עס איז גרעסור דר וום
מכט יענור זאל געבון צדקה מער ווי דר
וום גוט צדקה און אוך דרום זאגט ער
(ויקחו לי) דם איז גמיינט גאט זאגט ווען
דו וועסט געבון צדקה וועסטו מוך געמון
צו דור דען ווען דר עני שטייט בייא דור
שטיי אוך אוך ביידור אזו ווי און תהלים
שטייט (כי יעמוד לימין אביון) גאט
שטייט ביי דר רעכטור האנד פון דעם
אביון און דרום שטייט דוא פרשה פון
תרומה און צדקה געבון לעבון דר פרשה
פון מתן תורה וואס גאט האט גוגעבון
אוף דעם בארג סיני צו ווייזון דם גאט
רואוט ווייא מען לערונט תורה און ווייא
מען גוט צדקה און דער בעל הטורים
שרייבט (ויקחו לי תרומה) איז טייטש
דם גאט זאגט צו ישראל ווען אור וועט
תורה לערנון וואס זו איז ווארון גוגעבון
צו פערצוג טאג וועט אור מוך געמון צו
אייך דער תולדות יצחק שרייבט (ויקחו
לי) ווייזט דם גאט זאגט מוט דר צדקה
בוסטו מוך מקדש אזו וויא אחתן איז
מקדש דו כלה. דרום זאגט ער נוט ויתנו
זיי זאלון געבון נאר ויקחו זיי זלון געמון
דם זיי וועלון גאט צו זוך געמון מוט דר
צדקה אזו וויא איין חתן געמט דוא כלה
אוך דרום שטייט ויקחו זיי זאלון געמון
ווייל דר וום גוט צדקה געמט שכר פון
גאט מער וויא ער גוט צדקה און דרום
זאגט ווייטור דער פסוק (תרומתי) דאם
איז טייטש מיין צדקה דען גאט זאגט דוא
צדקה איז מיין אוך האב: אום דם געלט
גגעבון און דר מענש זאל זוך נור הלטון
גלייך ווי גאט הט אום גומאכט פר איין
גבאי דם ער זאל צו טילון דו צדקה צו
עניים פון דעם געלד וואס גאט האט אום
גוגעבון דען דאם עשירות איז פון גאט
(אשר ידבנו לבו) אוטליכור מעש זאל
געבון צדקה וואס זיין הארץ וועט אום
בווילוגון דר תולדות יצחק שרייבט דרום
הענגט ער אן דו צדקה און הארץ און
נוט און אנדורו גלודור צו ווייזון דם אזו
ווי דאם הארץ גוט שפייז צו אלו גלודור

און

אוהל יעקב

און זענון צורוק שלעכט גיוארון על כל זה קאן אוך
גוט אוועק געמון דוא תורה וואס זאל אוך טון נאר
און אלו ערטור וויא עטץ וועט ניין מאכטם מור אשטובל
אז אוך זאל וואבון מוט אייך דאם מיינט מען אוך
וועל מקרב זיין דוא קדושה פון אובון צו זייא ואתן
משכני בתוכם:

אונ דאס הארץ אליין גענמט זוך קיין
שפייז דען עס זענען דא גלודור וואס
גובון שפייז צו אנדורו גלודור אונ נעמון
זיך אוך אונ עס זענון דא גלודור וואס
געבון אונ נעמון נוט אונ עס זענון דא
וואס נעמון אונ געבון נוט אונ עס זענון
דא וואס נעמון נוט אונ געבון נוט נור
דם הארץ גוט שפייז צו אלו גלודור אונ
דם אליין נעמט נוט אזו אוך דר וואס
גוט צדקה וועט זוכה זיין אייבוג צוא
געבון אונ וועט נוט דארפון נעמון קיין
צדקה אונ דרום זאגט דער פסוק (אשר
ידבנו לבו) אונ נוט אשר ידבנו לב אוז
טייטש איין הארץ וועט אום בווילוגון
כלומר ער וועט זעהון דם אנדורו גובון
צדקה וועט ער אוך געבון אובור זיין
הארץ בווילוגט אום נוט דר צו נאר ער
גוט פאר חרפה דרום זאגט ער לבו
זיין הארץ זאל אום בווילוגון צדקה צו
געבון דר מדרש תנחומא שרייבט גאט
זאגט (ויקחו לי תרומה) איר זאלט מיר
געבון תרומה ווייל אוך האב איך פאר
קופט דו תורה וואס זו הייסט לקח טוב
איין גוט קופונג אונ דרום הייסט דו תורה
איין גוט קופונג מער ווי אנדורו סחורה
דען למשל צוויא סוחרים איינור האט
פעפור אונ דער אנדורור האט אונגבור
אונ זיי בייטון זוך מוט אננדור גוט אום
דער אוועק דעם פעפור אונ הט שון אום
נוט אונ ער גוט אוועק דעם אונגבור אונ
האט אום שון נוט אובור דו תורה אוז
נוט אזו דען ווען צווי תלמידי חכמים וום
דר קען דעם פרק אונ דר אנדורור קען
איין אנדורון פרק אונ אוטלוכור לערונט
זיין פרק צו דעם אנדורון בלייבט ביי
אוטלוכון ביידו פרקים אונ אוך דרום הייסט
דו תורה איין גוט קופונג ווייל מען קען זו
נוט פר לורון עס אוז גוועןאיין מעשה דם
איין תלמיד חכם אוז גופארון אונ איין
שוף מוט סוחרים הבון דו סוחרים אום
גפרעגט ווי אוז דיין סחורה הט ער צו
זיי געגפורט מיין סחורה אוז דו בעסטו
סחורה האבון דו סוחרים גוזוכט אונ דר
גאנצור שוף אונ האבון זיין סחורה נוט
גופונון האבון זייא פון אום גושפעט אזו
זענון גוקומון גזלנים אוף דער שוף אונ
האבון אוועק גוגאזולת דו גאנצו סחורה
וואס אונ איר אוז גוועזן זענון זיי גוגנגון
אונ איין שטאט אריין אונ האבון אויך
קיין ברוט נוט גוהאט צוא עסון אונ
דער תלמיד חכם אוז גגאנגון אונ בית
המדרש אריין האט מען אום זייער שיין
מכבד גוועזן פון וועגון זיין תורה אונ ווי דו
סוחרים הבון דם גזעהון אז מען אוז דם
תלמיד חכם מכבד האבון זיי אום גבעטון
ער זאל פר זיי בעטון דו פרנסים מען
זאל זיי געבון עסון הט דר תלמיד חכם
צו זיי גזאגט אוך האב איך גזאגט דם
מיין סחורה אוז בעסור פון אייערו דען
אייער סחורה קען מען פר לורון אובור
דו תורה בלייבט ביי דעם מענשון אויף
אייבוג דער ילקוט ברענגט דוא גמרא
פון סנהדרין דם איין נכרי הט גזאגט צוא
רבי אבין אייער גאט אוז אכהן דען ער
האט זוך גהייסון תרומה געבון אזו ווייא
מען גוט אכהן אונ אז ער האט משה
בגראבון אונ וום האט ער זוך גוטובולת
דען אלו וואסורון זענון ווייניג פר אום
הט רבי אבין אום גענפורט ער האט זוך
גוט־בולת אונ פייער אזו וויא אונ פסוק
שטייט (כי הנה יי באש יבא) גאט וועט
קומון אונ פייער (וזאת התרומה) רש״י
שרייבט עס זענון גוועזן דרייא ערלייא
תרומות איינו אוז גוועזן דם אוטלוכור הט
גגעבון אהלבון שקל וום מען האט דר
פון גמאכט דוא שוועלון אונ משכן אונ
דוא אנדורו אוז גוועזן מען האט גוגעבון
אוטלוכור איין האלבון שקל צו קופון דר
פר קרבנות אונ דו דרוטו אוז גוועזן דאס
אוטלוכור הט גגעבון וום זיין הארץ הט
אום בווילוגט גאלד אונ זולבור אונ בראו
וואל אונ פערפול וואל דרייצון מינים הט

מֶען גוּבְּרַאכְט צוּ דֶעם מִשְׁכָּן גָאלְד אוּנ זִילְבּוּר אוּנ קוּפֿוּר אוּנ בְּלָאוּ וָואל אוּנ פֶּערְפֿוּל וָואל אוּנ רוֹטוּ פָּדוּם אוּנ לַיינוּן פָּאדוּם אוּנ הָאר פוּן צִיגוּן אוּנ פֶּער פוּן שָׁאף גְרַייטוּלְט אוּנ פֶּעל פוּן אֵיין חַיָה וָוס הֵייסְט תַּחַשׁ אוּנ עֲצֵי שִׁטִּים אוּנ בּוֹים אֵייל אוּנ בְּשָׂמִים דִי גְמָרָא זָאגְט דָם דוּא חַיָה תַּחַשׁ הָט גָאט גוּשׁוּקְט צוּ מֹשֶׁה אוּנ דֶער מִדְבָּר מֶען זָאל פוּן אוּר מַאכוּן אֵיין דֶעק צוּם מִשְׁכָּן אוּנ דוּא חַיָה הָט אוּנ ווּך פוּל שֵׁיינוּ פַרְבּוּן וָוס לַייכְט אוּנ זוּא הָט אֵיין הָארוּן אוּנ אוּר שְׁטֶערוּן אוּנ דֶר נָאך אוּז זוּא פַר שְׁווִינְדוּן גְוָוארוּן דָם מֶען קֶען זוּא שׁוֹן נוּט גוּפוּנוּן אוּנ קֵיין זַייד אוּז נוּט גְוֶוען בַּיי דֶעם מִשְׁכָּן וַוייל זַייד קוּמְט אַרוּם פוּן וֶוערוּם וָוס זֵיי זֶענוּן טָמֵא פְרֶעגְט דֶר בְּחַיֵי וָוארוּם הָאט מֶען דוּא רוֹטוּ פָּאדוּם גְפַארְבְּט מוּט בְּלוּט פוּן וֶוערוּם וֶוען זֵייא זֶענוּן טָמֵא דֶער תֵּירוּץ אוּז מֶען הָט נוּט גְפַארְבְּט מוּט דֶעם בְּלוּט פוּן וֶוערוּם נָאר מוּט דוּ קֶערְנוּר וָוס דוּ וֶוערוּם וַאקְסוּן דְרוּנוּן אוּך שְׁרַייבְּט דֶער בְּחַיֵי מֶען הָאט בַּייא דֶעם מִשְׁכָּן גוּנוּמוּן וָואל אוּנ לַיינוּן פָּדוּם אוּנ מֶען הָט עֶס מוּט אַנַנְדוּר גוּמוּשְׁט הָאטְשׁוּ דָם אוּז שַׁעַטְנֵז דָם דוּ תּוֹרָה הָט עֶס פַר בָּאטוּן אָבוּר בַּיי דֶעם מִשְׁכָּן אוּז מוּתָּר גְוֶוען שַׁעַטְנֵז (וַעֲצֵי שִׁטִּים) אוּנ טֶענוּן הָאלְץ פְרֶעגְט דֶער מִדְרָשׁ ווּי הָאט מֹשֶׁה גְנוּמוּן טֶענוּן הָאלְץ אוּנ דֶר מִדְבָּר דֶער תֵּירוּץ אוּז יַעֲקֹב הָט גְזֶעהֶן בִּנְבוּאָה דָאס יִשְׂרָאֵל וֶועלוּן דַארְפוּן בּוֹיאוּן אֵיין מִשְׁכָּן אוּנ דֶר מִדְבָּר הָט עֶר אוּנ מִצְרַיִם גְפְלַנְצְט טֶענוּן הָאלְץ אוּנ הָט דוּ קִינְדוּר אָן גְזָאגְט זֵיי זָאלוּן דָם טֶענוּן הָאלְץ מוּט נֶעמוּן אוּנ דֶר מִדְבָּר וֶוען זֵיי וֶועלוּן אַרוּם גֵיין פוּן מִצְרַיִם דֶר בְּחַיֵי אוּנ דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בְּרֶענְגוּן אֵיין מִדְרָשׁ דָם דְרוּם שְׁטֵייט בַּיי דֶם מִשְׁכָּן פְרוּר זָהָב צוּ וַוייזוּן דָם גָאט הָט יִשְׂרָאֵל מוֹחֵל גְוֶוען דוּ עֲבֵירָה פוּן דֶם עֶגֶל וָואס אוּז גְוֶוען פוּן גָאלְד אוּנ אוּך דְרוּם שְׁטֵייט בַּיי דוּ קָרְבָּנוֹת (שׁוֹר אוֹ כֶשֶׂב

אוֹ עֵז) שְׁטֵייט אֵיין אוֹקְס פְרוּר צוּ וַוייזוּן דָם מֶען הָט זֵיי מוֹחֵל גְוֶוען דוּ עֲבֵירָה פוּן דֶם עֶגֶל וָוס אוּז גְוֶוען אֵיין אוֹקְס אוּנ הָטְשׁוּ דוּא עֲבֵירָה פוּן דֶעם עֶגֶל אוּז גְוֶוען אוּם שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּנ דֶם מִשְׁכָּן בּוֹיאוּן אוּז גְוֶוען נָאהוּנְט בַּיי יוֹם כִּפּוּר שְׁרַייבְּט דָאך דוּ תּוֹרָה דָם בּוֹיאוּן פוּן דֶם מִשְׁכָּן פַר מַעֲשֵׂה עֶגֶל צוּ וַוייזוּן דָם גָאט הָט פְרוּר גְגֶעבּוּן אֵיין כַּפָּרָה אוּף דֶם עֶגֶל דֶע גָאט שׁוּקְט אַלְץ דוּא רְפוּאָה פַר דֶר מַכָּה (שֶׁמֶן לַמָּאוֹר) בּוֹם אֵייל צוּ לַייכְטוּן דָאס וַוייזְט אוּף מָשִׁיחַ וָוס עֶר וֶועט לַייכְטוּן אַזוֹ וִויא גוּטוּר בּוֹים אֵייל אַזוֹ ווּי אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט (עָרַכְתִּי נֵר לִמְשִׁיחִי) אוּך הָאבּ אָן גְגְרֵייט אֵיין לוּכְט צוּ מְשִׁיחֶער זָאל לַייכְטוּן אוּנ דְרוּם אוּז מָשִׁיחַ אָן גְוִויזוּן אוּנ דֶער פָּרָשָׁה פוּן תְּרוּמָה צוּא וַוייזוּן וֶוען יִשְׂרָאֵל וֶועלוּן אוּנ גָלוּת גֶעבּוּן תְּרוּמָה אוּנ צְדָקָה וֶועלוּן זֵייא אוּם גְלַייזְט וֶוערוּן אוּנ אַזוֹ שְׁרַייבְּט רַשִׁ"י אוּנ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא דָם דוּ תּוֹרָה הָט גְשְׁרוּבּוּן מֶען זָאל הַנְדְלוּן מוּט אַגוּרֶעכְטוּר וָואג אוּנ הָט דֶר בַּיי אָן גְשְׁרוּבּוּן דוּ מַעֲשֵׂה פוּן עֲמָלֵק וָוס עֶר הָט גְהַרְגוּת פוּל פוּן יִשְׂרָאֵל צוּ וַוייזוּן דָם וֶוען מֶען הַנְדוּלְט מוּט אֵיין פַאלְשׁוּ וָואג קוּמְט חַס וְשָׁלוֹם אֵיין שׂוֹנֵא אוּף יִשְׂרָאֵל אוּנ הַרְגוּת פוּל פוּן זֵיין אוּנ נֶעמְט צוּא זַייעוּר גֶעלְד דֶער מִדְרָשׁ לֶערוּנְט אוּנְז וֶוען דָם בֵּהמ"ק אוּז גְשְׁטַאנוּן הָאט עֶס מַצִּיל גְוֶועז פוּן גָלוּת אוּנ אַז עֶס אוּז חָרוּב גְוָוארוּן אוּז תְּרוּמָה אוּנ צְדָקָה מַצִּיל פוּן דֶעם גָלוּת דְרוּם הָט דוּ תּוֹרָה גְוִויזוּן אַלוּ גָלִיּוֹת בַּיי דֶער תְּרוּמָה פוּן דֶם מִשְׁכָּן (אַבְנֵי שׁוֹהַם וְאַבְנֵי מִלּוּאִים) דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט מֶען הָט גוּנוּמוּן גַאנְצוּ אֲבָנִים טוֹבוֹת ווּי מֶען הָאט זֵייא גוּפוּנוּן דֶען דוּ סְגוּלָה פוּן אֵיין אֶבֶן טוֹב אוּז נוּר וֶוען עֶר אוּז גַאנְץ אוּנ נוּט וֶוען מֶען בְּרֶעכְט עֶפּוּס פוּן אוּם אָפּ אוּנ וֶוען דוּ וֶועסְט וֶועלוּן פְרֶעגוּן מֶען הָט דָאך אוּף זֵייא אוֹתִיּוֹת גְקְרוּצְט אַזוֹ הָאט מֶען דָאך גוּנוּמוּן עֶפּוּס אוּם בְּרֶעכוּן מוּט דֶם

קרוצין דער תירויין איז מען האט מוט טונט אום גושריבון אותיות אונ מען הט גינומון דם ווערומיל וום הייסט שמיר אונ מען הט דרויף ארויף גלייגט אקעגון דו אותיות זענון דו אותיות וורון אריין גיקוועטשט אונ דו אבנים טובות אונ דו אבנים טובות זענון גוועזן איין געזעצט אונ גאלד צו ווייזון דאס תורה איז אויבור גאלד אונ זולבור דען דוא שמות זענון גוועזן אויף דוא אבנים טובות אונ זייא זענון גוועזן איין געזעצט אונ גאלד (ועשו לי מקדש) אונ ישראל זאלון מיר מכון איין מקדש דער ילקוט ברענגט איין פסיקתא דם דריי זכון הט משה גוהערט פון גאט אונ איז ווארון דר שראקון גאט האט גהייסון בואון איין משכן דאס ער זאל דרונון רואון האט משה גזאגט וועט דען גאר דם האלץ פון דער וועלט אונ גאר דאס גאלד אונ זולבור זיין גנוג פר דיר צו בואון אהוז ווס דו זאלסט רואון דרונון דען דו בוסט דאך פול דו גאנצי וועלט אונ אלו הימלון הט גאט געענפֿורט נוט אזו ווי דו משה מיינסט מאך מיר נאר צוואנציג ברעטור אונ צפון זייט אונ צוואנציג אונ דרום זייט אונ אכט אונ מערב זייט וועל איך שון רואון ביי איך דאס אנדורו איז גאט האט גוזאגט צו משה ברענג מיר קרבנות איז משה ווארון דער שראקון אונ זאגט וועט דען דיר זיין גנוג אלו בהמות אונ עופות פון דער וועלט אוף אקרבן האט גאט אום געענפֿורט נוט אזו וויא דו מיינסט ברענג מיר נאר צווייא שאף אונ איין טאג אונ דם אוך נוט מיט אמאל נור איינו אונ דער פרויא אונ איינו פאר נאכט אונ דם דריטו איז גאט הט גזאגט צו משה אויטליכור מענטש זאל אום לייזון זיין גוף איז משה ווארון דר שראקן אונ הט גוזאגט קען דען גנוג זיין גאר דאס געלד פון דער וועלט צו אום לייזון איין גוף האט גאט אום געענפֿורט נוט אזו ווי דו מיינסט נאר אויטליכור זאל געבון אקליינס הלבון שקל וועט זיין גוף זיין אום גלייזט עס איז אמשל איין מענש וואס הט איין טאכטור ווען זוא איז נאך קליין רעט ער מוט איר אויף דר גאס אונ שעמט זיך נוט אבור ווען זוא ווערט גרוס אזו שעמט זיך דר פטור צו רעדון מוט איר אויף דער גאס אונ רעד מוט איר אונ הויז אזו אוך זענון ישראל גוועזן אונ מצרים האט זיך גאט צו זייא באווייזון אופון באר אזו ווי אונ פסוק שטיט (ועברתי בארץ מצרים) אונ דר נאך הט ער מוט זיי גרעט אוף דם ים אוך אופון באר אבור ווען זיי הבון מקבל גוועזן דו תורה אוף דעם בארג סיני זענון זייא חשוב גווארון הט גאט גזגט עס איז נוט ראוי צו רעדון מוט זיי אופון באר דרום הט גאט גבאטון צו בואון איין משכן ער זאל מוט זיי רעדון דר בחיי שרייבט אונ מקדש איז גוועזן דרייא חלקים צום ערשטון גאנץ אינעווייניג אונטור דעם פרוכת איז גוועזן דר ארון אונ דו לוח"ת אונ דוא כרובים דאס איז גוועזן אקעגון דעם הימול וואס דוא מלאכים זענון דורטון וואס צווישון זיי איז דוא חכמה אונ שכל אזו ווי אונ ארון איז דו תורה וואס אונ איר איז דא חכמה אונ שכל אונ אקעגון דם איז ביי דם מענשון דר קאפ וואס אונ אום איז דער מוח וואס הט שכל אונ דם מויל וואס רעד מוט שכל דען דעם מענש קען מען דר קענון אונ זיין רעדון אוב ער איז איין חכם אודור איין שוטה אונ דם אנדרו איז גוועזן דער אוהל מועד וואס אונ אום איז גוועזן דער שלחן אונ דו מנורה אונ דר מזבח פון קטורת וואס דאס איז חשובו זאכון נאר נוט אזו ווי יענו וואס זענון גוועזן אינעווען ווייניג אקעגון דעם איז דר עולם הגלגלים וואס דרונון גייט דו זון אונ דוא לבנה אונ דוא שטערון וואס זענון אוך חשובור נור נוט אזו ווי דו מלאכים אונ אקעגון דעם איז אונ מענש דאס הארץ וואס דם איז דער עיקר לעבון פון דעם

מענש אזו ווי די זון אונ די לבנה אוז דם לעבון פון דער וועלט מוט זייער לייכטון טאג אונ נאכט דם דרוטו אוז גוועזן דר חצר פון דם משכן וום מען הט דורטון קרבנות גוקוקט אונ דם אוז אקעגון דר וועלט דם עס ווערט אלין פר לורון ווס דרונון אוז אונ שטארבט אלין אוועק אונ אקעגון דעם אוז ביא דעם מענש גלודור ווס פר דארבון אונ פרדייאון דם עסון אונ טרונקון פון דעם מענש דאם לערונט אונז ווען דער מענש אוז פרום אוז ער גוגלוכון צו די דריי עולמות פון מלאכים אונ גלגלים אונ די וועלט אוז גלייך צו דם משכן ווס די שכינה רואוט אוף אום גלייך וויא אונ משכן (ועשו ארון עצי שטים) אונ זייא זאלון מאכון איין ארון פון טענון האלץ דער בחיי שרייבט דרום שטייט ביי דם ארון (ועשו) זייא זאלון מאכון אונ ביי אנדורו כלים שטייט (ועשית) דו זאלסט מכון ווייל אינ ארון אוז די תורה דרום זאגט ער (ועשו) אלו זאלון מאכון איין ארון צו דער תורה כלומר אלו זאלון האבון איין חלק אינ דער תורה צוא לערנון קיינור זאל קיין אוסרייד נוט האבון דם ער הט קיין חלק נוט אינ דער תורה אונ אזו שרייבט דער אמרי נועם אונ דר בעל הטורים אונ דרום שטייט פרור מען זאל מכון אנדורו כלים צו ווייזון דם דר מענש זאל אוך פרור איין שעה אודור צווייא שעה אונ טאג בקביעות תורה לערנון אונ דער נאך זאל ער האנדלון אודור אמלאכה טון אונ דר בחיי זאגט נאך אפשט דרום שטייט ביא דעם ארון ועשו זיי זלין מכון צו ווייזון דם גאר דוא וועלט זאלון העלפון צוא תורה לרנון דען אפילו ווער עס קאנגוט לרנון זל ער אוים האלטון תלמידי חכמים פון זיין געלד כדי זיי זלון בלייבון ביי זייער לערנון

וועט

של"ה הקדוש

(ועשו ארון) אונ זיי זאלון מאכון איין קאסטון אונ דער מלאכה פון ארון הקודש וויא מען האט אריין גשטעלט דוא לוחות גפונון מור מערערו רמזים אוף דעם וויא מען דארף עוסק זיין אונ תורה לערנון וויא דוא לומדים דארפון זיך נוהג זיין. אלו מאסון פון ארון זענון אלק גוועזן גבראכונו צווייא איילון מוט אהאלבם זיין לענג איין אייל מוט אהאלבם זיין הייך דאס אוז ארמז אז דער בעל תורה דארף האבון אצובראכון הארץ ער זאל זוך נוהג זיין מוט ענוה אונ נוט שטאלץ זיין קענון קיין מענשון. פון אונוויינג אונ פון דרוסון זאל מען אום באדעקון. דאס ווייזט אז דער תלמיד חכם דארף זיין דורך אונ דורך אמת וויא פון דרויסון אזו אונוויינג אונ הארצון דוא שטאנגון (בדים) וואס טראגון דעם ארון דארפון אומור זיין ביא דעם ארון אונ ווערון נוט אוועק גנומון פון אום זענון ארמז אוף דוא בעלי בתים וועלכו שטוצין דוא לומדים אז זייא וועלון האבון שכר גלייך מוט דוא לומדים וויא דוא גמרא זאגט אז מען דארף מתפלל זיין אוף דוא בלעטור וואורום ווען נוט דוא בלעטור קאנון דוא פרויבון קיין קיים האבון. אונ זויא אונזרו חכמים זאגון אוף דעם פסוק (שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך) אז זבולון וואס האלט אום דוא בני יששכר וועלכו זוצון אונ לערנון. האבון גלייך שכר מוט דוא בני יששכר. אונ אום צו ווייזון וויא גרוס זייער שכר אוז האט ווא זבולון פרוער גשטעלט פאר יששכר. דוא כרובים וועלכו בדעקון דעם ארון קודש זענון גוועזן אונ גשטאלט פון קליינו קונדר צו ווייזון אז דאס לערנון פון דו קליינו קונדר וואס האבון נאך נוט טועם גוועזן קיין טעם חטא זענון מגין אוף דעם כלל אונ זייער גבעט אונ גשרייא אוז מבטל גזירות. דוא כרובים זענון גוועזן אזו גמאכט אז זייערו גזוכטור זענון גוועזן איינום קעגון דעם אנדרון דאס ווייזט אז דער תלמיד דארף נוט אפ טון זיין אויג פון דעם לערהור. אונ נוט דער לערהור פון דעם תלמיד. נון גפונון מור ביא דוא כלים פון משכן דריי פערצוירונגון וויא קרונגן ארום זייא. ביא דעם ארון הקודש. ביא דעם גאלדונום טוש. אונ ביי דעם גאלדונום מזבח אונ אין אלו דרייא אופנים רופט מען זייא נוט מוט דעם לשון כתר נאר מוט דעם לשון זר. ווייל דם ווארט זר קאן אום גשפראכון ווערון מוט אצירי בעדייט דאס אקרון אונ קאן אום גשפראכון ווערון מוט אפתח זר וואס בטייט אפרעמדור דאס אוז מרמז ווס אונזרו חכמים זאגון (זכה זר בצירי. לא זכה זר בפתח והזר הקרב יומת) דאס הייסט דער ווס לערונט תורה באמת פון גאטס וועגון אונ כדי צו הוטון אונ צו טאן אלץ וואס דוא תורה הייסט. וואל אוז צו אום ער אוז בעקאנט מוט דער קרון פון דער תורה. דער מענש וואס אוז אבעל תורה אונ לערונט גאנץ ל׳ין. אונ אוז אבור נוט מקיים ווס ער לערונט ווערט ער גאנץ

זועט ער האבון איין זכות גלייך ווי ער לערונט אליין (וצפית אותו זהב טהור) אונ זאלסט דם ארון בדעקון מוט גאלד דם ווייזט דאס גאט וועט מאכון אשטון צו די תלמידי חכמים וואס לערנון די תורה מוט די וום הבון זיי געהאלפון מוט געלט זיי זאלון לערנון אזו ווי דר פסוק זגט אונ קהלת (בצל החכמה בצל הכסף) גאט וועט מאכון ביי אנדור איין חופה צו דעם ווס לערונט תורה מוט דם וום הט אום גוהאלפון צו לערנון אונ אזו ווי דר פסוק זאגט אונ משלי (עץ חיים היא למחזיקים בה) דאס איז טייטש די תורה גוט לאנג לעבון צו די וום העלפון לערנון תורה האטשו ער לערונט נוט אונ דרום זענון ביי דעם ארון גוועז האלבו איילון דען עם שטייט (אמתים וחצי ארכו) צווי איילון מוט איין האלבו זאל זיין די לענג פון דעם ארון אונ איין אייל מוט איין האלבו זאל זיין די ברייט אונ איין אייל מוט איין האלבו זאל זיין די הייך צו ווייזון דאס דער תלמיד חכם זאל זיך נודרוג אונ צו בראכון; האלטון ער זל קיין גאוה נוט הבון דר תולדות יצחק שרייבט (מבית ומבחוץ תצפנו) די זאלסט דעם ארון בדעקון מוט גאלד פון אינור ווינוג

אונ אוסון ווינוג דם ווייזט דם דר תלמיד חכם זאל זיין אינור ווינוג אונ הארצון גלייך ווי אוסון ווינוג וויא ער רעט מוט דם מול דען עס זענון פיל תלמידי חכמים וום דרשונון מוט זייאור מול גלייך וויא זיי זענון זייאור פרום אונ אין הרצון אוז ער נוט אזו אונ דרום האבון אונזורו תלמידי חכמים גזאגט דאס איין תלמיד חכם דארף זיין וויא אשפוגול ווס ווייזט אינור ווינוג גלייך ווי אוסון ווינוג דער אמרי נועם שרייבט דער ארון איז גוועזן פון האלץ בדעקט מוט גאלד צו ווייזון ווען אתלמיד חכם איז ארום זאלסטו אום בדעקון מוט גאלד דער בחיי אונ דער תולדות יצחק שרייבון דרום שטייט ביי דעם ארון (ועשית עליו זר זהב) די זלסט אוף אום מאכון אגולדונו קרון אונ בייא דעם שולחן אונ מזבח שטייט ועשית לו לו דוא זאלסט מאכון אום איין גולדונו קרון דאס לערינט אונז דאס דער שולחן ווייזט אוף דער קרון פון מלכות אונ עושר דען ביי מלכות שטייט דם ווארט לו וכתב לו אונ דער מזבח ווייזט אוף דר קרון פון כהונה וואס דוא כהנים האבון דורטון די עבודה גוטואון אונ ביי אבהן שטייט אוך דם ווארט (והיתה לו ולזרעו

אחריו

### של"ה הקדוש

פרעמד פון דער תורה אונ זיין עונש איז נאך גרעסור פאר דעם עונש ווס עס הט איין עם הארץ וואס טוט גוט וויא עס דארף צו זיין. ווייל ער איז גוועזן נאהונט אונ איז גווארון פרעמד. אונ אוף אום איז גזאגט גווארון דער פסוק (והזר הקרב יומת) דער פרעמדור ווס איז נאהונט זאל גטייט ווערון:

(ועשית שולחן) אונ די זאלסט מאכון אטיש. אונזרו חכמים זאגון אז בשעת דם בהמ"ק איז גוועזן האט דאס מזבח מכפר גוועזן אוף עבירות היינט אז מיר האבון נוט קיין בהמ"ק ווען מען גוט אוף אום עסון ארומו לייט אונ לערונט תורה בשעת מען עסט איז דם מכפר:

(והבריח התיכון וגו' מבריח מן הקצה אל הקצה) דער רמב"ם שרייבט אונ הלכות דעות אונ אין די שמונה פרקים אז אלו מדות אונ מענשון זענון פון פערשידנו גראדון ווס קענון אוך זיין וייער וויט איינור פון דעם אנדערון. למשל כעס. עס גובט מענשון יום זיי ווערון ביי דער קלענסטו זאך אונ כעם אונ שרייאון אונ שעלטון אונ שלאגון זוך אונ דעם אנדרון עס גובט ווידר נאר דעם הפוך מענשון וואס זיי זענון זייער איינגולאסון אונ רוהוג אונ מען קאן זיי מוט דעם גרעסטון פערדרום נוט אונ כעם ארייו ברענגון. וכדומה זענון אלו מדות. די ביידו הפכים אונ יעדור מדה טוגון נוט. צו פול כעם איז שלעכט אונ גאר אן כעם איז אוך נוט גוט. דער בעסטור גראד פון יעדור מדה איז דער מיטולסטער גראד. אונ אלו מעשים טו בים קומון ארום פונדוא מדות אונ דעם גראד. אוף דעם ענין קאן מען זאגון איז מרמז דר פסוק (והבריח התיכון) דר מוטלסטער ריגול וואס גייט דורך פון איין עק צום אנדרון עקדו. אוך שרייבט דער רמב"ם אז אמענש האט זוך גוויינט צוא האלטון אונ דעם לעצטון גראד פון אגיוויסע מדה אונ הט זוך בראכט אז עס איז שלעכט. אין וייל ווך פר בעסרון אונ אם גוויינן זוך דר פון.

אחריו) די צווייא טוט מען ירשנן פון דעם פאטער אז ער איז א כהן איז דער זון אויך א כהן אונ ווען דער פאטער איז איין מלך איז דער זון אויך איין מלך אובר די תורה גייט נוט בירושה, עס קען זיין דאס דער פאטער זאל זיין א תלמיד חכם אונ דער זון איין עם הארץ. דרום שטייט ביא דעם ארון (ועשית עליו) די זאלסט מכון אויף אום אליין אקרון כלומר דער מענש זאל אליין פון זיך זעלבערט זעהן צו לערנן תורה דען עס גייט נוט בירושה אונ דער מדרש זאגט דרום שטייט ביא דעם ארון ווס די תורה איז אונ אום גוועזן דם ווארט (עליו) צו ווייזן דאס די תורה פון גאט ב"ה איז גרעסור אובור אלו חכמות (ועשית שנים כרובים) די זאלסט מאכון צווייא גילדינו פייגול אויף דעם ארון דר בחיי שרייבט דרום זאגט ער שנים נוט שני צו ווייזן דאס די פייגול זענון גלייך גוועזן דען אייגור האט גיהאט איין גשטאלט פון א זכר אונ דער אנדרור האט גיהאט א גשטאלט פון איין נקבה אובור ביא די לוחות שטייט גשריבון (שני לוחות העדות) ווייל זייא זענון גלייך גוועזן אונ ביי די פייגול שטייט אויך אמאל (מבין שני הכרובים) דם ווייזט אונז דאס ביידי פייגול האבון אונז גוויזון דאס גאט האט אונז ליב אזו ווי א זכר איין נקבה אזו ווי די גמרא זאגט ווען ישראל זענון

גקומון אום רגל אונ בהמ"ק האט מען זיי אויף גדעקט דאס פרוכת אונ מען האט זיי גוויזן די פייגול צוווייזן דם גאט האט זיי ליב ווי א זכר א נקבה (ועשית שולחן) גאט האט גיבאטון צו מאכון אונ משכן א טויש צו לייגון דרויף ברוט אונ דם ברוט האבון גגעסון די כהנים אונ ווער עס האט דר פון גגעסון אזו ווי איין ארבוס גרוס איז ער זאט גוורון אונ דרום הייסט א טויש שולחן דם איז טייטש שוקון דען גאט שוקט די ברכה אויף דעם טויש אונ עס שטייט ביי דעם טויש (עצי שטים) די אותיות שטים מאכון שלום טובה ישועה מחילה דאס אלין איז גקומון פון וועגון דעם טויש אונ אזו אויך שטייט ביא דעם ארון אונ מזבח צו ווייזן דאס דורך זייא קומון די אלו ברכות אויף דר וועלט אונ אויך ווייזט אונז דם דר טויש איז גלייך צו דעם מזבח דם ער איז מכפר די עבירות גלייך וויא איין קרבן אונ דרום איז דער מנהג אונ צרפת ווען איין צדיק שטארבט מאכט מען פון זיין טויש איין ארון אונ זיין קבר צו ווייזן דם דער מענש נעמט נוט מער מוט אויף יענור וועלט נאר די צדקה ווס ער האט גיטאון מוט זיין ברוט אויף זיין טויש (ועשית קערותיו) די זאלסט מאכון שוסלון דם איז איזורני פארום ווס מען האט דרונן גזעצט דאס ברוט אונ אובון צו באקון אונ דער נאך האט מען

דם

של"ה

איז פר אום קיין תקנה נוט ער זאל זיך אן הייבון צו האלטון ביי דם מוטלסטון גראד. נייערט ער דארף אויף אגיוויסע צייט זיך מרחיק זיין בוז צוא דעם אנדרון לעצטון גראד פון דר מדה. כדי מוט דער צייט זאל ער קומון צום מוטלפונקט. דהיינו דער ווס איז א גרוסר כעסן. אונ ער וויל זיך אפ גוויינון דער פון. מוז ער אויך זיך נעמון אויף אגיוויסע צייט אלק צוא ערטראגון אונ ביא דעם גרוסון בלייטוגונג רוהיג צוא בלייבון דרויף קאן מען זאגון דאס איז מרמז די ווערטר (מן הקצה אל הקצה) דאס הייסט דר ווס וויל קומון צום מוטלפונקט דארף זיך ברעכון פון איין עקדו צום אנדרון עקדע:

(והבדילה הפרוכת לכם בין הקודש ובין קודש הקדשים) דער פרוכת זאל אפ טיילון דעם היילגון ארט פון דעם אלערהיילגסטון מיר זעהן דר פון אז אפילו אונ היילקייט איז פאראן גראדון איינו העכור פאר די אנדרו. אונ אז די תורה האט גהייסון מאכון איין צווישון שייד צווישון די היילקייטון. הט זו דר מוט מרמז גוועזן דם מענשון ער זאל זעהון זיינו מדות היילוג צו מאכון אונ גייך פון היילקייט צו היילקייט. אונזרו חכמים זאגון אז דער מענש אויף דר וועלט אונטון זוכט זיך היילוג צו מאכון מאכט מען אום היילוג פון אובון דם הייסט מען פר גרעסערט זיין היילקייט אונ אויף דם אופון קען דער מענש תמיד שטייגון אונ די גראדון פון היילקייט ווייער הויך:

דאס ברוט ארום גונומן אונ מען האט
אריין גוזעצט אונ אגולדונו פורום בוז
שבת פרוא אונ דער נאך הט מען דם
גושטעלט אויף דעם טוש (ועשית מנורת
זהב) אונ דו זאלסט מאכן איין גולדונום
לייכטור מוט זובן רייערן אונ דם האט
גאט דרום גובאטן כדי דר מענש זאל
מורא האבן ווען ער וועט קומן אונ
בהמ"ק אריין אונ וועט זעהן שיינו לעכט
ברענן וועט ער דאס בהמ"ק חשוב
האלטן אונ דרום אוז דו מנורה נשטנן
פאר דעם פרוכת אוסן ווייניג פאר דו
לייט צו ווייזן דם גאט דרף קיין לעכט
נוט האבן נאר ער זאל דו לייט לייכטן
אונ דאס אוז גווים ווען דו נשמה זעהט
פול לעכט האט זו גרוס הנאה דען דוא
נשמה אוז ווארן גנומן פון דעם הומול
וום דארטן אוז פול לעכט אונ דרום הט
שלמה גוגלוכן דו נשמה צו איין לעכט
אזו ווי אונ פסוק שטייט (נר אלהים נשמת
אדם) אונ דו מנורה הט גהט זובן רירן
אקעגן דו זובן שטערן וום גוועלטוגן
אויף דער וועלט אונ דוא מנורה אוז
גושטאנן אונ דרום וייל דו לייט וואס
וואנן אונ דרום אוז ביי זיי פול תורה אונ
חכמה וואס אוז גוגלוכן צוא איין לעכט
אזו ווי אונ פסוק שטייט נר מצוה ותורה
אור אונ דר טוש וום ווייזט אויף עושר אוז
גשטאנן אונ צפון וייל פון דורטן קומט
גאלד אזו וויא אונ פסוק שטייט (מצפון
זהב יאתה) פון צפון קומט גאלד אונ
דרום אוז דוא מנורה גושטאנן נאהונט
ביא דעם טוש צו ווייזן דאס מען קען
נוט לערנן תורה נאר ווען מען הט צו
עסן דער בעל הטורים שרייבט דרום
שטייט נוט קיין סמ"ך אונ דר פרשה פון
דר מנורה צו ווייזן דאס דורטן ווי איין
לעכט אוז אוז נושט דא קיין שטן אונ
קיין בייז בגעגנוש דרום זאל אוטלוכור
מענש גווארונט זיין ווי וויט מעגלוך אוז
צו גיין בנאכט מיט איין לעכט דר מדרש

אונ דר בחיי אונ פרשת בראשית שרייבן
דם עם אוז גווים דם דר שטן הט דעם
עיקר כח אום ערב שבת אזו וויא דו
גמרא זאגט דם דר שטן האט אן גרייצט
אונ צווייא בעלי בתים דם זיי פלעגן זוך
קריגן אונ אלו ערב שבת אוז גוקומן
רבי מאיר אונ הט צווישן זייא גמאכט
שלום דרייא מאל אום ערב שבת האט
מען. גוהערט וויא דער שטן האט
גשריגן רבי מאיר הט מוך אוועק גטריבן
פון מיין וואנונג וייל ער מאכט צווישן
זיי שלום קען אוך צווישן זיי נוט וואנן
אונ דרום הט ער זיין כח אום ערב שבת
וייל גאט האט דו שדים בשאפן שפעט
אום ערב שבת פאר נאכט דרום האבן
זיי זייער כח אום ערב שבת פר נאכט
אונ דרום זאגן מור פרייטוג צו נאכט
מגן אבות צו בהוטן אונז פון דו שדים
אונ מען זאל גווארונט זיין דו ברכה צו
הערן פון דעם חזן אונ מען זאל נוט
רעדן אונ מוטן אזו וויא רבי הירץ
שרייבט אונ זיין סדר תפלה עס אוז גוועזן
אמעשה איין רב אוז גשטארבן אונ אוז
גקומן צו חלום צו זיין תלמיד הט דער
תלמיד גזעהן אפלעק אויף זיין שטערן
האט ער אום גפרעגט וום בטייט דער
פלעק האט ער גזאגט וייל ער פלעגט
רעדן ווען הער חזן האט גוזאגט מגן
אבות אונ קדיש אונ ער האט זוך נוט
אפ גשנוטן קיין נעגול אום ערב שבת
דרום הט מען אום גמאכט אפלעק אויף
זיין פנים דר ספר הגן שרייבט מען זאל
נוט שניידן קיין נעגול אום דנערשטוג
וייל זיי וועלן אן הייבן וואקסן אום
שבת אונ דרום זאלן ווייבור בענשן
לעכט אום ערב שבת וייל מוט דער
אשה אוז ווארן בשפן דר שטן דרום
זאל זו אן צונדן לעכט צו פר טרייבן
דעם שטן (וראה ועשה בתבניתם) גאט
זאגט צו משה מאך דו מנורה מוט איין
גושטאלט וואס מען הט דור גוויזן דען

גאט האט צו משה גוויזן איין מנורה פון
פייער ער זאל זו נאך מאכן פון גאלד
אונ פון דעסט וועגן האט משה נוט
גקאנט די מנורה נאך מאכן האט גאט
גזאגט ווארף אריין גאלד אונ פייער
וועט אליין ארוס גיין אמנורה דער בחיי
שרייבט דרום שטייט (כתבניתם) מוט
איין בית נוט (כתבניתם) מוט איין כ"ף
צוא ווייזן דס משה האט נוט גוקאנט
מכון אזו ווי מען הט אום גוויזן ווייל דס
פייער פון דם הימול איז נוט אזו וויא
אונזר פייער וואס מען קען דס אן נעמון
דען דס פייער פון דעם הימול איז איין
רוחני דר תולדות יצחק שרייבט דער
ארון ווייזט אוף אתלמיד חכם ווען ער
וועט זיין אונ זיין הארצון אזו וויא אונ
זיין מול אונ וועט רעכט אמונה האבון
אונ גאט אזו וועט ער הבון די וועלט אונ
יענו וועלט אונ וועט זיין גלייך ווי איין
מלאך הען דר ארון איז גוועזן פון האלץ
אונ דוא כרובים וואס זענון אוף אום זענון
גוועזן אזו ווי מלאכים אזו איך איז דער
מענטש חמשו ער איז בלוט אונ פלייש
פון דעסט וועגן קאן ער קומון צוא דער
מעלה פון איין מלאך אונ דר טוש ווייזט
אוף עושר פון דר וועלט אונ די מנורה

ווייזט אוף יענור וועלט וואס דורטון איז
אגרוס לעכט אונ דוא ברעטור פון דעם
משכן ווייזון אוף דוא תלמידים וואס שטיין
ארום דם רב אזו ווי דוא ברעטור ארום
דעם משכן אונ דוא יריעות ווייזון אוף די
בעלי בתים וואס בשוצון אוף די תלמידים
אונ הלטון זיי אונטור אזו ווי די יריעות
האבון בשוצט אוף דעם משכן עס זאל
קיין ווינט אונ רעגון נוט אריין גיין אונ
אום (מזבח אדמה תעשה לי) די זאלסט
מאכון איין מזבח פון ערד דער בחיי
שרייבט עס איז גוועזן אגרוסור גם ביי
דעם מזבח דען ער איז גוועזן פון קופר
דין ווי איין גאלד גולדון אונ אונטור דם
האלץ איז גוועזן ערד אונ דם פייאור פון
דם מזבח הט נוט פר ברענט דם קופור
אונ דם הלץ אונ משה הט זוך גפרכטון
דם קופור זאל נוט פר ברענט ווערון הט
גאט צו אום גזאגט דוא בוסט גוועזן אוף
דעם בארג סיני וואס דארט איז גוועזן
איין גרוס פייאור אונ אוך בון דארט גוועזן
אזו בוסטו נוט פאר ברענט גווארון וועל
אוך אוך מציל זיין אז דאס קופור אונ דם
האלץ פון דעם מזבח וועט נוט פאר
ברענט ווערון :

## הפטרת תרומה

(ויי נתן חכמה לשלמה) אונ גאט האט גגעבון
חכמה צו שלמה אונ עס איז גוועזן שלום
צווישון שלמה אונ צווישון חירם אונ זיי הבן
בידו כורת ברית גוועזן אונ דורך דם וואס ער
הט מוט אום שלום גהט הט ער אום גגעבון
האלץ צו בואון דם ביהמ"ק פון דאנון לערנון
מור אפ דם ווייער גוטו מעשים קומון ארום
פון דם וואס מענשון הבון צווישון זוך שלום
אונ אוך לאזט אונז דר פסוק הערון דם מען
מוז גרוס חכמה האבון צו האבון שלום מוט
לייטון אזו ווי שלמה ווייל ער הט גהט גרוס
חכמה דרום הט ער גהאט שלום מוט חירם
מלך צור אונ דרום האבון די חכמים גזאגט
ווען ישראל הבין צווישון זוך שלום האטשי
זיי דינון ע"ז איז זיי גאט מוחל זייערו עבירות
איז קשה ווי נושוקט זוך דם פון וועגון שלום
זאל זיי גאט מוחל זיין די עבירה פון ע"ז וואס
דם איז די גרעסטי עבירה דם תירוץ ענפרט
דער

### גופת

(ויצו המלך ויסיעו אבנים גדולות אבנים יקרות ליסד
הבית אבני גזית) דער קונג שלמה הט גבאטון
אין וויא האבון גמאכט ארוס צוען פון דוא בערג
גרוסו טייערו שטיינר צום גרונד פעסטוגון דעם

### צופים

ביהמ"ק גהאקטו שטיינור (תא חזי) קום אונ זעה עס
גפונון זוך איינוגו עדליי שטיינר אלו זענון מרמז אוף
חכמה עילאה די ראוני ווייזט אוף דוא גוטע מדות
וועלכי אירין מוזן האבון דס איז זייער גאנצר יסוד.

דר עוללות אפרים ווייל ישראל הבון מוט זיך שלום אזו ריידון זיי מוט אננדר פון דער ע"ז אונ ווערון גווואר דס דוא ע"ז אוז נושט אונ הערון אויף צו דונון זוא אונ דונון גאט דאס אוז דר פשט ווען ישראל הבון שלום צווישון זיך אזו אוז זייא גאט מוחל זייערו עבירות חאטשו זייא דונון ע"ז דען זייא ווערון באלד זיא פאר לאזון ווען זייא האבון שלום צווישון זיך אונ ריידון מוט אננדר אבר ווען זיי הבון שנאה צווישון זיך אונ דונון ע"ז אזו טוט איינר דעם אנדרון נוט צוא הערון אונ ווערט אום ניט נאך געבון אונ חאטשו עס ווערט זיין אגרוסור חכם צווישון זיי אונ וועט מוט חכמה ריידון דאך ווערון זייא אום נוט צו הערון אונ ווערון בלייבון בייא זייערו עבירות דרום אוז שלום אגרוסו זאך די חכמים זגון (תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם) דס אוז גמיינט די צדיקים אונ די תלמידי חכמים בגערון תמיד שלום צו מאכן אונ טון זיך אלו צייט איין זאמלון אפילו מוט רשעים אונ בגערן תפלה מוט זיי צו טון אונ צו לערנון זיי תורה דען אוטליכר מענש אוז מחויב צו שטרפון זיין חבר אבר אוף דם רשע זאגט דר פסוק (אין שלום אמר יי לרשעים) דוא רשעים בגערון קיין שלום נוט צו איין זאמלון זיך מוט די צדיקים דען זיי האבון מורא דם גאט זאל נוט זעהן זייערו מעשים אקעגון די מעשים פון דוא צדיקים אזו וועט גאט זייא שטרפון אונ די גרעסטו מדה אוז שלום מען זאל זוך נוט קרוגון מוט לייטון אונ איין מענש זאל דם אנדרון מוחל זיין חטשו ער הט אום עפוס בייז גרעט אזו ו̇ דוא גמרא זאגט אונ ראש השנה (כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו) ווער עס אוז מוחל זיין חבר אוף דעם בייז וואס ער האט אום גטאן דעם אוז גאט מוחל אלו זיינו עבירות וואס ער האט גטאן דר מדרש שרייבט דר חירם אוז גוועזן נאך אונ דוא צייטון פון יהודה אונ האט דיענסטמאל גהייסון חירה אונ הט גהלפון צו דר מצוה ווס דער פון אוז ארוס גוקומן פרץ אונ זרח דאס פון זייא אוז ארוס גוקומן דוד המלך אונ זיין זון שלמה ווס הט דם בהמ"ק גבואוט אונ ער האט זוכה גוועזן צוא געבון האלץ צום בהמ"ק (ויעל המלך שלמה מס מכל ישראל) אונ דער מלך שלמה הט אוף גברכט מס פון כל ישראל אונ דר מס הט אן גטרפון דם מען הט דער פר גודונגן דרייסוג טוזונט מאן אונ שלמה הט זייא גושוקט אונ וואלד צו הקון האלץ צעהון טוזונט מאן זענון איין גאנצון חודש גוועזן אונ וואלד אונ דער נאך זענון גגאנגון אנדרו צעהן טוזונד מאן נמצא אוז גוועזן אוטליכר איין חודש אונ וולד אונ צוויי חדשים אונ דר היים דו גמרא זגט אונ כתובות ווען איין תלמיד חכם וויל אוועק גיין פון זיין ווייב צו לערנון תורה טאר ער מער ניט גיין נאר אויף איין חודש אבער ווען ער וויל גיין מער ווי איין חודש מוז ער זיין ווייב פרעגון אוב זוא וועט אום הייסון גיין אבר די ווייבר הבון איין גרוסון זכות ווען זיי לאזון גיין זייערו מאנון לערנון גלייך ווי זיי וואלטון אליין גלערינט דוא גמרא זאגט אונ ראש השנה אז שלמה המלך הט אן גהובון דאס ביהמ"ק צו בואון פיר יאר נאך דם אז ער אוז מלך גווארון (ויהי לשלמה וגו׳) אונ שלמה הט גהאט זובצוג טוזונט מאן ווס הבון גטראגון

משא

נופת

אין חושן אוז גוועזן צוועלף אבנים טובות פור צייליון צו דריי דם ווייזט אוף איין גוהויבונע מדרגה אקעגון דיא פור דגלים אונ דער מדבר דרייא שבטים אונ איטלוכון זייט פון דער וועלט, קום אונ בטראכט בשעת יעקב אבינו אוז גגאנגון אונ חרן אוז גשריבון (ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו וגו׳ והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלהים) פון אלו צוועלוף שטיינור זאל ווערון איין שטיין צוא גאטס הויז כלומר אלו מחשבות ישראל דארפון זוך צוען אין זוך מייחד זיין צוא קודשא בריך הוא. ווידער שטייט (ונאספו שמה כל העדרים וגללו את האבן וגו׳ והשיבו את האבן על פי הבאר) אבן הייסט דוא שכינה אז עס אוז גשריבון (אבן ישראל אבן בהן)

צופים

היינו צו לוב די חטאים ווערט זו פר קוויקעלט אונ פערטרובון מוט אונז צו זאמון אונ גלות אבור דורך תשובה קערט זו זיך צו ריק אויף אור ארט אז דער כהן גדול האט אנגוטאן דעם חשן ואפוד מוט דוא שטיינער וואס אונ זייא אוז גוועזן איין גקרוצט דוא נעמון פון די שבטים דאן האט דוא שכינה אויף אום גירועט. די אותיות פלעגון ארוס קומון בולט אונ די שטיינור האבון בעלויכטון אויף דוא דאזיגו אותיות וועלכו זיי זענון רעמאלט גייטונג גוועזן מען זאל פון זיי ווס פארשטיין. צווישון דוא אלו אותיות אוז נוט גוועזן קיין חי"ת אונ קיין טי"ת ווייל עס מאכט ח"ט צו ווייזן דאס ביי דוא קונדר ישראל טאר זוך נוט גפונון קיין חטא עון אונ דרום האט דער כהן גדול

משא אונ אכציג טויזנט מאן ווס הבון גהקט שטיינור פון דם בארג אונ אוף זיי איז גוועזן דריי הונדרט מאן וואס האבון גוועלטיגט אונ דעם פאלק ווס הבון גטאן איין מלאכה אונ דער מלך האט גבאטון מען זאל אוס רייסון גרוסו גהקטו שטיינור צו מאכון דעם גרונד אונ ביהמ״ק (ויהי בשמונים שנה וגו׳) אונ עס איז גוועזן אונ פור הונדרט אונ אכציג יאר דם דיא ישראל זענון ארוס גגאנגון פון דם לאנד מצרים אונ פערדון יאר אונ אנדרון חודש דם שלמה איז אמלך גווארון האט ער אן גהיבון צו בואון איין הויז צו גאט (והבית אשר בנה וגו׳) אין דאס הויז וום דר מלך שלמה הט גבאוט צוא גאט איז גוועזן זעכציג איילון דוא לענג אין צוונציג איילון דוא ברייט אונ דרייסיג איילון די הייך (והאולם על פני היכל הבית) אונ דם פור הויז וום פר דעם היכל איז גוועזן זיין לענג אזו ווי דוא ברייט פון דעם הוז אונ זיין ברייט צו מזרח זייט איז גוועזן צעהן איילון (ויעש לבית חלוני שקופים אטומים) אונ ער הט גמאכט צום הויז קוק פענצטור אונ זיי זענון גוועזן פר שטאפט כלומר זייא זענון נוט גוועזן ווי אנדרו פענצטר דען אנדרו פענצטר מכט מען אוסוינווייניג שמאל אונ אינע וויינוג ברייט כדי דו לוכט זאל זוך אינע וויינוג צו שפרייטן איבור אונ ביהמ״ק איז גוועזן דוא פענצטער אינע וויינוג שמאל אונ אוסון וויינוג ברייט צו ווייזון דם דם ביהמ״ק דארף נוט הבון צו דר לוכט פון דר וועלט דען פון דם ביהמ״ק גייט ארוס לוכט צו דער גאנצר וועלט (ויבן על קיר הבית יציע) אונ הט גבאוט ביי דוא ווענט פון דעם הויז איין קאמר אונ הט זייא גמאכט מוט בלקן גאנץ שיין (והבית בהבנותו אבן שלמה מסע נבנה) דוא פסוקתא שרייבט גרוסו שטיינור הבון זוך אליין צו בראכון אונ זענון ארוף גגאנגון אוף דער מוער פון דעם ביהמ״ק רב הונא זאגט פון וועגון רב אשי אפילו רוחות אונ מזיקין הבון גהלפון בואון דם בהמ״ק ר׳ חנינא בן דוסא הט גזעהן דוא לייט פון זיין שטאט ברענגן פול מתנות אונ נדבות קיין ירושלים האט ער גזאגט אוך מוז אוך עפוס איין מאל ברענגון קיין ירושלים אזו האט ער גזעהן איין גרוסון שטיין זייער איין שיינוס זענון גוקומון פונוף מענשון הט ער זיי גזגט ווילט אור מוט מור דם שטיין אוועק טראגון קיין ירושלים האבון זייא גזאגט גוב אונז פונוף גולדן נאר לייג דיין האנד אוך דר צו וועלון מור באלד ברענגון דעם שטיין קיין ירושלים האט ר׳ חנינא גגעבון מוט זייא זיין פונגר זענון זייא אונ איין שעה גקומען קיין ירושלים האט ר׳ חנינא זיי גוואלט בצלון הט ער זיי נוט גקאנט גופונן האבון דוא חכמים גזאגט דם איז גוועזן מלאכים דוא גמרא זאגט אונ סוטה מען האט קיין אייזון נוט גטארט נעמון צו האקון דו שטיינור אונ בהמ״ק אבר ביי דעם בארג ווי מען הט אוס גהאקט דוא שטיינור הט מען יוא מיט אייזון גהקט אבר אונ בהמ״ק הט נוט גטרט קיין אזון גהערט ווערון נאר דער שמיר האט אלו שטיינור גשפאלטון מען הט אן גצייכונט מוט שווארצו טונט אוף דעם ווי מען האט גוואלט אפ שפאלטון אונ מען הט דעם שמיר דרוף ארוף גלייגט האט דער שמיר אפ גשפלטון דו חכמים זאגון דר שמיר איז גוועזן איין קליינור ווארום ער איז אזו גרוס גוועזן ווי איין גערשטון אונ קיין שום זאך אונ דער וועלט קען אקעגון אום נוט בשטיין

**ניפת**

דם גוטראגון אופון הארצון איין זכרון פור דו ישראל דם זיי זאלון תמיד דענקון וועגון גאט ב״ה אונ זיין אפ גוהוט פון חטאים אז עם איז גשרובון (ונשא אהרן את שמות בני ישראל בחושן המשפט על לבו בבואו אל הקודש לזכרון לפני יי׳ תמיד:)

רבי שמעון פתח. רבי שמעון האט אנגוהובון (והבית בהבנותו אבן שלמה מסע נבנה ומקבות והגרזן כל כלי ברזל לא נשמע בבית בהבנותו) דם טייטש דער בית המקדש בשעת ער איז גיבוים גווארון איז ער גיבוים גיווארון פון גאנצו שטיינר ארוים נציגונע

**צופים**

אין דער קול פון האמערם אדער אהאק אונ נאר אייזערנו גצייג איז נוט גוהערט גווארון אונ ביהמ״ק אז עס איז גיבוים גווארון. דא איז אקשיא שלמה מיט אלו בעלי מלאכות האבון דאך גיבוים נוא ווערום שטייט (בהבנותו) אדער (נבנה) דאס טייטש ער איז גיבוים גווארון עס גוהער דאך צוא שטיין (בבנותם) אלם זייא האבון גיבוים. אלא דאס איז וויא עס איז גשרובון (מקשה תעשה המנורה) דוא מנורה זאל גמאכט ווערון גוהאמערט דם הייסט פון זוך זעלבסט על פי נס דען ווי נאר זיי האבון אנגהובון ארבייטון

בשטיין דם ער זאל דאס ניט צו שפלטון אונ מען טוט אום איין וויקלון אונ וואל דר מדרש שוחר טוב שרייבט דעם שמיר הט דר אדלר גבראכט פון דעם גן עדן דען שלמה המלך הט גקענט ריידון מיט אלו פייגול האט ער גשאפט מיט דעם אדלר ער זאל אום ברענגון דיא גמרא זאגט שלמה המלך האט גפרעגט דיא חכמים מיט ווס שפאלט מען די שטיינר האבון זייא גזאגט מיט דעם שמיר ווס משה הט מיט אום גשפאלטון די אבנים טובות צום חושן וואס דער כהן גדול האט אן גטאן האט שלמה זיי גיפרעגט ווי קאן מען אום בקומון האבון די חכמים גזאגט דוא שדים וועלון דיר זאגון הט שלמה גפרעגט דוא שדים האבון די שדים גזאגט דר אשמדאי דר מלך פון אונז וועט דיר זאגון האט שלמה גשיקט בניהו בן יהוידע נאך דעם אשמדאי איז בניהו גגאנגון צום ארט פון דעם אשמדאי אונ ער הט אבריינו ווסור ביי איין זייט פון איין בארג אונ די ברונו איז פר חתמות מיט זיין חתימה אונ דער אשמדאי גייט אלו טאג אונ הומול אונ דער ישיבה אונ נאך דער ישיבה קומט ער ארפ פון דעם הומול אונ טרונקט דם וואסור האט בניהו גמאכט איין לאך פון אונטון אונ הט דאס וואסר ארוס גלאזט אונ הט דם לאך פר שטאפט אונ האט פון אובון אונ ברונו איין לאך גמאכט אונ הט אריין גגאסון שטארקון וויין אונ אז דער אשמדאי איז גקומון פון דעם הומול אונ האט גוואלט טרונקון הט ער גפונן וויין האט ער גזאגט דער פסוק זאגט (יין ותירוש יקח לב) וויין ברענגט דעם מענטש צוא זנות אונ צוא פול ביין אונ האט ניט גוואלט טרונקון אונ ער איז זייער דארשטיג גווארין האט ער גזאגט דעם פסוק (ויין ישמח לבב אנוש) דר וויין מאכט פרייליך דם הארץ

פון דעם מענשון אונ האט גיטרונקון אונ איז אנשלאפון גווארון איז גיקומן בניהו אונ הט אויף אום ארוף גליינט איין קייט מיט דעם שם המפורש אונ הט אום גברכט פר שלמה המלך הט ער אום גפרעגט ווי איז דר שמיר הט דר אשמדאי גזאגט ער איז ביי דעם שר פון דעם ים ער הט אום גגעבון צו בהלטון ביי דעם אוהור האן אונ ער הט דעם שמיר פר ברנון אונ אטופון ברג הט בניהו גזוכט אנעסט פון איין אוהור האן האט ער גופונון איין נעסט ווס דארטון זענון גוועזן יונגי קונדר פון דם אוהור האן הט ער גנומון איין לוטור גלאז אונ האט צוא גדעקט דוא קונדור איז גקומון דער אוהור האן אונ האט גזעהן זיינו קונדר אונטר דעם גלאז אונ הט צוא זיי ניט גקאנט קומון האט ער גבראכט דעם שמיר אין הט אום גלייגט אויף דעם גלאז האט זוך דם גלאז צו שפאלטון איז בלד בניהו גוקומן אין האט דעם אוהור האן אוועק גטריבון אונ הט גנומן דעם שמיר אונ דר אוהור האן הט זיך גהאנגון פר צער וואס ער האט פר לורון דעם שמיר ווס מען הט אום גגעבון בהלטון אין דר אשמדאי איז גבליבון ביי שלמה ביז ער הט דם בהמ"ק אויף גובואיט. איין מאל הט שלמה גזאגט צום אשמדאי ווס איז דיין כח מער פון אנדרו לייט האט דער אשמדאי גזאגט נעם אראפ פון מיר די קייט אונ גיב מיר דיין חותם וועל איך דיר ווייזון וואס פר איין כח איך האב האט אום שלמה די קייט אראפ גנומון אונ הט אום גגעבון זיין חותם הט דער אשמדאי פר ווארפון צו שלמה אויף פיר הונדערט מייל אונ ער האט זוך גמאכט גלייך ווי ער איז שלמה אונ איז גלעגון ביי דיא ווייבור פון שלמה המלך אונ שלמה איז ארום גלאפון די גאנצו וועלט אונ הט גזאגט

אוך

**נופת**

האט זוך ווי די פארמו פון אלום פארגישטעלט פאר די אוגון ווי איין בולד דער פון האבון זיי גוויסט ווי צו מאכון אונ די ברכה פון הקב"ה הט גרואוס אויף זייערו הענט אונ עס איז אלום פארטיג גווארון (מסע נבנה) היינו דער שטיין האט זוך אליין גיצוגון אונ גקייקעלט בוז ער איז גקומון אויף דעם ארט ווי עס איז נייטיג גווזן. נאך אפירוש (מסע) דאס די הענט פון דוא בעלי מלאכות האבין זוך גהובון אונ גטאן

**צופים**

ניט ווילענדרונ דאס ווי האבון אליין גאר ניט גוויסט וויא אזו עס מאכט זוך (מסע) הייסט צוען וויא עס שטייט (ולמסע את המחנות) (ומקבות ותרגן וגו') קיין קלאפ פון אייזערנו גיצייג איז ניט גהערט גווארון ווייל איין גוויסער ווערמול מיט דעם נאמון (שמיר) הט צו שפאלטון אלו שטיינר דער כלל איז אלץ דונג איז דארטון גשעהן דורך ווינדער אונ נסים :

אויך בון שלמה דר מלך פון ירושלים הבון די לייט פון אום גלאכט אונ הבון אום גהלטון פר איין שוטה אז ער גיקומן קיין ירושלים אין האט אלץ גזאגט איך בון שלמה המלך הבון די סנהדרין גזאגט אשוטה האלט זוך ניט אלץ איין זאך האבון זייא גזאגט צוא די ווייבור פון שלמה ווען דער מלך וועט צוא אייך קומן זאלט איר זעהן אוב ער האט נוט קיין פוס פון איין האן האבון די ווייבער גזאגט מיר קענון דס נוט וויסון דען ער קומט צו אונז אונ זאקון אויך וויל ער ביי אונז לוגון ווען מיר זענון נידות אונ ער וויל לוגון ביי די מוטר בת שבע ווס דס איז אלץ אחידוש פון שלמה אונ אז די סנהדרין האבון דאס דער הערט האבון זייא באלד דעם רעכטון שלמה פר זוך גברכט אונ האבון אום גגעבון דעם שם המפורש. ווי דער אשמדאי הט דר זעהן דעם שם ביי שלמה איז ער באלד אוועק גפלוגון אונ שלמה איז ווידר מלך גוורון אבר ער הט זוך אלו טאג גפרכטון פר דם אשמדאי דרום זאל זוך אמענש נוט פר לאזון אויף זיין חכמה אודר עושר אודר יחוס אזו ווי עס איז גשעהן צו שלמה המלך גאט הט גזאגט צו שלמה (הבית הזה אשר אתה בונה) דם הויז ווס דו בואוסט ווען דו וועסט האלטון מיין גבאט אין מיין תורה וועל אויך האלטון מיינו רייד ווס איך הב צוא גזאגט צוא דיין פאטר דוד אין אויך וועל רואן צווישן אייך אזו הט גזאגט אחיה השלוני דער נביא צו שלמה פון גאטס וועגון ער זאל נוט מיינון עס הענגט אלץ אונ דעם ביהמ"ק ווס ער האט אום גבואוט נאר ער זאל פרום זיין:

## פרשת תצוה

(ואתה תצוה) דר בחיי שרייבט שלמה המלך זאגט אונ משלי (שמן וקטורת ישמח לב ומתק רעהו מעצת נפש) דער פסוק לערונט אונז מען זאל איין פרמדון אונ איין עני שפייזון אונ רעדון מוט אום גיטו רייד אונ ער גלייכט דם שפייז צוא בומאייל אונ גוטו גושמאק צו ווייזון מען זאל דעם עני מכבד זיין מוט גוטו שפייז ווס זענון בשמאלצון אונ מוט בשמים כדי מען זאל דר פר יאון דם עני זיין הארץ אונ מען זאל מוט דם עני ריידון גוטו רייד דם מיינט דר פסוק ומתק רעהו ער זאל אים ריידון זוסו רייד גלייך ווי ער איז זיין חבר מעצת נפש ער זאל אום דוא גוטו רייד רעדון מוט דם גאנצין הארצון נוט אזו ווי עס איז פר האנדון פול לייט וואס רעדון מוט דעם מול צום עני ער זאל עסון אונ דם הארץ איז נושט דר בייא אונ דר מדרש זאגט אויף דעם פסוק שמן וקטורת ישמח לב דם מיינט מען דער בומאייל פון דם בהמ"ק אונ די קטורת מאכון גאט דר פרייעון אזו ווי ער האט זוך גפרייט ביי בשעפונוש פון דר וועלט אזו וויא אונ פסוק שטייט (ישמח יי במעשיו) גאט טוט זוך פרייאון מוט זיינו בשעפונוש אונ גאט האט דעם מענשון בשפון נאך אלו בשעפנוש ווייל ער איז דר חשובור בשעפנוש מער ווי אלו אזו אויך נאך דם בואון פון דעם משכן האט גאט גבאטון דר כהן גדול זאל אן צונדון דוא לעכט אונ משכן אונ זאל ברענגון קטורת ווס דם איז חשובור פון אלו זכון (ואתה תצוה) אונ דוא זאלסט היישון צונדון לעכט פון בומאייל נוט פון מאהן אייל אונ נוט פון נוס אייל אונ דם ערשטו אייל ווס מען הט אוסגקוועטשט פון די

איילבורטין

של"ה הקדוש

(להעלות נר תמיד) איין לוכט אומור אן צוא צונדון. דאס ווארט תמיד ווייזט אז פייער דארף אומור ברענון אונ דוא ערטור וויא מען זאמולט זוך איין נאט צו דונון. אונ אפילו אונ דער צייט וואס דאס ביהמ"ק איז הרוב בעונותינו הרבים איז אמצוה מען זאל אן צונדון לוכט אונ דוא בתי כנסיות וועלכו ווערון אן גרופון מקדש בשעת דעם דאבונון אבונדם אונ מארגונס. ווארום דאס דאווינון איז אוצט אן שטאט דוא קרבנות ווס מען פלעגט מקריב זיין אונ ביהמ"ק:

אײַלבורטון הט מען גנומון צו דר מנורה אונ דס אנדורו אייל ווס אוז ארום גגאנגון הט מען גנומון צו מזחות (כתית למאור) דס ווייזט דס ערשטו בהמ"ק אוז גשטנון פור הונדורט אונ צעהון יאר אונ דאס אנדורו ביהמ"ק אוז גשטנו, פור הונדורט אונ צוואנציג יאר דאס אוז מוט אנגדור אכט הונדורט אונ דרייסוג יאר אזו פול ווי דס ווארט כתית הט אונ דר צאל אונ כתית אוז טייטש צו שטסון דאס ווייזט דס דוא צוויי בית המקדשין זענון צוא שטוסון אונ חרוב גוואריין דורך דם שונא אבור דם אונטרשטע ביהמ"ק וואס מען ווט בואון אז משיח וועט קומון דאס וועט אייבוג שטיין דרוף ווייזט דס ווארט (למאור) כלומר משיח וועט אונז דר לייכטון מוט איין אייבוגו לוכט דר בעל הטורים שרייבט דרום שטייט נוט דער מאנט דר נאמון פון משה אונ דר סדרה ווייל אז משה האט תפלה גוטון פאר ישראל אז גאט הט זיי גוואלט טייטון אובור דר עבירה פון דעם עגל הט משה גזאגט ווען דוא ווילסט ישראל טייטון מעק מוך אפ פון דר תורה דרום הט גאט נוט אן גשריבון זיין נאמון אונ דר סדרה ווייל דוא קללה פון אחכם גייט נוט ליידוג ארום דער צרור המור שרייבט ישראל זענון גגליכון צו בוימאייל כלומר דוא תורה ווס זיי לערנון טוט זייא דער לייכטון אזו ווי בוימאייל אונ דרום זאגט דר פסוק (ויקחו אליך) דו זאלסט נעמון צו דור דם מיינט ער ווען דו וועסט רעכט האלטון דו תורה אונ מצות וועט דאס בלייבון ביי דור אוף דר וועלט אונ אוף יענור וועלט עס וועט קיינור ביי דור דם נוט אוועק נעמון אונ אוך דרום זאגט ער אליך מאך דור איין לוכט דען אוך דרף קיין לוכט נוט אוך האב גנוג לוכט אונ הומ"ל עס אוז אמשל איינור פורט איין בלונדון אונ וועג אונ זאגט צום בלונדון צונד מור אן אלוכט ענפורט דר בלונדור אוך האב דוך גנומון דוא זאלסט מור לייכטון אונ פורון אונ רעכטון וועג היינט זאגסטו אוך זאל דור אן צונדון אלוכט

צו

**אוהל**

(ואתה הקרב אליך את וגו׳) דר מדרש זאגט אז גאט הט גזאגט צוא משה ער זאל מאכין גנעגנון זיין ברודר אוז אום אובול נפעלון הט גאט גזאגט צו אום דוא תורה אוז מיין גוועזן אונ אוך האב זיא דיר גגעבון וכו׳ דער מדרש אוז אגרוסו פליאה נאר אוך קען דעם מדרש מפירש זיין אזו ווי דו חכמים האבון גזאגט (יפתח בדורו כשמואל בדורו) ווען שמואל זאל גוועזן זיין אונ דם דור פון יפתח וואלט ער נאר נושט חשוב גוועזן מוט דעם וועלון מור מיר מפורש זיין וואס גאט האט גזאגט צו משה (לך רד) נושט פון דיין כבוד וועגון בוסטו ארוף גגאנגון צו מור נאר פון וועגון דעם כבוד פון מיינו קונדער נגא אז דו יודון ועגון צדיקים גוערון זיי דער הייכט אין דער הובון אונ וייער שליח ג"ב אונ ח"ו אז זייא זונרוגון ועגון זייא מוט דוא שלוחים דער גודערט דער צדיק ווערט דר הובון דורך דעם דור אזו וויא אנדרוים קליד פאסט נוט אויף אקליינום מענטש אזו פאסט ווס אז דער ראש אוז אסאך גרעסער פון זיי דאס זאגט דער פסוק יפתח בדורו כו׳ נושט יפתח אוז גרעסור גוועזן וויא שמואל נאר ער האט גופאסט צוא זיין דור אונ שמואל וואלט צוא יפתחס דור נוט גופאסט ווייל ער אוז גרעסער גוועזן וויא

**יעקב**

וייא אובער דעם הטא פון דעם עגל זענון דוא ישראל אראפ גפאלון פון זייער מדרגה הט גאט גזאגט צו משה לך רד גייא צורוק פון דיין מדריגה אז דוא וועסט זיין קלענור וועסטו קענון זייא פורנן מוון מור פאר שטיין דאס ענין דורך איין משל עס אוז אמאל גוועזון איין למדן הט ער גנומון צו זוך אונ שטוב אריין איין מלמד צו לערנון מוט זיינו קונדער דער וייל אונ אציים ארום אוז אונטר גוואקסון ביי אום איין קליין קונד אונ דאס קונד האט גדארפט אן הייבון צו לערנון דארדוק היינו אותיות מוט נקודות הט ער גנומון אדרדוק מלמד צו דעם קינד זאגט דער גרוסור מלמד צו דעם בעל הבית נאך ווס האסטו צו גנומון דעם דארדוק מלמד אוך קען דען נוט לערנון בעסור פון אום אז אוך קען לערנון מוט גרוסו קונדר קען אוך מוט אקליין קונד בוודאי לערנון זאגט דער בעל הבית צו דעם מלמד ווערלוג נאך דיינו רייד אוז קשה פאר וואס לערון אוך נוט מוט מיינו קונדער אליין אוך קען דאך בעסור פון דור נאר וואס האב אוך דוך צו גנומון מוטשו דאך זאגון ווייל מיין לערנון אוז צו גרוס פאר קונדער ווס האבון ווייניג שכל אוך וועל זייא נוט קענון געבון צו פאר שטיין דם איינגנו אוז דער ענפר פאר ווס אוך גוב דור נוט צו לערון

צו לייכטון דור הט דר מענש גענפורט פון דעסט וועגון וויל אוך דוא זאלסט מור אן צונדון אלוכט כדי דוא זאלסט מוך אוך עפים בדונון אזו אוך זענון ישראל גלייך צו בלונדו אונ גייאון אונ דר פונסטור אונ גאט טוט זייא לייכטון אונ זאגט צו ישראל זיי זאלון אן צונדון איין לוכט צו בדונון אום דר מוט כדי זייא זאלון זוכה זיין דורך דעם צו פול ברכות ווייל זייא טאן זיין ווילון (ואלה הבגדים אשר יעשו) אונ דם זענון דוא קליידור וום דוא זאלסט מאכון צום כהן גדול דען איין כהן גדול אוז גלייך ווי איין מלאך דרום דארף ער האבון אנדורו קליידור וויא אנדורו לייט ווען ער טוט דוא עבודה אונ אזו ווי אמלאך אוז ריין אזו זאל זיין דער כהן גדול אז ער טוט דוא עבודה דו גמרא זאגט אזו ווי דו קרבנות האבון מכפר גוועזן אוף עבירות אזו האבון דו קליידור אוך מכפר גוועזן אוף עבירות דען דער חושן אוז גוועזן אקעגון דעם הארץ אונ האט מכפר גוועזן אוף דוא עבירות וואס מען הט גטאן ביי דינים אונ משפטים ווס זיי קומון פון דם הארץ דר אפוד הט מכפר גוועזן אוף דו לייט וואס האבון גדונט עבודה זרה אונ דאס מעיל דם אוז גוועזן איין אייבורשט העמדול דאס האט מכפר גוועזן אוף לשון הרע אונ דאס כתונת דאס אוז גוועזן איין אונטורשט העמדול דאס האט מכפר גוועזן אוף רציחה בשוגג אונ דר מצנפת דאס אוז גוועזן איין הוב אוף דעם קאפ דם הט מכפר גוועזן אוף גאוה פון מענשון אבנט דאס אוז איין גארטול דם האט מכפר גוועזן אוף בייזו מחשבות פון דם הארצון ציץ דאס אוז גוועזן א ין גולדונו בלעך אוף דעם שטערון פון דעם כהן גדול דאס האט מכפר גוועזן אוף עזות מכנסים האבון מכפר גוועזן אוף זנות דער בחיי שרייבט דרום ציילט ער אונ דער פרשה זעקס קליידור פון דם כהן גדול אונ ער האט דאך גוהאט אכט קליידור דאס אוז ווייל ער רעכונט נאר דו קליידור ווס משה האט אום אן גוטון אובור דו מכנסים האט דר כהן גדול אליין אן גוטואון נוט פאר לייטון דרום ציילט ער זייא נוט אונ דער ציץ אוז גוועזן אגולדונו בלעך אויף דם שטערון פר אצורונג דם אוז נוט קיין קלייד נאר איין כלי דרום ציילט ער אום אוך נוט ביי דו קליידור (ועשו את האפוד) זייא זאלון מאכון איין אפוד דער בחיי פרעגט ווארום רעכונט ער אובון דעם חושן פר דעם אפוד אונ דא רעכונט ער דם אפוד פרור דר תירוץ אוז דא רעכונט ער אלו קליידור אונ אקעגון דעם חושן אוז דר אפוד מער קלייד גוועזן אונ אובון רכונט ער דעם חושן פרור ווייל אונ אום אוז גולעגון היילוגו שמות אונ עם אוז אונ אום גוועזן צוועלוף שטיינר אוף אוטלוכון שטיין אוז גושטאנון איין נאמון פון איין שבט אונ מען האט גונומון איין וואורום וואס הייסט שמיר אונ מען האט אום גלייגט אוף דוא שטיינור האט ער אום גקרוצט דו נעמון פון דו שבטים אונ דר אפוד אוז גומאכט גוווארון אזו וויא איין קלייד ברייט ווי דער רוקון פון אמענש אונ לאנג פון אונטור דו ארום ביז אונ דו טרוט אונ צווייא אקסול בונדון זענון ביי אום גוועזן אוף אוטלוכון אקסול בונד אוז גוועזן אשטיין וואס הייסט שוהם איין גזעצט אונ גאלד אונ איף דעם שוהם אוז גוועזן דוא נעמון פון דוא שבטים צו זעקס אוף איין שטיין אונ אין חושן אוז גוועזן פור ציילון שטיינור אונ אין אוטלוכון צייל אוז גוועזן דרייא שטיינור אוז אונ גנצון צוועלוף שטיינור אונ אוף אוטלוכן שטיין אוז גוועזן אום גוקרוצט איין שבט אונ דו נעמון פון אברהם יצחק ויעקב אונ נאך היילוגו שמות אונ אוף אוטלוכון שטיין אוז גוועזן זעקס אותיות אזו אוז אונ צוועלוף שטיינור גוועזן צווייא אונ זובצוג

אותיות דאס איז אקעגן די שעות וואס זענען אונ די זעקס טעג פון דר וואך הוין די געבכט צו ווייזן דם די וועלט ווס איז גווארן בשאפן אונ זעקס טעג זו האט אקיום פון וועגן דם זכות פון די שבטים דער בחיי שרייבט דער חושן איז גוועען אקעגן דעם הארץ אונ דער אפוד איז גוועען אקעגן דעם רוקן גלייך ווי ארבע כנפות אונ די שמות פון דעם חושן הט מען גרופן אורים ותומים אונ ווען מען האט עפעס גדארפט פרעגן פלעגט מען זיך שטעלן פר דעם כהן גדול אונ דער כהן גדול הט גזעהן אונ דם חושן וואס אויף דעם הארץ ווס פר איין אותיות עס האבן זיך ארוס גוויזן הט ער פון זיי גמכט איין ווארט אונ הט פר שטאנן ווס דאס בטייט אונ דער כהן גדול פלעגט קיינום נוט ענפורן דורך דעם חושן נאר צו אמלך אודר צו אקהל ווען זייא האבן עפעס גדארפט דר בחיי שרייבט דוא צוועלוף אבנים טובות זענון גוועען דוא בעסטו פון אלו אבנים טובות וואס אונ דר וועלט אשטיין הט גהייסן אודם דאס איז אראבן ער איז רוט אויף אום האט מען אום גקרוצט דעם נאמן פון ראובן ווייל ער איז פר שעמט גווארן פר זיינו ברודור דם ער האט פאר שטערט דאס גלעגור פון זיין פאטור אונ זיין פנים איז גוועען רוט דרום איז זיין נאמן ווארין אן גשריבן אויף אר:טין שטיין אונ די סגולה

פון דם ראבן איז ווען אטראגונגדוגו אשה טראגט אום אויף זיך ווערט זוא נוט מפיל זיין דם ווייזט אליין אויף ראובן ווס ער הט גבראכט פייפלוך פון דם פעלד ווס דורך זיי קען איין אשה קונדער האבן דר נאמן פון שמעון איז גוועען אום גקרוצט אויף דעם שטיין פטדה דם איז איין פריזאנט אונ ער איז גרון אונ געל דאס איז ווייל שבט שמעון זענון ווארון גרון אונ געל ביי דר עבירה פון די טעכטור פון מדין אונ דוא סגולה פון דעם שטיין איז ער קולט דם גוף ער זאל נוט הוצוג זיין דען ווען דר גוף איז הוצוג גייט ער נאך נאך זנות אונ דר שטיין שטולט תאות אונ דר שטיין איז דא פול אונ לאנד כוש ווייל עס איז זייער אורום לאנד זענון זייא זייאור היצוג אונ בעלי תאוות אונ מוט דם שטיין קולן זיי די הוץ פון זייאור גוף דער נאמן פון לוי איז גשטאנן אויף אשטיין ברקת דם איז איין גאר פונקול וואס ער לייכט אזו וויא אלוכט אונ נח האט דעם שטיין גהאלטן אונ דער תיבה עס זאל אום לעכטוג זיין אונ ווייל לוי איז גוועען אתלמיד חכם אונ הט גמאכט דר לייכטון די אוגון פון ישראל אונ דר תורה דרום איז זיין נאמן גוועען אום גקרוצט אויף איין גאר פונקול וואס לייכט אונ די סגולה פון דם גאר פונקול איז דם ער מאכט לייטון קלוגדר נאמן פון יהודה איז גוועען אום גוקרוצט אויף

דעם

אוהר

דאס קליינו קונד ווארום דוא בוסט פאר אקליין קונד אגרוסור מלמד דוא ווייסט אים נוט קענון געבון צו פאר שטיין דאס איינונו האט גאט גענפרט צו משה ווארום אז גאט האט גזאגט צו משה אז אהרן זאל זיין אכהן גדול איז צו משה שלעכט גווארן פאר וואס איז ער אליין נוט ראוי ער זאל זיין אכהן גדול האט אום גאט גענפורט זייא דוך נוט מצער וואס דוא בוסט נוט אכהן גדול ווארום דיין מדריגה איז גרעסור פון אכהן גדול דרום בוסטו נוט ראוי צוא דעם והראיה דוא תורה איז גוועען מיינו אונ

יעקב

אוך האב זוא דור געבון דוא זאלסט לערנון מוט דוא יודון וואס האב אוך אליין נוט גלערונט מוט די יודון ווייל אוך גאט בון פר זיי צו גרוס זעלון זייא נוט קענון מקבל זיין פון מור דרום האב אוך דיר געבון די תורה ווייל דו בוסט קלענור פון מור וועלן זייא פון דור קענון מקבל זיין דרום קענסטו ניט זיין קיין כהן גדול ווייל דיין מדריגה איז גרוס דם ברענגט דער מדרש (ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך) ברענגט ער פון תהלים (לולי תורתך וכו' אז אבדתי בעניי) דורך דר תורה ווס גאט האט אום גבראכט אראיה הט זיך משה גפרייסט:

דעם שטיין נופך דאס איז אשמראק ער איז גרין דס איז ווייל דס פנים פון יהודה איז ווארין גרין דען ער איז פר שעמט גווארין ווייל ער איז גלעגין ביי זיין שנור תמר אונ די סגולה פון דעם שטיין איז ווען איינר טראגט אום אויף זיך אונ גייט אונ דער מלחמה פאלין זיינו פיינט פאר אום אונ יהודה האט אויך אלו מלחמות גוויגון אונ דוא טעג פון דוד המלך דער נאמון פון יששכר איז גוועין אויף אספיר וואס ער איז זייאור ווייס דאס איז ווייל יששכר האט גולערינט תורה ווס זו איז גשריבין אויף ספירין ווס משה הט דער פון אום גוהאקט די לוחות אונ הט אויף זיי אן גושריבין די עשרת הדברות אונ דער ספיר פון די לוחות איז גוועין אום גוהאקט פון אונטור דם כסא הכבוד אונ דרום ווער עם לערינט תורה קומט נאך דעם טוט אונטור דעם כסא הכבוד אזו אויך איז דוא תורה ארפואה צום גאנצין גוף דער נאמון פון זבולון איז גשטאנון אויף אשטיין יהלום דס איז פערול מוטור דם ווייזט אויף עושר אונ די סגולה פון דם פערול מוטור איז דם מען הט גרוס מזל ווען מען טראגט אום אויף זיך אונ אויך הט ער אסגולה צו ברענגין שלאף דאס איז צו ווייזין אויף זבולון ווס ביי אום הט דוא מוטור גוזאגט (הפעם יזבלני אישי) הייגט ווערט מיין מאן ביי מור אובור נעכטיגון אונ שלאפון דער נאמון פון דן איז אום גקרוצט אויף איין שטיין לשם דאס איז איין טערקאז ווס ער הט איין צורה פון איין מענש אום גקערט צוא ווייזין אויף שבט דן ווס זיי האבון זיך אוועק גקערט פון גאט צו דונון ע"ז דר נמון פון נפתלי איז גושטאנון אויף אשטיין שבו דם איז איין טורפאז אונ זיין סגולה איז דער ווס

רייט אויף אפערד אונ האט דעם שטיין דר פאלט נוט ארפ אונ ווייל נפתלי איז טייטש בהעפטון אונ דר שטיין מאכט גלייך וויא דער מענש איז בהעפט צום פערד אונ פאלט נוט אראפ דרום איז זיין נאמון גשטאנון אונ דעם שטיין דער נאמון פון גד איז גוועין אויף אשטיין ווס הייסט אחלמה דם איז אקרושטאל אונ דעם שטיין האט דוא גאנצו וועלט אונ אוטלוכם קונד ווייסט אום אזו איז דער שבט גד אוטלוכור הט אום גקענט ווייל ער איז זייער פול גוועין אויף זיינו הרוגים זענון דער קענט גווארון דען ער פלעגט אונ דער מלחמה אפ האקון פון איין מענש דעם קאפ מוטו דר ארום אונ איין האק אונ דוא סגולה פון דם קרושטאר איז דאס ער שטארקט דאס הארץ פון דעם מענש ער זאל זיך נוט פרכטון אונ דער מלחמה דער נאמון פון אשר איז גוועין אויף איין שטיין ווס הייסט תרשיש דם איז איין אבצונג אויך אונ דעם לאנד פון אשר איז גוועין פירות דאס מען הט זייא באלד פר דייאוט דר נאמון פון יוסף איז גוועין אויף איין שטיין שוהם דאס איז איין אניקול אונ די סגולה פון אום איז דם מען הט חן ווען מען טראגט אום אזו אויך האט יוסף גהט חן אונ ליטונם אוגון אונ ווער עם טראגט דעם שטיין ווערין זיינו רייד גהערט אונ אן גנומן דר נאמון פון בנימין איז גוועין אויף אשטיין וואס הייסט ישפה דר שטיין הט דריי פארבון רוט אונ שווארץ אונ גרון אונ די סגולה פון דעם שטיין איז דאס ער האלט אויף בלוט אזו אויך הט בנימין אויף גהאלטון זיין מול דען ער האט גוויסט דאס דוא ברודור האבון יוסף פר קופט אונ הט זיך אויף גוהאלטון אונ האט נוט גזאגט דעם

פאטור

של"ה הקדוש

(ולא יזח החשן מעל האפוד) אונ עם זאל זיך נוט אוועק רוקין דער חשן פון דעם אפוד ר' מנחם הבבלי שרייבט אונ דער מצוה גפונון מור ארמז אויף דוא וויכטוקייט פון ערלוכו דיינים. דוא גמרא זאגט דער וועלכר שטעלט נוט אויף קיין ערונטלוכון דיין איז גלייך וויא ער וואלט גפלאנצט איין אשרה צוא

פאטור אונ דרום הט ער גהט דם שטיין (ישפה) דאס איז צווייא ווערטור (יש פה) ער האט אמול אונ האט דאך נוט גרעט דם מען הט יוסף פאר קופט דער בחיי שרייבט דו אבנים טובות הט מען גמוזט גאנץ ריין האלטן דען ווען זיי זענון נוט ריין ווערון זיי אן זייער סגולה דוא גמרא זאגט אונ סוטה דער שמיר איז גווען איין ווארום וואס מען האט מוט אים אום גגראבון דוא נעמון פון דוא שבטים אונ דו שטיינור אונ דר ווארום איז גווען קליין ווי אגערשטון אונ איז ווארון בשפון פון ששת ימי בראשית אונ מען האט דעם ווארום גהאלטן אונ וואל אונ אבליי ערנו כלי אונ אין דר כלי איז גווען קלייען פון גערשטון אונ ווען מען לייגט אום אקעגון איין שטיין אודור אקעגון אייזון אודור אקעגון איין אנדורו האט זאך ווערט עם צוא שפלטון דער ירושלמי זאגט אונ יומא עם איז גווען איין אשה וואס האט גהייסון קמחית אונ האט גהאט זובון זון אלו זענון גווען כהנים גדולים אונ בהמ"ק האבון דוא חכמים זוא גפרעגט וואס פר אמצוה האסטו גטאן דאס דוא האסט זוכה גווען צו האבון זובון זון וואס זאלון זיין כהנים גדולים האט זוא גענפורט זוא הט וייל איר לעבון נוט גוויזון דוא האר פון איר קאפ אפילו פר דוא באלקון פון איר הוז אונ מור גפונון פול נשים צדקניות וום ברענגון פרומו קונדור אוף דר וועלט דורך זייער תפלה אונ צניעות אזו וויא מור גפינון ביי חנה דם זוא הט תפלה גטאן צו גאט אונ ביהמ"ק זוא זאל האבון קונדור הט גאט צו גהערט איר תפלה אונ הט איר גגעבון איין פרומון זון וום ער איז גווען אנביא איבור ישראל אונ הט גהייסון שמואל הנביא (ועשית מעיל) דוא זאלסט דעם כהן גדול מאכון איין אובערשט העמד אונ עס זאל אונטון דר ביי זיין צווייא אונ זובצוג גלעקלוך כדי מען זאל הערון ווען ער וועט אריין גיין אונ היכל אזו ווי דר סדר איז ביי שרים דם מען גייט נוט אריין אונ זיין חדר בוז מען טוט זיי פרור צייא ווסון אונ תאטשו גאט ווייסט אליץ אונ מען דארף אום נוט צוא וויסון טאן נאר מען הט דם גטאא כדי דו מלאכים וואס זענון דארטן זאלון ארום גיין אונ זאלון לאזון דעם כהן גדול אריין גיין צוא טאן דוא עבודה אונ ער זאל נוט ניזוק ווערון פון דו מלאכים אונ אוך ווען ער איז ארום גגנגון האט ער אוך גקלונגון כדי דו מלאכים זאלון ווידור אריין גיין צו דונון פר גאט אזו הט ער תמיד גקלונגון ביי דעם אריין גיין צו נעמון רשות אריין צו גיין אונ ביי דעם ארום גיין צוא נעמון רשות ארום צוא גיין (ועשית ציץ זהב) דוא זאלסט מאכון דעם כהן גדול איין גולדונו בלעך אוף זיין שטערון בוז אונ דוא אוערון אונ אונ דוא עקון איז גווען לעבור וואס מען הט אריין גטאן זיידונו פעדום אונ מען הט דער מוט צו גובונדון אונטור זיין אקון אזו הט זוך דם שטרק גהאלטן אוף זיין שטערון דער בחיי שרייבט עם איז גווען אחידוש ביי דוא כהנים

**של"ה הקדוש**

דער עבו"ם . נון איז דער חשן מכפר אוף אפאלשון פאר דרייסון משפט . אונ דער אפוד איז מכפר אוף עבודה זרה . דרום האט דוא תורה גהייסון אז דער חשן זאל זיין שטענדונ צו גבונדון צום אפוד . דוא דיינים זאלון בשטראפון דוא זונדר . אונ זייא אליין זאלון נוט בעבירה אוף גנומון ווערון :

(לא יקרע) עס זאל דער מעיל נוט אוף גרובון ווערון . ר' מנחם הבבלי זאגט דאס איז ארמז פאר דעם כהן ער זאל מאכון אפעסטו צום אוף זיין מויל ער זאל זוך נוט רייסון צו ריידון לשון הרע אונ דבורים מגונים . ער שטייט פר גאט אונ בעט פאר דעם כלל . דארף ער זיין מויל ווייטר הוטון . ער פר בונדעט אונ פאר איינוגט . דארף ער קיין רום נוט מאכון דען דער גוף איז איין קלייד פאר דעם נפש אונ דער מעיל איז אקלייד פאר דעם גוף . דארפון דוא אלו קליידור צו זאמון גבונדון זיין אזו וויא עס טאר נוט זיין קיין רום אונ דעם מעיל אזו טאר נוט זיין קיין רום אונ דעם גוף אונ אין דער נשמה :

כהנים דאס זיי האבין גקענט אום ליידון דען זיי האבין אלו טאג דוא עבודה גטאן גאר אונ איין העמד אונ בארויס אונ האבין גוליטין גרוס קעלט זוממר אונ ווינטער אונ דרום האט מען זיי גשטעלט חכמים צו זעהון וועלוכור עס איז שלאף דען עס איז צווישון זיי פיל שלאפו גוועזן איבור דער קעלט וואס זיי האבין זוך גומוזט אלו צייט טובלין אונ קלטון וואסור אונ זענין גנגגון בארויס אונ איין העמד ביי דר עבודה (וזה הדבר אשר תעשה) אונ דס איז דו זאך וום איר זאלט טון צו מקריב זיין קרבנות דר בחיי שרייבט דרום שטייט הדבר צוא ווייזון ווען דאס ביהמ״ק וועט חרוב ווערון אונ דוא קרבנות וועלון בטל ווערון וועט דאס ריידון פון תפלה זיין אן גונומון פר גאט גלייך ווי קרבנות דרום זאגט דר פסוק (וזה הדבר) כלומר דער דיבור וועט זיין אונ אורט פון קרבנות אונ דו לוייםהבון גוזונגון אלו טאג אנגדורון מזמור פון תהלים דם ערשטון טאג פון דער וואך הבון זיי גזאגט דעם מזמור כ״ד (ליהוה הארץ ומלואה) ווייל אונ דעם ערשטון טאג איז ווארון דו ערד באשאפון דעם אנדורון טאג פון דער וואך האבון זיי גזאגט דעם מזמור מ״ח (שיר מזמור לבני קרח) ווייל זיי זענון גוועזן לויים וום גאט האט זיי אפ גשייד פון ישראל צו דינון פאר אים אזו ווי ער הט אונ דם אנדורון טאג אפ גושייד דם וואסור פון דער ערד פון דעם וואסור וואס אויף דעם הומול וואס זוא איז נאהונט צו גאט דם דריטון טאג פון דער וואך האבון זייא גוזאגט דעם מזמור פ״ב (בקרב אלהים ישפוט) ווייל אונ דעם דריטון טאג האט גאט באשאפון דעם גן עדן מיט אלורלייא פירות דאס ער זאל דער מיט משפוטון דעם מענשון ווען ער וועט טון עבירות וועט ער אום פר טרייבון פון דעם גן עדן דעם פערדון טאג אונ דר וואך הבון זייא גזאגט דעם מזמור צ״ד (אל נקמות יי) ווייל גאט שטראפט דו וום דינון צו דער זון אונ צוא דער לבנה וואס זייא זענון ווארון באשאפון אונ דעם פערדון טאג דעם פופטון טאג אונ דער וואך האבון זיי גזגט דעם מזמור פ״א (הרנינו לאלהים עוזנו) וואס אונ אום שטייט (המעלך מארץ מצרים) גאט האט דוך אום גוצוגון פון מצרים פון פרעה וואס ער איז גוגלוכון צו אגרוסון פויש וום זיי זנון וורון בשפון אונ דם פופטון טאג דעם זעקסטון טאג פון דר וואך האבון זייא גוזאגט דם מזמור צ״ג (יי מלך גאות לבש) דאס איז אקעגון דעם מענטשון וום איז ווארון באשאפון אונ דם זעקסטון טאג אונ פארום פון גאט אונ ווען ער איז פרום אזו הערשט ער איבור אלו בשעפונש פון דער וועלט אום שבת האבון זייא גוזאגט דעם מזמור צ״ב (מזמור שיר ליום השבת) דם גאט רואט אום שבת דרום זלון מיר אויך רוען דר אבן שואב שרייבט אונ דער סדרה עס שטייט (זכור את אשר עשה לך עמלק) אונזורו חכמים הבון גומכט פור פרשיות פרשת שקלים אונ פרשת זכור אונ פרשת פרה אונ פרשת החודש אונ חודש ניסן אונ נאך פרשת שקלים אונ נאך פרשת זכור וואס דאס איז אקעגון עמלק צו ווייזון דם מיט דו שקלים וום ישראל האבון גוגעבון אונ בהמ״ק האבון זייא פאר שטערט דו צעהון טוזונט שטוק זילבר וואס המן האט גגעבון צו הרגונון ישראל וום ער קומט ארוס פון זרע עמלק דען גאט שוקט תמיד דו רפואה פר דר מכה אונ דרום זאגט דר פסוק זכור את אשר עשה לך עמלק גדענק וום עמלק הט דור גוטון דען ער איז גזעסון גאנץ ווייט פון ישראל נאך זובון מלכים אונ איז זיי אלו איבור גגאנגון אונ הט גטייט פול פון ישראל אונ המשו ער הט דאך גזעהן דו ניסים וום גאט הט גוטון צו ישראל דם

אלו האבן זיך גפארכטן צו אן רירן אונ ישראל אבר עמלק הט אלו גשטארקט דם הארץ צו דער שלאגן דיא ישראל דרום זאלט איר אום דר מאנן מיט דם מול צו שעלטן אום דער מדרש פרעגט ווארום איז עמלק ניט גקומן אויף ישראל איי זיי זענן גגאנגן קיין מצרים ווס זיי זענן גאר ווייניג גוועזן זאגן אטייל חכמים ער הט מורא גהט פר יעקב ווייל עשו הט אים ניט גקענט טון מיט פור הונדרט מאן דרום הט ער אויך מורא גהאט פר אים אונ אטייל זאגן עס איז אים איין חרפה גוועזן צו שטעלן זיך אקעגן ווייניג פאלק אונ אטייל זאגן עמלק הט גזאגט ווען איך וועל ישראל פר לירן איי זיי גייאן קיין מצרים וועל איך מוזן דינן די מצרים דען גאט הט גזאגט צו אברהם דם זיינו קינדר וועלן דינן דיא מצרים אונ עמלק איז גוועזן פון עשו ווס ער איז פון די קינדר פון אברהם אונ ווען ישראל זענן שלאף אונ תורה אונ אין מצות הט עמלק איבור זיי כח צו טון זיי בייז דען דר וואלקן איז גוועזן ארום ישראל דם קיין פייל אונ קיין בוגן הט ניט גקאנט טון צוא ישראל וואר דיא שלעכטו פון ישראל ווס האבן ניט גהאלטן די תורה אונ מצות די הט דר וואלקן ארויס גווארפן הט עמלק זיי גטייט אונ אזו אויך ביי המן ווס ער איז ארויס גקומן פון עמלק זענן דענסט מאל דיא ישראל שלעכט גוועזן דם זיי האבן גגעסן פון דר סעודה פון אחשורוש דרום האט המן כח גהאט אונ הט זיי גוואלט טייטן אונ אטייל זאגן זייא האבן זיך גבוקט צו דיא ע"ז פון נבוכדנצר דרום הט המן כח גהאט צו טייטן זיי אונ דר פסוק זאגט ביי המן דרייא לשונות להשמיד להרוג ולאבד להשמיד מיינט מען ער הט גוואלט פר שטערן ישראל פון תורה אונ מצות אונ להרוג איז טייטש ער האט גוואלט ישראל מאכן פר לירן זייער גוף אונ לאבד מיינט מען ער הט גוואלט מאכן ישראל פר לירן זייער געלד אונ גוטס דרום מאכן מיר אום פורים דריי ערליי צום ערשטן ליינן מיר די מגילה איז אקעגן דם ווס ער הט אונז גוואלט פר שטערן תורה אונ מצות דאס אנדרו ווייל המן הט גוואלט מאכן פר לירן אונזר גוף דרום טון מיר עסן אונ טרינקן צו שטארקן אונ צו דר פרייאן דם גוף דם דריטו ווייל ער הט גוואלט מכן פר לירן אונזר געלד דרום שיקן מיר מתנות צוא עניים דער אבן שואב פרעגט איין קשיא ווארום האבן אונזרו חכמים גמכט דעם עיקר פורים מיט ויין טרינקן אונ מיט עסן אונ האבן גזאגט מען דרף שיכור זיין אום פורים אונ ביי אנדרו ימים טובים איז ניט דר עיקר דם טרינקן אונ וויא גשוקט זיך דאס זיי זאלן הייסן שיכור זיין אמר פול בייז קומט דך דורך שכרות אזו ווי מיר גפונן ביי נח אונ בייא לוט דר תירוץ איז דרום הט מען גמאכט מען זאל אום פורים טרינקן ווייל די מעשה פון אחשורוש פון אן הייב ביז אונ סוף איז אלץ גוועזן דורך ויין טרינקן דען אחשורוש האט גמאכט פיר סעודות די ערשטו סעודה הט גמאכט אחשורוש אונ ושתי אונ ווייל ער האט פול ויין גטרונקן הט ער גהייסן ושתי הארגנן אונ אסתר הט צו גנומן דם מלכות דיא אנדרו סעודה איז גוועזן ווייל ער האט גינומן אסתר וואס דורך דעם האבן צווייא הארן בגתן ותרש גצערנט אויף דם מלך אונ האבן אים גוואלט געבן סם המות אונ האבן גרעט מיט איין לשון ווס קיין מענש הט ניט פר שטנן נאר מרדכי דאס פר שטאנן האט ער דאס גזאגט צו אסתר אונ אסתר האט גזאגט צום מלך דם מרדכי הט אויך דם גזאגט האט מען די ביידו הארן גהאנגן אונ מען הט דם פאר שריבן דם מרדכי הט מציל גוועזן דעם מלך פון דעם טוט

אונ אז המן האט גוואלט מרדכי הענגן האט מען הענטמאל גליינט דם ספר דברי הימים פר דעם מלך האט גיפונן שטיין דאס מרדכי האט מציל גוועזן דם מלך פון דעם טוט אונ דער מלך ברוגז גווארן אויף המן אונ הט גזאגט דו ווילסט הענגן איין גוטן מאן וואס הט מיך מציל גוועזן פון דעם טוט אונ הט גהייסן מען זאל המן הענגן דס איז אליץ גיקומן דורך דר אנדרער סעודה (ויבז בעיניו) עס איז גוועזן אחרפה צו המן ער זאל הרגינן נאר מרדכי אונ האט גוואלט הרגינן אלו יהודים דר מדרש שרייבט גאט זאגט איך האב נוט פאר דארבן די ישראל אונ דר מדבר אז זייא הבן גמאכט דם עגל אונ דו ווילסט זיי פאר דארבן עס איז אמשל איין פוגיל הט זיך גומאכט אנעסט בייא דעם ים איז גוקומן איין אונד אונ הט דו נעסט פאר טרענקט האט דער פוגיל גוזאגט איך וועל דער פאר דעם ים טרוקן מאכן אונ האט אליץ אבוסול וואסור גונומן פון דעם ים אונ האט גוגאסן אויף דער יבשה אונ הט גונומן ערד אונ הט גווארפן אונ ים דאס ער זאל טרוקן ווערן איז גוקומן אנדרער פוגיל אונ פרעגט אים וואס טוסטו ענפורט דר פוגיל דר ים הט פר טרענקט מיין נעסט וועל איך אים טרוקן מאכן זאגט דער אנדרער פוגיל דו וועסט פר לורן ווערן אונ דם וועסטו גוט קענן טון אזו אויך האט המן גוואלט פר לורן ישראל אונ גאט האט זיי מציל גוועזן המן הט גזגט צוא אחשורוש (ישנו עם אחד) ישראל זענן פר ענדרט מוט זייער גלובן אונ מוט זייעור תורה אונ מוט זייעורו ימים טובים דעם זובוטן טאג מכן זיי שבת אונ אלו דרייסוג טאג מאכן זיי ראש חודש אונ דר נאך פסח אונ שבועות אונ ראש השנה אונ יום כפור אונ סוכות אונ שמיני עצרת הט גאט גזאגט דוא רשע דוא שרייסט ווס ישראל האבן פול ימים טובים איך וועל זיי נאך איין יום טוב געבן דס איז פורים ווען מען וועט דיך הענגן אונ זיי וועלן פריילוך זיין דוא דרוטו סעודה האט אחשורוש גמאכט דם דר מלך אונ המן האבן זוך גזעצט עסן אונ טרונקן אונ דר מלך הט אום געבן דם פונגרול צו חתמנן מען זאל פר לורן די ישראל אונ ווי באלד דוא ישראל זענן דאס גוואר גווארן האבן זיי גרוס תשובה גטאן אונ פון דער תשובה וועגן האט זייא גאט גהלפן אונ הט זיי אים גליזט אונ דם איז אליץ גוקומן פון דער סעודה אונ מרדכי אונ אסתר הבן גופסט אים פסח דרום שטייט (וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו) פרעגט דער אבן שואב ווארום דארף זוא זאגן אויך זאלט נוט עסן ווען זוא האט גזאגט מען זאל פאסטן ווייס איך דאך דאס מען זאל נוט עסן דער תירוץ איז זוא הט גזאגט מען זאל פסטן אים פסח אונ מען זאל נוט עסן קיין מצה אונ נוט טרונקן קיין ויין אויף ארבע כוסות האטשו עס איז איין חיוב צוא עסן מצה דו ערשטו נאכט פסח אונ צו טרונקן ארבע כוסות זאלט איר דאס דאך נוט טון אונ זאלט פאסטן דו פערדו סעודה איז גוועזן ווס אסתר הט צווייי טאג נאך אנגדור גמאכט אסעודה אויף אחשורוש אונ דורך דעם איז המן ווארן גהאנגן מען הט דרום דא גשטעלט דוא מעשה פון המן ווייל דוא סדרה לייגט מען אונ דער וואך וואס פורים איז ווען עס איז נוט קיין עיבור יאר:

(אַתָּה בֶן אָדָם הַגֵּד אֶת בֵּית יִשְׂרָאֵל אֶת הַבַּיִת) הָט גָאט גֶזָאגְט צוּ יְחֶזְקֵאל דוּ בֶּן אָדָם זָאג צוּ דֶעם הוֹז גֶזוּנְד פוּן יִשְׂרָאֵל וָוס זֶענֶען אוּנ גָלוּת דָאס בִּנְיַן בֵּיהמ״ק וָואס וֶועט זַיין אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אַזוֹ וִוי דוּ הָאסְט גֶזֶעהֶען (וְיִכָּלְמוּ מֵעֲוֹנוֹתֵיהֶם) אוּנ זַייא וֶועלֶען דוּרְךְ דֶעם פַאר שֶׁעמְט וֶוערֶען פוּן וֶועגֶען זַייעֶרֶע זוּנְד וַוייל זַיי וֶועלֶען הֶערֶען דָס אוּךְ וִויל צוּ זַיי טוּאוּן חֶסֶד צוּ בּוֹאוּן זַיי דָם בהמ״ק אוּנ פוּן זַיי נוּט מְמָאֵס פוּן וֶועגֶען זַייעֶרוּ זוּנְד (וְאִם נִכְלְמוּ מִכֹּל אֲשֶׁר עָשׂוּ) אוּנ אַז זַיי וֶועלֶען פַר שֶׁעמְט וֶוערֶען פוּן וֶועגֶען אַלוּ זַייעֶרוּ זוּנְד יָואס זַיי הָאבֶּען גְטוּאוּן דֶענְסְט מָאל (צוּרַת הַבַּיִת וּתְכוּנָתוֹ) דָם גְשְׁטַאלְט פוּן דָם הוֹז אוּנ דוּ צָאל פוּן זַיינֶע זַייט קַאמֶערֶען אוּנ אַנְדֶערוּ קַאמֶערֶען (וּמוֹצָאָיו וּמוֹבָאָיו) זַיין אַרוֹם גַאנְג אוּנ זַיין אַרַיין גַאנְג (וְכָל צוּרוֹתָיו וְכָל חוּקוֹתָיו) אוּנ זַיין גַאנְץ גְשְׁטַאלְט פוּן אוּטְלוּכִין חֶדֶר וָוס אוּנ אוּם אִיז אוּנ אַלוּ זַיינֶע גֶזֶעץ (וְכָל צוּרוֹתָיו וְכָל תּוֹרוֹתָיו) אוּנ אַלוּ זַיינֶע גֶמֶעלֶען דְהַיְינוּ דוּ כְּרוּבִים אוּנ דוּ טֵייטוּל בֵּיימֶר אוּנ אַלוּ זַיינֶע לֶערְנוּנְג כְּלוֹמַר זַיינֶע דִינִים דָם אַלְץ (הוֹדַע אוֹתָם) זַייא מוֹדִיעַ זַיי (וּכְתוֹב לְעֵינֵיהֶם) אוּנ שְׁרַייבּ אוּף פַר זַייעֶרוּ אוֹגֶען (וְיִשְׁמְרוּ אֶת כָּל צוּרוֹתָיו וְאֶת כָּל חוּקוֹתָיו וְעָשׂוּ אוֹתָם) אוּנ זַייא זָאלֶען הוּטֶען אוּנ זַייעֶר הַארְץ גָאר זַיין גוּמֶעל אִין אַלוּ זַיינוּ גֶזֶעץ כְּדֵי זַיי זָאלֶען וִויסֶען צוּ מַאכֶען אוּם אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוֹדֶער דוּרְךְ דָם וָוס זַיי וֶועלֶען גְלוֹיבֶּען אוּנ הַארְצֶען וֶועלֶען זַיי זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכֶען אֵיין בֵּיהמ״ק אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוֹבֶּער דֶער וָואס וֶועט נוּט גְלוֹיבֶּען דֶר וֶועט נוּט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶן דָם בהמ״ק פוּן מָשִׁיחַ אוּנ וֶועט נוּט אוּף שְׁטֵיין קֵיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים (וְהַהַרְאֵל אַרְבַּע אַמּוֹת) אוּנ דוּ הוֹךְ פוּן דֶם דַאךְ פוּן דֶם מִזְבֵּחַ פוּן דֶם סוֹבֵב אוּנ אַרוּף צוּא אִיז גֶוֶועזְן פוּר אֵיילֶען (וּמֵהָאֲרִיאֵל וּלְמַעְלָה הַקְּרָנוֹת אַרְבַּע) אוּנ פוּן דֶם מִזְבֵּחַ אוּנ אַרוּף צוּ אִיז אַרוּם גֶגַאנְגֶען פוּר הֶערְנֶר אוּנ דוּא פוּר עֶקֶן אוּנ דְרוּם הֵייסְט דָם מִזְבֵּחַ אֲרִיאֵל וַוייל דָם פַייאֶר פוּן דֶעם הוּמוּל וָוס אִיז גֶוֶועזְן אוּף דֶם מִזְבֵּחַ הָט גְהַאט אֵיין גֶשְׁטַאלְט פוּן אֵיין לֵייבּ וָואס עֶר אִיז אֵיין מֶלֶךְ אוּבּוּר אַלוּ חַיּוֹת (וְהָאֲרִיאֵל שְׁנֵים עֶשְׂרֵה אוֹרֶךְ וגו׳) אוּנ דֶער דַאךְ פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ אִיז גֶוֶועזְן צְוֶועלוּף אֵיילֶען דוּא לֶענְג אוּנ צְוֶועלוּף אֵיילֶען דוּ בְּרַייט (רָבוּעַ) פוּר עֶקוּנְדִיג אִיז עֶר גֶוֶועזְן (אֶל אַרְבַּעַת רְבָעָיו) אוּף אַלוּ זַיינוּ פוּר זַייטֶען אִיז עֶר גֶוֶועזְן צְוֶועלוּף אֵיילֶען וֶוען מֶען הָאט גֶמָאסְטֶען פוּן דֶער מוּט מְמֵילָא אִיז עֶר סַךְ הַכֹּל גֶוֶועזְן פוּר אוּנ צְוָואנְצִיג אֵיילֶען דוּ לֶענְג אוּנ פוּר אוּנ צְוָואנְצִיג אֵיילֶען דִי בְּרַייט דָם אִיז גֶוֶועזְן דָאס אוֹרְט פוּן דֶער מַעֲרָכָה וָוס דָם פַייאֶר מוּט דוּ קָרְבָּנוֹת זֶענֶען דְרוּף גֶלֶעגֶען אוּנ חוּץ דָם אִיז נָאךְ דֶר דַאךְ פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ בְּרַייט גֶוֶועזְן צְוֵויי אֵיילֶען אוּף אִיטְלוּכֶר זַייט אֵיין אֵייל וָוס דוּ קְרָנוֹת הָבּוּן פַר נוּמֶען אוּנ אֵיין אֵייל אִיז גֶוֶועזְן לֵיידִיג דָם דוּא כֹּהֲנִים זָאלֶען דְרוּף גֵיין זָאגְט וַוייטֶר דֶער פָּסוּק (וְהָעֲזָרָה אַרְבַּע עֶשְׂרֵה אוֹרֶךְ בְּאַרְבַּע עֶשְׂרֵה רוֹחַב) אוּנ דוּ עֲזָרָה כְּלוֹמַר דֶר דַאךְ פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ מוּט דֶעם אוֹרְט פוּן דוּ קְרָנוֹת אוּנ דוּא לֵיידִיגוּ אֵייל וָוס דוּ כֹּהֲנִים זֶענֶען דְרוּף גֶגַאנְגֶען

אִיז

**נופת**

וּמֵהָאֲרִיאֵל וּלְמַעְלָה הַקְּרָנוֹת אַרְבַּע (יחזקאל מ״ג) דָם טַייטְשׁ אוּנ פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ אַרוּף צוּא אִיז אַרוּם גְגַאנְגֶען פוּר הֶערְנֶער אוּנ דוּ פוּר וִוינְקְלֶען (אֲרִיאֵל) אִיז טַייטְשׁ אֵיין שְׁטַארְקֶער לֵייבּ דָאס אִיז גֶמֵיינְט דֶעם מִזְבֵּחַ וַוייל דֶער הַיילִיגֶער פַייעֶר וָוס עֶר הָאט אַרָאפּ גְנוּהֶרְט פוּן הוּמוּל אוּף דֶעם מִזְבֵּחַ הָאט גְהַאט אֵיין גְשְׁטַאלְט פוּן אֵיין לֵייבּ (תָּא חֲזֵי בְּגִין דקוב״ה רְעוּתֵהּ בְּעַמָּא דְיִשְׂרָאֵל בְּעָא לְאִתְחֲזָאָה עוּבְדָא לְתַתָּא) קִים אוּנ בַּטְרַאכְט וַוייל דֶר גוּטֶער וִוילֶען פוּן השי״ת אִיז צוּ דָם פָאלְק יִשְׂרָאֵל דְרוּם הָט עֶר אָרוּם גְוִוייזְן זַיין רָצוֹן אוּנְטֶן אוּף דֶער וועלְט דוּרְךְ גְוִויסְע מַעֲשִׂים כְּדֵי צוּא דֶער וֶועקֶען זַיי צוּא תְשׁוּבָה דֶר פוּן וָוערְט אֵיין הִתְעוֹרְרוּת פוּן רַחֲמִים אוּנ דוּא דִינִים קָשִׁים הָאבֶּן מֶער קֵיין שְׁלִיטָה נוּט אוּבּוּר זַיי זֶעה

**צופים**

דֶער פַייעֶר פוּן מִזְבֵּחַ אוּנ דֶער רוֹיךְ פוּן קָרְבָּנוֹת אוּף דוּ כְּרוּבִים אוּנ דוּ הֶענְט פוּן כֹּהֵן בְּשָׁעַת דוּכָנֶען הָאבֶּן בַּאוִוייזֶען וִויא דֶער שְׁטַאנְד פוּן יִשְׂרָאֵל אִיז אַנְטְקֶעגְנֶען הקב״ה אוּנ דוּא צַייט אַז זַייא זֶענֶען פְרוּם גֶוֶועזְן הָאט דֶער פַייעֶר אוּם גֶזֶעהֶען אַז אֵיין לֵייבּ גֶועלְבּוּר עַסְט אוּף דוּא קָרְבָּנוֹת וֶוען נוּט הָאט דָאס אוּם גֶזֶעהֶען וִויא אֵיין כֶּלֶב אוּם גְצוֹגֶען אִיבֶּערֶען מִזְבֵּחַ. וֶוען דֶער רוֹיךְ פוּן דוּא קָרְבָּנוֹת הָאט זִיךְ גְצוֹגֶען גְלַייךְ צוּם הוּמוּל אוּנ נוּט אָפּ גְבֵּייגֶען זִיךְ רֶעכְטְס אָדֶער לִינְקְס אִיז גֶוֶועזֶען אַסִימָן אַז הקב״ה בַּאוִוילִיגְט זַייעֶרוּ מַעֲשִׂים אוּנ אַז נוּט אִיז גֶוֶועזֶען אַסִימָן אוּף פַאר קֶערְט חָלִילָה. בְּשָׁעַת דוּא יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶוֶועזְ נִפְאִין פְלֶעגֶען דוּא צְווֵיי כְּרוּבִים וֶוערֶען בַּאהֶעפְט בְּעָנְאַנְד צוּרָה צוּ צוּרָה וֶוען נוּט הָאבֶּן זַייא זִיךְ אוּם

איז געוועזן פערציג איילן לאנג אונ פערציג איילן ברייט ווען מען הט גמאסטן פון דר מיטן (אל ארבעת רבעיה) אוף אלו פור זייטן ממילא אוז דר סך הכל ברייט געוועזן אכט אונ צוואנציג איילן (ויאמר אלי) אונ דר מלאך הט צו מיר גזאגט (בן אדם כה אמר יי אלהים) דו בן אדם אזו האט גזאגט גאט דר האר (אלה חוקות המזבח) דס זענין דו געזעץ פון דעם מזבח צו בנייאן אים מוט זיי (ביום העשותו) אונ דם טאג ווס ער וועט ווערין גמאכט כדי ער זאל ראוי זיין (להעלות עליו עולה ולזרוק עליו דם) צו איף ברענגין אוף אים עולות אונ צו שפרענגין אוף אים בלוט פון קרבנות (ונתת אל הכהנים הלוים) אונ דו זאלסט געבין צו די כהנים ווס קימין ארום פון שבט לוי (אשר הם מזרע צדוק) ווס זיי זענין פון די קינדר פון צדוק הכהן אינ וויל ער איז געוועזן דר ערשטר כהן גדול אונ דם בהמ"ק ווס שלמה הט גבואט דרום ווערין די כהנים אן גרופין אוף זיין נאמין (הקרובים אלי נאום יי וגו׳) ווס זיי זענין נאהונט צו מיר צו בדינין מוך אזו זאגט גאט דר האר צו זיי זאלסטו געבין (פר בן בקר לחטאת) איינגו רונד צו איין קרבן חטאת (ולקחת מדמו) אונ זלסט געמין פון זיין בלוט (ונתת על ארבע קרנותיו) אין זאלסט געבין אוף די פור הערנור פון דם מזבח (ואל ארבע פנות העזרה) אונ אוף די פור ווינקלין פון דר עזרה דס איז דר דאך פון דם מזבח (ואל הגבול סביב) אונ אוף דם גבול ארום אין ארום דס איז דר יסוד ווס איז געוועזן אונ עק פון דעם מזבח (וחטאת אותו וכפרתהו) אונ זאלסט דער מוט דם מזבח ריינגון אונ זאלסט אום אפ ווישון פון דעם חול ווס אונ אום אוז ער זאל ווערון היילוג אונ זאל ראוי זיין צווא מכפר זיין אוף אום פון דער צייט אן אונ וויטור (ולקחת את הפר החטאת) אונ זלסט געמין דעם אוקס דעם קרבן חטאת (ושרפו במפקד הבית) זאלסט אים פאר ברענון אונ אויס לאז פון דם הוז (מחוץ למקדש) פון אוסון ווייגוג פון דעם בהמ"ק (וביום השני) אונ אין דם אנדרין טאג (תקריב שעיר עזים תמים לחטאת) זאלסטו מקריב זיין איין צוקלו פון צונון אונ גאנץ אן איין מום צווא איין קרבן חטאת (וחטאו את המזבח) אונ די כהנים זאלון ריינגון דם מזבח מוט דעם בלוט פון דעם צוקלו (כאשר חטאו בפר) אזו ווי זיי האבון גריינוגט מוט דם בלוט פון דם אוקס (בכלותך מחטא) אונ אז דו וועסט אוף

### נופת

גקערט איינור פון דעם אנדרון. אונ דוא צייט אז זייא זענון פרום געוועזן אונ זענון ראוי געוועזן מען זאל זייא בענשון האבון זוך דוא הענט פון כהן אליין אוף גהובון אונ דער הייך אן איין שום מוה ווייל דוא שכינה אוז נקומון צו רואון אובער זייא. דאן האבון זוך דוא פונגער וועלכו זייא זענון אנטקעגון דעם גשטאלט פון דוא איבערשטו היילוקייט אוף גהובון מוט גרוס שמחה אום מקבל פנים צו זיין דו שכינה הקדושה דאמאלטס הט דער כהן פאר שטאנון דאס דוא ישראל זענון ווערט מען זאל זייא בענשון אונ ער הט זייא מאקו גבענשט מוטון גאנצון הארצון אונ אז זייא זענון נוט געוועזן זכאין דא פלעגון דוא הענט פון כהן ווערון זייער שלאף אונ שווער דאס קום מוט גרוס יגיעות הט ער גקענט זייא אוף הייבון אונ דאס איז דער סוד פון פסוק וידי משה כבדים דאס הייסט ווייא דוא קונדר ישראל האבון פאר קרומט קעגון השי"ת אוז גוואר׳ן שוואך אונ דער אמונה שלימה ווייא עס שטייט דארטון פאר דעם גשריבון על ריב בני ישראל ועל נסותם את יי לאמר היש יי בקרבנו אם אין אזו האבון זייא באקומון איין עונש דאס דער עמלק הרשע אוז גקומון אוף זייא מלחמה האלטון אונ דוא הענט פון משה רבינו זענון שווער גוואר׳ן

### צופים

היינו עס אוז גווארון הסתלקות השכינה בוז ער הט אוף זייא מתפלל געוועזן אונ זייא האבון תשובה גטאן אונ זוך ווידור גקערט צו דוא אמונה טהורה דאן הט זוך דאס היילוגו לוכט ווידער גקערט צו זייא אז עס אוזגשרובון ויהי ידיו אמונה עד בא השמש קום אונ זעה אונ דעם ארט וויא עס רואט נאר דער רוח העליון ווערט אלעס בעלעבט אינ עס האט שון איין קיום. איין מענש אוז זיין יסוד פון הוילו ערד אונ איידור עס רוט אוף אום איין פונק פון דעם דאזוגון רוח אוז אונ אום קיין ממשות נוט פאר האנדרון אבור וויא עס שיינט אונ אום עטוואס איין רוח קדישא תיכף גפונט זוך אונ אום איין פעסטוקייט אונ איין קיום אונ נוט מיין דאס אליין נאר אפילו אונ האלץ אונ אביא אונ ווס עס אוז. אוז אוך דאס גלייכון. זעה דער טרוקענור שטעקון פון אהרן הכהן אז גאט האט אונ אום אריין גשוקט עטוואס פון זיין רוח קדישא אוז אוז ער שון גווארון בעלעבט אז איינור פון אלו לעבודונו פעשעפנוש. דוא גאלדונו כרובים האבון אוך פאר שטאנון דורך איין רוח עליון ווען הקב"ה באווילוגט דו ישראל ווייל זייא האבון גקוקט אוף דעם פייער פון מזבח אונ אוף דעם רוך פון די קרבנות אוך אוף דוא הענט פון כהן בעת ער האט

אויף הערין צוא ריינוגון דעם מזבח (תקריב פר בן בקר תמים) זאלסטו מקריב זיין כלומר דוא זאלסט ברענגון אונ דר עזרה איין יונגו רונד איין גאנצו אן איין מום (ואיל מן הצאן תמים) אונ איין ווידור פון איין שאף איין גאנצון (והקרבתם לפני יי) אונ זאלסט זיי מקריב זיין אויף דעם מזבח פר גאט (והשליכו הכהנים עליהם מלח) אונ דוא כהנים זאלון אויף זיי ווארפון זאליץ (והעלו אותם עולה ליי) אונ זיי זאלון זיי אויף ברענגון אקרבן עולה צוא גאט אונ מען הט גדארפט געבון זאליץ אויף אוטליכון קרבן דען אז גאט האט בשאפון דוא וועלט זענון אלו וואסורון גוועון אובור דעם הומיל אונ האבון נוט גוואלט אראפ גיין אויף דער ערד זיי האבון גוואלט זיין אויף דם הומול נאהונט צו גאט הט זיי גאט צו גזאגט דם זייא זאלון חשוב זיין דם מען וועט קיין קרבן נוט מקריב זיין אן זאליץ וום דם קומט פון וואסור (שבעת ימים תעשה שעיר חטאת ליום) זובון טעג זאלסטו מאכון איין צוקלו פר איין קרבן חטאת צוא

אוטליכון טאג (ופר בן בקר) אונ איין יונגו רונד (ואיל מן הצאן) אונ איין ווידור פון שאף (תמימים יעשו) גאנצו אן איין מום זאלון זייא מאכון פאר עולות אלו זובון טעג (שבעת ימים יכפרו את המזבח) זובון טעג זאלון זיי אפ ווישון דם מזבח פון דם חול וום אונ אום אוז (וטהרו אותו) אונ זאלון אום ריינוגון (ומלאו ידיו) אונ זאלון דער פולון זיינו הענד כלומר זיי זאלון אום בנייאון צו מקריב זיין אויף אום קרבנות (ויכלו את הימים) אונ אז זייא וועלון אוים לאזון דוא זובון טעג וועט דר מזבח בנייאוט ווערון צוא קרבנות (והיה ביום השמיני והלאה) אונ עם זאל זיין פון דעם אכטון טאג אונ ווייטור (יעשו הכהנים על המזבח) זאלון דוא כהנים מאכון אויף דם מזבח (את עולותיכם ואת שלמיכם) אייערו עולות אונ אייערו שלמים (ורצתי אתכם) אונ אוך וועל אן נעמון אייערו קרבנות ברצון (נאום יי אלהים) אזו זאגט גאט דער האר :

**נופת**

גבענטשט דוא קונדר ישראל . דאן האבון זייא זוך צו גבונין פנים צו פנים אונ וויא זיי האבון אן זייא פאר שטאנון אז דער ווילון פון הקב"ה אוז נוט גוועזון צו זיינו קונדר האבון זייא זוך תיכף אום

**צופים**

גקערט איינור פון דעם אנדרון אום דאמוט זייא צו לערנון צו תשובה וואול אוז דוא ישראל דם הקב"ה לערונט זייא וויא אפאטור זיין קונד כדי זייא זאלון גלוקלוך זיין בעולם הזה ולעולם הבא :

## צאינה פרשת תשא וראינה

כי תשא) דר בחיי שרייבט שלמה המלך הט גזאגט אונ משלי (יראת יי תוסיף ימים) די פרכט פון גאט טוט מערון טעג (ושנות רשעים תקצורנה) אונ די יארון פון דוא רשעים ווערט פאר קורצט דם לערונט אונז דאם גאט טוט מוט דעם מענשון אלו טאג ניסים וואם ער ווייסט ניט אונ טראכט דרויף נוט דען עם אוז גווים דם פארכט מאכט קארץ די יארון אונ דר צדיק פארכט זוך פר גאט אונ לעבט דאך לאנג דם אוז איין גם אונ עם אוז גווים ווען אמענש עסט גוטו שפייז אוז ראוי ער זאל לאנג לעבון אונ דער רשע האטשו ער עסט גוטם מאכט דאך גאט קורין זיינו יארון אונ חמשו עם אוז אטייל צדיקים וואם לעבון נוט לאנג אונ עם זענון אטייל רשעים וום לעבון לאנג דם אוז ווייל ער אוז נוט קיין גאנצר צדיק אודר נוט קיין גאנצור רשע אודור גאט טייט באלד דם צדיק כדי ער זאל אויף יענור וועלט מער תענוגים האבון אונ דם מוז דר מענש גליבון דם גאט טוט מוט אום ניסים וום ער זעהט נוט אונ טראכט דרויף נוט דען דר וום גלייבט דרונון נוט דר גלייבט נוט אונ דר תורה אונ אוז נוט קיין בעל אמונה דרום האבון אונזערו חכמים גזאגט דאם די ברכה קומט נוט אנדורם נר אויף אזאך וום אוז נוט גמאסטון ווייל גאט טוט אלין ניסים פר בורגון דרום האבון די חכמים גזגט ווען ער הט גמאסטון

אונ בעט גאט זאל אום דרונון שוקון איין ברכה אוז עס איין תפלת שוא ווייל איין עין הרע קומט אוף אזאך וואס איז גציילט אודור גמאסטון אונ דרום הט גאט נוט גוהייסון ציילון ישראל נור דורך שקלים אוטלוכור פון ישראל זאל אהלבון שקל געבון אונ מען האט דוא שקלים אובור גציילט הט מען גוויסט וויא פיל ישראל זענון דרום זאגט דר פסוק (ונתנו איש כופר נפשו) אוטלוכור מענש זאל זוך אום לייזון מוט אהלבון שקל (ולא יהיה בהם נגף) ווערט אונ זיי קיין טוט נוט זיין דען מען וועט זיי אליין ציילון אונ אוטלוכור וואס ווערט ווערון גוציילט וועט ארום גיין וועט גאט זעהון אוטלוכון זיינו עבירות אונ זיינו מעשים בזונדור אונ וועט אום טייטוןאובור ווען כל הקהל זענון אונ איינום אוז צווישון זיי דא פול גוטו מעשים אונ איינור אוז מגין אוף דעם אנדורון (מחצית השקל) מען זאל געבון איין מטבע וואס אוז אהלבור שקל דען משה אוז גוועזן איין מלך האט ער זוך גומאכט אזולבורנו מטבע אזו ווי דר סדר אוז פון מלכים דאס אוטלוכור מאכט זוך איין בזונדורו מטבע אונ דו מטבע האט גוהייסון שקל הקודש ווייל מען האט מוט אור גוואגון אלו היילוגו זאכון אונ אבכור הט מען אום גולייזט מוט פונוף שקלים אונ אוך צוא אנדורו מצות האט מען דוא מטבע גונומון אונ ווייל דוא מצות שטייאון אונ דער תורה וואס זוא אוז היילוג דרום האט מען דוא מטבע גורופון שקל הקודש אונ דאס לשון פון דער תורה רופון מור לשון הקודש ווייל גאט האט גרעט מוט משה אוז דאס היילוג אונ דו זובוצוג שמות פון גאט זענון אוף לשון הקודש אונ דוא נעמון פון דו מלאכים זענון אוך אוף לשון הקודש אונ דו וועלט אוז ווארון בשפון מוט לשון הקודש אונ אז משיח וועט קומון וועלון אלו רעדון לשון הקודש אזו

ווי אונ פסוק שטייט (כי אז אהפוך אל עמים וגו׳) דענסט מאל וועל אוך פר קערון איין ריין לשון צוא רופון אונ דם נאמון פון גאט דאס אוז לשון הקודש אונ דרום האט גאט גהייסון נעמון איין האלבון שקל ווייל דוא ישראל האבון גמאכט דאס עגל אונ האבון עובר גוועזן אוף דוא צעהון דברות פון גאט דרום האט גאט גהייסון געבון אהלבון שקל דאס אונ אום אוז צעהון הלבלונג צוא מכפר זיין אוף דעם וואס זיי האבון עובר גוועזן אף דו צעהון דברות אוך דרום האט גאט גהייסון געבון אהאלבון שקל כדי צו מכפר זיין אוף דעם עגל וואס זיי האבון גמאכט אונ האלבון טאג דר צרור המור שרייבט דרום שטייט דוא פרשה פון כי תשא ביי דר פרשה פון קטורת ווייל קטורת האלט אוף אמגפה מען זאל נוט שטארבון אונ דורך ציילון קומט איין מגפה צו ווייזון דם גאט לערונט אונז מען זאל נוט ניזוק ווערון אונ דרום שטייט (ונתנו איש כופר נפשו) דאס אוטלוכור מענטש זאל זוך אוים לייזון דם קיין מגפה זאל נוט קומון דורך ציילון דאס לערונט אונז גאט אז דם בהמ״ק אוז גשטאנון האט קטורת אוף גהאלטון דו מגפה אונ אז דם בית המקדש וועט חרוב ווערון וועט צדקה אוף הלטון דו מגפה אזו וויא אונ פסוק שטייט (וצדקה תציל ממות) צדקה טוט מציל זיין פון דעם טוט אונ אונזורו חכמים זגון אובון אונ דר פרשה שטייט דם גאט אוז מוחל דו עבירות איין מאל אונ יאר דם אוז יום כפור דרום שטייט דא כי תשא כלומר דו גאט זאלסט פר טרגון אונ מוחל זיין דו זונד פון ישראל פון וועגון דר צדקה וואס זיי גובון אונ דרום הט גאט גוהייסון געבון איין האלבון שקל צו ווייזון דם גאט בגערט נוט קיין פול צדקה נאר אהלבון שקל פון ארומו אונ רייכו גליך אונ דר בחיי שרייבט דרום האט מען גוגעבון

איין הלבן שקל צו ווייזן דס דר מענש זאל זיך גלייך טיילן האלב דעם גוף מוט עסן אונ טרינקן ער זאל נוט פול עסן נאר כדי ער זאל קענן גאט דינן אונ הלב צו דר נשמה צו דינן גאט אונ פון דו שקלים וואס ישראל הבן גגבן הט מען גומאכט זולבורנו שוועלן וואס דו ברעטור פון דם משכן זענן דריף גשטנן כדי דס זאל זיין אכפרה צו ישראל איף דר עבירה פון דעם עגל דען איין בעל תשובה דארף זיך האלטן נודרוג אזו ווי איין שוועל וואס אוטלוכור טרעט אוף איר אונ דו ישראל זאלן אלין זעהן דו שוועלן אונ זאלן חרטה האבן אוף זייערו עבירות נוט מער צו טאין אונ דו תורה הט אן גשרובן דו פרשה פון דם הנד פאס נאונט ביי דר פרשה פון שקלים וום דם ווייזט אוף צדקה געבן אונ דם האנד פאס ווייזט דם מען זאל דו הענט ווישן צום עסן צו ווייזן דם צדקה געבן דם עני מוט עסן אוז דו גרעסטו מצוה אונ נאך איין פשט אוז דרום הט גאט אן גשרובן דו פרשה פון דעם האנד פאס לעבן דער פרשה פון שקלים ווייל ווען מען גוט נוט קיין צדקה קומט מען צוא עניות אונ ווען מען וואשט נוט רעכט דו הענט צום עסן קומט מען אוך צו עניות אזו ווי דו חכמים זאגן ווער עס וואשט די הענט מוט פול וואסר דם גוט גאט פול גיטס אונ פון דם האנד פאס האבן דוא כהנים גוואשן דו הענד אונ דו פוס אונ איין מאל דם זיי האבן גלייגט דו הענד אוף דו פוס אונ האבן גולאזט אוף זייא וואסור ריינין אונ אין דעם האנד פאס אוז גווען צוועלוף רייערן כדי עס זאלן זוך קענן וואשן צוועלוף כהנים אונ איין מאל וום מען האט זיי גדארפט צו איין קרבן פון אלו טאג אונ דער כהן וואס האט גוקולוט דעם קרבן דער האט נוט גדארפט וואשן (שמן משחת קודש יהיה זה לי) דם זאל מור זיין היילוגור בומאייל דער בחיי שרייבט פון וועגן דעם רמב״ן דער פסוק וואלט גדארפט צוא זאגן דר פומאייל זאל זיין צוא היילוגן דוא כהנים אונ ווארום זאגט גאט דער בום אייל זאל זיין צוא מור דער תירוץ אוז מען האט נוט דוא כהנים אליין דער מוט גזאלבט נאר מען האט דער פון גזאלבט מלכים אוך אזו וויא דוד המלך אונ נאך אנדרו מלכים אונ דער נאך האט דוא תורה גהייסן מאכן קטורת דם מען הט גונומן עלוף ערליי גוטו בשמים אונ מען האט דר מוט גמכט איין רוך אונ בהמ״ק אונ צווישן דו בשמים הט מען גונומן חלבנה דאס אוז טייבולש קוט חאטשו דאס שטונקט צו ווייזן דם גאט פר שעמט נוט דוא רשעים ווען זייא טאן תשובה אונ בהעפטן זיך מוט צדיקים אונ פסטן אונ טאן תפלה אזו ווי אונזרו חכמים האבן גזאגט ווען איין קהל טוט פאסטן אונ טאן תפלה אונ עס אוז צווישן זיי קיין רשעים נוט דא אוז זייער תפלה נוט אן גנומן פאר גאט דען גאט ווערט גולובט דער מוט ווען רשעים טואון תשובה אונ רעכינן זיך צווישן צדיקים אונ ווען דו רשעים זענן נוט צווישן זייא צוא טואון תשובה

### אוהל יעקב

(אך את שבתותי תשמורו) גאט הט גזאגט נייערט מיינו שבתים זאלט אור הוטן זאלסט ווישן אז דוא מצות זענן שווער אוף דעם מענשן בשעת ער טוט זייא אונ אוז זייא מקיים אונ דער שכר זייערור אוז שפעטור זייער גרוס מור האבן בקבלה אז איידור אדם הראשון האט גזונדוגט זענן דוא מצות גווען אוף אזו איין אופן אז מען הט גהאט פון זייא גרוס הנאה בשעת מען הט זייא גטון אזו וויא איינור האט

### של״ה הקדוש

(ראה קראתי בשם בצלאל) זעה איך האב אן גרופן מוט דעם נאמן בצלאל אונ הב אום ערפולט מוט דעם געמלוכן גייסט. דער פון דארף מען פאר שטיין אז דער וואס אוז זוכה צו זיין אפארשטעהור אוף דעם כלל. וויא ווייט דארף ער זיין פול מוט וויזהייט אונ מוט פאר שטאנד. אונ גווייסן אונ אן גנומן ער דארף זיין חשוב בעיני אלהים ואדם ;

תשובה ווערן דוא צדיקים גושטראפט ווייל כל ישראל זענין ערב איינור פאר דעם אנדרון אונ דרום אוך ביי דו מינים פון לולב גיעמט מען אוך ערבות וואס האבון נוט קיין גוטון ריח אונ נוט קיין טעם דס ווייזט אוף רשעים ווס הבון נוט קיין תורה אונ מצות אונ דוא אנדרו מינים ווס אונ לולב הט אוטלוכס עפוס גוטיץ דר אתרוג הט אריח אונ אטעם אונ דר הדס הט אריח אונ דר לולב וואקסט דרוף טייטלון ווס הבון אטעם פון דעסט וועגון בונד מען דוא ערבות מוט זיי אונ איינוס צוא ווייזון דס גאט בגערט דער רשע זאל תשובה טון אונ זאל ווערון גרעכונט מוט צדיקים אונ איינוס. גאט האט גזאגט (ראה קראתי בשם בצלאל) זעה איך האב גרופון אונ דעם נאמון פון בצלאל דם לערונט אונז דאס עס איז צווישון ישראל נוט גוועזן איינור ווס זאל קענון אמלאכה פון גאלד אונ זולבור אודור זייד דען זיי זענון גוועזן אונ מצרים אונ האבון מיין נוט גקענט נאר ליים קנעטון אונ בצלאל איז דענסט מאל נאר אלט גוועזן צוועלף יאר האט גאט אום געבון די גבואה דס ער הט גוויסט צוא טאן אמלאכה אונ גאלד אונ אין זולבור אונ אין זייד אונ אנדורו מלאכות (ואתו אהליאב בן אחיסמך למטה דן) אונ מוט בצלאל זאלסט נעמון אהליאב דער זון פון שבט דן האטשו ער איז פון אנידרוגון שבט אונ בצלאל איז גוועזן פון אחשובון שבט פון יהודה צוא ווייזון דס קיין מענש זאל זוך נוט הוך האלטון אונ האטשו ער איז פון אשיינו משפחה זאל ער זוך אלו צייט בהעפטון צו אנודרוגו משפחה דען פר גאט איז אלו גלייך ארום אונ רייך אונ מען האט גהייסון מאכון קליידור צו דעם כהן גדול אונ זיי הבון גהייסון בגדי שרד דס איז טייטש אובור בלייבונג דען דורך דוא קליידור זענון ישראל ניצור גווארון אונ זענון אובור גובלובון אוף דר וועלט אזו ווי דו גמרא זאגט אונ יומא אמעשה דאס אלכסנדר מוקדון איז גוקומון קיין ירושלים צו איין געמון זוא איז שמעון הצדיק אום אקעגון גגאנגון ווס ער איז גוועזן אכהן גדול אונ האט

## אוהל יעקב

הנאה וועען ער עסט אודור טרונקט נאר מחמת אדם מוט חוה האבון גזונדוגט דורך דער נחש זענין דוא מצות פאר ענדורט גווארון ווייא זאלון תחלת זיין שווער אונ דער סוף פון זייא זאל זיין גוט נאר דוא מצוה פון שבת איז גבלובון אוף דעם ערשטון שטאנד היינו דער מענש זאל עסון אונ טרונקון אונ זאל אן טון שיינו מלבושים לכבוד שבת דער מענש הט דער פון הנאה אונ נעמט דער פאר שכר אוך ווארום אז אדם הט גזונדוגט איז נאך שבת נוט גוועזן ווארום אדם הט גזונדוגט אום ערב שבת דרום איז שבת גבליבון אוף איר שטאנד ווארום שבת איז גקומון נאך דעם חטא. עס איז אמשל איין סוחר הט גברכט איין טייער שטוק סחורה ער זאל מאכון זיין בן יחיד מלבושים אונ דער סוחר הט גגעבון אונ גאנצון דו סחורה צו דעם שניידור אונ וועלוכס מלבוש דער שניידור הט פרור פארטוג גמאכט הט ער דאס אפ גבראכט דער ווייל הט זוך דער בן יחיד אן גטון דוא מלבושים אונ איז גגאנגן אונ דער נאס ער זאל זוך מוט זייא פארומון איז איינור גקומון אונ הט אום אשטופ גטואון אונ דער בלאטו אונ הט פאר שמורט אלו מלבושים נאר דאס לעצטו מלבוש וואס עס איז נאך גוועזן בייא דעם שניידור איז נאך גוועזן שיין אונ אז דם לעצטו מלבוש איז אוך פארטוג גווארון זאגט דער פאטור דעם זון אוך בעט דוך הוט אפ דאס מלבוש זאלסט דאס נוט פאר שמורון ווארום נאר דאס איינו מלבוש איז דור אובור גבלובון פון אלי מלבושים ווארום דוא פרירודוגו מלבושים זענון פאר שמורט גווארון זאלסטו האטשו דאס איינו מלבוש אפ הוטין דער נמשל איז ווייל אלו מצות זענון פאר ענדרט גווארון מען זאל קיין הנאה נוט האבון בשעת טון דוא מצוה נאר דוא מצוה פון שבת איז גבלובון אונ ערשטון שטאנד היינו מען זאל עסון אונ טרונקון לכבוד שבת אונ אן טון שיינו מלבושים דער פון הט דער מענש הנאה אונ נעמט שכר פאר דער מצוה דאס זאגט דער פסוק (אך את שבתותי תשמורו) נייארט מיינו שבתים זאלט איר האטשו הוטון זייא זאלון בלייבון אוף זייער שטאנד פונקט אזו ווייא דער פאטור הט גבעטון דעם זון דם איינו מלבוש זאלסטו האטשו אפ הוטון זאלסט נוט פר שמורון עס זאל בלייבון ביי דעם שיינקייט:

הָאט זוּךְ אָן גְטָאן אוּנ דוּא קְלֵיידוּר וָואס עֶר גֵייט אוּנ בְּהמ״ק אוּנ וִוי דֶער מֶלֶךְ הָט אוּם דֶער זֶעהוּן אוּז עֶר אוּף גְשְׁטַאנוּן פוּן זַיין וָואגוּן אוּנ הָאט זוּךְ צוּא אוּם גוּבּוּקְט אוּנ הָט פְרַיי גְלָאסְט דוּ שְׁטָאט הָבּוּן דוּ קְנֶעכְט אוּם גְפְרֶעגְט וָוארוּם טוּסְטוּ אֵיין יְהוּדִי אַזוֹ אַכָּבוֹד אָן דָאט עֶר גֶענְפֶרְט אוּנ וֶועלְכוּ מִלְחָמָה אוּךְ גֵיי זֶעה אוּךְ אַזוֹ אֵיין מֶענְש אוּנ אוּךְ גוּיין דוּרְךְ דֶעם דוּא מִלְחָמָה כְּלוֹמַר אַמַלְאָךְ הָאט זוּךְ צוּא אוּם בַּווייזוּן אוּנ דֶר מִלְחָמָה מוּט דוּ קְלֵיידוּר פוּן אַכֹּהֵן גָדוֹל (אַךְ אֶת שַׁבְּתוֹתַי תִּשְׁמוֹרוּ) מַיינוּ שַׁבָּתוֹת זָלְט אוּר הוּטוּן דָם לֶערוּנְט אוּנְז חָאטְשׁוּ גָאט הָט גְהֵייסוּן בּוּאוּן דָאס מִשְׁכָּן פוּן דֶעסְט וֶועגוּן זָאלְט אוּר שַׁבָּת הַאלְטוּן אוּנ זָאלְט קֵיין מְלָאכָה נוּט טָאן בַּיי דֶם מִשְׁכָּן אוּנְזֶערוּ חֲכָמִים זָאגוּן אַךְ אֶת שַׁבְּתוֹתַי תִּשְׁמוֹרוּ אַךְ אוּז אַמִיעוּט נַייֶערְט אֵיין מָאל זָאלְסְטוּ יוּא מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין וֶוען עֶם אוּז סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת דוּ זָלְסְט ווּיסוּן דָם שַׁבָּת אוּז דוּא עֶרְשְׁטוּ מִצְוָה וָואס יִשְׂרָאֵל זֶענוּן וָוארוּן גְבָּאטוּן אֵיי מֶען הָט דוּ תּוֹרָה גְגֶעבּוּן אוּנ שַׁבָּת אוּז גְוואגוּן אַקֶעגוּן דֶער גַּנְצוּר תּוֹרָה אוּנְזֶערוּ חֲכָמִים הָבּוּן גְזָגְט דָם יְרוּשָׁלַיִם אוּז נָאר חָרוּב גְוָוארוּן וַוייל זַייא הָאבּוּן נוּט רֶעכְט שַׁבָּת גְהַלְטוּן אוּךְ הָבּוּן דוּא חֲכָמִים גְזָאגְט וֶוען יִשְׂרָאֵל וָואלְטוּן רֶעכְט צְוֵויי שַׁבָּתוֹת גְהַלְטוּן וָואלְט מָשִׁיחַ בַּאלְד גוּקוּמוּן (וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַשַּׁבָּת) דוּא תּוֹרָה זָאגְט נָאךְ אַמָאל מֶען זָאל שַׁבָּת רֶעכְט הַאלְטוּן דָם מֵיינְט מֶען מֶען זָאל שַׁבָּת אָן גֶעמוּן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת פַאר נַאכְט אֵיי עֶם גֵייט שַׁבָּת אַרַיין אוּנ מֶען זָאל נָאךְ הַאלְטוּן שַׁבָּת וֶוען עֶר גֵייט אַרוּם אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת מֶען זָאל מֶערוּן פוּן דֶער וָואךְ צוּם שַׁבָּת (מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת) וֶוער עֶם וֶועט טוּן אַמְלָאכָה אוּם שַׁבָּת אוּנ עֶם וֶועט זַיין עֵדוּת אוּנ מֶען הָאט אוּם אָן גְזָגְט עֶר זָאל קֵיין מְלָאכָה נוּט טוּאוּן דֶעם זָאלוּן דוּ סַנְהֶדְרִין פַאר שְׁטֵיינוּן אוּנ וֶוען עֶם וֶועט קֵיין עֵדוּת

נוּט זַיין אוּנ מֶען הָט אוּם נוּט אָן גְזָאגְט דָם וֶועט גָאט פַר שְׁנַיידוּן (לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת) מֶען זָאל אָן גְרֵייטוּן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת אַלְדוּנְג אוּף שַׁבָּת אוּנ גָאט בֶּנְשְׁט דֶעם מֶענְשׁוּנְם גֶעלְד פוּן וֶועגוּן שַׁבָּת דֶר צְרוֹר הַמוֹר שְׁרַייבְּט דְרוּם זָאגְט עֶר צְוֵויי מָאל מֶען זָאל הַאלְטוּן שַׁבָּת וַוייל עֶם אוּז דָא צְוֵויי שַׁבָּתוֹת. שַׁבָּת הַגָּדוֹל וָום דֶר גוּף אוּז וָוארוּן פְרַיי פוּן דֶער אַרְבּוּט פוּן מִצְרַיִם אוּנ שַׁבָּת תְּשׁוּבָה וָום דוּ נְשָׁמָה וֶוערְט גְרֵיינוּגְט פוּן אוּרוּ עֲבֵירוֹת אוּנ דֶם שַׁבָּת וָום צְווּישׁוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּנ יוֹם כִּפּוּר פוּן דוּא צְוֵויא שַׁבָּתוֹת וֶועגוּן אוּז רֶעכְט דָאס אוּר זָאלְט הַאלְטוּן שַׁבָּת אוּנ זָאלְט גְדֶענְקוּן מַיינוּ נִסִּים וָואס אוּךְ טוּ מוּט אֵייךְ דוּ גְמָרָא זָאגְט אוּנ בֵּיצָה רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט אַלוּ מִצְוֹת זֶענוּן וָוארוּן גוּגֶעבּוּן אוֹפוּן בַּאר אוּנ שַׁבָּת אוּז וָוארוּן גְגֶעבּוּן פַאר בָּארְגוּן אַזוֹ וִויא אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט (אוֹת הִיא בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל) דֶר שַׁבָּת אוּז וָוארוּן גְגֶעבּוּן נָאר צְווּישׁוּן מוּר אוּנ צְווּישׁוּן דוּא קוּנְדוּר פוּן יִשְׂרָאֵל פְרֶעגְט דֶר בְּחַיֵּי וִוי קָאן דָם זַיין דָם שַׁבָּת אוּז וָוארוּן גְגֶעבּוּן פַאר בָּארְגוּן שַׁבָּת אוּז דָאךְ וָוארוּן גוּזָאגְט צְווּישׁוּן דוּא עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָום זֶענוּן וָורוּן גְגֶעבּוּן אוֹפוּן בַּאר דֶער תֵּירוּץ אוּז דוּא גְמָרָא מֵיינְט שַׁבָּת אוּז וָוארוּן גוּגֶעבּוּן צוּ דֶער נְשָׁמָה וָום זוּ אוּז פַאר בָּארְגוּן אוּנ גוּף דָם נוּט דֶער גוּף אַלֵיין זָאל רוּאוּן נָאר דוּ נְשָׁמָה זָאל אוּךְ רוּאוּן דָם מֶען זָאל תּוֹרָה לֶערְנוּן וָום דֶער מוּט רוּאוּט דוּא נְשָׁמָה דֶען זוּא בַּאגֶערְט אַלֵיין צוּא לֶערְנוּן אוּנ מִצְוֹת צוּא טוּאוּן דְרוּם הָאבּוּן אוּנְזֶערוּ חֲכָמִים גְזָאגְט שַׁבָּת זָאל זַיין חֶצְיוֹ לַיְיָ וְחֶצְיוֹ לָכֶם מֶען זָאל אֵיין הַאלְבּוּן טָאג עֶסוּן אוּנ טְרוּנְקוּן מֶען זָאל דֶעם גוּף פְרֵיילוּךְ מַכוּן אוּנ אַהַלְבּוּן טָאג זָאל מֶען לֶערְנוּן אוּנ מִצְוֹת טוּן מֶען זָאל דוּ נְשָׁמָה פְרֵיילוּךְ מַאכוּן נוּט אַזוֹ וִוי אַטַייל לַייט וָואס רֶעדוּן אוּם שַׁבָּת לַיידוּגוּ רֵייד אוּנ

גוט קיין דברי תורה דרום זאגט דער פסוק (ביני ובין בני ישראל) שבת זאל מער נוט זיין נור צווישן מיר אונ צווישן דו קונדור ישראל כלומר זיי זלון תורה לערנון אונ עסון אונ טרינקון אובור גוט עפוס אנדורש צוא רעדון אונ דרום זאגט דער פסוק לעשות את השבת מען זאל אום שבת תשובה טואון כלומר מען זאל תורה לערנון אונ טראכטון אונ גאטש דינסט דען אגאנצו וואך הט דר מענש נוט צייט פון וועגון זיין ארבוט אודור פון וועגון זיין סחורה אונ דער צרור המור שרייבט לעשות אוז טייטש אזו וויא דוא גמרא זאגט ווען איין מענש הט אפילו הונדורט קנעכט זאל ער אליין טאן לכבוד שבת אזו וויא מור גופינון דאס רב יוסף אוז גוועזן איין פרנס אונ איין חשובור מאן אונ הט פול קנעכט גהאט אונ האט אליין אפ גסמלוט דעם קאפ פון איין קאלב לכבוד שבת אונ רבא אוז אוך גוועזן איין פרנס אונ דאט אוך גהאט פול קנעכט אונ האט אליין גזאלצון פוש לכבוד שבת (ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו) אונ גאט הט געגבון צו משה דו לוחות אז ער הט אוף גהערט מוט אום צוא ריידון אונ דרום זאגט דער פסוק ככלותו צו ווייזון דם גאט הט צוא משה דו תורה במתנה גגעבון אזו ווי מען שענקט איין כלה אמתנה דען עם אוז צו משה שווער גוועזן צו מקבל זיין גאר דוא תורה אונ איין קורצו צייט אונ פערצוג טעג נאר גאט האט אום גגעבון שכל אונ כח דם ער הט גקענט מקבל זיין דו תורה אונ פערצוג טעג ריש לקיש זאגט ווען איין מענש זאגט תורה פאר לייט אונ עס אוז צו זיי נוט זום אונ גשמאק אוז בעסור זיי זלון נוט בשאפון וועדון אובור ישראל אז זיי האבון מקבל גוועזן דו תורה אוז זו אוף זיי זום אונ גשמאק גוועזן אזו ווי איין כלה אוז לוב צו איר חתן רבי שמעון זגט אזו ווי איין כלה אוז גצירט מוט פיר אונ צוואנצוג צורונג אזו דארף זיין אתלמיד חכם גצירט מוט דו פיר אונ צוואנצוג ספרים פון תורה נביאים וכתובים דער צרור המור שרייבט דרום זאגט דר פסוק ככלותו אונ זיין טאן אוף הערון צו ווייזון דם ווס ישראל האבון דם עגל גמאכט אונ האבון אום גטראכט דם משה זומט זוך אוף דעם בארג דם אוז שקר גוועזן נאר ווי באלד גאט הט אוף גהערט מוט אום צוא ריידון אוז ער באלד ארפ גגאנגון מוט דוא לוחות אונ דרום הט זייא גאט גשטראפט (ושני לוחות העדות) גאט האט צו משה צוויי לוחות גגעבון ווס זיי זענון עדות צו ישראל דאס דוא שכינה רואט צווו שון זיי אונ דו לוחות זענון גוועזן גלייך ווי איין זאך וואס דר מלך שוקט צוא דו לייט זייא זאלון וויסון דם ער אוז ביי זיי דר בחיי שרייבט דרום האט גאט נוט אן גושריבון דוא עשרת הדברות אוף איין לוח נייל עדות מוזון זיין צוויי אונ דוא לוחות זענון גוועזן פון שטיין ווס דאס אוז פון דער ערד אונ דם כתב אוז גוועזן פון דעם הומול כדי דוא הומול אונ ערד זאל זיין עדות ווען ישראל וועלון נוט הלטון דו תורה אזו ווי אונ פסוק שטייט (ואעידה בם את השמים ואת הארץ) אוך ווע־על מאכון פר עדות דם הומול אונ ערד ווען ישראל וועלון דו תורה נוט הלטון וועט דער הומול נוט געבון קיין רעגון אונ דו

ערד

של"ה הקדוש

(וישמע העם את הדבר הרע הזה ויתאבלו) אונ אז דאס פאלק הט גהערט דאס שלעכטו ווארט האבון זייא גטרויערט. אזו דארף יעדור מענש אז ער הייבט אן צו זוכון אונ צו בקלערון זיינו מעשים אונ ער גפונט זוך אז ער אוז אחוטא דארף ער באלד אן הייבון צו טרויערון ער דארף ארופ ווארפון דוא טייערו קליידור וואס ער טראגט אוף זוך אונ דארף זוך איין וויקלון אונ אזאק אונ וויינון אונ קלאגון אפשר וועט גאט רחמנות האבון אונ וועט אום מוחל זיין ·

ערד וועט נוט מאפון וואקסון דו תבואה אונ דרום זענון דו לוחות גוועזן פון שטיין ווייל צום מיינסטון מצות איז דם וום מען פאר שטיינגט דעם וואס איז עובר אוף זיי (וירא העם כי בשש משה) ישראל האבון גזעהון דם משה זומט זוך דען משה איז ארוף גוגאנגון אוף דעם בארג סיני זובון טאג אונ סיון אונ האט גזאגט דאס ער וועט זיין אוף דעם בארג פערצוג טאג אונ וועט אראפ גיין דעם פערצוגסטון טאג נאך זעקס שעות אונ האט גומיינט דער טאג ווס ער איז ארוף גנגגון איז נוט גרעכונט האט ער גודארפט אראפ גיין זובוצון טאג אונ תמוז נאך זעקס שעות דען דריא אונ צוואנצוג טעג פון סיון אונ זובוצון טאג פון תמוז איז פערצוג טעג אונ די ישראל האבון גומיינט דאס דער זובוטור טאג אונ סיון איז אוך גרעכונט הט משה גודארפט אראפ גיין דעם זעכצוטון טאג נאך זעקס שעות אונ אז זיי האבון גוזעהון דאס משה איז נאך נוט גוקומן דרום האבון זייא גוזאגט כי בשש דאס איז טייטש דוא זעקס שעות זענון שין גוקומון אונ משה איז נאך נוט גוקומון האבון זיי גזגט ער הט גומוזט פר לורון ווערון דר מדרש שרייבט דר שטן איז גוקומן אונ האט דעם טאג גבראכט פונצטרנוש אוף דער וועלט אונ האט גוויזון גליך וויא מען טראגט איין בעט אונטור דעם הומול כדי ישראל זאלון מיינון משה איז גושטארבון אונ זיי האבון דם עגל גמאכט דעם זעכצוטון טאג נאך האלבון טאג אונ און דער פרוא פון דם זובוצוטון טאג האבון זיי צום עגל מקריב גוועזן קרבנות אונ נאך זעקס שעות איז משה אראפ גוקומון פון דעם בארג אזו ווי ער הט גזאגט אונ הט גזעהון דם די ישראל האבון גומאכט דאס עגל אזו האט ער צו בראכון די לוחות אונ אונ דעם אבצוטון טאג הט ער גודהרגות די וואס האבון גודונט דם עגל אונ און דם

נײנצוטון טאג איז ער ווידר ארוף גנגנגון תפלה טואון פר ישראל מען זאל זייא מוחל זיין די עבירה פונם עגל אונ הט זיך ווידור גוזומט פערצוג טאג איז נאך גוועזן צעהון טאג פון תמוז אונ דער גאנצור חודש אב וום איז דרייסוג טאג אזו האבן זוך די פערצוג טאג אום גלזט אום ראש חודש אלול איז משה ווידור ארוף גוגאנגון צו מקבל זיין די אנדורו לוחות אונ הט זוך ווידור גוזומט פערצוג טעג אזו האט ער זוך גוזומט דען גאנצון חודש אלול אונ צעהון טעג פון תשרי דם איז יום כפור דענסט מאל האט זוך אום גלאזט די פערצוג טעג אונ דם טאג האט גאט מוחל גוועזן די עבירה פון דם עגל אונ האט גהייסון געבון נדבות צום משכן אונ באלד נאך יום כפור האבון ישראל גוגעבון נדבות גאלד אונ זולבור אונ זייד אונ אבנים טובות צום משכן פון דאנון לערנון מור אפ דם די מעשה פון דעם עגל איז גוועזן פר דר פרשה כי תשא איי מען האט דם משכן גובואוט (ויעשהו עגל מסכה) אונ זייא האבון גמאכט אגוגאסון קאלב פון גאלד דער בחיי שרייבט פון וועגון דם רמבין דרום הט אהרן גומכט איין צורה פון איין אוקס ווייל איין אוקס איז ביי דם כסא הכבוד אונ דר לונקור זייט אקעגון צפון אונ פון צפון זייט קומט פול בייז אוף דר וועלט בפרט אונ דר מדבר וום דרטון זענון ישראל גוועזן וום דם איז איין וויסט אורט קומט פול בייז דרום האט אהרן גמאכט אצורה פון איין אוקס כלומר גאט זאל העלפון צו ישראל אונ זאל מאכון וויאון אוף ישראל איין גוטון ווינט פון דער לונקור זייט ווי דער אוקס איז אונ כסא הכבוד (ויאמר אליהם פרקו נזמי הזהב) אהרן האט צו זיי גזאגט נעמט אראפ די גולדנו אוער רונגלוך פון איערו ווייבור אונ אוך וועל איך מאכון איין גאט דען ער האט זוך גטרכט דוא ווייבור וועלון

אזו געך נוט געבון דר וייל ווערט משה אן קומון דען אהרן הט גוויסט דס משה וועט מארגון קומון נאר ישראל זענון שלעכט גוועזן אונ האבון אום נוט גוואלט צו הערון אונ אהרן האט זוך גפרכטון מען זאל אום נוט הרגונן אזו ווי זיי האבון גהרגות חור זיין שוועסטרס זון דען זיי זענון צו אום פרוער גוקומן ער זאל זייא מאכון איין אפ גאט הט ער נוט גוואלט האבון זיי אום גהרגות דרום הט אהרן אוך מורא גהט מען זאל אום אוך נוט הרגונן אבור זיין כוונה איז גוועזן צו גאט דס ער זאל ישראל אפ פורון פון עבודה זרה אונ הט גהייסון ברענגון די אוערר רונגלוך פון זייערו ווייבור אונ די ווייבור זענון פרום גוועזן אונ האבון נוט גוולט געבון זייערו אוער רונגלוך האבון דוא מאנון ארפ גנומון פון זוך דוא גולדונו פונגרלוך אונ האבון גבראכט צוא אהרן דס גאלד הט אהרן גנומון דאס גאלד אונ האט עס איינגבונדון אונ איין טוכול אונ האט דס גוווארפון אונ פייאור זענון גוקומון דוא מכשפים פון דעם ערב רב ווס זענון אוף גגאנגון מוט ישראל פון מצרים אונ האבון זוך מגייר גוועזן אונ האבון כישוף גטאן אוז ארום גגאנגון אקאלב פון דעם פייאור אונ אטייל חכמים זאגון עס איז גוועזן איין מענטש ווס הט גהייסון מיכה וואס מען הט אום אום גוצוגון פון דער מוער פון מצרים ווען די ישראל האבון נוט גמאכט זייער צאל צוגול פלעגט מען זייערו קונדור איין מוערון הט משה גזאגט צוא גאט ווען ישראל האבון גוזונדוגט וואס האבון דוא קונדור גוזונדוגט הט גאט אום געענפורט דוא קונדור זענון אלו רשעים פרוב געם איין קונד אונ מאך עס לעבדוג וועסטו זעהן אוב עס ווערט נוט זיין איין רשע האט משה ארום גנומון איין קונד אונ הט דם לעבונדוג גמאכט אונ הט דם גורופון מיכה דם איז טייטש צו קוועטשט וויל ער איז וואר צוקוועטשט אונ דר

מיכה איז גוועזן אגרוסור רשע אונ הט גנומון אזולברנו בלעך וואס משה הט דרוף גושרובון איין שם צו אוף ברענגון דם ארון פון יוסף פון דעם טייך נילוס דען די מצרים האבון יוסף נאך זיין טוט גלייגט אונ איין אייזורנום קאסטון אונ האבון אום אריין גולאזט אונ טייך נילוס אונ אז דוא ישראל האבון גדארפט ארום גיין פון מצרים האבון זיי דעם ארון נוט גקענט גפונון האט משה גמאכט אזולבורנו בלעך אונ הט דרוף אן גשרובון עלה שור וייל יוסף הט גהייסון שור אונ הט דאס גווארפון אונ טייך איז דר קאסטון ארויף גשווימון די בלעך הט מיכה גנומון אונ דאט גווארפון אונ דעם פייער איז ארום גגאנגון איין קאלב דאס האבון ישראל גהאלטון פר איין גאט (וירא אהרן וגו׳) אונ אהרן הט גזעהן דאס קאלב לעבט אונ שפרונגט האט ער נוט גקאנט דוא ישראל אפ ריידון דאס נוט צוא דינון אונ הט גובואוט איין מזבח פאר אום דען ער הט זוך גטרכט דם ער ווערט זוך פר זומון בוז משה ווערט קומון דען ווען ישראל וועלון בואון דעם מזבח ווערט אוטליכור לייגון איין שטיין ווערט ער גוך גובואוט ווערון דרום הט ער אליין גובואוט עס זאל זוך פר זומון אונ ער הט גומוזט בואון דען ער הט מורא גהאט מען זאל אום נוט הרגונן אזו ווי זיי האבון גהרגות חור אונ ער הט זוך גטרכט ווען אוך וועל מוך לאזון הרגונן וועלון ישראל קיין כפרה נוט האבון דרום איז בעסור אוך זאל עפוס איין עבירה טון אונ וועל אליין בואון אונ גאט ווערט מור דאס מוחל זיין אונ דער בחיי שרייבט אהרן זאגט מיין כוונה איז גוט צו גאט נאר אוך טוא איין עבירה מוט דם בואון ווס אוך בין עובר איין לאו (לא תעשה וגו׳) דוא זאלסט דור נוט מאכון קיין בולד דרוף דארף מען זוך נוט לאזון הרגונן (ויאמר אהרן וגו׳) אונ אהרן הט גזאגט מארגון ווערט זיין יום טוב (ויקומו

לְצַחֵק) אוּנ יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן גוּטַאנְצְט אוּנ גוּשְׁפֶּעט דֶר תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ שְׁרַייבְּט ר׳ עֲקִיבָא זָאגְט גוּשְׁפֶּעט אוּנ גוּלֶעכְטוּר בְּרֶעגְט דֶעם מֶענְשׁ צוּ פוּל עֲבֵירוֹת אוּנ צוּ זְנוּת אַזוֹ וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שִׁמְעוּ דְבַר יְיָ) אוּר שְׁפֶּעטוּר זָאלְט צוּ הֶערוּן דוּ רַייד פוּן גָאט גָאט זָאגְט צוּ יִשְׂרָאֵל מַיינוּ קוּנְדוּר אוּךְ בּוּן גְזֶעסוּן נַיין הוּנְדוּרְט אוּנ פוּר אוּנ זוּבּוּצוּג דוֹרוֹת אֵיי דוּא וֶועלְט אוּז וָוארוּן בַּשַׁאפוּן אוּנ הָאבּ גְלֶערוּגְט תּוֹרָה אוּנ פוּן דֶעם טָאג וָום דוּ וֶועלְט אוּז וָוארוּן בַּשַׁאפוּן זוּץ אוּךְ אוּף דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד אַכְט שָׁעָה אוּנ טָאג לֶערוּן אוּךְ תּוֹרָה אוּנ אַכְט שָׁעָה טוּא אוּךְ מִשְׁפְּטוּן דוּ וֶועלְט אוּנ אַכְט שָׁעָה טוּא אוּךְ צְדָקָה אוּנ שְׁפַּייז דוּא גַאנְצוּ וֶועלְט אוּךְ לַאךְ נוּט גָאר וֶוען דֶר רָשָׁע וִויל אַיין שְׁלוּנְגוּן דֶעם צַדִיק אַזוֹ וִויא אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט (זוֹמֵם רָשָׁע לַצַדִיק) דֶער רָשָׁע טְרַאכְט בֵּייז צוּ טָאן דֶעם צַדִיק שְׁטֵייט דֶר בַּיי (יְיָ יִשְׂחַק לוֹ) גָאט לַאכְט אוּם אוּנ לָאזְט דֶעם צַדִיק קֵיין בֵּייז נוּט טָאן אָבוּר וַוייטוּר לַאךְ אוּךְ נוּט אוּנ אוּר זֶענְט עוֹסֵק אוּנ גְשְׁפֶּעט אוּנ גְלֶעכְטוּר גָאט הָט גְזָאגְט צוּא מֹשֶׁה (לֶךְ רֵד וגו׳) גֵיי אַרָאפּ פוּן דֶעם בַּארְג דֶען דַיין פָאלְק הָאבּוּן פַר דָרְבּוּן הָאט מֹשֶׁה גְזָאגְט צוּ גָאט הַייְנְט רוּפְסְטוּ זַייא מַיין פָאלְק אוּנ אַז זַייא זֶענוּן גְזֶוען אוּנ מִצְרַיִם הָאסְטוּ גוּזָאגְט אוּךְ וֶועל אוּם צוּהוּן מַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל זַייא זֶענוּן מַיינוּ קוּנְדוּר אוּנ מֹשֶׁה הָאט תְּפִלָה גְטָאן פַר יִשְׂרָאֵל אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא גָאט זֶענוּן אַנְדֶרְשׁ יִשְׂרָאֵל חַיָיב צוּא פַר

בְּרֶענְט וֶוערוּן זָאלְסְטוּ זֵיי גֶדֶענְקוּן דֶעם זְכוּת פוּן אַבְרָהָם וָוס עֶר הָט זוּךְ גְלָאזְט אַרַיין וַורְפוּן אוּנ קַלוּךְ אוּבוּן פוּן דַיינוּט וֶועגוּן אוּנ אוּבּ זֵיי זֶענוּן חַיָיב צוּ גְהַרְגוּת וֶוערוּן מוּט אַשְׁוֶועְרְד זָאלְסְטוּ זֵיי גֶדֶענְקוּן דֶעם זְכוּת פוּן יִצְחָק וָואס עֶר הָאט זַיין הַאלְז גוּשְׁטְרֶעקְט אוּף דֶעם מִזְבֵּחַ צוּא לָאזוּן זוּךְ שֶׁעכְטוּן פוּן דַיינוּט וֶועגוּן אוּנ אוּבּ זַייא זֶענוּן חַיָיב גָלוּת זָאלְסְטוּ זַייא גֶדֶענְקוּן דֶעם זְכוּת פוּן יַעֲקֹב וָום עֶר אוּז וָוארוּן פַר טְרוּבּוּן צוּ לָבָן פוּן וֶועגוּן עֵשָׂו (אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לָהֶם בָּךְ) מֹשֶׁה זָאגְט דוּ הָאסְט בַּיי דַיין נָאמוּן גוּשְׁווֹרוּן דוּ זָלְסְט יִשְׂרָאֵל נוּט פַר לוּרוּן אוּנ דוּ הָסְט נוּט גְשְׁווֹרוּן בַּיי הוּמוּל אוּנ עֶרְד דְרוּם אוּז נוּט רָאוּי דוּא זָאלְסְט דַיין שְׁבוּעָה עוֹבֵר זַיין עֶם אוּז אַמָשָׁל אַמֶלֶךְ הָאט גְפְלַאנְצְט אַוַויין גָארְטוּן מוּט גוּטוּ וַויין שְׁטָאקוּן אוּנ דֶר מֶלֶךְ הָאט דָם עֶרְשְׁטוּ יָאר פַר זוּכְט דֶעם וַויין פוּן דֶעם וַויין גָארְטוּן הָט עֶר גֶזֶעהוּן דָם עֶר אוּז זוֹאוּר הָט עֶר גְוָולְט דֶעם וַויין גָארְטוּן אוּם רַייסוּן הָאט אַיין קְלוּגוּר גֶערְטְנוּר צוּא אוּם גְזָאגְט דָאם עֶרְשְׁטוּ יָאר אוּז אַיין וַויין גָארְטוּן נוּט גוּט דָאם אַנְדוּרוּ יָאר וֶועט עֶר בֶּעסוּר זַיין אַזוֹ אוּךְ הָט מֹשֶׁה גוּזָאגְט צוּ גָאט דוּ יִשְׂרָאֵל וֶועלוּן וַוייטוּר פְרוּמוּר זַיין אוּנ מֹשֶׁה הָט אוּךְ גְזָאגְט דוּ הָאסְט גְזָאגְט דוּ וֶועסְט זֵיי מֶערוּן אַזוֹ וִוי דוּ שְׁטֶערוּן אוּנ הוּמוּל אוּנ וֶועסְט זַייא גֶעבּוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דְרוּם דַארְפְסְטוּ דַיין וָוארְט הַאלְטוּן אַזוֹ אוּז גָאט בַּווילוּגְט גְוָוארוּן אוּנ הָאט זַייא דוּ עֲבֵירָה מוֹחֵל גְוֶוען (וַיִנָּחֶם וַיָרֶד) אוּנ מֹשֶׁה הט

**אוהל**

(וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה לֶךְ רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ) אַז דוּא יוּדוּן הָאבּוּן גְמַאכְט דָאם עֵגֶל אוּז דֶענְצְמָאלְט מֹשֶׁה גְוֶוען אוּף דֶעם הוּמוּל הָט גָאט גְרֶעט צוּ מֹשֶׁה אוּנ הָט צוּ אוּם גְזָאגְט גֵייא נוּדוּר אַרָאפּ פוּן דֶעם הוּמוּל וָוארוּן דַיין פָאלְק דוּא יוּדוּן הָאבּוּן פַר דַארְבּוּן זַייא הָאבּוּן גְמַאכְט דָאם עֵגֶל זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ גָאט הָאט אוּז גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה דוּא יוּדוּן דַארְפוּן מֶען זָאל זַייא שְׁלָאגוּן. עֶם אוּז אַמָשָׁל וֶוען אֵיינוּר דַארְף נֶעמוּן

**יעקב**

אַמְלַמֵד פַאר זַיין קוּנְד דַארְף עֶר פְרוּר זֶעהוּן וִויא אַזוֹר דָאם קוּנְד אוּז אַז דָאם קוּנְד בַּגֶערְט צוּ לֶערְנוּן אוּנ אוּז אַגוּט קוּנְד דַארְף עֶר נֶעמוּן פוּן זַיינוּט וֶועגוּן אַמְלַמֵד וָואס קֶען גוּט לֶערְנוּן אוּנ אוּז אַחֲרָיךְ אוּבּוּר אַז דָאם קוּנְד אוּז פַאר שַׁייט אוּנ וִויל נוּט לֶערְנוּן מוּז עֶר נֶעמוּן פוּן זַיינוּט וֶועגוּן אַזוֹ אֵיין מְלַמֵד וָום אוּז אֵיין גְזוּנְטֶר מֶענְשׁ אוּנ אַבֵּייזוּר עֶר זָאל דָם קוּנְד שְׁלָאגוּן כְּדֵי דָאם קוּנְד זָאל פַאר אוּם מוֹרָא הָאבּוּן אוּנ

הט זיך גיקערט אונטר זיך אונ איז אראפ
גגנגון פון דם בארג מוט דם פנים צו גאט
אונ אזו טואון מיר אויך ווען מיר גייאון
אום שמונה עשרה גייאון מיר אונטור
זיך גליך ווי גאט איז אקעגון אונזר פנים
דער ילקוט שרייבט משה האט גוואלט
אראפ גיין פון דעם הומיל האבון אום
בגעגונט פונוף בייזו מלאכים אונ הבון
אום גוואלט טייטון האט ער זיך זייער
גופארכטון אונ האט זיך אן גינומון אונ
דעם כסא הכבוד פון גאט הט גאט אויף
אום בשוצט אונ האט אויף אום פאר
שפרייט זיין וואלקון פון דאנון קען מען
זעהון ווי שלעכט איז איין עבירה צו טון
דען איי ישראל האבון גוזונדוגט איז
משה גוגאנגון אויף דעם הומול אונ עם
האט אום קיין בייז נוט בגעגונט אונ אז
ישראל האבון גוזונדוגט האט זיך משה
גופארכטון פאר די פונוף מלאכים אונ
זייא האבון גוהייסון אף אונ קצף אונ
משבית אונ משחית אונ חמה אונ וויא
באלד משה האט דער מאנט דוא אבות
אברהם יצחק ויעקב זענון דרייא בייזו
מלאכים אוועק גילופון איז נאך צווייא
איבור גובליבון דאס איז אף אונ חמה
זאגט משה צו גאט נעם איין מלאך אויף
דיר אונ אקעגון איינום וועל אויך קענון
בשטיין אזו ווי אונ פסוק שטייט קומה
יי באפך שטייא גאט בייא דעם מלאך
ווס הייסט אף (ושני לוחות העדות בידו)
אונ דוא צווייא לוחות העדות האט משה
גהאלטון אונ זיין האנט (כתובים משני
עבריהם) מען הט דם כתב גקענט לייאנון
פון ביידו זייטון אונ דם איז גוועזן דען
עם איז נוט מעגליך גוועזן אז איין מענש

שרייבט מען זאל דם קענון לייאנון גלייך
פון ביידו זייטון ווארום ווען מען קערט
אום פון דר אנדרור זייט איז דם כתב פר
קערט (והלוחות מעשה אלהים המה)
אונ די לוחות זענון גמאכט גוורון פון
גאטס כבוד וועגון אונ נאך אפשט איז
דרום הייסון דוא לוחות מעשה אלהים
ווייל גאט מוט טאג אונ נאכט עוסק
זיין אונ פרייאון זיך מוט דר תורה דער
בחיי פרעגט ווארום הט דער פסוק דא
גשטעלט דם דוא לוחות זענון זייעור
חשוב גוועזן דאס וואלט ער גדארפט
אונ יענור סדרה שטעלון ווי עם שטייט
דאס גאט הט געגבון צוא משה דוא
לוחות דער תירוץ איז צו ווייזון דאס
חאטשו די לוחות זענון אזו חשוב גוועזן
פון דעסט וועגון הט זיי משה צו ברכון
ווען דוא ישראל האבון דם עגל גמכט
נאך אקשיא פרעגט דר בחיי ווי קומט
עס דם משה זאל אליין צו ברעכון די
לוחות ווס זיי זענון גוועזן דם היילגו
כתב פון גאט דען חאטשו ישראל הבון
גזונדוגט אונ זענון נוט ראוי גוועזן צוא
די היילגו לוחות דאך הט ער זיי נוט
גדארפט צו ברעכון נאר אפ צו געבון
זיי צו גאט אונ צו פרעגון אום ווס ער
זאל מוט זיי טאן עס איז איין משל
אמענטש שוקט מוט אשליח ברוף צו
זיינו דונור מוט זיין חותם אונ אז דוא
בדונור ווילון דוא ברוף נוט אן נעמון
ברענגט דר שליח די ברוף צוריק צום
מענש אזו אויך וואלט משה גדרפט טאן
מוט די לוחות צו אום קערון זיי צוא
גאט דר תירוץ איז ווייל משה הט גזעהן
דם די אותיות זענון ארום גפלוגון פון

דוא

אוהל
זאל נוט זיין פאר שאט אונ אזו אמענש ער זאל האבון
אונ זוך ביידו מעלות קען נוט זיין ווארום דאס רוב
דער מענש וואס קען לערנון איז נוט קיין ביינור אונ
קען נוט ווייזון קיין כעם אונ דער וואס איז איין
ביינור איז דאס רוב נוט קיין למדן בכן מוז דער
פאטור נעמון אזו אמלמד וואס איז אביינור חאטשו ער

יעקב
קען נוט גוט לערנון כדי ער זאל האלטון דאס קינד
אין דער מורא אונ דאס קינד זאל גוט זיין אזו פאר
שאט דאס איינגוו איז מוט דוא יודון אז זייא זענון
גשטאנון אויף דעם בארג סיני זיי זאלון מקבל זיין
דוא תורה זענון זייא דערנממאל גוועזן אונ אגרויסור
מדריגה זייא האבון גזאנט אלדונג ווס גאט הט גרעדט

דוא לוחות אונ ווען אהאר גוט אברוך
אונ זיין חותם איז נוט אונ אור איז גאר
נוט ווערט אזו אוך דו לוחות ווען דם
כתב איז אונ זייא נוט דא זענון זייא
נוט גאכט דרום הט ער זיי צו בראכון
אונ עס איז גווים דם דו אותיות איז
גלייך וויא אנשמה אונ דוא לוחות איז
גלייך ווי אגוף אונ ווען דו נשמה גייט
אוועק פון דעם גוף דארף מען דעם
גוף בגרבון אזו אוך ווי משה הט געזעהן
דם דו אותיות זענון אוועק גפלוגון הט
ער דו לוחות צו ברכון אונ דו חכמים
זאגון דו לוחות זענון שווער גווארון אוף
דו הענד פון משה וייל דו אותיות זענון
אוועק גפלוגון אזו וויא אמענטש ווערט
שווער נאך דעם טוט ווען דו נשמה גייט
אוועק פון אום דרום שטייט פראור
גשריבון לוחת העדות בידו ער האט
דוא לוחות גטראגון אונ איין האנד אונ
אז ישראל האבון דם עגל גמכט שטייט
(וישלך מידיו את הלוחות) ער הט דוא
לוחות פון זיינו בידו הענד אראפ גוורפון
דען מוט בידו הענד הט ער זייא נוט
גקאנט דר הלטון (וישמע יהושע וגו׳)
אונ יהושע הט גהערט דאס גשריי פון
ישראל ווס זיי האבון גטנצט אונ גזונגון
דען יהושע איז נוט גוועזן אונ דר מחנה
אונ האט גווארט אוף משה אונ גאט
האט אום דארטון באזונדר געגעבון מן
פון דעם הומול צו עסון יהושע האט
גזאגט צוא משה עס איז אגרום גשריי
אונ דער מחנה גלייך וויא מען האלט
מלחמה האט משה גענפרט עס איז נוט
קיין גשרייא פון אמלחמה דען אונ
אמלחמה ווער עס גווינט דוא מלחמה
שרייט פריילוך אונ ווער עס פר לורט
זוא שרייט מוט גויין אונ דא הער אוך
איין גושריי מוט גושפעט אונ גולעבטור
אונ וויא ער איז גוקומון צו ישראל אונ
האט זיי גוזעהון דם זייא דונון צום עגל
האט ער גוצערונט אוף זיי אונ האט דו
לוחת צו בראכון אונ זאגט דעם קרבן
פסח טאר נוט עסון דער ווס דונט ע״ז
מכל שכן דו לוחות ווס דו תורה איז
אונ זייא זאלון ישראל מקבל זיין ווס זיי
דונון ע״ז דרום הט ער זיי צו בראכון דר
תולדות יצחק שרייבט דרום הט משה
נוט צו בראכון דו לוחות אונ הומול בלד
וויא גאט האט אום גוזאגט ישראל האבון
גומאכט דאס עגל וייל ער האט זוך
גוטרכט טאמור האבון ישראל שון חרטה
אביר אז ער איז גוקומון צו זיי אונ האט
גזעהון זייא טאנצון ארום דעם עגל אונ
האבון נוט חרטה דרום האט ער זיי צו
בראכון אונ דער צרור המור שרייבט
דרום הט ער זיי פאר ישראל צוא בראכון
צו ווייזון זיי דאס אזעלוכו חשובו לוחות
פון אבנים טובות פאר לורון זייא אובור
זייערו עבירות אונ משה הט גונומון דם
עגל אונ האט עס פאר ברענט אוף אש
אונ האט דאס אש פר שפרייט אוף דעם
וואסור אונ האט דאס גוגעבון טרונקון
צוא ישראל כדי דאס עגל זאל ווערון
טונוף אונ זייער לייב אונ נאך אפשט
איז משה האט זיי גפרובט ווער עס האט
דם עגל מוט דעם גאנצון הרצון גודונט
אזו ווי מען פרובט אסוטה ווס מוהאט זו
חושד גוועזן דם זו האט מזנה גוועזן האט

מען

אוהל

וועלון מור טון אונ האבון גגלוסט אונ דער תורה האט גאט גזעהון אז משה רבינו איז ראוי ער זאל זיין זייער מלמד וייל זייא גלוסטון צו דער תורה אוביר נאך דעם אז זייא האבון גמאכט דאס עגל אונ זענון אראפ פון דער מדרגה הם ; גאט זאגט צו משה (לך רד) גייא נודור אראפ אוך וועל דוך שון נוט

יעקב

האלטון פאר אמלמד צו דו יודון וואורום זייא דארפון האבון אובור זוך אזו איין אייבור האר ווס זאל זיין אבייזור אונ זאל אובור זייא גוועלטונגן מוט שטרקייט אונ אזו וויא דער מדרש זאגט אוף דעם פסוק (לך רד) דוא יודון דארפון מען זאל זייא שלאגון אונ דו בוסט נוט קיין בייזור קענסטו נוט זיין זייער מלמד :

מען איר גוגעבין צום טרינקן וואסור פון דעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוב עס האט איר נוט גושאט הט זוא נוט מְזַנֶּה גוועזן אזו אוך האט משֶׁה גוטואון דו וואס האבון דם עֶגֶל גודינט אופין באר האט ער זיי גוטייט אונ דו וואס האבון אונ האַרצין זוך מְשַׂמֵּחַ גוועזן אוז זייער פָּנִים גווארון גרון אונ געל דורך דעם וואסור אונ דוא חֲכָמִים זאגין דער וואס האט גודינט דם עֶגֶל פאר עֵדוּת אונ מען האט אום הַתְרָאָה גוטון ער זאל נוט דינן אונ ער האט נוט צוא גהערט האט מען אום גהרגות מוט איין שְׁוֶועֶ־ד אונ ווער עס האט גודינט פאר עֵדוּת אונ מען האט אום קיין הַתְרָאָה גטאן דעם הט גאט גטייט אונ אַמַּגֵּפָה אונ דער וואס הט קיין עֵדוּת אוך נוט גהאט דר אוז גווארון גרון אונ געל דורך דעם וואסור אונ חאטשו גאט האט גוקענט זייאור פָּנִים גרון מאכון אן דעם וואסור נאר מען וואלט גזאגט עס אוז נוט אובור דעם עֶגֶל נאר ער האט אַקְרַנְקַייט אונ זוך דרום הט מען אום גגעבון וואסור צו טרונקן צוא ווייזון דם דורך דעם וואסר פון דעם עֶגֶל ווערט ער גרון (וַיַּעֲמוֹד מֹשֶׁה בְּשַׁעַר הַמַּחֲנֶה) אונ משֶׁה הט זוך גשטעלט אונ ט׳ עור פון דר מַחֲנֶה אונ הט גזאגט ווער עס וויל גאט דינן דער זאל קומין צוא מור האבון זוך צוא אום איין גזאמולט אלו קונדור פון לֵוִי דען זייא האבון נוט גודינט דם עֶגֶל הט משֶׁה צו זיי גזאגט נעמט אוטלובור זיין שווערד אונ לופט צו דו יִשְׂרָאֵל אונ זאלט הרגונון דו וואס האבון גודינט דם עֶגֶל אֲפִילוּ ווען ער אוז זיין קָרוֹב אודור זיין פאטור אודור זיין זון אזו האבון דוא בְּנֵי לֵוִי גהארגות דריי טוזנט מאן פון יִשְׂרָאֵל אונ משֶׁה הט גזאגט צו גאט זייא מוחֵל דוא עֲבֵירָה צוא יִשְׂרָאֵל אונ אוב דוא ווילסט זיי נוט מוחֵל זיין (מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ) מעק אפ מיין נאמון פון דר סֵפֶר תּוֹרָה וואס דוא האסט גשריבון האט גאט גזאגט אוך ווערל זיי מוחֵל זיין נאר אוך ווער זייא בצאלון איינצוג ווייס דען עס קומט נוט קיין צָרָה אוף דוא יִשְׂרָאֵל וואס עס זאל דרונון נוט זיין פון דער עֲבֵירָה פון דעם עֶגֶל (וַיִּגֹּף יְיָ אֶת הָעָם) אונ גאט הט גוטייט דו לייט וואס האבון גודינט דם עֶגֶל פר עֵדוּת אונ מען הט זיי קיין הַתְרָאָה נוט גטאן (וַיִּשְׁמַע הָעָם אֶת הַדָּבָר הָרָע) אונ יִשְׂרָאֵל האבון גהערט דו בייזו זאך דם גאט וויל ארפ נעמון זייאור צורונג זענון זיי ווארון דר שראקון אונ האבון גוויינט דען אז יִשְׂרָאֵל האבון מְקַבֵּל גוועזן דוא תּוֹרָה האט גאט גגעבון אוטלובון פון יִשְׂרָאֵל צוויי צורונג אונ דא האבון יִשְׂרָאֵל אום גוטאן זייאור צורונג וואס זיי האבון מְקַבֵּל גוועזן אוף דעם בארג סִינַי אונ דר בַּחַיֵי שרייבט פון וועגון רַבֵּינוּ חֲנַנְאֵל (וְעַתָּה הוֹרֵד עֶדְיְךָ מֵעָלֶיךָ) גאט הט גזאגט טוט אפ אייערו קליידור כְּלוֹמַר דוא קליידור וואס יִשְׂרָאֵל האבון גוהאט אוף דעם בארג סִינַי אבור הייגט אז זיי האבון עוֹבֵר גוועזן אוף דער תּוֹרָה הט גאט גהייסון דו קליידור אום טאן דר בַּחַיֵי פרעגט פרור שטייט (וְלֹא שָׁתוּ אִישׁ עֶדְיוֹ עָלָיו) דוא יִשְׂרָאֵל אליין האבון אפ גטאן זייערו קליידור אונ דער נאך שטייט דם גאט הט זיי גהייסון דו קליידור אום טון דר תירוץ אוז פרור האבון זיי פאר דרך אֶרֶץ אום גטאן דוא גצייכונטו קליידור אונ דר נאך אז גאט האט גהייסון זיי זאלון זוך דוא גצייכונטו קליידור אום טאן האבון זייא אלו גומוזט אום טאן אונ אונזרו חֲכָמִים זאגון עס אוז גוועזן אוף יִשְׂרָאֵל דר שֵׁם הַמְּפוֹרָשׁ אזו וויא ער אוז ווארון גגעבון אוף דעם בארג סִינַי דם אֲפִילוּ דר מַלְאַךְ הַמָּוֶת האט נוט גקענט גוועלטוגון אוף יִשְׂרָאֵל ווייל זיי האבון דוא תּוֹרָה מְקַבֵּל גוועזן אזו ווי אונ פָּסוּק שטייט (חָרוּת עַל הַלּוּחוֹת) דו יִשְׂרָאֵל זענון ווארון פריי פון דם מַלְאַךְ הַמָּוֶת אובור דם וואס זיי האבון מְקַבֵּל גוועזן דוא תּוֹרָה וואס שטייט אונ דו

לוּחוֹת נָאר אַז זֵיי הָאבּוּן גּוּמַכְט דָם עֵגֶל
הָט גָאט פוּן זֵיי דֶעם שֵׁם הַמְפוֹרָשׁ אַרָאפּ
גּנוּמוּן אוּנ מֹשֶׁה הָאט זוּךְ צוּ גּוּנוּמוּן דוּ
קְרוֹן אוּנ שׁוֹנֶקַייט פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל דְרוּם
שְׁטֵייט נָאוּנְט דֶר בַּייא (וּמֹשֶׁה יִקַח אֶת
הָאֹהֶל) מֹשֶׁה הָט צוּ גוּנוּמוּן דוּ לֶעבְּט דֶען
אֹהֶל אוּז טַייטְשׁ לֶעבְּט אַזוּ וִוי אוּנ פָּסוּק
שְׁטֵייט בְּהִלּוֹ נֵרוֹ אַז עֶס הָט גְטָאן לַייכְטוּן
זַיין לֶעבְּט אוּנ מֹשֶׁה הָאט גְשְׁטֶעלְט זַיין
גְצֶעלְט חוּץ דֶר מַחֲנֶה צְוֵויי טוּזוּנְט אֵיילוּן
וַוייט פוּן יִשְׂרָאֵל דֶען דוּא יִשְׂרָאֵל זֶענוּן
גְוֶוען גְלַייךְ וִוי אוּנ חֵרֶם (וְהָיָה כָּל מְבַקֵּשׁ
יְיָ) אוּנ וֶוער עֶס הָאט גְוָאלְט לֶערְנוּן דוּ
תּוֹרָה פוּן גָאט אוּז אַרוּס גְגַאנְגוּן צוּ מֹשֶׁה
אוּנ גְצֶעלְט אַרַיין אוּנְזְרוּ חֲכָמִים לֶערְנוּן דֶר
פוּן אָפּ וַוייל דָא שְׁטֵייט כָּל מְבַקֵּשׁ יְיָ וֶוער
עֶס גֵייט אַרוּס צוּ מֹשֶׁה אוּז גְלַייךְ וִוי עֶר
גֵייט צוּא גָאט דָאס וַוייזְט וֶוער עֶס גֵייט
מְקַבֵּל פָּנִים זַיין אַתַּלְמִיד חָכָם אוּנ גֵייט
אוּם אַקֶעגוּן אוּז גְלַייךְ וִוי עֶר אוּז מְקַבֵּל
פָּנִים גָאט אַלֵיין אוּנ אַז מֹשֶׁה אוּז גְגַאנְגוּן
אוּנ גְצֶעלְט זֶענוּן כָּל יִשְׂרָאֵל גְשְׁטַאנוּן
אוֹיף זַייעֶרוּ טוּרוּן בּוּז מֹשֶׁה אוּז גוּקוּמוּן
אוּנ זַיין גְצֶעלְט אוּנ עֶס אוּז גוּקוּמוּן
אַוָואלְקוּן פוּנוּם הוּמוּל אוּנ הָאט זוּךְ
גְשְׁטֶעלְט פַאר דֶער טוּר פוּן דֶעם
גְצֶעלְט הָאבּוּן זוּךְ כָּל יִשְׂרָאֵל גְבּוּקְט
אוּטְלִיכוּר פַאר זַיין טוּר אַקֶעגוּן דֶער
שְׁכִינָה וָוס אוּז אוּנ וָולְקוּן (וְהִבִּיטוּ אַחֲרֵי
מֹשֶׁה) זֵיי הָאבּוּן נָאךְ גְקוּקְט נָאךְ מֹשֶׁה
דֶער תַּנְחוּמָא שְׁרַייבְּט וְהָיָה כָּל מְבַקֵּשׁ יְיָ
וֶוער עֶס הָאט גְזוּכְט גָאט אֲפִילוּ דוּא
מַלְאָכִים וָואס הָאבּוּן גְדַארְפְט אַרוּס גֵיין
פוּנוּם הוּמוּל צוּא טוּאוּן זַייעֶר דוּנְסְט
הָאבּוּן זֵיי פְרוּר גְמוּזְט גֵיין אוּנ גְצֶעלְט
פוּן מֹשֶׁה צוּ נֶעמוּן רְשׁוּת פוּן גָאט וָואס
עֶר אוּז הָארְטוּן גְוֶוען אוּנ אוֹיךְ דוּא זוּן
אוּנ דוּא לְבָנָה אַז זַייא הָאבּוּן גְוָאלְט
אַרוּס גֵיין לַייכְטוּן אוֹיף דֶר וֶועלְט הָאבּוּן
זֵיי פְרוּר גְמוּזְט גֵיין אוּנ גְצֶעלְט פוּן מֹשֶׁה
צוּ נֶמוּן רְשׁוּת פוּן גָאט וָוס עֶר אוּז דוּרְטוּן

גְוֶוען (וְדִבֶּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה פָּנִים אֶל פָּנִים)
אוּנ גָאט הָאט גְרֶעט צוּא מֹשֶׁה אוֹפוּן
בַּאר פַר גָאר דֶער וֶועלְט אוּנ נָאךְ דֶעם
רֶעדוּן אוּז מֹשֶׁה גוּגַאנְגוּן צוּ דֶר מַחֲנֶה
אוּנ הָאט גְלֶערוּנְט מוּט יִשְׂרָאֵל וָואס
עֶר הָאט גְהֶערְט פוּן גָאט אוּנ אַזוּ הָאט
עֶר גוּטוּן פוּן יוֹם כִּפּוּר בּוּז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ
נִיסָן אוּנ פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אָן וָוס דָם
מִשְׁכָּן אוּז אוֹיף גוּבּוֹאוּט גְוָוארוּן הָט גָאט
שׁוֹן נוּט גוּרֶעט מוּט מֹשֶׁה אוּנ זַיין גְצֶעלְט
נָאר אוּנ מִשְׁכָּן אוּנ דֶר מֶדְרָשׁ זָאגְט גָאט
הָאט גְזָאגְט צוּא מֹשֶׁה אוֹיךְ טוּא צֶערוּנוּן
אוֹיף יִשְׂרָאֵל אוּנ דוּא טוּסְט אוֹיךְ צֶערוּנוּן
אוֹיף יִשְׂרָאֵל וֶוער וֶועט זֵייא מְקָרֵב זַיין
דְרוּם קֶער אוּם דַיין גְצֶעלְט אוּנ דֶר מַחֲנֶה
אוּנ מֹשֶׁה זָאגְט צוּא גָאט (רְאֵה אַתָּה
אוֹמֵר אֵלַי הַעַל אֶת הָעָם הַזֶּה) דוּ הָאסְט
מוּר גְזָאגְט אוֹיךְ זָאל פוּרוּן דָם פָאלְק אוּנ
דוּא הָאסְט מוּר נוּט גְזָאגְט וֶועמוּן דוּא
וֶועסְט שׁוּקוּן מוּט מוּר כְּלוֹמַר דוּ הָאסְט
גְזָאגְט דוּ וֶועסְט שׁוּקוּן אַיין מַלְאָךְ מוּט
מוּר דָם וַויל אוֹיךְ נוּט דֶען עֶס אוּז בֶּסוּר
וֶוען דוּ וֶועסְט אַלֵיין גֵיין מוּט מוּר אוּנ
דוּ הָאסְט גְזָאגְט אוֹיךְ זָאל הָאבּוּן מֶער
חֲשִׁיבוּת פוּן אַלוּ לַייט אוּנ אוֹיךְ הָאבּ גוּפוּנוּן
חֵן אוּנ דַיינוּ אוֹגוּן דְרוּם לָאז מוּךְ ווִיסוּן
וָואס פַאר אַיין שְׂכַר דוּא גוּסְט צוּ דוּ וָואס
גוּפוּנוּן חֵן אוּנ דַיינוּ אוֹגוּן אוּנ דוּ הָאסְט
גְזָגְט (וְאֶעֱשֶׂה אוֹתְךָ לְגוֹי גָדוֹל) אוֹיךְ וֶועל
דִיךְ מַאכוּן צוּ אַיין גְרוֹס פָאלְק אוּנ וֶועל
יִשְׂרָאֵל פַר דַארְבּוּן דָם וַויל אוֹיךְ נוּט דֶען
דוּא יִשְׂרָאֵל זֶענוּן דַיין פָאלְק פוּן לַאנְגוּ
צַייטוּן (וַיֹּאמֶר פָּנַי יֵלֵכוּ) הָט גָאט גוּזָגְט
אוֹיךְ וֶועל אַלֵיין מוּט דוּר גֵיין אוּנ נוּט קֵיין
מַלְאָךְ זָאגְט מֹשֶׁה דָאס אוּז גוּט אוּנ דֶער
מוּט וֶועט גְוַויזוּן וֶוערוּן דָם דוּ הָאסְט אוּנְז
לוּבּ אוּנ מֹשֶׁה הָט גְבֶּעטוּן דוּ שְׁכִינָה זָאל
נוּט רוּאוּן אוֹיף רְשָׁעִים הָאט גָאט גוּטוּאוּן
זַיין ווִילוּן אוּנ חָאטְשׁוּ צוּ בִּלְעָם הָאט זוּךְ
דוּא שְׁכִינָה בַּוַויזוּן דָאךְ הָאט עֶר גוּמוּזְט
פַלוּן עֶר הָט נוּט גְקָאנְט זֶעהוּן דוּ שְׁכִינָה

אבר איין נביא פון ישראל דר איז גשטאנן
אויף זיינע פוס אונ הט גזעהן די שכינה
מיט זיינע אויגן דער אבן שועב פרעגט
ווארום שטייט פריער דוא ישראל האבן
אליין אום גוטן זייערע קליידער אונ דער
נאך שטייט דם גאט הט זיי גהייסן אום
טואן די קליידר דר תירוץ איז עס איז
געווען חשובע קליידער וואס לייכטן אזו
ווי אלעבט וואס מלאכים טון זייא אן
ווען זיי בווייזן זיך צו חסידים אונ חכמים
דען אויף דעם הימול דארף קיין מלאך
קיין קליידר ניט ווייל ער איז פון פייער
נאר אז ער וויל זיך בווייזן צו מענשן
טוט ער זיך אן קליידר אזו ווי א מענש
אונ אזעלכע קליידר הט גאט גגעבן צו
ישראל אויף דעם בארג סיני דאס אפילו
דר מלאך המות הט ניט גקענט גנעהנן
צו ישראל אזו ווי אונ פסוק שטייט (חרות
על הלוחות) פון וועגן דער תורה וואס
אונ די לוחות זענען זיי גווארן פריי פון
דעם מלאך המות אונ אז זיי האבן גמאכט
דם עגל האבן זיי זיך גשעמט צו גיין אונ
דוא קליידר אופון באר פלעגן זייא פון
אובן אן טון אנדרע קליידר דרום שטייט
(ולא שתו איש עדיו עליו) זיי זענען אונ
די קליידר ניט פון אובן גגאנגן הט גאט
צו זייא גזאגט אור מזט די קליידר גאר
אום טון פון אייער גוף דרום שטייט נאך
איין מאל (ויתנצלו בני ישראל) די ישראל
האבן די קליידר גאר אום גטואן דם
אלץ האבן ישראל פר לורן איבור דם
עגל אונ משה הט די קליידר זיך גנומן
אונ פון דעסט וועגן גפונן מיר אטייל
חסידים וום דער מלאך המות קען אונ
זייא ניט געוועלטיגן אפילו נאך דם
עגל אזו ווייא דוא גמרא זאגט אונ בבא
מציעא רבה בר נחמני האבן די רשעים
פר קלאגט אונ האבן גזאגט ער מאכט
שאדן דען ער זאמילט איין כל ישראל
פר ראש השנה אונ פאר פסח צו הערן
זיין דרשה קען מען זייא ניט גפונן
אונ דער היים אונ וויא רבה איז דער
פון גוואר גווארן דם מען האט אום פאר
קלאגט איז ער אנטלופן גוורן הט דער
האר גשיקט איין דינר ער זאל אום זוכן
איז ער גקומן אויף דער הארבורג ווי
רבה בר נחמני איז גוועזן בהלטן האט
מען פר אום איין טיש גבראכט אונ מען
הט אום גגעבן צווייא בעכור וויין טרינקן
הט עס דעם דינר זיין פנים פר קערט
אונטער זיך איז דאס הויז גזונד גקומן
צו רבה פרעגן מיט וואס מען זאל דעם
מענש היילן הט רבה גזאגט מען זאל
דעם טיש ווידר שטעלן פר דם מענש
אונ מען זאל אום נאך איין בעכור וויין
געבן ווערט ער גהיילט ווערן הט מען
אזו גטון איז ער גהיילט גוורן הט דער
מענש גזאגט איך וויים דאס רבה איז
דא הינן אונ הט גזוכט אונ האט אום
גפונן האט ער אום פר שלאסן אונ איין
מויער אונ הט גזאגט ווען מען ווערט מיך
ווילן הרגנן איך זאל זאגן וויא רבה
איז וועל איך מיך לאזן הרגנן אונ
וועל ניט אום זאגן אונ אוב מען ווערט
מיך פייניגן מיט יסורים וועל איך מוזן
אום זאגן אונ וועל אום ברענגן פון דר
מויער האט רבה תפלה גטון איז די
מויער צו שפלטן גווארן אונ רבה איז
ארום אונ פעלד אונ הט זיך גזעצט אויף
איין אפ גהקטן בוים אונ האט תורה
גלערנט איז גוועזן איין פילפול אונ
הימול ווען צרעת קומן אונ איין מענשן
איי עס קומן ווייסע האר הט גאט גזאגט
עס איז טהור אונ דוא ישיבה פון דעם
הימול האבן גזאגט עס איז טמא האבן
זייא גזאגט מיר וועלן פרעגן רבה בר
נחמני ווי ער ווערט זאגן אזו ווערט בלייבן
האבן זייא גשיקט דעם מלאך המות
נאך רבה האט דער מלאך המות ניט
גקענט צו טרעטן צו אום ווייל ער הט
גלערנט תורה הט ער גמאכט רושן די
ביימר הט רבה בר נחמני גמיינט דאס

מען קומט אום זוכן הט ער גזאגט ער
וויל בעסור שטרבן איי ער זאל פאלן
אונ מענשונס האנד אונ אז ער איז
גשטרבן האט ער גזאגט עס איז טהור
איז ארוס גנגן איין בת קול אונ האט
גזאגט וואל צו דיר רבה וואס דיין נשמה
איז אוס גגנגן מיט דעם ווארט טהור איז
גפלן אברוף אונ דר שטאט פומבדיתא
זייט וויסן דאס מען הט רבה צו גינומן
אונ דער ישיבה פון דעם הימול איז
גגנגן אביי מיט נאך פיל רבנים זוכן
זיי רבה איז גשטרבן צו בגראבן אים
אונ צו בקלאגן אים האבן זייא ניט
גוויסט וויא ער ליגט אזו האבן זייא פון
ווייטן דר זעהן דם פיל פייגול זענן ביי
אנאנדר גשטאנן אונ מאכן איין שאטן
מיט זייערו פליגול האבן זיי גוויסט דם
דורטן ליגט רבה אונ דרום מאכן זייא
איין שאטן ער זאל ניט קאלע ווערן
דורך דער זון האבן זיי אים בקלאגט
דרייא טעג אונ דרייא נעכט איז אראפ
גפאלן איין ברוף ווער עס וועט אוועק
גיין פון דעם הספד זאל זיין אונ חרם
האבן זייא אים ווייטר בקלאגט זיבן
טעג איז אראפ גפאלן איין ברוף גייט
אוטלוכר אהיים לשלום פון דאנן
לערנן מיר אפ דם דוא תורה איז מציל
פונדם מלאך המות אונ אין (במה מדליקין)
שרייבט דוא גמרא אוך אזו איין מעשה
בייא דוד המלך דאס דער מלאך המות
האט אים ניט געקענט טון אז ער האט
גלערנט תורה עס איז גוועזן איין מעשה
דאס רבי שמעון בן חלפתא איז גגנגן
מיט עטליכו רבנים אונ דר שטאט צפורי
אוף איין ברית מילה אונ אז זיי האבן
אפ גגעסן הט דר פאטר פון דעם קונד
זיי געבעטן זיי זאלן לוסטיג זיין אונ הט
גזאגט אזו ווי אוך האב זוכה גוועזן צוא
געבן אייך וויין אוף זיין ברית מילה אזו
זאל אוך זוכה זיין אייך געבן וויין אוף
זיין חופה האבן אלי גזאגט אמן אונ אז

דוא רבנים זענן ארוס גנגן האבן זיי
בגעגנט דעם מלאך המות אונ ער איז
גוועזן טרוריג האבן דוא רבנים צו אים
גזאגט ווארום בוסטו טרוריג הט ער צו
זיי גזאגט אוך האב אבריף דם אוך זאל
דאס קונד טייטן נאך דרייסיג טעג אונ
איר האט די גזירה מבטל גוועזן מיט דעם
וואס איר האט גוזאגט אמן אוף דעם
פאטורס ברכה הט רבי שמעון צו אים
גזאגט האסטו אוף אונז אוך איין בריף
ווייז אונז ענפורט דער מלאך המות איר
לערנט תורה אונ טוט מצות האב אוך
קיין מאכט ניט איבור אייך זאגט רבי
שמעון אזו ווי דו האסט קיין מאכט ניט
איבער אונז אזו זאלסטו קיין מאכט ניט
האבן איבור אונזרו רייד וואס מיר האבן
גזגט אמן מיר זלן זוכה זיין צו טרונקן
וויין אוף זיין חופה אונ ער זאל בלייבן
לעבן זאל עס אזו זיין נאך זעהן מיר
דאס דער צדיק קען מבטל זיין די גזירה
פון גאט דען גאט הט גובאטן מענשן
זאלן זיין אוף דר ערד אונ מלאכים אוף
דעם הימול איז גוקומן משה אונ איז
ארויף גוגאנגן אוף דעם הימול אונ הט
גמאכט דם גאט האט אראפ גונודערט
אוף דער ערד אוף דעם בארג סיני מיט
מלאכים אונ אוך האט גאט בשאפן
דם מלאכים זאלן ניט עסן אונ אז זיי
זענן גוקומן צו אברהם האבן זיי גומוזט
עסן אונ גאט הט גבאטן דער מענטש
זאל עסן איז משה גוקומן אוף דם הימול
אונ האט פערציג טאג ניט גוגעסן אונ
גאט האט גובאטן דער ים זאל זיין ים
איז גוקומן משה אונ האט אים טרוקן
גמאכט אונ גאט האט גבאטן דער טאג
זאל זיין טאג אונ די נאכט זאל זיין נכט
איז גוקומן יעקב אונ האט גמאכט פון
נאכט טאג אונ פון טאג נאכט דם דער
טאג איז אמאל לענגור גוואורן וויא ער
פלעגט צו זיין אונ ווי משה האט גזעהן
דם גאט טוט אליץ זיין ווילן הט ער אום

גבעטין (הראני נא את כבודך) ווייז מיר
דיין כבוד. האט גאט אים געֶנפֶערט איך
וועל מיך עפוס בווייזין אונ פון דעסט
וועגין אזו וויא איך וועל דיר הייסין אזו
זאלסטו זעהין נוט ווייטיר אונ איך וועל
דיך לערנין ווי אזו תפלה צו טואין פאר
מיר אונ זאלסט נוט מיינין ווען עס וועט
זיך אום לזין זכות אבות וועט חלילה צו
ישראל קיין האפנונג נוט זיין דרום וועל
איך דיך לערנין ווי אזו מען זאל תפלה
טואין פאר מיר דאס ישראל זאלין דרויף
אהאפנונג האבין אונ דו זאלסט זיין אונ
אהייל אונ איך וועל מיך בווייזין אייף
אשטיין לעבין דער הייל אונ איך וועל
מיך ארום וויקלין מוט אטלית אזו וויא
אחזן אונ וועל דיר ווייזין ווי אזו תפלה
צו טואין אונ דו זאלסט דס לערנין צו
ישראל זייא זאלין זאגין (יי יי אל רחום
וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר
חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה
ונקה) אזו האט גאט גוהייסין מען זאל
זאגין אונ די תפלות אונ גאט הט גזאגט
צו משה (לא תוכל לראות את פני) דוא
וועסט נוט קענין זעהין מיין פנים דען
עס קען קיין מענטש נוט לעבין בלייבין
ווען ער זעהט מיין פנים דער ילקוט
ברענגט איין מעשה דאס אנדריינוס הט
גפרעגט צוא ר' יהושע אור זאגט דאס
אייער גאט הט בשפין הימול אונ ערד
ווארום בווייזט ער זיך נוט צוויי מאל אונ
יאר כדי דוא וועלט זאל פאר אים מורא
האבין האט ר' יהושע צוא אים גזאגט
זעה אונ דער זון זאגט אנדריינוס וויא איז
מוגליך צו זעהין אונ דער זון האט רבי
יהושע צו אים גזאגט ווען די קענסט נוט
זעהין אונ דער זון וום דם איז איין קנעכט
פון גאט ווי ווילסטו זעהין גאט אליין וום
ער איז גרוס לויבט אונ אז משיח וועט
קומין וועט גאט זיך בווייזין צוא אלו
מענשין אזו וויא אונ פסוק שטייט (ונגלה
כבוד יי) עס וועט ווערין בווייזין דער

כבוד פון גאט אונ אוטלוכור מענש אז
דוא נשמה דארף ארום גיין פון זיין גוף
זעהט ער גאט דער ילקוט שרייבט גאט
האט צו משה פול אוצרות גוויזן הט ער
גפרעגט צוא וועמון איז דער אוצר האט
גאט געֶנפורט צו דעם וום גוט צדקה הט
משה גפרעגט צו וועמון איז דר אוצר הט
גאט גזאגט צוא דעם וום שפייזט יתומים
אזו האט ער געֶנפורט אויף אלו אוצרות
דר נאך קומט משה צו איין אוצר אונ
פרעגט וועמון איז דער אוצר ענפרט גאט
צו דעם וואס הט פון זיך קיין זכות נוט
גוב איך אים פון דעם אוצר אום זוסט
דאס זאגט דער פסוק (וחנותי וגו') איך
טוא לייטון שענקון אום זוסט (פסל לך)
גאט האט צו משה גזאגט האק דיר אום
צוויא לוחות פון אבנים טובות וואס
הייסון סנפירין דרויף וועל איך שרייבון
דוא עשרת הדברות דוא גמרא זאגט אונ
שבת דרום זענון דוא ערשטו לוחות
גוועין פון דעם הימול אונ גאט אליין הט
זייא גמאכט אונ דוא אנדורו לוחות האט
משה גמאכט עס איז א משל אהאר איז
אוועק גגאנגון אויף דעם ים האט ער
געהערט דאס זיין פרוי איז אום אום
גוטרייא גווארון צווישון דוא שפחות איז
גוגאנגון זיין דונור אונ האט צו רוסון אור
כתובה כדי ווען דר האר וועט זו וועלון
הארגונון וועל איך זאגון זו איז נוט דיין
ווייב ווען זו הט קיין כתובה נוט פון דור
אונ ווי דער האר איז אהיים גוקומון אונ
איז גוואר גווארון דאס די פרוי איז נוט
שולדוג נאר דוא שפחות זענון אונקייש
גוועין זאגט דער דונור שרייב איר איין
אנדורו כתובה ווארום דו ערשטו כתובה
איז ווארון צו רוסון זאגט אום דער האר
דו האסט צו רוסון דוא ערשטו כתובה
שרייב דו אליין די אנדורו אונ איך וועל
מיך דתמונון אזו איך דער האר איז גאט
אונ דער דונור איז משה אונ די כלה איז
ישראל אונ דוא שפחות איז דם ערב רב

אוג ישראל האבון גהאט אבתיבה דם
אוז דו לוחות אונ משה הט זיי צו בראכון
דרום האט גאט צוא אום גזאגט (פסל
לך) האך דור אום אנדורו לוחות נייל
דו האסט דו ערשטו צו בראכון אונ גאט
הט גוזאגט צו משה גיי אוף דעם בארג
סיני (ואיש לא וגו׳) אונ קיין מענש זאל
נוט זיין מוט דור דען דו ערשטו לוחות
איז גוועזן מוט גרוס גשריי דרום הט איין
דרע אונ זיי שולט גוועזן דאם זיי זענון
ווארון צו בראכון אובור היינט וועל אוך
זיי געבון שטול דם זיי זאלון אקיום הבון
אונ משה האט אום גהאקט דו לוחות
אונ איז גאנץ פרוא אוף דעם בארג ארוף
גוגאנגון אונ הט גהלטון דוא לוחות
אונ זיינו הענד איז גאט גוקומון מוט
אנוולקון צו משה אונ הט אום גלערונט
תפלה טון אונ זאגט ער זאל דר מאנון
דו שמות אונ זיין תפלה יי יי אל רחום
וחנון גאט איז איין דר בארומוגור גאט
צו דעם מענשון איי ער טוט עבירות אונ
איז אוך דר בארומוג נאך זיינו עבירות
ווען ער טוט תשובה (ארך אפים) ער
דער לענגורט זיין צארון אונ בצלט נוט
באלד דם מענשון ווען ער טוט דו עבירה
טאמר וועט ער טואון תשובה דו גמרא
זאגט אונ סנהדרין ווי משה הט דר הערט
דם גאט דר לענגורט זיין צארון צו דו
צדיקים אונ צו רשעים זאגט משה לאזון
דו רשעים פר לורון ווערון האט גאט
גזאגט דו וועסט דאם אמאל דארפון אונ
אז ישראל האבון דם עגל גמאכט האט
גאט זיי גוואלט טייטון הט משה גבעטון
דם גאט זאל זיידר לענגורון זיין צרון
הט גאט צו אום גזאגט דו האסט דאך
גזאגט אוך זאל נור דער לענגורון דעם
צארון צו צדיקים אונ נוט צו רשעים הט
משה גזאגט דו האסט דאך אבר גזגט
דו דר לענגערסט דיין צארון צו רשעים
אוך דרום זגט דר פסוק אונ שלח (ועתה
יגדל נא וגו׳) דו זאלסט חסד טואון מוט
ישראל אזו ווי דו האסט גזאגט דאם דו
דער לענגערסט דיין צארון צוא רשעים
אוך דר ירושלמי זאגט (נושא עון) גאט
לאזט אוועק געמון עטלוכו עבירות פון
דר וואג שאל כדי זו זאל גרונגר ווערון
אונ דו זכיות זאלון אובור וועגון רב הונא
זאגט פון וועגון רבי אבוהו חמשו גאט
פר געסט נוט אונ גדענקט אלין דאך
מאכט ער זוך גלייך ווי ער הט עטלוכו
עבירות פאר געסון אונ אטייל חכמים
זאגון גאט לאזט אוף הייבון דוא שאל
מוט עבירות כדי דו מצות זאלון אובור
וועגון (אלהי מסכה וגו׳) דו גמרא זאגט
אונ ערבי פסחים ווער עם האלט נוט
רעכט ימים טובים אונ טוט אונ זיי אמלאכה
אודור ער איז זיי נוט מכבד כראוי איז
גלייך וויא ער דוגט ע״ז דען עם שטייט
(אלהי מסכה וגו׳) דו זלסט דור נוט מבון
קיין גוגאסונום אפ גאט אונ עם שטייט
דר ביי (את חג המצות תשמור) צו ווייזון
ווער עם ארבוט אום יום טוב צו פר
דונון געלד אודור ער וויל נוט אום געבון
קיין געלד לכבוד יום טוב דר הט ליב
דם געלט אונ גלייבט דרונון איז ער גלייך
ווי ער גלייבט אונ ע״ז (יראה כל זכורך)
אלו דיינו זכרים זענון חייב צו גיין אום
יום טוב קיין ירושלים צו ווערון גוזעהן
פאר דר שכינה אובור ווייבור אונ בלונדו
זענון נוט חייב צו גיין קיין ירושלים דר
בחיי שרייבט דרום זענון קיין ווייבור נוט
גגאנגון אונ נוט דער וואם האט אמום
ווייל דר וואלקון וואם איז גוועזן אונ בית
המקדש איז גוועזן לוטור ווי אשפוגול וום
מען האט זוך אונ אום גקענגט אן זעהן
דרום איז נוט רעכט דם אבעל מום אודר
איין אשה זאל ווערון גוזעהון אונ דם
היילוגון וולקון דרום זנון זיי פטור גוועזן
צוא גיין קיין ירושלים אום יום טוב (כי
על פי הדברים האלה) העון דורך דוא
דאזוגו רייד האב אוך מוט דור כורת
ברית גוועזן דו חכמים לערנון פון דאנון

אפ דאס דו תורה וואס גאט האט געגעבן
גשריבן טאר מען אוסן ווייניג נוט
לערנן נאר בכתב אונ דו הלכות וואס
גאט הט צו משה גלערנט אוסן ווייניג
טאר מען נוט אן שרייבן נאר מען
זאל זייא לערנן אוסן ווייניג דער בחיי
שרייבט דרום האט גאט נוט גהייסן אן
שרייבן דיא הלכות וואס זייא זענן
אפירוש אוף דער תורה מען זאל קענן
רעכט דאס חומש פר שטיין נאר דיא
ישראל וואס האבן דיא תורה מקבל
גוועזן זאלן זייא לערנן דו הלכות אוסן
ווייניג אונ דר מוט וועלן זיי בעסור זיין
פון דיא אומות ווייל זייא קענן רעכט פר
שטיין דו תורה דורך דיא הלכות נור אונ
גלות פון פרס האבן ישראל גהאט גרוסו
צרות אונ זענן גוועזן פאר שפרייט פון
אנגדר האבן זיי נוט רעכט גקענט לערנן
דיא הלכות אוסן ווייניג האט רבי אן
גשריבן בקיצור דו הלכות אונ משניות
כדי דו ישראל זאלן זיי נוט פר געסן
אונ גלות (ויהי שם וגו׳) משה איז גוועזן
אופ דעם בארג סיני מוט גאט פערציג טאג
אונ פערציג נעכט דר בחיי שרייבט ווי
הט משה גוויסט אונ הומול ווען עס איז
טאג אודר נאכט אונ הומול איז דאך
תמיד לעכטיג עס איז קיין מאל נוט
פינצטר דר תירוץ איז ווען דו מלאכים
האבן גזאגט קדוש הט ער גוויסט אז עס
איז טאג אונ אז זיי האבן גזאגט ברוך
האט ער גוויסט אז עס איז נאכט נאך
אפשט איז ווען משה הט געזעהן דו זון זיך
ביקן הט ער גוויסט דם עס איז טאג אונ
אז ער האט געזעהן דו לבנה האט זיך
גבוקט אזו האט ער גוויסט דם עס איז
נאכט (והנה קרן וגו׳) אונ אז משה איז
אראפ גגאנגן פון דם הומול הט גלכטן
זיין פנים פון וועגן דער לוכט דר בחיי
שרייבט דרום הט משה זוכה גוועזן צו דר
לעכט ביי דו אנדרו לוחות ווייל ביי דוא
ערשטו לוחות זענן גוועזן כל ישראל
אונ האבן געזעהן דו ניסים ונפלאות ווס גאט
הט גוטון האבן זיי נוט גדארפט קיין צייכן
אוף דו לוחות דם זיי זענן פון גאט אובר
ביי דוא אנדרו לוחות איז משה אליין
גגאנגן אוף דעם הומול אונ האט מקבל
גוועזן דו לוחות הט ער גמוזט האבן איין
צייכן דם ער איז גוועזן אוף דם הומול אונ
הט מקבל גוועזן דו לוחות נאך איין תירוץ
איז דרום הט גאט נוט געגעבן קיין לוכט
צו משה ביי דו ערשטו לוחות ווייל גאט
הט גוויסט זיי וועלן קיין קיום נוט האבן
אונ וועלן צו בראכן ווערן דרום הט
ער נוט גוואלט קיין כבוד געבן צו משה
מוט דר לעכט אונ זיין פנים אובר דו אנדרו
לוחות זענן אוף אייביג גבליבן דרום הט
גאט געגעבן דו לעכט צו משה דר מדרש
שרייבט פון וואנן הט משה זוכה גוועזן צו
דר לוכט דען אז משה איז גוועזן אונ דר
הייל הט גאט מוט דר האנד זיין פנים
צוא גדעקט פון דעם האט ער בקומן
אלוכט אונ זיין פנים אטייל חכמים
זאגן פון דעם ווס גאט האט מוט אום
גרעט פנים אל פנים פון דעם הט ער
זוכה גוועזן צו דר לוכט (ויראו מגשת
אליו) אונ ישראל האבן מורא גהאט
צוא גנענן צוא אום אונזרו חכמים
זאגן ווי שלעכט איז גוועזן דו עבירה
פון דעם עגל דען איי דו ישראל האבן
גמאכט דם עגל האבן זיי געזעהן דורך
זובן פייערוגו ווענט אונ האבן זיך נוט
גפרכטן אונ אז זיי האבן דם עגל גמכט
האבן זייא נוט גקענט זעהן אונ דער
לוכט פון משה חאטשו עס איז קלענור
גוועזן פון דער לוכט פון גאט אונ משה
האט גוטון אטוך אוף זיין פנים כדי
דוא לוכט זאל נוט ארוס גיין אונ זאל
מזיק זיין לייטן אונ אז ער איז גגנגן
אונ משכן הט ער דם טוך אראפ גנומן
אונ אוך ווען ער איז ארוס גגנגן פון
דעם משכן אונ האט גזאגט צו ישראל
דוא תורה אונ מצות וואס גאט האט

גזאגט אונ משכן הט ער אוך גרעט אן דעם טוך אונ אז ער האט אויף געהערט צו זאגון תורה אונ מצות הט ער ווידור זיין פנים מוט דעם טוך צו גדעקט אונ אהרן הט גוויסט דאס ער וועט אגרוסון זכות האבון ווען ער וועט צוא ישראל תורה לערנון אוז ער גגאנגון אונ האט גלערונט צו כל ישראל ווער עס הט נוט גקענט תפלה טון הט ער אום גלערונט צוא תפלה טון אונ ווער עס האט נוט גקאנט לערנון האט ער אום גלערונט תורה אונ נוט אויף אהרן אליין אוז דם גזאגט דם ער הט אגרוסון זכות גווערט ווער עס לערונט זיין חבר תורה אונ תפלה אודור ער שטרפט אום צו גוטון דער הט אגרוסון זכות אונ גאט העלפט אום דאס ער קאן פר שטיין דו חכמה פון דער תורה אונ דוא אונטערשטו פערצוג טאג וואס משה אוז גוועון אויף דעם בארג האבון ישראל גפאסט אונ גוויינט אונ דעם אונטערשטון טאג האבון זייא גפאסט טאג אונ נאכט אונ זענון גגאנגון צום בארג אקעגון משה אונ האבון אלו גוויינט אונ משה האט אוך גוויינט מוט זיי הט זוך גאט דער ברומט אובור זיי אונ הט זיי מוחל גוועון דוא עבירה פון דעם עגל אונ גאט הט צו זיי גזאגט דאס וויינון זאל אייך זיין צוא שמחה אונ ששון אונ דער טאג זאל אייך זיין צוא פר געבון איירו עבירות אלו יאר דאס אוז יום כפור אונ אין דער צייט וום משה הט דו לוחות צו בראכון האט גאט גוזר גוועון דאס ישראל זאלון תורה לערנון מוט צער אונ טרוערקייט אונ גלות פון איין שטאט צו דר אנדורור אזו וויא אבעל תשובה אונ מען זאל לערנון דורך דלות דען ווער עס אוז רייך דער קען קיין תורה נוט לערנון אונ מען ווערט שלאף דורך תורה לערנן אבור אז משיח וועט קומון וועלון דוא דאזונגו האבון גרוס שמחה אונ אויף יענור

וועלט האבון זייא אוך גרוס שמחה דער ילקוט שרייבט דם משה הט גזאגט צוא גאט רבונו של עולם אוך וועל אליין משפטון דו וום האבון גדונט ע"ז אונ אוז אראפ גגנגון אונ הט דם עגל פר ברענט אונ הט גזאגט ווער עס דונט צו גאט דר זאל קומון צוא מור דען גאט הט גהייסון אוך זאל הרגונון דעם וום האט גדונט ע"ז אונ חאטשו גאט האט אום נוט גהייסון האט ער דאך גזאגט כדי דוא לייט זאלון מיינון דם גאט הט דם גהייסון אונ אז זיי האבון גהרגות דוא וום האבון גדונט ע"ז האט משה תפלה גטואון אונ האט גזאגט רבונו של עולם דריי טוזונט מאן האבון ע"ז גדונט מוט דעם גאנצון הארצון אונ דוא ווילסט זעקס הונדערט טוזונט מאן אום ברענגון אזו האט זוך גאט אובור זיי דער ברומט עס אוז אמשל איין מלך האט געצערונט אויף זיין עלצטון זון אונ נעמט אום אונ גוט אום צוא איין שר אונ דוא הענט גייט דער שר אונ פורט אום אונ אנגדרו שטאט אריין אונ זאגט דעם מלך נושט דער פון נאך דרייסונג טעג הט דר מלך גומכט אגרוסו סעודה אונ אוז פריילוך גוועון אונ ווי ער הט דר זעהון דם זיין עלצטור זון אוז נוט דא הט ער אן גוהובון טרורוג ווערון אונ קיין קנעכט הט נוט גוויסט ווארום דר מלך אוז טרורוג נאר דר שר וום הט דם זון פר בארגון הט פר שטנון דם דר מלך אוז טרורוג פון וועגון זיין זון אוז דר שר גגאנגון אונ הט דם זון גובראכט פר דעם מלך אוז דער מלך זייער פריילוך גווארון אונ הט איין צורונג געגבון צוא דעם שר אזו אוך משה הט ישראל מציל גוועון פור פונוף מאל פון דם טוט אונ הט פר זיי תפלה גטון דרום הט גאט גנומון דו קרון פון דר תורה אונ הט געגבון צו משה אזו ווי דר פסוק זאגט (וראו בני ישראל את פני משה) דו קונדור ישראל האבון גוואלט זעהון דם פנים פון משה

און האבין נוט געקענט זעהן ווייל זיין פנים האט גלאכטין אזו ווי די זון און דם ליכטיקייט איז געבליבין ביי משה אייביג אפילו נאך זיין טוט אזו וויא און פסוק שטייט לא כהתה עינו זיינו אויגן זענין נוט טונקיל געווארן און זיין פנים איז לעבטיג געווען נאך זיין טוט און אזו אוטלוכור תלמיד חכם וואס לערינט תורה טאג און נאכט גוט אום גאט איין לעבט און זיין פנים אוף יענור וועלט אזו ווי און פסוק שטייט והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את יי אלהיך דוא נשמה פון דעם צדיק איז ביי גאט און לייכט מוט דר לעבט פון גאט :

# הפטרת תשא

(ויהי ימים רבים) און עס איז געווען און פיל טעג ארום (ודבר יי היה אל אליהו) און דוא רייד פון גאט איז געווען צו אליהו (בשנה) און דעם דרוטין יאר פון דעם הונגור (לאמר) צוא זאגין (לך) גייא וועי געזעהן צו אחאב (ואתנה מטר) איך וועל געבין רעגין אויף דער ערד דען עס האבין עטלוכי מענשין תשובה געטאן וועגין דעם הונגור דען פאר נוט מוז גאט צוא מאל שטראפין ישראל זייא זאלין תשובה טאן אזו ווי אונזרי חכמים זאגין וויא אחשורוש האט געגעבין זיין חותם צוא המן ער זאל טאן מוט ישראל וואס ער וויל האבין ישראל בלד תשובה געטאן און אכט און פערציג נביאים האבין געשטראפט דוא ישראל און זייא האבין קיין תשובה נוט געטאן איז בעסור געווען דר חותם פון אחשורוש מער פון אלי נביאים . דער מדרש ויקרא רבה שרייבט ווען עס איז איין מענש שלעכט דאכט זוך אום אויף ווייניג טעג דם זייא זענין פיל דרום שטייט דא (ויהי ימים רבים) עס איז גלייך ווי פיל טעג איז הונגור און אין אמת איז נאר געווען דריי יאר הונגור נאר און צרות איז די צייט לאנג (וילך אליהו) איז אליהו געגאנגין צו געוויזין ווערין צו אחאב און דר הונגר הט זוך געשטארקט און שומרון (ויקרא אחאב) הט אחאב גערופין צו עובדיהו וואס ער איז איין ממונה געווען איבור זיין הויז און עובדיהו האט זייער מורא געהאט פר גאט (ויהי) און עס איז געווען אז איזבל האט פאר שנוטין די נביאים פון גאט הט עובדיהו גנומן הונדערט נביאים און הט זייא בהאלטין פופציג מענשין און איין הייל און פופציג מענשין און איין אנדרו הייל און האט זייא געשפייזט מוט ברוט און וואסור. די גמרא זאגט אחאב האט גזאגט צו עובדיהו ווען דוא בוסט פרום וואלט מיין הויז גדארפט געבענשט ווערין פון דיינוט וועגין אזו וויא גאט הט געבענשט דאס הויז פון לבן פון וועגין יעקב און דם הויז פון דעם מצרי וועגין יוסף איז געקומין אבת קול פון דעם הומול און זאגט עובדיהו איז זייער פרום נאר דאס הוז פון אחאב איז נוט ראוי צו קיין ברכה ווייל אחאב איז איין רשע . ר' אבא זאגט עובדיהו איז בעסור געווען מוט צדקות און מעשים טובים מער וויא אברהם אבינו דען ער הט זיין לעבין דרונין געשטעלט וואס ער הט די נביאים געגעבין עסין ווארום איזבל זאל געווען געוואר ווערין וואלט זו אום געהרגנות דרום הט ער זיי בהאלטין און צווייא הייליך און נוט און איין הייל. ר' אליעזר זאגט עובדיהו הט דם אפ געלערינט פון יעקב אבינו דאס ער האט זיינו קונדור און זיין הויז געזונד געטיילט אוף צוויי חלקים דען ער האט זיך געטראכט ווען עשו וועט דער שלאגין איין טייל וועט די אנדורו טייל אנטלופין אזו אוך הט עובדיהו געטראכט ווען איזבל וועט געוואר ווערין און וועט איין הייל דער שלאגין וועט די אנדורו הייל נביאים אנטלופין (ויאמר) הט אחאב געזאגט צו עובדיהו גייא און לאנד צו אלו קוואל ברונום פון וואסור און צוא אלו טייכון

**נופת**

ויקראו בשם הבעל וגו' ואין קול ואין עונה . דוא נביאי הבעל האבין געשריגין צו דוא עבודה זרה בעל ער זאל געבין פייעור צו זייער קרבן אבור ער

**צופים**

ענטפערט נוט קום ועה וזען מען וויל וואס עס איז פועל זיין און הומול מוז מען מבין זיין רוקטוג ווען נוט איז קיין פעולה נוט און אפילו די מכשפים ווען

פייכון טאמור וועלון מור גופונון גראז אונ מור וועלון דר נערון פערד אונ מול אייזלון אונ מור וועלון נוט פר שנוטון ווערון פון קיין בהמות (ויחלקו) אונ זיי האבון צוטיילט דאס לאנד צוא אובור פארון אחאב איז גגאנגון אונ איין וועג אליין אונ עובדיהו איז גוועזן אונ וועג איז אליהו אום אקעגון גוקומון אונ עובדיהו הט אום דער קענט (ויפול) אונ איז גפאלון אוף זיין פנים אונ הט גזאגט דו בוסט דם מיין האר אליהו האט ער צו אום גזאגט אוך בון דם גיי אונ זאג צו דיין האר אליהו איז דא (ויאמר) האט עובדיהו צו אום גזאגט ווס האב אוך גזינדיגט וס דו גוסט מוך דיין קנעכט אונ דר האנד פון אחאב צו טייטון מוך דא שווער אוך ביי דיין גאט ווס לעבט אייבוג אוב עם איז דא איין פאלק אונ איין מלוכה וס מיין האר האט נוט גשוקט אהון זיכון דוך אונ זיי האבון גזאגט דוא בוסט נוט דא אונ ער הט בשווארון די מלוכה אונ דם פאלק אוב זיי קענון דוך נוט גפונון (ועתה) אונ אצונד זאגסטו מור גייא אונ זאג צו דיין האר אחאב אליהו איז דא אונ עם וועט זיין אוך וועל אוועק גיין פון דור אונ אווינט פון גאט וועט דוך אוועק טראגון אוף אזו איין אורט וואס אוך וועל נוט ווישון ווי דו וועסט זיין (ובאתי) אונ אוך וועל קומון זאגון צו אחאב אז דו בוסט דא אונ ער וועט דוך נוט גפונון (והרגני) וועט ער מוך הרגנון (ועבדך) אונ אוך דיין קנעכט האב מורא פאר גאט פון מיין יוגענט אן דרום קערסטו אוף מור רחמנות האבון זאלסט מוך נוט לאזון טייטון (הלא) פר וואר עם איז דאך וואורון גזאגט צו מיין האר וס אוך האב גוטון אז איזבל הט גהרגנות די נביאים פון גאט האב אוך בהאלטון פון דוא נביאים פון גאט הונדרט מאן (חמשים חמשים איש במערה) צו פופצוג מאן אונ איין הייל אונ האב זיי גשפייזט מוט ברוט אונ וואסור דער

פרקי רבי אליעזר שרייבט אונ אוך דער ילקוט אונ דער הפטורה דאס צעהן מלכים האבון גוועלטיגט אובור דער גאנצר וועלט דער ערשטור איז גאט וס גוועלטיגט אובור הומול אונ ערד דער אנדרור איז נמרוד וס האט גוועלטיגט אובור דער ערד דער דריטר איז יוסף דער פערדור איז שלמה דר פופטר איז אחאב אזו ווי דער פסוק זאגט דם ער הט אלו אומות בשווארון אוב זייא קענון אליהו ניט גופונון אזו איז גדרינגין דם ער הט מושל גוועזן אובור זייא דער זעקסטור איז גוועזן נבוכדנצר דער זיביטער איז גוועזן כורש דער אכטור איז גוועזן אחשורוש דער ניינטור איז מלך המשיח דער צעהנטור איז ווידער גאט דאס אונ די טעג פון משיח וועלון אלו ווישון דם גאט איז אמלך אובור דער גאנצר וועלט אזו ווי אונ פסוק שטייט (והיה יי למלך וגו׳) גאט וועט זיין איין מלך אובור דער גאנצר וועלט די גמרא זאגט אונ נדרים ווי גשוקט זיך דאס עובדיהו זאל זוך ברומון ער האט מורא פאר גאט עם שטייט דאך אונ פסוק (יהללך זר ולא פיך) אפרעמדר זאל דוך לובון אונ נוט דיין מויל אליין דער תירוץ איז אונ דער שטאט ווי מען קאן דעם מענשון זאל ער זוך אליין נוט לובון אובור אונ אפרעמדור שטאט וואס מען קען אום נוט מעג ער זוך לובון כדי ער זאל זוך מציל זיין דרום האט עובדיהו זוך גלובט פאר אליהו ער זאל זוך מציל זיין אחאב זאל אום נוט הרגנון איז קשה ווארום הט זוך רבי טרפון מצער גוועזן וס מען הט אום גוואלט ווארפון אונ וואסור אריין ווייל ער הט גגעסון אופם פון אגרטון איז נוקומון דער בעל הבית אונ הט אום נוט דר קענט אז ער איז ר׳ טרפון אונ הט אום אונ אזאק אריין גלייגט צו ווארפון אום אונ וואסור הט ער גשריגן ווייי דור ר׳ טרפון דם דער דאזיגר וויל דוך ווארפון אונ וואסר אריין אזו

נופת

זייא טואון נוט וואס עם איז שייך צו זייער טומאה קענון זייא גאר נוט ווירקון אונ ווייל דוא פעולה פון פייער נהערט נוט צו דעם מזל בעל וס זייא האבון גדונט כדי ער זאל משפיע זיין אוף זייא . אויך הקדוש ב״ה האט גמאכט פון דוא נביאי הבעל פאר זיכון דוא גזעגלוכע תחבולות ווייערו אז אליהו

צופים

זאגט ווייטור ואתה הסבות את לבם אחורנית דוא האסט אם נקערט זייער הארץ כלומר דעם פר שטאנד אהונטער אונ זייא האבון גאר וואס אנדערש גטאן דרום האט זייער כישוף אונ זייער גבעט גאר נוט גהאלפון . וואול איז צו דוא צדיקים דאס זייא רופון צו הקב״ה באמת :

אזו באלד הט אום דער בעל הבית אפ גלזט
הט זוך ר׳ טרפון אלו זיינו טעג מצער גוועזן
ווייל ער הט הנאה גהאט פון דער תורה אוף
דער וועלט דס ער האט אום אפ גלאזט ווייל
ער אוז גוועזן ר׳ טרפון אתלמיד חכם דער
תירוץ אוז ר׳ טרפון אוז גוועזן איין עושר אונ
הט נוט גדארפט זאגון אז ער אוז רבי טרפון
ער הט זוך גקענט מוט געלד אום לייזון פון
דעם טוט אונ הט זוך מציל גוועזן דער מוט
ווס ער האט גזאגט ער אוז ר׳ טרפון דרום
הט ער זוך מצער גוועזן דר תנחומא אונ אוך
דער ילקוט שרייבט אונ דער הפטורה דוא
חכמים זאגון דו לייט פון אחאב האבון אלו
גדינט צו ע״ז אונ האבון גרוס מזל אונ ברכה
גהאט אונ האבון אלו מלחמות גווינון דס אוז
גוועזן ווייל עס אוז צווישון זייא קיין מענש
נוט גוועזן וואס זאל ריידון לשון הרע דען
אליהו האט זוך גשטעלט אוף דעם הוכון
בארג כרמל אונ האט גשרוגון אוך בון איין
נביא אובור גבלובון אונ עס הט אום קיינור
נוט אום גגעבון פר דעם מלך אחאב אבר
אונ דו צייטון פון דוד המלך הבון דו ישראל
רעכט גדינט גאט אונ אפילו קליינו קונדער
האבון פול תורה גלערינט נאר עס אוז גוועזן
פיל צווישון זיי וואס האבון גרעט לשון הרע
אוף דוד פר שאול דרום זענון זיי גפאלון אונ
דיא הענד פון דו אומות אונ זייער תורה הט
זיי נוט גקאנט העלפון דרום זאל מען זעהן
צו הוטון זוך פר לשון הרע דען עס קומט פול
בייז דורך לשון הרע (ויאמר אליהו) הט אליהו
גזאגט דא שווער אוך ביי גאט דער האר
איבר אלו חיילות ווס ער לעבט אייבוג ווס
איך בון גשטאנון פר אום דס הייגט וועל אוך
ווערון גזעהן צוא אחאב (וילך עובדיהו לקראת
אחאב ויגד לו) אוז גגנגון עובדיהו אקעגון
אחאב אונ הט צו אום גזאגט דס אליהו אוז
דא (וילך אחאב לקראת אליהו) אוז אחאב גגנגון
אקעגון אליהו (ויהי כראות אחאב את אליהו)
איז גוועזן אז אחאב הט דער זעהן צו אליהו
האט אחאב גזאגט צו אום דו בוסט דס דער
בטרובור פון ישראל (ויאמר לא עכרתי את ישראל)
הט אליהו גזאגט אוך האב נוט בטריבט דו
ישראל נאר דוא אונ דיין פאטרם הוז גזינד
ווייל איר הט פר לאזט דו מצות פון גאט אונ
ביסט גגנגון נאך דוא אפ געטור ווס הייסון
בעלים (ועתה שלח וקבוץ אלי את כל ישראל וגו׳)
אונ אצונד שוק אונ זאמול איין כל ישראל
צו דעם בארג כרמל אונ דו נביאים פון דער
אפ גאט בעל פור הונדרט אונ פופצוג מאן
אונ דוא נביאים פון דעם לונדון בום פור
הינדרט מאן ווס עסון ביא דעם טוש פון
איזבל אונ מור וועלון זעהן ווער גרעכט אוז :

## צאינה פרשת ויקהל וראינה

(ויקהל משה) משה הט איין גזמולט כל
ישראל איין טאג נאך יום כפור הען
אום יום כפור אוז ער אראפ גגאנגון
פון דם הימול מוט דו אנדרו לוחות אונ
דם אוז גוועזן אום דאנורשטוג אונ ארוף
גגאנגון אוף דם הומול אוז ער אום ראש
חודש אלול ווס אוז גוועזן אום מאנטוג
דרום פאסטון מור מאנטוג אונ דאנרשטוג
אונ

### אוהל

(ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת
לה׳ אלהיך) זעקס טאג זאלסטו טון אמלאכה אונ דעם
זובטון טאג זאל זיין שבת פון גאטס וועגון מור
זועלון נעבון צו פר שטיין מוט איין משל איינור אוז
אוועק גפארון פון זיין הײם אונ פון זיין משפחה אונ
אפרעמד לאנד אריין דורטון צו וואנון אונ ער פלעגט
גערון זיין צו זעהון אמענשון פון דער היים ער זאל
פרעגון אוף זיין משפחה נאר עס אוז קיינור נוט
גקומון מחמת עס אוז גוועזן זייער ווייט אמאל אוז
גקומון אונ דער שטאט אריין איין ארום מאן וואס

### יעקב

גיים ארום אונ דוא הייזור אונ אז דער ארום מאן אוז
אריין גקומון צו דעם מענשון אונ שטוב אריין האט
ער דעם ארומאן דער קענט אז ער אוז פון זיין שטאט
הט ער זוך זייער גפרייט הט ער אום גוואלט פאר
האלטון ער זאל אום פרעגון אוף זיין משפחה זאגט
צו אום דער ארום מאן נאך ווס זאלסטו מוך פאר
האלטון זאלסט מור גורם הזיק זיין אוך בון דאך
גקומון אהער צונוף מאכון עטלוכו מטבעות זאגט דער
מענש צו אום וויא פול מטבעות מיינסטו זאלסטו דא
מאכון זאגט דער ארומן אוך מיין אוך וועל דא מאכון

אונ דו טעג האט גאט מוחל גוועזן דוא עבירות פון ישראל זאל ער אונז אויך מוחל זיין אונזרו עבירות אונ איין טאג נאך יום כפור הט משה איין גזמולט כל ישראל אונ הט זיי גבעטן זיי זאלון בואון דם משכן דער אבן שואב שרייבט וויא משה הט אויף גושטעלט דם משכן האט ער גזאגט דעם מזמור ויהי נועם דם דוא שכינה זאל רואון אונ משכן אזו ווי דר מדרש זאגט רבי לוי זאגט צום ערשטון איז דר עיקר רואון פון דר שכינה גוועזן אויף דר ערד אזו וויא אונ פסוק שטייט וישמעו את קול אלהים מתהלך בתוך הגן אדם וחוה האבון גוהערט דם קול פון גאט גיין אונ גארטון אונ אז אדם הט פון דם עץ הדעת גגעסון איז דוא שכינה ארויף גגאנגון אויף דעם ערשטון הומל אונ אז קין האט גהרגות הבל איז דוא שכינה ארויף גגאנגון אויף דעם אנדורון הימול אונ אז עס איז גוקומון דאס דור אנוש וואס האבון גדונט ע"ז איז דו שכינה ארויף גגאנגון אויף דעם דרוטון הומול אונ אז עס איז גוקומון דו רשעים פון דעם דור המבול איז דו שכינה ארויף גגאנגון אויף דם פערדהון הימול אונ אז עס איז גקומון דאס דור הפלגה וואס האבון גבויעט איין שורום אקעגון דעם הומול זיי זאלון ארויף גיין אויף דעם הומול איז דו שכינה ארויף גגאנגון אויף דם פופטון הומול אונ אז עס איז גוקומון נמרוד אונ האט זוך גומאכט פאר איין גאט איז דוא שכינה ארויף גגאנגון אויף דעם זעקסטון הומול אונ אז עס איז גוקומון דו לייט פון סדום איז דו שכינה ארויף גוגאנגון אויף דעם זובוטון הומול איז גוקומון אברהם וואס ער איז גוועזן איין צדיק האט דו שכינה אראפ גונודורט אונ דעם זעקסטון הומול דער נאך איז גוקומון יצחק הט דו שכינה אראפ גונודורט אונ דעם פופטון הומול איז גוקומון יעקב האט דו שכינה אראפ גונודורט אונ דעם פערדון הומול איז גקומון לוי הט דו שכינה אראפ גנודורט אונ דעם דרוטון הומול איז גוקומון קהת דט דו שכינה אראפ גנודורט אונ דעם אנדורון הומול איז גוקומון עמרם האט דו שכינה אראפ גנודרט אונ דם ערשטון הומול איז גוקומון משה הט ער גמכט דם דו שכינה האט אראפ גונודורט אויף

כהנים

איהל יעקב

אקערבול זאגט דער מענש אום אויך נזב דור דאס קערבול אונ זוך מוט מור הט דער ארומאן אזו גטון אונ איז געסון מוט דעם מענשון אונ האט אום אן גהובון צו דער ציילון פון זיין משפחה אונ אז ער הט אן גהובון צו דער ציילון אונ איז גוועזן מוד פון דעם וועג הט ער אן גהובון צו דרומלון אונ האט זוך גטראכט אז גאט האט מור בשערט אזו איין אורט אוך זאל מוך קענון אפ רואון ווער אוך בעטון דעם בעל הבית אוך זאל מוך לייגון אבוסול אובור שלאפון אפ דער בעל הבית אויף דעם ארומאן גווארון אונ כעם אונ זאגט צו אום אוך צאל דור פאר היינטוגון טאג בדי דוא זאלסט זיין ליידוג כדי עס זאל מור זיין אטובה זאלסט מור דער ציילון פון מיין משפחה אונ פון מיינו קרובים אונ דוא ווילסט גאר דוך לייגון שלאפון דער נמשל איז גאט הט גגעבון דעם מענשון א נשמה וואס זוא איז גנומון גווארון פון אונטער דעם כסא הכבוד אונ האט זוא אראפ גגעבון אויף דער וועלט איז זוא דער ווייטורט

גווארון פון איר אורט אונ אגאנצו וואך וויל גאט הערון פון דער נשמה גוטו בשורות היינו זוא לערונט תורה אונ טוט מצות נאר מחמת דער מענש איז פאר טריד אונ זיינו עסקים האט אונז גאט אפ גזעצט דעם טאג פון שבת ער זאל זוך מוט אונז משמח זיין אונ גוט אונז פריימונ טאפול שפייז וועגון שבת אויך כדי מור זאלון שבת זיין ריין פון אלו עסקים אונ מור זאלון זוך פרייאון מוט גאטס דונסט דאס זאגט דער פסוק (ששת ימים תעשה מלאכה) זעקס טעג פון דער וואך טוסטו דיין מלאכה אונ בוסט פאר טריד אונ דיינו עסקים (וביום השביעי שבת לה' אלהיך) על כל פנים דעם זובמון טאג זאל זיין שבת פון גאטס וועגון ער נוט דוך דור אונ דער וואבון שפייז אויף שבת אויך כדי דו זאלסט שבת זיין אפ גרוט אונ זאלסט דוך משמח זיין מוט גאט אונ זאלסט לערנון איין גאנצו טאג תורה נוט דער טאג זאל אוועק גיין מוט שלפון אונ מוט אנדרו זאכון :

דער ערד אונ משכן דרום האט גאט געהייסן דם משה זאל אויף שטעלין דם משכן צו רואן דורטן דוא שכינה וויל ער האט זוא אויף דער ערד גבראכט (ששת ימים תעשה מלאכה) דאס איז טייטש זעקס טאג ווערט ווערדן אליין גוטן דיין מלאכה צוא ווייזן ווער עס האלט רעכט שבת ווערט זיין מלאכה גוטן דורך אנדרו אונ דו תורה הט פרוער אן גשריבן מען זאל האלטן שבת פר דער מלאכה פון דעם משכן צוא ווייזן מען זאל האלטן שבת אפילו דם משכן זאל מען נוט בויען אום שבת מכל שכן דאס דער מענש טאר פון זיינוט וועגן נוט ארבוטן אום שבת דער בעל הטורים שרייבט דוא תורה הט אן גשריבן שבת גאהונט ביי יענער סדרה וום שטייט דאס משה האט גוהאט איין לוכט פון זיין פנים צו ווייזן דם אום שבת גוט גאט איין לוכט צו אוטלוכין ישראל דם ער האט חן אונ זיין פנים (לא תבערו אש בכל מושבותיכם) איר זאלט נוט ברענן קיין פייער אום שבת אונ דרום הט דו תורה בפירוש אויף פייער פר באטו מער ווי אנדרו מלאכות וייל צום מיינסטן מלאכות וערען גיטון דורך פייער אונ דרום אז עס גייט אום שבת וואס מען מעג איין מלאכה טואין מאכון מיר הבדלה אובר פייער אונ אויך אז גאט האט דוא וועלט בשאפן איז דם ערשטו בשעפניש גיוועזן דו לוכט וום איז גליך וויא פייער אונ אויך דרום האט דוא תורה אן גישריבן מען זאל נוט ארבוטין מוט פייער דם מיינט מען דו ווייבר זאלון נוט ריידן אונ שול וואס זיי האבון גקאכט ביי דעם פייער דען דו ווייבר קומען אונ שול אונ ריידן אלין וואס זייא האבון גקאכט אונ הערון נוט צו דו תפלה אונ זענון נאך מבטל דו תפלה אונ דרום הט דוא תורה אן גשריבן לא תבערו אש ביי דעם משכן צו ווייזן דם דו שול איז גלייך ווי דאס משכן אונ מען זאל נוט ריידן אונ איר קיין אום זוסטו רייד ובפרט אום שבת קומן אלו ווייבר אונ שול אונ ריידן אום זוסטו רייד דוא גמרא זאגט אונ קידושין צעהון מאס רייד איז אראפ גגאנגן אויף דער וועלט ניין מאס האבון גנומן דוא ווייבר אונ איין מאס האבון גנומן דו גאנצו וועלט רב הונא זאגט ווען מען עפונט אויף דו ספר תורה צו ליינן טאר מען נוט ריידן אפילו קיין דברי תורה אונ אפילו אונ שול טאר מען אויך קיין אובריגו רייד נוט ריידן אזו ווי דר מנורת המאור שרייבט דו חכמים זאגון מען הר קענט איין מענש אונ זיין ריידן דר וום רעט פול איז איין שוטה אונ הר וום רעט ווייניג איז איין חכם אונ איז גווים איין מיוחס פון איין גוטר משפחה אזו ווי דוא גמרא זאגט אונ קידושין דם אז ווערט מען גוואר ווער עס איז איין מיוחס ווען צוויי מענשן קריגון זוך הער וום בלייבט פרור שטיל דר איז איין מיוחס רבי זאגט דאס שווייגון פון בבל איז זייער יחוס אובר דברי תורה זאל מען פול ריידן פון דעסט וועגן איז פר האנדון ערטור וום מען טאר קיין דברי תורה אויך נוט ריידן דהיינו אז מען זאגט קריאת שמע אודר שמונה עשרה אודר הלל אודר ווען מען ליינט אונ דר תורה דו גמרא זאגט ווען איין מענש הט גורעט אונ דר תפלה הט מען אום גהייסן ארום גיין פון דער מלחמה דען אז ישראל זענון גגאנגן מלחמה האלטן מיט דו אומות הט מען

אוים

של"ה הקדוש

(לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת) דאס קאן זיין ארמז אויף דעם ענין פון מחלוקת אונ פון כעס . פון וועלכום יעדור מענש דארף זוך שטענדוג היטון אום חלילה נוט אן צו צונדון אונ זיין פלאם נוט צו מאר גרעסרון . ומכל שכן אום שבת דעם הילוגן טאג פון רוה וואס אפילו דאס פייעור אונ גיהנם ברענט נוט אונ רוזון טאג . אונ דער וועלכר מאכט מחלוקת אדור ער צערונט אום שבת מאכט ער אז דאס פייער פון גיהנם צונדט זוך אן אונ אום זעלבטט :

אום גרופן ווער עס הט פיל עבירות זאל גיין אהיים אונ זאל ניט מאכן פאלן ישראל אונ די הענד פון דם פיינט דורך זיינו עבירות אונ דער וואס הט גורעט אונ דאווינן האט אויך גמוזט גיין אהיים ווייל עס איז איין גרוסו עבירה פון דאנן זאל מען זעהן דם האטשו צו ריידן אונ דברי תורה איז איין גרוסו מצוה דאך האבן די חכמים פר באטן מען זאל קיין דברי תורה ניט ריידן אונ דער תפלה מכל שכן אום זוסטיגו רייד טאר מען בוודאי ניט ריידן אונ די לייט זענן ניט גווארונט דרונן אונ ריידן פיל אום זוסטו רייד אונ אובריגו אונ דם איז איין גרוסו עבירה ובפרט אום שבת אזו ווי דוא גמרא זאגט דאס ריידן פון שבת זאל ניט זיין אזו ווי דם ריידן פון דער וואכן אונ אין מדרש ויקרא רבה שטייט דאס די מוטור פון ר׳ שמעון בן יוחאי האט איינמאל פיל גורעט אום שבת הט ער צוא איר גוזאגט עס איז שבת איז זוא שטיל גובליבן דער בעל הטורים שרייבט (לא תבערו אש) זאגט ווייל מיין פייער פון דם גיהנם רוהט פון אייערט וועגן אום שבת דרום זאל אייער פייאור אויך רוהן אום שבת דער תולדות יצחק שרייבט דרום הט די תורה פרור אן גשריבן מען זאל געבן נדבות צום משכן זולבור אונ גאלד אונ הט אן גשריבן מען זאל הלטן שבת דאס איז דר מענש זאל ויסן דם שבת ווייזט אויף יענור וועלט וום זוא איז גלייך ווי שבת וום מען ארבוט ניט דרטן אונ ער זאל ויסן דם דוא וועלט איז גאר ניט אקעגן יענור וועלט ווט אום ניט באנק טון צו גבן גאלד אונ זולבור צום משכן (קחו מאתכם תרומה) נעמט פון אייך תרומה דער פסוק ווייזט אונז דם דר מענש זאל ניט זאגן ווען ער ווט רייך ווערן ווט ער געבן צדקה אונ איין נדבה דרום זאגט דר פסוק (קחו מאתכם) נעמט וום עס גופונט זוך ביי אייך וואס גאט האט

אייך גוגעבן (כל נדיב לבו וגו׳) אוטליכר וום זיין הרץ האט אום בווילוגט זאל ער ברענגן אנדבה צום משכן דר תולדות יצחק שרייבט דרום האט משה גוהייסן זיי זאלן אליין ברענגן אונ הט ניט גזאגט מען זאל פון זיי נעמן אנדבה דם איז ווייל משה האט פרור בדעה גהאט מען זאל מאכן גבאים זיי זאלן גיין פון הויז צו הויז אונ זאלן נעמן וואס אוטליכור ווט געבן אבור דר נאך אז זיי האבן צום עגל אליין גבראכט גאלד הט משה גזאגט ווייל איר האט צום עגל אליין גובראכט גאלד זאלט איר צום משכן אויך אליין ברענגן עס זאל זיין איין כפרה אויף דם עגל (ויבאו האנשים וגו׳) אונ די מאנן זענן גוקומן נאך די ווייבור דר רמב״ן שרייבט ווייל דער עיקר צורונג פון גאלד אונ זולבור איז אויף ווייבור דרום זאגט דר פסוק זיי זענן גוקומן די מאנן נאך די ווייבור כלומר די ווייבור ברענגן פרור זייער צורונג פון גאלד אונ זולבור אונ דר נאך קומן די מאנן מוט זייערו רונגן אונ פונגרליך פון גאלד אונ זולבור דער תולדות יצחק פרעגט דוא חכמים האבן גוזאגט מען טאר ניט נעמן צדקה פון דוא ווייבור נאר איין קליינו זאך אונ ווי הט מען פון זיי גונומן אזו פיל גאלד אונ זולבור אמער זוא טאר ניט אוועק געבן דאס גאלד אונ זולבור וום זוא ברענגט פון איר פאטרם הויז אונ ניט דם גאלד אונ זולבור וום דר מאן גוט איר דער תירוץ איז די ווייבור מוט די מאנן זענן אונ איינום גוקומן אונ האבן גובראכט דאס גאלד אונ זולבור צום משכן דרום שטייט (ויבאו האנשים וגו׳) דוא מאנן זענן גוקומן אונ איינום מוט די ווייבור פון דאנן לערנן מיר אפ דאס איין אשה זאל קיין גרוסו צדקה ניט געבן אן דעם מאן אבור איין גרשון אודר אהאלבן אודור אקליינו זאך מעג זוא געבן אן דעם מאן דוא גמרא זאגט איין אשה מעג געבן שפייז פון איר הויז צ א

איין ארום מאן אודור צו איין אורח אזו ווי עס איז געוועז איין מעשה דם מען הט גדרפט רעגון האבון דוא חכמים גושיקט צווייא רבנים צוא אבא חלקיהו ער זאל בעטון אויף רעגון ווענון די רבנים גוקומון אונ זיין הויז אונ האבון אים נוט גופונון וועגון זייא גוגאנגון אונ פעלד אונ האבון אים גופונון אקערון האבון זיי אים גגעבון שלום אונ ער הט זייא נוט געענפורט אז עס איז ווארון פר נאכט האט ער גונומן הולץ אויף איין אקסול אונ דם קלייד אויף דם אנדורון אקסול אונ אויף דם וועג איז ער גגאנגון ברווים אונ אז ער איז גוקומון צו איין וואסור הט ער אן גטאן די שוך אונ אז ער איז גגאנגון צווישון דערנור האט ער זיינו קליידור אויף גהובון אונ אז ער איז גוקומון נאהונט צו דר שטאט איז זיין ווייב ארום גוגאנגון אקעגון אים גצוירט אונ אז ער איז גוקומון אהיים הט ער דם ווייב פרור אריין גלאזט אונ דר נאך די רבנים אונ אז ער הט זוך גוזעצט עסון הט ער די רבנים נוט גרופון עסון אונ האט גגעבון דעם עלצטון זון איין שטוק ברוט אונ דעם יונגסטון האט ער גגעבון צווייא שטוק ברוט נאך דעם עסון הט אבא חלקיהו גזאגט צו זיין ווייב אוך וויים דם די רבנים זענון גקומון אוך זאל תפלה טון אויף רעגון קום אויף דם בודום אונ לאמור תפלה טונכדי די רבנים זאלון נוט וויסון דאס רעגון גייט דורך אונזר תפלה ווענון זיי ארויף גגאנגון אויף דעם בודום האט ער זוך גושטעלט אונ איין ווינקול אונ דאס ווייב אונ דעם אנדרון ווינקול אונ האבון תפלה גטואון איז איין וואלקון פרור אויף גגאנגון פון דם ווינקול ווס זיין ווייב איז גשטאנון דען איר תפלה איז גוכור אן גנומון גווארון איז ער אראפ גגאנגון אונ הט גפרעגט די רבנים וואס זענט איר גקומון זגון זיי די זלבט תפלה טון אויף רעגון ענפרט ער גלובט איז גאט דם איר דארפט שון קיינום נוט דען עס

גייט רעגון אן מור האבון די רבנים גזגט מור ווייסון וואל דם דר רעגון איז דורך דור נאר זאג אונז די אלו זאכון ווס מור וועלון דוך פרעגון ווארום האסטו אונז נוט געענפרט אז מור האבון דור שלום גגעבון הט ער גזאגט אוך בין פר דונגון גוועז אויף דעם טאג האב אוך מוך נוט גוואלט מבטל זיין פון דעם בעל הבית מלאכה האבון זיי אים גופרעגט ווארום הסטו דם קלייד גטרגון אויף איין אקסול אונ דאס האלץ אויף דעם אנדרון אקסול אונ נוט אויף דם קלייד הט ער גזאגט דם קלייד האב אוך גלוגון אויף צו גיין דרונן אונ נוט האלץ דרויף צו טראגון ווארום בוסטו דען נאנצון וועג גגאנגון ברווים אונ אונ ווסר האסטו אן גטואון שוך הט ער געענפרט אויף דם וועג קען אוך מוך היטון פאר איין שטיין אודור איין ביין דם אוך זאל נוט צו שלגון די פוס אבר אונ וואסור זעה אוך נוט דרום האב אוך אן גוטון די שוך ווארום אז דוא בוסט גוקומון צו דערנור האסטו אויף גוהובון די קליידור אמער די קענסט דור צו שטעכון די פוס הט ער געענפורט ווען די פוס וועלון זוך צו שטעכון וועלון זיי זוך פר היילון אובור ווען דוא קליידור וועלון זוך צוא רייסון וועלון זיי זוך נוט פר היילון ווארום איז דיין ווייב דור אקעגון גגנגון גצוירט הט ער געענפורט כדי אוך זאל קיין מחשבה נוט האבון אויף איין אנדורו אשה ווארום איז דיין ווייב פרור אריין גגנגון אונ הויז דער נאך די הט ער געענפורט וויל אוך קען אייך נוט אויב איר זענט פרום דרום האב אוך גמאכט אצווישון שייד צווישון אייך אונ צווישון איר ווארום האסטו אונז נוט גורופון עסון האט ער געענפורט וויל אוך האב נוט גונוג ברוט גהט פר מיין הויז גזונד דרום האב אוך נוט גוולט גנב דעת זיין צו רופון אייך עסון אונ נוט מוט דעם גאנצון הארצון ווארום האסטו דעם עלצטון קונד איין שטוק

ברוט געגעבון אונ דעם יונגסטון האסטו צוויי שטוק געגעבון הט ער געענפורט דער עלצטור אוז אונ דער היים עסט ער ווען ער וויל אובור דער יונגסטור אוז אונ חדר דם גאנצון טאג אונ עסט נוט ווארום אוז פרור אוף גגנגון אוועקון פון דעם ווינקול ווס דיין ווייב אוז גשטנון הט ער געענפורט ווייל זוא גוט צדקה גקכטם אונ גבאקונם הט דר עני באלד הנאה אובור אוך גוב געלד דארף דער עני ערשט קופון עסון פון דאנון לערנון מור אפ דם איין אשה מעג געבון צדקה פון שפייז אן דעם מאנם וויסון ווי דאס ווייב פון אבא חלקיה האט געגעבון אן דעם מאנם וויסון דען וואלט זוא געגעבון מוט דעם מאנם וויסון אוז גלייך ווי ער גוט וואלט דער וואלקון אוף גגאנגון פון זיין ווינקול פרור אוך קען מען פון דאנון אפ לערנון דאס אפילו איין עני דארף אוך געבון צדקה דען אבא חלקיה אוז איין עני גווען ער האט זוך גמוזט פאר קופון ביי פרעמדו צו ארבוטון אוף דעם טאג אונ הט צדקה געגעבון אוך זאגט דו גמרא אונ כתובות דם מר עוקבא האט גהאט איין שכן איין עני האט ער גלייגט אלו טאג פור גולדון אונטר דער טור כדי דר עני זאל נוט וויסון ווער עס גוט אום אמאל הט דר עני גזאגט אוך מוז גוואר ווערון ווער עס גוט מור אונ ווי מר עוקבא אוז גוגאנגון מוט זיין ווייב אונ הבון אריין גלייגט דו פור גולדון הט דער עני דער זעהון אונ אוז זייא נאך גולופון אוז מר עוקבא מוט זיין ווייב אנטלופון גווארון אונ זענון גוקומון צו אקלוך אובון אונ זענון אונ קאלוך אובון אריין גולאפון הט מר עוקבא זוך אפ גברוט דו פוס הט זיין ווייב צו אום גוזאגט שטעל דיינו פוס אוף מיינו פוס ווערט דור נוט היים זיין ווייל זוא הט גוגעבון צדקה פון גקאכטם אונ גבאקונם דם דו עניים הבון באלד הנאה גוהאט דרום זענון אורו פוס נוט אפ

גברוט גווורון אונ דרום זענון זיי אנטלופון אונ איין קאלוך אובון ווייל עס אוז בעסור מען זאל זוך לאזון פאר ברענון איי מען זאל איינום מבייש זיין פון דאנון לערנון מור אפ דאס דו אשה זאל געבון צדקה פון פרטוג עסון דעם עני אונ עס אוז ראוי מען זאל איין ארומו אשה פרור צדקה געבון ווי אמאנזבול דען דו אשה אוז מער שעמודוג צו בעטון צדקה וויא איין מנזבול אונ דו צדקה טוט מציל זיין פון צוויי זאכון פון דם מלאך המות אונ פון דעם גיהנם (ויצאו כל עדת ישראל מלפני משה) אונ אלו ישראל זענון ארום גוגנגון פון פר משה דר בחיי שרייבט דר פסוק לערונט אונז דאס ישראל האבון גרום חשק גהאט צו ברענגון גאלד אונ זולבור צום משכן אונ דו ווייבור האבון נאך מער חשק גהאט צו געבון זייערו אורונגלך צום משכן דרום שטט יט (ויבאו האנשים על הנשים) כלומר דוא מאנון זענון גוקומון אונ האבון דו ווייבור שון גפונון ביי דעם משכן אונ דם אוז גווען גרום חשיבות פאר דוא ווייבור דם צום עגל האבון זיי נוט גוואלט געבון זייערו אורונגלוך אונ צום משכן האבון זיי מוט גרום חשק גגעבון דו אורונגלוך דר פרקי רבי אליעזר שרייבט דרום הבונדו ווייבור זוכה גווען דם גאט הט זיי גגעבון ראש חודש פר איום טוב דם זיי זאלון הלטון ראש חודש מוט גוטו קליידור אונ נוט צו טון קיין שווערו ארבוט מער ווי דו מאנון אונ אוף יענור וועלט וועט גאט אוך בצלון אגוטון שכר צו דו ווייבור צו דר פריען זיי דם הט שלמה גוזגט אונ קהלת (אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי) כלומר קיין אשה אוז נוט גווען ביי דעם עגל אז זייא האבון גוזאגט (אלה אלהיך) דען דו ווייבור הבון נוט גוואלט געבון זייערו אורונגלוך צום עגל דוא גמרא זגט אונ פרק השולח דו טעכטור פון רב נחמן פרעגון אפ שומון איין

הייסון טאפ בייא דעם פייער מוט דוא בלוסו הענט אן אקאך לעפול הט רב עיליש גזעהון אונ זאגט שלמה המלך הט גזאגט צווישון טוזונט ווייבור איז נוט איינו קיין פרומו ווי קומט עם דאם קיין פייער איז נימ שולט אונ דו טעכטור פון רב נחמן הט זוך גמראפון דם דוא טעכטור פון רב נחמן זענון גפאנגון גווארון אונ רב עיליש איז אויך מוט זיי גפאנגון גווארון איז מוט זיי גיזעסון איהודי ווס הט גוקענט דאס לשון פון עופות איז גוקומון אראב אונ הט גושרוגון הט רב עיליש גופרעגט דעם יהודי וואס זאגט דר ראב הט ער גוזגט ער זאגט רב עיליש אנטלויף דוא וועסט בשלום ניצול ווערון זאגט רב עיליש איין ראב זאגט לוגון מען דרף אים נוט גלובון איז גוקומון צוא פלואן אטויב אונ הט גושרוגון זאגט דר יהודי דו טויב זאגט אוך רב עיליש זאל אנטלופון ער וועט בשלום ניצול ווערון זאגט רב עיליש ישראל זענון גגלעכון צו אטויב דרום ווס זוא זאגט איז גווים אמת גאט וועט מור טון איין נס אונ וועט מוך בשלום מציל זיין פון דער תפיסה זאגט רב עיליש אוך וועל גיי זעהון דו טעכטור פון רב נחמן אוב זיי זענון נאך פרום אזו וויא פרור וועל אוך זיי מוט נעמון איז ער גנגון שטילור הייט דם זיי האבון נוט גוויסט אונ הט גהערט דם זיי זאגון איינו צו דר אנדרור וואס גייט אונז דא אפ מור האבון דא מאנון אזו ווי אונ דר היים אונ עס האט זיי נוט באנק גוטון דאס דוא גזלנים לוגון ביי זיי אונ זיי האבון גזאגט לאמור זאגון צו דו גזלנים ווס האבון אונז גפאנגון זיי זאלון אונז ווייטור אוועק פורון כדי אונזורו מאנון דו יהודים זאלון נוט וויסון ווי מור זענון וועלון זיי אונז נוט אום לייזון איז רב עיליש אליין אוועק גלאפון אונ דר יהודי איז אוך מוט אום אוועק גולופון זענון זיי גקומון צוא אגרום וואסור הט גאט גוטון אנס דם רב עיליש איז ארובור דם וואסור

אונ דער יהודי האט נוט גקאנט ארובור זענון גוקומון דו גזלנים אונ האבון אום גהרגות אונ רב עיליש איז בשלום גוקומון אהיים אונ דוא טעכטור פון רב נחמן זענון אוך גוקומון אהיים אונ האבון ווייטור אפ גשומט אהייסון טאפ ביי דעם פייאור מוט דו בלוסו הענט אן איין קאך לעפול האט רב עיליש גזאגט שלמה המלך האט רעכט גזאגט דאס צווישון טוזונט ווייבור איז נוט איינו קיין פרומו אונ דאס וואס זיי שאמון אפ אטאפ מוט דוא בלוסו הענד דם איז דורך אכישוף דרום זאל איין אשה גווארונט זיין נוט צוא גיין אליין צווישון פרעמדו מנזבולון (כל מרים תרומת כסף) ווער עס וועט אפ שיידון צום משכן ביי זולבור שטיים (מרים) דאס איז טייטש אפ שיידון אונ ביי זהב שטיים (מניף) דאס איז טייטש ער טוט אוף הייבון צוא ווייזון דער וואס האט גגעבון איין נדבה גאלד צום משכן האט ער עס אוף גוהובון אונ דער ווס הט דם מקבל גוועזן הט עס אוך אוף גהובון צו ווייזון דאס ער האט איין גוטו נדבה גברכט (והנשיאים הביאו את אבני השוהם) אונ דו נשיאים האבון גוברכט אבנים טובות דם פון זיי הט מען גומכט איין חושן צום כהן גדול אוף זיין הארץ ווייל איין נשיא אודור איין ראש הקהל איז איין בעל גאוה דרום הבון זיי גברכט דו אבנים טובות ווס דער כהן גדול זאל טראגון אוף זיין הרץ צו מכפר זיין אוף גאוה ווס אונ הארצון איז אונ דו נשיאים הבון גזגט לאזון דו ישראל פרור ברענגון ווס זיי הבון גאלד אונ זולבר אונ ווס עם וועט אפ גיין וועלון מור דער לייגון אזו וועלון מור נאך גונוג דרפון געבון אונ ווי זייא האבון גוזעהון דם ישראל האבון גנוג גבראכט מען דארף שון מער קיין גאלד אונ זולבור נוט האבון זיי גמוזט ברענגון אבנים טובות דרום שטעלט דר פסוק נשיאים אן איין יו״ד ווייל זיי האבון

זוּךְ אוּף אוּנְטֶרְשְׁט גְהַאלְטוּן מוּט זַייעֶר
נְדָבָה חָאטְשׁוּ זַייעֶר כַּוָּונָה אוּז גוּט גְוֶועזְן
דָךְ הָט זַיי דוּ תּוֹרָה אַיין חֶרְפָּה אָן גוּטוּן
פוּן דַאנוּן לֶערְנוּן מוּר אָפּ דָס אַיין מֶענְשׁ
זָאל זוּךְ נוּט אוּף אוּנְטֶרְשְׁט הַלְטוּן מוּט
אַמִצְוָה טוּן אודוּר אַיין נְדָבָה גֶעבּוּן נָאר
עֶר זָאל פְרוּר הֶעלְפוּן צוּ דֶר מִצְוָה וֶועט
זַיין שְׂכַר גְרֶעסוּר זַיין פוּן גָאט אוּנ אַטַייל
חֲכָמִים זָאגוּן דָס דוּ וָואלְקוּן הָבּוּן גְבְּרַכְט
אֲבָנִים טוֹבוֹת מֶען וָואלְט אָן דוּ וָואלְקוּנְס
נוּט גוּפוּנוּן קַיין אֲבָנִים טוֹבוֹת וְהַנְּשִׂיאִים
אוּז טַייטְשׁ וָואלְקוּנְס אוּנ אַטַייל חֲכָמִים
זָאגוּן דוּ אֲבָנִים טוֹבוֹת זֶענוּן מוּט דֶעם
מָן אַ־אפּ גוּפַאלוּן אוּנ דֶער מִדְבָּר אוּנ דוּ
יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן זַיי אוּף גְקְלוּבּוּן (וַיְמַלֵּא
אוֹתוֹ רוּחַ אֱלֹהִים) אוּנ גָאט הָט גְגֶעבּוּן
אַנְבוּאָה אוּנ בְּצַלְאֵל דָס עֶר הָט גְוִויסְט
דָס אַלְ'ץ צוּ מַאכוּן חָטְשׁוּ עֶר הָט דָס קַיין
מָאל נוּט גְאַרְבּוּט צוּ וַוייזוּן דָס גָאט גוּט
אוּטְלוּכוּן מֶענְשׁוּן שֵׂכֶל וֶוען עֶר וִויל גוּטְם
טוּאוּן אוּנ אֲפִילוּ דוּ בְּהֵמָה וְחַיָּה וָוָס זֶענוּן
גְוֶועזְן בַּיי דֶם מִשְׁכַּן הָט אוּךְ גָאט גְגֶעבּוּן
שֵׂכֶל אַזוּ וִוי וַוייטוּר וֶועט שְׁטֵיין (מַרְבִּים
הָעָם לְהָבִיא) דוּ יִשְׂרָאֵל טָאן מֶערוּן צוּ
בְּרֶענְגוּן מֶער וִוי מֶען דַארְף דֶר פָּסוּק
לֶערוּנְט אוּנְז דָס יִשְׂרָאֵל הָבּוּן נָאךְ אוּבְּרוּג
גָלְד אוּנ זוּלְבּוּר גְבְּרַאכְט אַלְ'ץ אוּנ אַטָאג
אוּנ דוּ בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת זֶענוּן גוּקוּמוּן צוּא
מֹשֶׁה אוּנ הָאבּוּן דָס גְזָאגְט דָס מֶען הָט
אוּבְּרוּג גוּבְּרַכְט צוּ וַוייזוּן דָס זַיי אַרְבּוּטוּן
בֶּאֱמוּנָה אוּנ מֹשֶׁה הָאט נוּט בַּגֶערְט קַיין
אוּבְּרוּג גָאלְד אוּנ זוּלְבּוּר אוּנ הָט גְהַייסוּן
אוּם רוּפוּן מֶען זָאל אוּף הֶערוּן צוּ בְּרֶענְגְן
עֶס אוּז שׁוּן גוּנוּג (וַיַּעַשׂ בְּצַלְאֵל אֶת
הָאָרוֹן) בְּצַלְאֵל הָט גְמַאכְט דְרַיי קַסְטוּן
צוּם עֶרְשְׁטוּן הָט עֶר גְמַכְט אַיין אָרוֹן פוּן
גָאלְד אוּנ דֶער נָאךְ הָט עֶר גְמַאכְט פוּן
הָאלְ'ץ אוּנ הָט אוּם אַרַיין גְשְׁטֶעלְט אוּנ
דָס גוּלְדוּנוּם אָרוֹן דֶר נָאךְ הָט עֶר גוּמַכְט
וַוידוּר אַיין גוּלְדוּנוּם אָרוֹן אוּנ הָאט אוּם
אַרַיין גוּשְׁטֶעלְט אוּנ דָס הוּלְצֶערְנוּם אוּנ

דָּזט פוּן אוּבּוּן אוּם בַּדֶעקְט מוּט גָאלְד אוּנ
דְרוּם הָט מֶען גוּמַכְט הָלְ'ץ אוּנ דֶעם אָרוֹן
צוּא וַוייזוּן וֶוען אַתַּלְמִיד חָכָם אוּז אָרוּם
זָאלְסְט דוּא אוּם דָאךְ חָשׁוּב הַאלְטוּן אוּנ
זָאלְסְט אוּם בַּדֶעקוּן מוּט גָאלְד אוּנ אוּךְ
דְרוּם הָט מֶען גְלֵייגְט דוּ צוּ בְּרָכוֹנוּ לוּחוֹת
אוּנ אָרוֹן צוּ וַוייזוּן דָס אַתַּלְמִיד חָכָם וָוָס
אוּז אָרוּם זָאל מֶען אוּם אוּךְ חָשׁוּב
הַאלְטוּן (בְּמַרְאֹת הַצּוֹבְאוֹת) דוּ וַוייבּוּר
פוּן יִשְׂרָאֵל הָאבּוּן גְבְּרַאכְט זַייעֶר בְּרַאנְד
שְׁפּוּגְלוּן פוּן לוּטוּר קוּפּוּר צוּם מִשְׁכַּן דְרוּם
זָאגְט גָאט נֶעם דוּ שְׁפּוּגְלוּן אוּנ מַאךְ פוּן
זַיי אַהַאנְד פַּאס צוּא וַואשׁוּן דוּ הֶענְד אוּנ
מִשְׁכַּן אוּנ פוּן דֶם וַואסוּר הָט מֶען גְגֶעבּוּן
צוּ טְרוּנְקוּן אַיין אִשָּׁה וָואס מֶען הָט זוּא
חוֹשֵׁד גְוֶועזְן זוּא אוּז אוּנְגֵיקַייש גְוֶועזְן אוּנ עֶס
זֶענוּן קַיין עֵדוּת נוּט גְוֶועזְן אוּנ אוּב זוּא
הָט אוּם טְרֵייהֵייט גוּטְרוּבּוּן אוּז אוּר לַייבּ
וָוארוּן גְשְׁוָואלוּן דוּרְךְ דֶם וַואסוּר וַוייל זוּ
אוּז נוּט פְרוּם גְוֶועזְן אַזוּ וִוי דוּ וַוייבּוּר וָוָס
הָאבּוּן דוּ שְׁפּוּגְלוּן גוּגֶעבּוּן אוּנ דֶר בְּחַיֵּי
שְׁרַייבְּט דוּא אַלְטוּ וַוייבּוּר הָאבּוּן זַייעוּרוּ
שְׁפּוּגְלוּן גְגֶעבּוּן דֶען זַייא הָאבּוּן זוּךְ שׁוּן
מֶער נוּט גְצוּרְט אוּנ דֶר יצה״ר הָט זוּךְ
פוּן זַיי אָפּ גוּטוּן נָאר זַיי טוּן תְּפִלָּה אָבוּנְד
אוּנ מָארְגוּן הָאבּוּן דוּ שְׁפּוּגוּל גְגֶעבּוּן דֶר
אֶבֶן שׁוּאֵב שְׁרַייבְּט דוּ צוּגוּן זֶענוּן אַלַיין
גְקוּמוּן צוּא דוּא וַוייבּוּר מֶען זָאל דוּ הָאר
אוּף זַייעוּר גוּף שְׁפּוּנוּן יְרִיעוֹת צוּם מִשְׁכַּן
אוּנ אוּם שַׁבָּת אוֹדוּר אוּם ר״ה זֶענוּן זַייא
נוּט גוּקוּמוּן אוּנ דָאס אוּז גְוֶועזְן אַחָכְמָה
פוּן דוּא צוּגוּן דָאס זַייא זָאלוּן וִויסוּן
וֶוען שַׁבָּת אוֹדוּר רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּז וָואס
מֶען טָאר נוּט אַרְבּוּטוּן אוּנ דוּא קְלוּגוּ
וַוייבּוּר הָאבּוּן גוּשְׁפּוּנוּן דוּ הָאר אַז זַייא
זֶענוּן נָאךְ גְוֶועזְן אוּף דֶעם גוּף פוּן דוּא
צוּגוּן דָם אוּז אַגְרוּסוּ חָכְמָה דֶער בְּחַיֵּי
שְׁרַייבְּט עֶס אוּז אַגְרוּסוּ מִצְוָה צוּא לֵיינוּן
אוּנ לֶערְנוּן דָאס גַּבַּיי פוּן דֶעם בֵּיהמ״ק וִוי
בְּרֵייט אוּנ לַאנְג עֶס אוּז גְוֶועזְן אוּנ וִוי פוּל
כֵּלִים עֶס אוּז אוּנ אוּם גְוֶועזְן אוּנ חָאטְשׁוּ

דאס בהמ"ק איז חרוב פון דעסט וועגן האבן די חכמים גזאגט ווער עס לערונט ערונטסט דיא דינים פון קרבנות איז גלייך ווי ער איז מקריב קרבנות אונ בהמ"ק אונ גאט גיט אים דער פאר שכר אזו אויך ווען א מענש לערונט דם גביא פון דעם בהמ"ק צאלט אים גאט שכר גלייך ווי ער האט גיבויאט איין ביהמ"ק אונ מיר וועלן זוכה זיין דם גאט וועט אונז ווידור אויף בויאן דאס ביהמ"ק צוא מאכן רואן דארטון זיין שכינה אמן :

## הפטרת ויקהל

(ויעש חירום את הכיורות) אונ חירום הט גמכט די קופרנו טעפ וואס מען זל מיט זיי ארוס טראגן דם אש פון דם מזבח (ואת היעים) אונ די קופרנו קער ווישן וואס מען זאל מיט זיי ארויין שארן דם אש אונ די טעפ אריין אונ די שפרענג בעקן אונ די פור הונדרט מול גרומן אונ צעהן מכונות אונ צעהן האנד פאס אויף די מכונות אונ איין קופרנום ים אונ צוועליף קופרנו רונדר וואס זענון גוועזן אונטר דעם ים אונ די כלים וואס חירום הט גמאכט צום מלך שלמה פון וועגן נאטם הויז איז אליץ גוועזן פון גלייטרט קופור אונ דם פלאץ פון דעם ירדן הט זיי דר מלך גלאזט גיסון אין גרעבסטו ערד כלומר מען הט גומאכט פורמום אונ גרעבסטו אונ הארטו ערד אונ מען הט אונ זיי גגאסון די כלים צווישון דר שטאט סוכות אונ צווישון צרתן הט מען זיי גגאסון ווייל דארטון איז גוועזן הארטו ערד (וינח שלמה) אונ שלמה האט אפ גולאזט צו וועגון די וואג פון די דאזיגו כלים ווייל עס איז זייער פול גוועזן דרום איז נוט אוס גקלערט גוואורן דוא וואג פון דעם קופער (ויעש) אונ שלמה הט גומאכט די אלו כלים וואס זענון גוועזן אונ נאטס הויז (את מזבח) דם

גולדונום

### נופת

ויעש את הים מוצק עשר באמה ער הט גמאכט איין גיגאסנום ים צעהן איילן פון ברעג בוז ברעג רונד קיילעכדוג . דער ים איז גוועזן גמאכט אקעגון דוא וועלט ווייא עס שטייט אונ איוב בצקת עפר למוצק דאס טייטש אז דוא ערד איז צו זאמון גגאסון גוואורן אונ איין גוס . ווידור איז גשריבן חזקים כראי מוצק די הומלון זענון שטארק ווייא איין גוגסנור שפוגול . צעהן איילן די ברייט אנטקעגון די צעהון ספורות דאס הייסט אוצלכו מדות דאס דוא וועלט בעשטייט נאר אויף זייא (ענוכ) קיילעכדוג גלייך אז דער ערד באל . פונוף איילון איז דער ים גוועזון הויך אנטקעגון די הויך פון דוא ערד בוז אונ הומול פונוף הונדערט יאר גאנג . ארום אונ ארום האט ער גהאלטון דרייסוג איילון אנטקעגון די צעהון ספירות אונ דוא עשרה מאמרות וואס דורך זייא איז די וועלט בשאפון גוואורן . אונ דוא עשרת הדברות סך הכל דרייסוג . אויך איז דא דרייסוג טעג אונ איין חודש . הונטון ארום אום איז גוועזן צוויא צוילון קנעפ דריי הונדערט פונוף אונ זעכצוג . אקעגון די וון מוט דוא לבנה וואס גייען ארום תמיד דוא וועלט אונ אקעגון דעם צאל פון די הומול פענצטור אונ מזרח אונ מערב זייט דאס אונ יעדור טאג פון יאר גייט די זון ארום דורך איין פענצטור אונ פאר גייט קענון אובור אונ איין אנדער פענצטור . דער ים איז גשטאנון אויף צוועליף רונדר ווייא די וועלט בעשטייט אויף דוא צוועליף מזלות אונ צוועליף חדשים אונ יאר . דריי רונדר אונ צפון זייט דאס איז די דריי מזלות טלה

### צופים

אריה קשת . דרייא אונ מערב זייט היינו שור בתולה גדי . דרייא אונ דרום זייט היינו תאומים מאזנים דלי . דריי אונ מזרח זייט דאס איז סרטן עקרב דגים . דוא גרעב פון אים הט גהאלטון איין טפח דאס הייסט פונוף פונגער ווייא די גרעב פון הומול איינו רייזו פון פונוף הונדערט יאר . עס שטייט ווייטור אלפים בת יכיל ער הט גהאלטון צוויי טוזונט מאס דאס איז ארמז אויף דוא תורה וואס זוא איז שון בשאפון גוואורן מיט צוויי טוזונט יאר פאר בריאת עולם . אונ דער פירוש איז אזו אלפים בת יכיל דער וואס האלט ערליך אונ הוט די צוויי טוזונט יערונו טאכטר פון הקב"ה וועט הקב"ה אים האלטון אויף דער וועלט אויך וועט ער הוטון צו טאן חסד מיט טוזונדע דורות זיינו נאך אים אז דער פסוק זאגט עושה חסד לאלפים וגו' :

ואת המנורות חמש מימין וחמש משמאל חירום הט גמאכט צעהון גאלדונו מנורות פונוף רעכטם אונ פונוף לונקס אונ די מנורה פון משה איז גשטאנון אונ מוטון . דוא צעהון מנורות זענון גוועזן אקעגון דוא עשרת הדברות וואס אונ זייא איז כלול כל התורה כולה אונ נוא איז נגלוכון צו אלוכט אז עס איז גשריבן אונ משלי כי נר מצוה ותורה אור . אונ יעדור מנורה איז גוועזן זובון לאמפון בסך הכל זובצוג אקעגון דוא זובעצוג שרים של מעלה . כל זמן אז דאס ביהמ"ק איז גשטאנון אונ דוא לאמפון האבון גלוכטון האבון די ישראל אויך גלוכטון אבור זייט דעם חורבן אז זיי זענון בעונותינו הרבים פאר

נילדנום מזבח אונ דעם טויש וואס אויף אום איז גוועזן דר לחם הפנים הט ער אום גמאכט פון גלד אונ די מנורות זענון גוועזן פינוף פון דר רעכטור זייט פון דר מנורה פון משה אונ פינוף פון דר לינקר זייט פון דר מנורה דער מדרש זאגט דרום הט משה גומאכט נאר איין מנורה אונ שלמה האט גמכט צעהן מנורות דם איז ווייל משה איז גוועזן אונ דר מדבר אין מען הט נוט גדארפט תבואה זל וואקסון דען זיי האבון גגעסון מן איז גונוג גוועזן איין מנורה אבור שלמה איז גוועזן אונ ארץ ישראל וואס מען הט גדרפט עס זאל וואקסון תבואה דרום הט ער גמאכט צעהן מנורות אונ הט גזאגט פון וועגון דעם זכות פון דיא פינוף מנורות וואס שטיין אויף דר רעכטור זייט זאל גאט געבון גוטו טוא אונ רעגון אונ פון וועגון דעם זכות פון די פינוף מנורות וואס שטייאין אויף דר לינקר זייט זאל גאט אויף הלטון די בייזו טוא וואס ברענגון בייז אויף דער וועלט אין עס איז גוועזן צעהן מנורות קענון דיא עשרת הדברות אין אונ אוטלוכר איז גוועזן זיבון רערון דם איז מיט אננדור זיבצוג דאס איז קענון די זיבצוג אומות דם כל זמן דיא זיבצוג לעכט הבון גברענט אונ בהמ"ק הבון זיי קיין כח נוט גהאט אויף ישראל אבור אז די לעכט זענון פר לאשון גווארון הבון זיי כח גהאט אויף ישראל אונ שלמה הט פרור גלייגט דעם לחם הפנים אויף דעם טויש וואס משה הט נומאכט אונ דר מדבר דען ער הט דעם טויש אויך גהאט ביי זיך אזו אויך ביי די לעכט אן צונדון הט ער פרור נוהייסון צונדון אונ דער מנורה פון משה דר נאך אונ זיינו מנורות אונ די צוועלוף רונדר וואס דער ים איז אויף זייא גשטאנון דאס איז גוועזן קענון דיא צוועלוף מזלות וואס אונ הימעל :

**נופת**

לאזט גווארון הט זיך אן גהובון איין חושך אויף דער וועלט . אונ לימות המשיח וועט זיך דם לוכט ווידר

**צופים**

אום קערון וויא ישעיה הנביא זאגט קומי אורי כי בא אורך וכבוד ה' עליך זרח כן יהי רצון אמן :

# פרשת פקודי

(אלה פקודי) דר בחיי שרייבט דר פסוק זאגט אונ משלי (טוב מעט ביראת יי וגומר) עס איז בעסור מען זאל ווייניג געלד הבון מיט גאטס פארכט אונ כשר איי מען זאל אגרוסון אוצר האבון דורך אום רעכט מיט גזל אודור ריבית אונ דר ביי זאגט דער פסוק (טוב ארוחת ירק ואהבה שם וגומר) עס איז בעסור מען זאל

**אוהל**

אלה פקודי המשכן משכן העדות) דאס דאזיגו איז די צאל פון דעם משכן זאגט דר מדרש דם ווארט משכן איז די טייטש משכון דאס משכן איז אמשכון אין אסימן אז גאט וועט אונז בואון דם ביהמ"ק אז משיח וועט קומון דם האט גזאגט דר נביא (נחמיה א (חבול חבלנו לך ולא שמרנו את המצות) מיר הבון דיך גמשכונת אונ מיר האבון נוט גיהוט די מצות . עס איז אמשל איין עושר הט גהאט איין בת יחידה . אין עס איז גוועזן אונ דער שטאט איין ארום מאן אין דער ארום מאן הט גוהאט איין פיינום בחור איז דער בחור גפעלון דעם עושר ער זאל דעם בחור נעמון פר איין איידום אז עס איז גקומון צו די תנאים שרייבון זאגט דער ארום מאן אז דער עושר זאל געבון איין בטחון ער זאל נאך דם נוט חרטה האבון אין דער עושר הט נוט בגערט פון דעם ארום מאן קיין בטחון ווארום עס איז אום גאר נוט גוועזן אויף די גדאנקון דער ארום מאן זאל חרטה האבון האט

**יעקב**

דער עושר גגעבון צוא איין שליש אונ דער האנד צוואנצוג רענדלוך במשכון ער זאל נוט חרטה האבון פון דעם שידוך דר ווייל הט איינור גזעהן ווי דער עושר לייגט איין ביי דם שליש די צוואנצוג רענדלך הט ער גמיינט אז דר עושר לייגט איין זיין טאכטרם נדן איז אום גוועזן אוויגדר אונ זאגט אזו איין גרוסר עושר זאל געבון זיין טאכטער נדן נאר צוואנצוג רענדלוך זאגון די מענשון צו אום ניין דם געלט איז קיין נדן עס איז נאר אמשכון ער זאל קיין חרטה האבון זאגט דר מענש אז דם איז נאר אבטחון ער זאל קיין חרטה האבון פר וואס לייגט ניט איין דער אנדרור צר אויך איין בטחון ענפרון דיא מענשון נארושער מענש וואס איז ביי דור די סברא אז דער ארום מאן וועט חרטה האבון . בתמיה . ווער וועט נים וועלון אזו איין עושרות אונ אצייט ארום הט דר ארום מאן חרטה גהאט אונ הט נוט גוואלט דם שידוך האבון ווך אלו מענשון פר ווינדרט אונ האבון אזו

זאל עסן איין סעודה פון ברוט אונ מענשן זאלן אים לוב האבן דם ער הט ביי קיינם נוט גגזולת אודור ריבית גנומן אודור פאלש גשוואורן איי מען זאל עסן פעט פלייש פון אפעטין אוקס אונ מענשן זלן אים פיינט הבן דם ער הט זיי בגזולת אודור ער הט ביי זיי ריבית גנומן הען דו גרעסטו עבירה איז גזילה אונזרו חכמים זאגן דאס איין מאס פול מוט עבירות איז נוט אזו שלעכט ווי אז עס איז צווישן אור גזילה אונ גאט חתמת נוט אן איין גזירה אוף לייטן נאר פון וועגן גזילה אזו ווי מור גפונן דם גאט האט דר טרענקט דאס דור המבול פון וועגן גזילה חמשו זיי האבן מזנה גוועזן אונ ע"ז גודונט הט ער זיי נוט גוטיט נאר פר גזילה (טוב מעט ביראת יי) דם מיינט מען איין מענש זאל זוך נעמן איין משל אזו וויא ער וויל בעסור עסן ברוט אן פלייש מוט איין גוטר חברותה אודר מוט איין גוט ווייב ווס האבן זוך ליב איי ער זאל עסן פעט אוקסן פלייש ווס פיינט שפט איז דר ביי אזו אוך ווען ער הט איין בישורון גראשון דורך לובשאפט ווס ער הט ביי קיינם נוט גגזולת זאל ער איין קארגון אונ נוט אום ברענגון איז דאס בעסר ווי איין ווהרנצו זיינאונ בגזילון לייט אובור פונדעסט וועגון זאל ער נוט זייער קארג זיין דאס ער זאל זוך פר לזון אוף געלד נייערט ער דרף איין בטחון הבון אוף גאט דם ער וועט אום אנדר געלד געבנאזו ווי דו גמרא זאגט וועלוכר הייסט איין עושר דר ווס לאזט זוך באנוגון דר מוט וואס גאט הט אום געבון אונ הט איין בטחון אוף גאט דאס ער וועט אום ווייטר געבון אונ דר מדרש זגט אוך אוף דעם פסוק (כל ימי עני רעים) אלו טעג פון דם ווס איז איין עני אונ זיין דעה דאס ער הט אלין קארג געלד אונ עסט זוך נוט זאט אן מוט דעם ברוט ווייל ער הט מורא ער וועט דאס געלד אוף עסן דם זענון אלו צייטון שלעכט דען ער איז קיין מאל נוט זאט אונ גזולת תמיד ווייל ער וויל זיין מאס געלד דער פולון (וטוב לב משתה תמיד) אבור דר ווס פר לאזט זוך אוף גאט דאס ער וועט אום העלפון דער

אוז

### אוהל יעקב

גזאגט וויא פול מור האבון זוך גמאכט צום עזות פנים אקעגון דעם עושר ער זאל איין לייגון אבטחון ער זאל קיין חרפה נוט האבון אונ אוף דם ארומאן איז גאר קיין סברא נוט גוועזן ער זאל חרפה האבון אין אצינד איז גאר פר קערט גווארון אז דר ארומאן הט חרפה פון דעם שידוך מוט אזו איין עושר. דאס נמשל איז וועט עם זעהט דעם חשבון פון דעם משכן איז ווינצוג ווארום וועדלוג דר כבוד פון גאט דארף זיין דו צאל פון מלאכת המשכן אן שיעור דם זאגט דער פסוק (אלה פקודי המשכן) דם דאזוגו און די צאל פון דעם משכן גאר אוף דער ווייל פר אנשכון אינפר אבטחון אוף דעם ביהמ"ק ווס וועט זיין וועט זיין מלאכה פון אום אן אצאל. פונקט אזו וויא דר עושר הט איין גלייגט אבטחון צוואנצוג רענדלוך איבר דער נדן וועט זיין אסאך מער. דאס ווינדרט זיך דער נביא אונ זאגט (חבול חבלנו לך) מור הבון ביי דור גנומון אמשכון נוט דוא ביי אונז אונ צום סוף (ולא שמרנו את המצות) איז פר קערט גווארון אז מור האבון נוט גהוט דוא מצות פונקט אזו וויא דער ארומאן הט גזאגט דער עושר זאל איין לייגון אבטחון אונ צום סוף הט ער אליין הרפה גהאט :

### של"ה הקדוש

(ואת האלף) דער מדרש תנחומא שרייבט משה רבינו הט נוט גוואלט האבון אוף זיך קיין חשד פון כלל ישראל האט ער זיי גמאכט ארעכונונג פון אלום גאלד אונ זולבר אונ קופער וואס זייא האבון מתנדב גוועזן צום גבייא פון משכן אונ הט אן גהובון צו רעכנון אלה פקודי המשכן כל הזהב כסף ונחשת פון אלו מאטריאלון כסדר נאך דער ארבוט. בתוך כך האט ער פר געסון ווס מען הט גומאכט פון דוא טויזנד זובון הונדרט פונוף אונ זובצוג שקלים זולבר וואס איז גבליבון פון דעם גאנצון זולבר פון וועלכום מען הט גמאכט דו הונדרט שוועלון . אונ האט צוא זיך אן גהובון צו וואונדרון אונ עס הט אום זייער פר דראסון מאסור וועלון דו קונדר ישראל אום חושד זיין אז ער האט דם זולבר פור זוך גנומון. הט ער אן גפאנגון דו רעכונונג נאך אמאל דורך צו רעכונון יעדור מלאכה בעזונדור מוט איין מאל הט אום גאט געפונט דו אוגון אונ ער הט דער זעהון אז דער פון האט ער גמאכט האקון צו דוא זיילון . האט ער אוף גהובון זיין שטומו אונ הט אום גשרוגון בקול רם . (ואת האלף ושבע המאות וחמשה ושבעים עשה ווים לעמודים) דאמאלט זענון אלו ברוהוגט גווארון דער

אוּז תָּמִיד פְרֵייל וּךְ אוּנ עֶסְט אוּנ טְרוּנְקְט
מוּט אַפְרֵיילוּךְ גוּמוּט אוּנ גְזוּלְת נוּט בַּייא
לַייטוּן וָואס דָאס אוּז דוּא גְרֶעסְטוּ עֲבֵירָה
אַזוּ וִויא דוּא גְמָרָא זָאגְט אוּנ בָּבָא קַמָא
דֶער וָואס גַזוּלְת זַיין חַבֵר אֲפִילוּ אֵיין
פְּרוּטָה אוּז גְלַייךְ וִוי עֶר גַזוּלְת דוּ נְשָׁמָה
אוּנ אֲפִילוּ וֶועןֶ עֶר אוּז אוּם שׁוּלְדִג שְׂכִירוּת
אוּנ זוּמְט צוּ בַּצָאלוּן אוּם אוּז גְלַייךְ וִוי עֶר
גַזוּלְת זַיין נְשָׁמָה אַזוּ וִוי דוּ גְמָרָא זָאגְט אוּנ
בָּבָא מְצִיעָא וֶוען אֵיינוּר אוּז שׁוּלְדוּג זַיין
חַבֵר שְׂכִירוּת אוּנ פוּרְט אוּם פוּן אֵיין טָאג
אוּף דֶעם אַנְדוּרוּן טָאג אוּז גְלַייךְ וִויא עֶר
גַזוּלְת זַיין נְשָׁמָה אוּנ עֶס זֶענוּן פַר הַנְדוּן
פוּל לַייט דָם זַיי גַזְלוּן אוּנ טוּאוּן דֶר מוּט
צְדָקָה אוּנ מִצְוֹת זַיי מֵיינוּן זַיי הָאבּוּן אֵיין
מִצְוָה דֶר מוּט אוּבּוּר דוּ גְמָרָא זָאגְט אוּנ
סוֹטָה רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט פוּן וֶועגוּן רַבִּי
שִׁמְעוֹן עֶס שְׁטֵייט אוּנ פָּסוּק (שׂוֹנֵא גָזֶל
בְּעוֹלָה) גָאט הָט פַיינְט מֶען זָאל גַזְלוּן אוּנ
מֶען זָאל בְּרֶענְגוּן פַר דֶם גֶעלְד אֵיין קָרְבָּן
אוּךְ טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה נוּט מַאכוּן
אוּבּוּר דֶם וָוס מֶען גַזוּלְת אַזוּ וִוי דוּ גְמָרָא
זָאגְט אוּנ סַנְהֶדְרִין רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב
זָאגְט וֶוען אֵיינוּר גַזוּלְת אֵיין מָאס ווייץ אוּנ
מַכְט דֶר פוּן טֵייג אוּנ נֶעמְט דֶר פוּן חַלָה
אוּנ מַאכְט אַבְּרָכָה דֶער דֶרְצֶערוּנְט גָאט
אַזוּ וִוי אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט (וּבוֹצֵעַ בֵּרֵךְ נִאֵץ
יְיָ) דֶר וָוס גַזוּלְת אוּנ מַאכְט דְרוּבּוּר אֵיין
בְּרָכָה דֶער דֶרְצֶערוּנְט גָאט אוּנ אַז מֶען
גַזוּלְת פוּן אֵיין נָכְרִי אוּז דוּ עֲבֵירָה נָאךְ
גְרֶעסֶר אַזוּ וִוי דוּ גְמָרָא זָגְט אוּנ בָּבָא קַמָא
עֶס אוּז אֵיין גְרֶעסוּרוּ עֲבֵירָה וֶוען מֶען
גַזוּלְת אֵיין נָכְרִי מֶער וִוי מֶען גַזוּלְת אֵיין
יִשְׂרָאֵל דֶען אָן דֶר עֲבֵירָה פוּן גָזֶל אוּז עֶס
אוּךְ אֵיין חִילוּל הַשֵׁם אוּנ דְרוּם הָאט מֹשֶׁה
רַבֵּינוּ גְוִויזוּן דָם מֶען זָל אוּם נוּט חוֹשֵׁד זַיין
דָם עֶר הָט עֶפּוּם גָאלְד אוּנ זוּלְבֶּר גְגַזוּלְת
פוּן דֶעם מִשְׁכַּן דְרוּם הָט עֶר חֶשְׁבּוֹן אָפּ

גְגֶעבּוּן אוּנ זָאגְט (אֵלֶה פְקוּדֵי הַמִשְׁכָּן)
דָם אוּז דוּ צָאל פוּן דֶם מִשְׁכַּן דֶר מֶדְרָשׁ
זָאגְט (מִשְׁכַּן מִשְׁכַּן) שְׁטֵייט צְוֵויי מָאל דָם
וַוייזְט אַז דָאס בַּהמ״ק אוּז צְוֵויי מָאל
חָרוּב גְוָוארוּן דוּרְךְ דוּא אוּמוֹת (מִשְׁכַּן
הָעֵדוּת) דָם מִשְׁכַּן אוּז גְוֶוען אֵיין עֵדוּת
דָם גָאט הָט מוֹחֵל גְוֶוען דוּ עֲבֵירָה פוּן
דֶעם עֵגֶל דֶען עֶר הָט גְמַאכְט רוּאוּן זַיין
שְׁכִינָה אוּנ מִשְׁכַּן (וְאֶת הָאֶלֶף וּשְׁבַע
הַמֵאוֹת וַחֲמִשָׁה וְשִׁבְעִים) דֶער בְּחַיֵי
שְׁרַייבְּט אַז מֹשֶׁה הָאט אָפּ גְגֶעבּוּן חֶשְׁבּוֹן
אוּף דֶעם גָאלְד אוּנ זוּלְבּוּר אוּז אוּם אָפּ
גְגַנְגוּן טוּזוּנְט מוּט זוּבּוּן הוּנְדֶרְט אוּנ פוּנוּף
אוּנ זוּבְּצוּג שְׁקָלִים פוּן דֶם זוּלְבּוּר אוּנ עֶר
הָט פַר גֶעסוּן וָוס עֶר הָט דֶר פוּן גְמַאכְט
אוּז גוּקוּמוּן אַבַּת קוֹל פוּן דֶעם הוּמוּל אוּנ
הָאט גְזָאגְט עֶר הָאט דֶער פוּן גְמַאכְט
הֶעקוּלוּךְ צוּם מִשְׁכַּן דְרוּם זַייט נוּט חוֹשֵׁד
מֹשֶׁה עֶר אוּז אַבַּגְלֵייבְּטוּר גַבַּאי פוּן דַאנוּן
לֶערְנוּן מוּר אָפּ דָאס אֵיין מֶענְטְשׁ זָאל
זוּךְ גְרֶעכְט מַאכוּן אַקֶעגוּן לַייט חָאטְשׁוּ
עֶר אוּז גְרֶעכְט אַקֶעגוּן גָאט אוּנ גָאט
הֶעלְפְּט דֶעם פְרוּמוּן מַאן דָאס עֶר זָאל
בַּגְלֵייבְּט בְּלַייבּוּן (וַיְהִי בַּחוֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן)
עֶס אוּז גְוֶוען אוּנ דֶעם עֶרְשְׁטוּן חוֹדֶשׁ הָט
מֹשֶׁה אוּף גְשְׁטֶעלְט דָם מִשְׁכַּן דֶר מֶדְרָשׁ
שְׁרַייבְּט דְרַיי מָאל הָט מֹשֶׁה אוּף גְשְׁטֶלְט
דָם מִשְׁכָּן אוּנ דֶעם טָאג דָם עֶרְשְׁטוּ מָאל
וֶוען מֶען הָאט גְוָואלְט בְּרֶענְגוּן דָם קָרְבָּן
תָּמִיד אוּנ דֶר פְרוּ הָט עֶר אוּף גְשְׁטֶעלְט
דָם מִשְׁכַּן אוּנ הָט אוּם דֶער נָאךְ וִוידוּר צוּ
נוּמוּן דָם אַנְדוּרוּ מָאל אַז מֶען הָט גְדַרְפְּט
מַקְרִיב זַיין דָם קָרְבַּן פוּן דוּ נְשִׂיאִים וָואס
הָאבּוּן גְבְּרַכְט צוּ בַּנַייאוּן דֶעם מִזְבֵּחַ הָאט
עֶר וִוידוּר אוּף גְשְׁטֶעלְט דָאס מִשְׁכָּן אוּנ
הָט אוּם דֶר נָאךְ צוּ גוּמוּן אוּנ דָאס דְרוּטוּ
מָאל הָט עֶר אוּם אוּף גְשְׁטֶעלְט פַר נַאכְט
צוּ בְּרֶענְגוּן דָם קָרְבַּן תָּמִיד פוּן פַר נַאכְט
נאךְ

של״ה הקדוש

פוּן דַארְף זוּךְ יֶעדוּר אַמוּסֶר אַרוּים נֶעמוּן אוּנ פוּן
קֵיינוּם נוּם פַאר לָאנְגוּן מֶען זָאל אוּם פְרוּיעָן אַן
אַחֶשְׁבּוֹן. אוּנ דַארְף זֶעהוּן רֵיין צוּא זַיין פוּן דֶעם
קְלֶענְסְטוּן חָשָׁד אוּנ דֶער וֶועלְט. עֶר זָאל זוּךְ נוּט

נאך זאגט דר מדרש אלו חכמים וואס האבון גארבוט ביי א דעם משכן האבון אום נוט גוקאנט אוף שטעלון נאר זיי האבון דו ארבוט גבראכט צו משה דען משה הט זוך מצער גוועזן ווייל ער האט אונ דעם משכן נאר נוט גארבוט האט גאט צו אום גזאגט קיין מענש וועט נוט קענון דאס משכן אוף שטעלון נאר דו משה זאלסט אום אן נעמון וועט ער ווערון אליין אוף גשטעלט אונ עס וועט ווערון אן גוזעהון דאס דוא שטעלסט אום אוף דער ילקוט שרייבט עס איז פיל ניסים גוועזן אונ דעם משכן דען דער הויף איז מער נוט ברייט גוועזן וויא פופצוג איילון אונ עס זענון גשטאנון דרונון זעקס הונדורט טוזונט מענשון אונ אז זיי האבון זוך גבוקט איז איינור פון דעם אנדורון ווייט גוועזן פיר איילון דס איז גוועזן אגרוסור נס אוך האבון כל ישראל גזעהן דס אפייאור פון דעם הומול איז גוקומון אונ הויף פון דם משכן אונ איז אריין גגנגון אונ אהל מועד אונ איז ארוף גגאנגון אוף דעם מזבח אונ האט פר ברענט דוא קרבנות אונ איז גבליבון רואון אוף דעם מזבח דער בחיי שרייבט גאט הט גזאגט אוך מאך היינט ריאון דו שכינה צווישון איך אובור אז איר וועט טון עבירות וועט דו שכינה ווערון אפ גטון פון איך אובור אז משיח וועט קומון וועט אוך מכון רואון דו שכינה ביי איך אונ זו וועט שון נוט ווערון אפ גטון אונ אצונד זעהט איר דוא שכינה דורך פייעור אבור אז משיח וועט קומון וועט איר זעהן גאט בשיידלוך אזו ווי אונ פסוק שטיט (כי עין בעין יראו בשוב יי ציון) בשידלוך וועלון זיי זעהן גאט ווען גאט וועט זוך אום קערון קיין ציון :

**של"ה הקדוש**

טראכטון ביי זוך און הארצון אז אלו ווייסון אז אוך בין איין ערלוכור מאן ווער וועט מוך הושד זיין ניין ער זאל זוך אפ לערנון אקל וחומר פון משה רבינו עליו השלום :

## הפטרת פקודי

(ותשלם כל המלאכה) אונ עס איז אום גלאזט גווארון נאר דו מלאכה וואס שלמה המלך הט גמאכט פון וועגון גאטס הוז אונ שלמה המלך הט גברכט אלץ וואס דוד זיין פטור הט מקדיש גוועזן דם זולבר אונ דם גאלד אונ דו כלים אונ הט זיי גגעבון אונ דו אוצרות וואס זענון גמאכט גווארון אונ גאטס הוז אונ הט דער פון נאר נוט גומכט אונ בהמ"ק אטייל חכמים זאגון דרום הט שלמה פון זיי גאר נוט גמאכט ווייל ער הט גוויסט דס דם בהמ"ק וועט חרוב ווערון וועלון דו אומות זאגון ווייל דם גאלד אונ זולבר וואס דוד הט פון אונז גנזולת הט מען דר פון דעם בהמ"ק גבואוט דרום איז עס חרוב גווארון אונ אטייל חכמים זאגון שלמה הט גזאגט אונ דו צייטון פון דוד איז דריי יאר הונגר גוועזן אונ ער הט פול זילבר אונ גאלד גוהאט אונ האט דו עניים ניט גושפייזט דער פון דרום הט שלמה דאס זילבר אונ גאלד נוט גוואלט פר בואון אונ בהמ"ק פון דאנון לערנון מור אפ דם עס איז בעסור צוא געבון צדקה אונ שפייזון ארומע לייט איי מען זאל כלי קודש מאכון אונ שול אריין

**נופת**

אז אמר שלמה וגו' מן היום אשר הוצאתי את עמי וגו' לא בחרתי בעיר וגו' לבנות בית להיות שמי שם ואבחר בדוד להיות על עמי ישראל ר' חייא ור' יצחק ור' יוסי זענון גגאנגן אונ וועג האבון זיי באגענונט ר' אבא רופט זוך אן ר' חייא בוודאי איז דא דוא שכינה מוט אונז וויא ר' אבא איז צו גגאנגן צו זייא זאגט ער דער פסוק הייבט אן מן היום אשר וגו' דאס טייטש זוגט אוך האב ארום

**צופים**

גצוגון מיין פאלק ישראל פון מצרים האב אוך אונ קיין שטאט פון אלו שבטים נוט אום דער ווײלט צו בויעון איין הוז דאס מיין נאמון זאל דארטון רואון אם כן דארף ער דאך אום פורון ואבחר בירושלים איז טייטש אונ אצונד האב אוך אום דער ווײלט אונ דו שטאט ירושלים אונ צום סוף איז גאר אום נפורט ואבחר בדוד וגו' אוך האב בוחר גוועזן דוד ער זאל זיין איין מלך אובור מיין פאלק ישראל , אלא דוא

אריין דען עס זענען פיל לייט װאס מכון שיינו בלעכון אונ שול אונ װייסון נוט דס עס איז בעסור צו שפייזון ארומע לייט פר דם געלד דער מדרש פסיקתא רבתי שרייבט (ותשלם כל המלאכה) װייזט דס זונד גאט הט די װעלט בשאפון איז די מלאכה פון דוא בשעפנוש ניט אום גװען בוז דאס ביהמ״ק איז געבואוט גװארון נאך איין פשט לערונט אונז דר פסוק דם עס איז גרום שלום גװען אז מען הט דם ביהמ״ק געבואוט דען אלו בעלי מלאכות װס הבון געבואוט זענון אלו גװען פרוש אונ גזונד עס הט קיינום זיין קאפ נוט װיי געטון אונ קיין האק איז זיי נוט צו ברכון גװרון אודר אנדר געציג װס מען הט גדארפט צו דר ארבוט ר׳ אליעזר זאגט עס איז קיין חידוש נוט דאס גאט הט זיי גלאזט לעבון פון זיין כבוד װעגון זיי זאלון בואון דאס ביהמ״ק אוך װעל דור װייזון דם אפילו פון װעגון דם כבוד פון יעקב הט גאט נוט גטייט איינום פון די מצרים װס זענון גגאנגון צו בגראבון יעקב דען עס זענון פיל טוזונט פון די מצרים גגאנגון אונ עס איז קיינור פון זיי נוט קראנק גװארון אונ נוט גשטרבון נייארט זיי זענון אלו בשלום אהיים גקומון (אז יקהל שלמה) דענסט מאל הט שלמה איין גזאמולט די זקנים פון ישראל אונ אלו עלצטו צו אוף ברענגון דעם ארון ברית פון גאט (ויקהלו אל המלך שלמה) אונ זייא זענון גװארון איין גזאמולט צום מלך שלמה אלו מאנון

פון ישראל (בירח האתנים) אונ חודש תשרי אונ דרום הייסט ער אתנים װייל ער איז שטארק מוט פול תבואה אונ נאך איין פשט איז דרום הייסט ער אתנים װייל די שטרקו אבות זענון װארון גבארון אונ תשרי אונ נאך איין פשט איז דרום הייסט ער אתנים װייל ער איז שטארק מוט מצות אונ ימים טובים דס איז דר זובטר חודש דעדו חדשים װערון גצייל[ט] פון ניסן איז תשרי דר זובטר (והמלך שלמה) אונ דער מלך שלמה אונ גאר דאס אנגזמלונג פון ישראל װס זנון גװרון אנגזמולט צוא אום זענון גװען מוט אום פר דם ארון אין האבון גקולוט שאף אונ רונדר אזו פול װס זיי האבון נוט גקאנט גצייל[ט] װערון פר פיל (ויביאו הכהנים) אונ דוא כהנים האבון גברכט דם ארון ברית פון גאט צו זיין אורט אונטר די פלוגול פון די כרובים װס שלמה הט גמאכט װס זיי זענון גשטאנון אוף זייערו פוס אוף דר ערד אונ האבון בדעקט אוף דם ארון אונ אוף זיינו כרובים אונ אוף זיינו שטאנגון פון אובון (ויאריכו הבדים) אונ דוא שטנגון הבון דר לענגערט אונ די שפוצון פון די שטאנגון זענון װארון אן גזעהון אונ נוט ארוס בלומר זיי זענון נאר בולט גװען ארוס פון דם פרוכת אזו װי צװיי ברוסטון פון איין אשה אבר זיי האבון נוט גלעכרט דם פרוכת צו װערון אן גזעהון ארוס צו אונ זייא זענון דארטון גבליבון בוז אונ היינטוגון טאג דען די גמרא זאגט

נופת

מעשה איז אזו װען הקב״ה װיל אוף בואון איין שטאט בעטראכטעט ער פרוער איין פורור אונ איין מנהיג פור די שטאט אונ נאכהער בויט ער אור אוף אונ פורט אריין דאס פאלק אונ אור װייל דוא שטאט מוט אלו אורו לייטון העננגון אפ אן דעם פירור . אז ער איז איין גוטור איז גוט פור אום גוט פור דוא שטאט אונ פור דאס פאלק אונ אז ער איז אשלעכטור דא איז װייא צו אום װייא צו די שטאט אונ װייא צו דאס פאלק אונ אזו איז דער פשט פון פסוק לא בחרתי בעיר וגו׳ ואבחר בדוד וגו׳ כלומר אוך האב נוט אום דער װיילט דוא שטאט ירושלים סיידון אוך האב פרוער אום דער װיילט דוד פור איין מלך אונ איין פורור אוביר ישראל דאס גלייכון אונ אונזר דור הט הקב״ה קודם בוחר גװען דעם ר׳ שמעון בן יוחאי פור דעם גרעסטון ראש ומנהיג אונ מוט אום דוא חבריא . האבון זייא זוך אן גרופון מור הערון אצונד איין גרוסין נייעס . פתח האט

צופים

ער װייטור אן גהובון אשרי שאל יעקב בעזרו שברו על יי אלהיו דאס טייטש וואול איז דאס דער גאט פון יעקב איז אונ זיין הולף זיין האפענונג איז אוף גאט װארום שטייט נוט שאל אברהם שאל יצחק נייערט שאל יעקב װייל בשעת יעקב איז גלאפון פון עשו איינור אליין אן אנגראשון געלט הט ער קיין בטחון גהאס אוף זיין פאטור אונ מוטור נאר אוף הקב״ה אז ער הט גזאגט אם יהיה אלהים עמדי אונ דרום האט ער אום גגעבון װאס ער הט נאר פאר לאנגט עם שטייט שברו אונ נוט תקותו אדור בטחונו לייאון אז שברו מוט איין שי״ן ימין דאס טייטש זיין בראך דען דוא צדיקים װערון צו בראכון אונ ליידון פון גאטס װעגון װיא עס שטייט כי עליך הורגנו כל היום וגו׳ עס שטייט װירא יעקב כי יש שבר במצרים דאס הייסט ער הט גזעהן אז אונ מצרים װעט מען מוזון ליידון גלות אונ צו בראכון װערון דאך האט ער גהאט בטחון אונ הקדוש ב״ה אוך זיינו קונדער

זאגט אונ יומא אז דאס בהמ"ק איז חרוב גווארן הבן די פיינט נוט גנומן דם ארון אין דוא שטאנגן דען זיי זענן איין גזונקן גווארן אונ דר ערד הט מען זיי נוט גפונן (ויהי בצאת הכהנים מן הקודש) אונ ווי די כהנים זענן ארוס גנאנגן פון קדשי הקדשים הט דר וואלקן דר פולט דם הוז פון גאט כלומר די שכינה האט גרואוט אונ היכל (ולא יכלו הכהנים) אונ די כהנים הבן ניט גקאנט שטיין צו טאן די עבודה אובור דעם וואלקן דען ער איז גוועזן גלייך וויא איין רוך (אז אמר שלמה) דענסט מאל אז שלמה הט דער זעהן דם וואלקן הט ער גזאגט אוך זעה היינט דם די שכינה רואוט אונ דם הוז וואס איך האב גבואוט אזו ווי ער הט צו גזאגט (בנה בניתי) איך הב דור איין הארברוג גבואוט איין אן ברייטונג צו דיין זוצן אויף איבוג דען פון דער צייט אן וואס מען האט דם בהמ"ק אוף גבואוט הט מען שון נוט גטארט מקריב זיין אוף קיין במה אונ די שכינה הט שון אוף קיין אנדר אורט נוט גרואוט (ויסב וגו') אונ דר מלך הט אום גקערט זיין פנים אונ האט גבענשט דם איין זאמלונג פון ישראל אונ דם איין זאמלונג פון ישראל זענן גשטנון (ויאמר ברוך ה' וגו') אונ ער האט גזאגט גלובט איז גאט דר גאט פון ישראל וואס ער הט גרעט מיט זיין מול צו מיין פאטור דוד אז ער וועט

אום געבן איין זון וואס ער וועט בואן דאס ביהמ"ק אונ מיט זיין גטור האנט האט ער דר פולט אונ מקיים גוועזן וואס ער הט גרעט צו זאגן (מן היום) פון דעם טאג וואס איך האב אוס גצוגן מיין פאלק ישראל פון מצרים הב איך נוט אוס דר ווילט אונ קיין שטאט פון אלו שבטים פון ישראל צוא בואין דארטן איין הויז מיין נמן זאל דארטן זיין אונ אוך הב אוס דר ווילט אונ דוד ער זאל זיין איין מלך אובור מיין פאלק ישראל (ויהי עם לבב דוד אבי) אונ עס איז גוועזן אונ הארץ פון מיין פטור דוד צו בויאין אהוז פון גאטס וועגן דם גאט פון ישראל הט גאט גזאגט צו מיין פטור דוד וויל עס איז גוועזן אונ דיין הארץ צו בואן דם הוז פון מיינוט וועגן האסטו גוט גטואן נאר דוא וועסט נוט בואן דאס הויז נייארט דיין זון (ויקם יי' וגו') אונ גאט הט מקיים גוועזן זיינו רייד וואס ער האט גרעט אונ אוך בין אויף גשטאנן אוף דעם אורט פון מיין פטור אונ הב מוך גזעצט אוף דר שטול פונדר מלוכה פון ישראל אזו ווי גאט האט גרעט אין הב גובואוט דם הוז פון גאטס וועגן דר גאט פון ישראל אונ אוך האב דארטן גוטן איינאורט צום ארון וואס אונ אום איז די לוחות הברית וואס גאט הט כורת ברית גוועזן מוט אינזרו עלטרון אז ער הט זיי גגעבן ווען ער הט זיי אוס גוצוגן פון דעם לאנד מצרים :

## הפטרה לפרשה שקלים

(ויכרות יהוידע את הברית) אונ יהוידע הכהן הט כורת ברית גוועזן צווישן דעם מלך יהואש אונ צווישן דם פאלק ישראל דען דיא מעשה איז אזו גוועזן עס איז גוועזן איין מלך אחזיה אונ זיין מוטור הט גהייסן עתליה אונ דער אחזיה איז גשטרבן אונ האט גלאזט עטליכי קינדר הט עתליה גהרגות אלו קונדר פון אחזיה אונ איז מוט גוואלט איין מלכה גווארן אובור ישראל נאר יהושבע די שוועסטר פון אחזיה הט אוועק גגנבות אזון פון אחזיה ער הט גהייסן יהואש אונ הט אום בהלטן אוף דם בודום פון דם קדשי קדשים מוט זיין

אם

נ׳פת

הנם זייא האבן דארמון גנוג צרות גלוטן פאר וום זייא זענן יורן דאך זענן זייא נוט גווארן אנדערש אונ גבלובן פעסט אונ דער אמונה שלמה פון ווייערו עלטרון . אוך דער שם הקודש איז אומור גוועזן ביי זייא אונ מול וויא משה רבינו ע"ה האט גזאגט ואמרו לי מה שמו . מ"ה איז גמיינט דער שם מ"ה אונ דרום האבן וי"א לסוף זוכה גוועזן צו דוא גאולה

צופים

מוט נסים ואותות ומופתים אפשיטא שון אור חבריא קדישין עליונים דאס אור צו ברעכט זוך אונ גייט אום פון איין ארט אוף דעם אנדרן ארט כדי צו לרנן תורה פון וועגן קודשא בריך הוא בוודאי וועט אור זוכה זיין צו נסים אונ גאולה אונ צו עולם הבא אמן :

אם פר עתליה אונ זעקס יאר אוז ער דורט
גוועזן בהאלטן אונ דוא עתליה איז זעקס יאר
איין מלכה גוועזן אובור ישראל אונ אונ זובנטן
יאר הט יהוידע הכהן גמאכט מיט דעם פאלק
מען זאל דער שלאגין עתליה אונ מען זאל
מאכן קוניגין יהואש אונ מען הט אום גמכט
פאר איין מלך אונ זייא האבן גשריגן אונ
גקלאפט מיט זייערי הענט אונ האבין גזאגט
עס זאל לעבין דער מלך יהואש אונ עתליה
האט גהערט דאס גשריי אונ איז גקומן אונ
ביהמ״ק אונ הט גזעהן שטיין דעם מלך מיט
זיין קרון אונ מיט פיל פאלק אוף אלו זייטין
אונ מיט טרימייטן אונ מיט גרוס שמחה הט
זיא צוא רופן אורו קליידור אונ יהוידע הט
גבאטן מען זאל זוא הרגינן אזו באלד הט מען
זיא ארוס גשלעפט פון דער שטאט אונ מען
הט זוא גהרגות אונ יהוידע הט כורת ברית
גוועזן מיט דם מלך יהואש (ויבואו כל עם הארץ)
אונ נאר דאס פאלק פון דעם לאנד זענין
גקומן אונ האבן צו שטוסן די צורת גלולים
אונ האבן נהרגות דעם כהן פון דער עבודת
גלולים וואס הט גהייסן מתן אונ יהוידע הכהן
הט גנומן דם פאלק אונ זיי האבן גפירט
דעם מלך פון דעם ביהמ״ק צו דם מלוכה
הוז אונ האבן אום גזעצט אוף דער מלוכה
שטיל אונ נאר דם פאלק האבן זוך זייער
גפרייט וואס יהואש איז אמלך גווארין (בן שבע
שנים יהואש במלכו) זיבן יאר איז יהואש אלט
גוועזן אז ער איז אמלך גווארין אונ פערציג יאר
הט ער גקיניגט אונ ירושלים (ויעש יהואש הטוב
בעיני יי) אונ יהואש הט גטון וואס גוט איז אונ
גאטס אונזן כל זמן יהוידע הט אום גלערינט
צי גוטן אוביר ווי באלד יהוידע איז גשטארבין
זענין גקומן די ישראל אונ די שרים אונ האבן
אום גזאגט די בוסט גוועזן זעקס יאר אונ דעם
קדשי קדשים ווי דער כהן גדול גייט אריין
איין מאל אונ יאר אום יום כפור אונ איז
דורטן נאר איין שעה גוועזן מיט גרוס סכנה
אין די בוסט דורט גוועזן זעקס יאר אונ עס
איז דור נוט גשעהן קיין שום זאך מוזטו זיין
איין גאט אונ ער הט גלאזט מען זאל אום
האלטן פר אגאט אונ מען זאל זוך בוקן צוא
אום (ויאמר יהואש) אונ יהואש הט גזאגט צו
די כהנים נאר דם זולבור וואס מען ברענגט
אין ביהמ״ק דען צווייא האלבו שקלים האט

איטליכער ישראל גבראכט אלו יאר אונ
ביהמ״ק איין הלבור שקל איז גוועזן איין אום
לייזונג פר זיין לייב פר דעם וואס מען הט אום
גצײלט אונ דר פונהט מען גברכט אלו קרבנות
צבור אונ נאך איין האלבן שקל האט מען
גבראכט איין נדבה אונ ביהמ״ק צו פר רעכטן
דם ביהמ״ק (ויקחו להם הכהנים) אזו הט דער
מלך גזאגט צו דוא כהנים נעמט איך דאס
זולבר אונ איר זאלט דער מיט פר רעכטן
דאס ביהמ״ק (ויקרא המלך) אונ דר מלך האט
גרופן יהוידע אונ הט צו אום גזאגט ווארום
האבן די כהנים נוט פר רעכט דם ביהמ״ק
פון דם געלד דרום זאל מען זיי מער דם
געלד נוט געבן (ויאותו הכהנים) האבן די כהנים
גוואלט זיי זאלן נוט נעמן דם געלד אונ
זאלן נוט פר רעכטן דם בהמ״ק (ויקח יהוידע)
אזו הט יהוידע גנומין אקסטן אונ הט
דרונן גמאכט איין לאך צו ווארפן דרונן דם
זילבור ווער עס הט גברכט אונ בהמ״ק אונ
אז דער קאסטן איז פול גווארן איז גקומן דר
סופר פון דם מלך אונ דר כהן גדול אונ האבן
איבר גציילט דם זולבר אונ מעןהט דם זולבר
גגעבן צו די וואס טון אמלאכה דהיינו צו די
וואס האקן האלץ אונ שטיינור אונ פון די
וואס מויורן אונ ביהמ״ק (ולא יחשבו את האנשים)
אין מען הט קיין חשבון נוט גנומין פון די
מענשן וואס האבן דם געלד גהאט אונ זייערו
הענד דען זיי האבן באמונה גוטן פון דאנן
לערונט מען אפ אז קענן אנשי אמונה זאל
מען נוט זאגן זיי האבן נוט רעכט גוטן מיט
דעם צדקה געלד (כסף אשם וכסף חטאות) ווען
אמענש הט אפ גושייט געלד צו קופן אקרבן
אשם אודור אקרבן חטאת אונ עס איז אובר
גבלובן פון דעם געלד הט מען דאס נוט
גגעבן צום פר רעכטן דם ביהמ״ק נר מען
הט דם גגעבן צו די כהנים צו קופן דר פר
קרבנות צו מקריב זיין ווען דם מזבח איז
ליידוג גוועזן :

### הפטרה לפרשת זכור

(ויאמר שמואל אל שאול) שמואל הט גזאגט צו
שאול המלך גאט הט מוך גשוקט צו
מכון דוך פר אמלך דרום איז רעכט די זלסט
הערן די רייד פון גאט די זאלסט אנקמה
טון אונ עמלק (כה אמר יי צבאות) אזו הט גזגט

גאט דר האר אובר אלו חיילות איך גדענק וואס עמלק האט געטון צו ישראל אונ וועג אונ זיין אויף גיין פון מצרים (עתה לך והכית את עמלק) דרום גיי היינט אונ זאלסט שלאגן דם עמלק אונ זאלסט פר ווייסטן אלץ וואס צו אום איז אונ זאלסט דוך נוט דער בארומן איבור אום אונ זאלסט אום טייטן פון אמענש ביז איין אשה אונ פון יונגו קונדר ביז זייגונדגו קונדר פון איין אוקס ביז אשאף פון אקעמיל ביז איין אייזול אונ דרום הט גאט גהייסן די בהמות איך אום ברענגן ווארום די עמלקים זענון געוועזן מכשפים אונ האבן זוך פר שטעלט פר בהמות (וישמע שאול את העם) אונ שאול הט גומכט איין זאמלון דם פאלק אונ הט זיי גצייעלט דורך שעפלוך ער הט גהייסן איטליכר זאל זוך נעמון איין שאף פון דעם מלך נאך דם הט מען איבור געציילט די שאף דען עס איז אסור צו ציילון די ישראל ביי די קעפ אין זיי זענון געווען צוויי הונדרט טויזנד פוס גייער אונ צעהן טויזנד זענון געווען די מענשן פון יהודה אוז שאול גקומן ביז אונ דר שטאט פון עמלק (וירב בנחל) אונ הט מלחמה גהאלטן אין טאל די חכמים זאגן (וירב בנחל) מיינט מען ער הט זוך אפ גלערנט פון עגלה ערופה וואס זוא ווערט גהרגות אונ טאל ווען מען געפונט אהורג אונ מען ווייסט נוט ווער עס הט אום גהרגות הט מען גדארפט ברענגן איין עגלה ערופה דר פון הט זוך שאול איין קל וחומר אפ גולערנט ווען פון איין נפש ווענון הט מען גדארפט ברענגן איין עגלה ערופה מכל שכן פר אזו פיל נפשות אונ ווען דיא גרוסו האבן גזונדיגט וואס האבן די קליינו קונדר גזונדיגט אונ ווען מענשן האבן גזונדיגט וואס האבן די בהמות גזונדיגט אוז אבת קול ארוס גגאנגון אונ הט גזאגט (אל תהי צדיק הרבה) זאלסט נוט מער צדיק זיין ווי גאט הט דיר גבאטון אונ אז ער הט גהרגות די שטאט נוב מוט די כהנים איז גקומן אבת קול אונ האט גזאגט (אל תרשע הרבה) זאלסט נוט זיין קיין גרוסור רשע (ויאמר שאול) אונ שאול הט גזאגט צו קיני דם זענון די קונדר פון יתרו גיי אוועק פון עמלק טאמור וועל איך דיך פר דארבון מוט אום אונ די האסט געטון חסד מוט די ישראל אונ זייער אויף גיין פון מצרים דען פון זיין סעודה האבן הנאה גוהאט משה אונ אלו זקנים פון ישראל דרום אוז גלייך וויא ער האט מהנה געווען כל ישראל (ויך) אונ שאול האט גשלאגן עמלק פון חוילה ביז אונ דיין קומן קיין שור וואס איז פר מצרים אונ ער האט בצווינגן אגג דעם מלך פון עמלק לעבדיג אונ דאס פאלק האט ער פר ווייסט מוט דר שווערד אונ שאול מוט דעם פאלק האבן זוך דער בארומט אויף אגג אין אויף די בעסטו שאף אונ רונדר אונ אויף אלום גוטון אונ זיי האבן נוט גוועלט פר ווייסטן אין אלץ וואס אוז געווען מבוזה אונ שלאף דם האבן זיי פר ווייסט (ויהי) אונ עס איז געווען די רייד פון גאט צו שמואל צו זאגן איך האב חרטה וואס איך האב גמאכט שאול פר אמלך ווארון ער הט אפ גקערט פון מיין דינסט אונ הט נוט מקיים געווען מיינו רייד הט עס שמואל זייער גגרימט אונ ער הט גשריגן צו גאט אגנצו נאכט אונ שמואל הט זוך גפעדרט צו גיין קעגן שאול אונ דער פרוה אונ עס איז ווארון גזגט צו שמואל דם שאול איז גוקומן קיין כרמל אונ ער שטעלט זוך דרטין איין מזבח מקריב צו זיין דרויף קרבנות איז ער ארום גרינגילט אונ איז איבור גפרין קיין גלגל אונ שמואל איז גוקומן צו שאול הט שאול צו אום גזגט גבענשט בוסטו צו גאט איך האב מקיים געווען די רייד פון גאט הט שמואל גזגט אונ וואס איז דם קול פון די שאף אונ מיינו אויערון אונ דם קול פון די רינדר וואס איך הער הט שאול גזגט פון עמלק האבן זיי גברכט וואס דם פאלק האבן זוך דר ברימט אויף די בעסטו שאף כדי צו שעכטן זיי צו גאט אונ דם איבריגי האבן מיר פר ווייסט הט שמואל גזגט צי שאול ווארט וועל איך דיר זגין וואס גאט הט גרעט צו מיר די נאכט הט שאול צו אום גזגט רייד הט שמואל צו אום גזגט ווען די בוסט קליין אונ דיינו אוגון ביסטו דאך דער עלצטור פון אלו שבטים פון ישראל אונ גאט הט דוך גזלבט פר איין מלך אויף ישראל אונ גאט הט דוך גבטון צו פר ווייסטן דעם עמלק אונ ווארין האסטו נוט גהערט אונ קול פון גאט אונ

האסט

הָסְט נִטְאָן וָוס שְׁלֶעכְט אִוז אוּנ גָאטְס אוּנגוּן הָט שָׁאוּל גִזָגְט צוּ שְׁמוּאֵל אוּךְ הָאבּ יוֹא צוּ נִהֶערְט אוּנ קוֹל פוּן גָאט אוּנ בִּין גִגַנְגוּן אוּנ וָוענ פוּן נָאט וָוס עֶר הָט מוּךְ גִשִׁיקְט אוּנ הָאבּ נִבְּרַכְט אֲגַג דֶעם מֶלֶךְ פוּן עֲמָלֵק אוּנ הָאבּ אוּם פַר וִוּיסְט אוּנ דָס פָלְק הָבּוּן גִנוּמוּן פוּן דֶעם רוֹב שָׁאף אוּנ רִינְדוּר צוּ קוֹלוּן פַר נָאט אוּנ גִלְגָל הָט שְׁמוּאֵל גִזָגְט וַוייל דֶען נָאט עוֹלוֹת אוּנ זְבָחִים אַזוּ וִוי צוּ הֶערִין אוּנ קוֹל פוּן נָאט עֶס אִוּז בַּיי נָאט בְּעסוּר מֶען זָאל אוּם צוּ הֶערִין מֶער פוּן אֵיין גוּטוּן זֶבַח צוּ פַר נֶעמוּן אוּנ גָאטְס רֵייד אִוּז בַּיי אוּם בְּעסוּר פוּן דֶעם חֵלֶב פוּן דוּ ווִידֶר דֶען וִוי עֶס אִוּז אֵיין עֲבֵירָה צוּ פְרֶעגוּן אוּנ כִּישׁוּף אַזוּ אִיז אֵיין עֲבֵירָה צוּ ווִידֶר שְׁפֶּענוּגוּן אוּנ דוּ רֵייד פוּן גָאט אוּנ אַזוּ וִוי עֶס אִוּז אֵיין עֲבֵירָה נָאךְ צוּ גֵיין נָאךְ אָפּ גֶעטִיר אַזוּ אִוּז אֵיין עֲבֵירָה דֶר וָוס מֶערְט אוּף דוּ רֵייד פוּן גָאט אוּנ וַוייל דְ יֶהָסְט מְמַאֵס גִוֶועְן דוּ רֵייד פוּן גָאט דְרוּם הָט דוּךְ גָאט מְמַאֵס גִוֶוען צוּ זַיין אֵיין מֶלֶךְ הָט שָׁאוּל גִזָגְט צוּ שְׁמוּאֵל אוּךְ הָאבּ גִזִינְדִיגְט דֶען אוּךְ הָאבּ עוֹבֵר גִוֶועְן אוּף דוּ רֵייד פוּן גָאט אוּנ אוּף דַיינוּ רֵייד אוּנ דָס אִוּז גִוֶועְן וַוייל אוּךְ הָאבּ מוֹרָא גִהַאט פַר דֶעם פָאלְק דְרוּם הָאבּ אִיךְ זֵיי צוּ גִהֶערְט רשׁ״י שְׁרַייבְּט (כִּי יָרֵאתִי מִפְּנֵי הָעָם) דָס מֵיינְט מֶען אוּךְ הָאבּ מוֹרָא גִהַט פַר דוֹאֵג הָאֲדוֹמִי וָוס עֶר אִוּז אַזוּ חָשׁוּב וִוי גָאר דָס פָלְק אוּנ הַיינְט פַר טְרָאג מַיינוּ זִינְד אוּנ קֶער דוּךְ אוּם מוּט מוּר אוּנ אִיךְ וֶועל מוּךְ בּוּקוּן צוּ גָאט הָט שְׁמוּאֵל גִזָגְט צוּ שָׁאוּל אוּךְ וֶועל מוּךְ נוּט אוּם קֶערוּן מוּט דִיר וַוייל דוּ הָאסְט מְמַאֵס גִוֶועְן דוּ רֵייד פוּן גָאט דְרוּם הָט דוּךְ גָאט מְמַאֵס גִוֶועְן צוּ זַיין אֵיין מֶלֶךְ אוּנ שְׁמוּאֵל הָט זוּךְ אַוֶועק גִקֶערְט צוּ גֵיין הָט שָׁאוּל אָן גִנוּמוּן אוּנ עֶק פוּן זַיין הֶעמְדִיל אוּנ הָט דָס צוּ רוּסוּן אוּבּוּר שְׁמוּאֵל הָט אָן גִנוּמוּן אוּנ דֶעם הֶעמְדִיל פוּן שָׁאוּל אוּנ הָט דָס צוּ רוּסוּן עֶס זָאל אוּם זַיין פַר אַסִימָן דֶר וָוס וֶועט אָפּ רַייסִין זַיין עֶק קְלֵייד דֶער וֶועט זַיין אֵיין מֶלֶךְ נָאךְ אוּם דְרוּם אַז דָוִד הָט אוּם אָפּ גְרִיסֶן דָס עֶק קְלֵייד הָט שָׁאוּל גִזָגְט צוּ אוּם אוּךְ וַויים דָס דוּ וֶועסְט זַיין אֵיין מֶלֶךְ אוּנ שְׁמוּאֵל הָט צוּ אוּם גִזָגְט

גָאט הָט צוּ רוּסוּן דוּ מְלוּכָה פוּן יִשְׂרָאֵל פוּן דִיר אוּנ הָט זוּא גִגֶעבִּין דַיין חָבֵר וָוס אִיז בֶּעסוּר פוּן דוּר אוּנ אוּבּ דוּ וֶועסְט זָאגוּן אוּךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט עֶס דוּר נוּט הֶעלְפִין דֶען גָאט וֶועט נוּט צוּ נֶעמוּן דוּ מְלוּכָה פוּן דָס וָוס עֶר הָט זוּ אוּם גִגֶעבִּין (וְגַם נֵצַח יִשְׂרָאֵל) וָורִין דֶער שְׁטַרְקֶר גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל וֶועט נוּט לַייקִינִין אוּנ וֶועט נוּט קֵיין חֲרָטָה הָאבִּין עֶר זָאל נִיט גֶעבִּין דוּ טוֹבָה צוּ דֶעם וָוס עֶר הָט זִיא צִי גִזָגְט וָורִין עֶר אִיז נוּט קֵיין מֶענְשׁ עֶר זָאל חֲרָטָה הָאבּוּן הָט שָׁאוּל גִזָאגְט אוּךְ הָבּ גִזוּנְדוּגְט דָאךְ הַאלְט מוּךְ עֶרְלוּךְ קֶעגוּן דוּ עֶלְצְטוּ פוּן מַיין פָאלְק אוּנ קֶעגוּן דוּא יִשְׂרָאֵל אוּן קֶער דוּךְ אוּם מוּט מִיר אוּנ אִיךְ וֶועל מִיךְ בּוּקוּן צוּ גָאט הָט זוּךְ שְׁמוּאֵל אוּם גִקֶערְט נָאךְ שָׁאוּל אוּנ שָׁאוּל הָט זוּךְ גִבּוּקְט צוּ גָאט (וַיֹּאמֶר) הָט שְׁמוּאֵל גִזָאגְט גִנֶעהְנְט צוּא מוּר דֶעם מֶלֶךְ פוּן עֲמָלֵק אִוּז אֲגַג צוּ אוּם גִגַאנְגוּן מִיט שִׂמְחָה צוּם טוּט דֶען דֶר טוּט אִוּז אוּם לִיבּוּר גִוֶועְן פוּן צוּ לֶעבּוּן אוּנ דֶער שִׁבְיָה אוֹדֶער (מַעֲדַנּוֹת) אִוּז טַייטְשׁ גִבּוּנְדוּן עֶר אִוּז גִבּוּנְדוּן גִוֶועְן מוּט קֵייטוּן הָט אֲגָג גִזָאגְט עֶס הָאט צוּא מוּר אָפּ גֶקֶערְט דֶער בּוּטֶר טוּט (וַיֹּאמֶר) הָט שְׁמוּאֵל גִזָאגְט אַזוּ וִוי דַיין שְׁוֶוערְד הָט פַר וָוארְפּוּן דוּ וַוייבּוּר פוּן זַייעֶרוּ מַאנוּן וָוס דוּ הָאסְט זֵיי גוּמַכְט אַלְמָנוֹת דוּרְךְ דֶעם וָוס דוּ הָאסְט גִהַרְגוּת זַייעֶרוּ מַאנוּן אַזוּ אַז דִיא וֶועסְט נוּטַייט וֶוערוּן וֶועט דַיין מוּטוּר וֶוערוּן פַר וָוארְפּוּן פוּן דוּ קוּנְדֶר מֶער פוּן אַלוּ וַוייבֶּר הָט שְׁמוּאֵל צוּ שְׁפַּאלְטוּן אֲגָג אוּף פוּר חֲלָקִים פַר גָאט אוּנ גִלְגָל (וַיֵּלֶךְ) אִוּז שְׁמוּאֵל גִגַאנְגוּן קֵיין רָמָה אוּנ שָׁאוּל אִוּז אוּף גִגַאנְגוּן צוּ זַיין הוֹז קֵיין גִבְעַת שָׁאוּל׃

## הפטרה לפרשת פרה

(וַיְהִי דְבַר יְיָ אֵלַי לֵאמֹר) גָאט הָט צוּ מוּר יְחֶזְקֵאל גִזָאגְט דוּ מֶענְשׁ זֶעה דוּ יִשְׂרָאֵל זוּצוּן אוּף זַייעֶר עֶרְד אוּנ הָבּוּן זוּ פַר אוּם רֵיינוּגְט מוּט זַייעֶרוּ בֵּייזוּ מַעֲשִׂים אַזוּ וִוי דוּ טוּמְאָה פוּן אַנִדָּה אַזוּ זֶענוּן זַייעֶרוּ וֶועגוּן פַר מוּר אוּנ מַיינוּ אוֹגוּן. דְרוּם זֶענוּן זֵיי גִגְלֶעכוּן צוּ אַנִדָּה אַזוּ וִויא אַנִדָּה הָאפְּט אוּר מַאן אַז זוּא וֶועט זִיךְ טוֹבֵל זַיין אוּנ וֶועט קוּמוּן צוּ אוּר אַזוּ אוּךְ הָאפְּט גָאט אַז יִשְׂרָאֵל וֶועלוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוּנ

ווערין זוך אום קערין צו אום (וְאֶשְׁפּוֹךְ) אונ איך גאט האב פר גאסין מיין צארין אויף זייא וועגין דעם בלוט וואס זיי האבין פר גאסין אונ מיט זייערי אפ געטער האבין זיי זייער לאנד פר אומריינוגט אונ איך וועל זיי פר שפרייטין צווישין פעלקער וועגין זייערי בייזי מעשים אין זיי ווערין קומין צווישין די פעלקר אונ מיין נאמין וועט פר שוועכט ווערין דורך זיי מען וועט זאגין דאס איז גאטס פאלק אונ פון זיין לאנד איז ער ארויס געגאנגין אונ איך וועל מיך דער בארמין איבער ישראל וועגין מיין היילגין נאמין ער זאל נוט פאר שוועכט ווערין (לָכֵן אֱמוֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל) דרום זאג דוא יחזקאל צום הויז גזינד פון ישראל נוט פון אייערט וועגין וועל איך אום לייזין נאר פון מיין היילגין נמין וועגין ער זאל נוט ווערין פר שוועכט אונ וועל איך איין זמלין צו מיר פון אלי לענדר אונ איב איר וועט זוך טרכטין וואס וועט זיין דאס גאט וועט אינז ברענגין אונ אינזר לאנד דאס לאנד קען נוט ליידין קיין עבירות אזו וועלין מיר ווידר פר טריבן ווערין דען עס קען נוט זיין דאס דר מענש זאל נוט זינדיגין ווייל ער האט ביי זוך דעם יצר הרע דרום זאגט גאט (וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים) אוך וועל אויף אייך שפרענגין ריין וואסר צו רייניגין אייך אוך וועל אייך געבין אניי הארץ דאס איר וועט צו הערין אליין וואס אוך האב גבאטין אונ וועל אפ טון דאס יצר הרע פון אייך אונ וועל אייך געבין אנוייך הארץ (וְאֶת רוּחִי אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם) אונ מיין גוטין ווילין וועל אוך געבין צווישין אייך דאס איר וועט צו הערין מיין גבאט אונ וועט מער נוט זינדיגין דרום פרכט אייך ניט דען איר וועט שון מער נוט פר טריבין ווערין פון אייער לאנד אונ איר וועט דרינין זיצין צו אייבוג אונ אוך וועל אייך העלפין פון אייערי עבירות אונ אוך וועל רופין צום קארין אינ וועל אום מערין דס איר וועט קיין הינגר נוט ליידין אונ וועל אייך געבין גוטי פירות כדי איר זאלט שון מער קיין חרפה נוט איין נעמין פון וועגין הינגר אונ איר וועט גדענקין אייערי בייזי וועגין אונ אייערי בייזי מעשים וואס איר האט גוטין אונ איר וועט זאגין גאט האט רעכט גוטון וואס ער האט אינז פר טריבין פון אונזר לאנד דען מיר האבין פול בייזי מעשים גוטין זאגט גאט (לֹא לְמַעַנְכֶם אֲנִי עוֹשֶׂה) נוט פון אייערט וועגין וועל אוך דאס טון נאר מען זאל וויסין דאס אוך בין גאט דרום שעמט אייך פון וועגין אייערי עבירות איר הויז גזינד פון ישראל (כֹּה אָמַר ה׳) אזו האט גאט גזאגט איך וועל אייך בואין אייערי שטעט וואס זענין גוועזן פר וויסט אצינד ווערין זיי זיין גבואוט פר אלי לייט אונ לייט וועלין זאגין דאס לאנד איז גוועזן פר וויסט אונ היינט איז דאס גבואוט אזו שיין ווי דער גן עדן (וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם) אונ די פעלקיר וועלין וויסין דאס אוך גאט האב גבואוט די פר וויסטי שטעט (כֹּה אָמַר ה׳) אזו זאגט גאט אוך וועל נאך מיין גפרשט ווערין צום הויז גזינד פון ישראל אוך וועל זיי מערין אזו ווי שאף אונ זיי וועלין זיין פול אזו ווי די היילגי שאף וואס מען ברענגט קיין ירושלים אום יום טוב אזו וועלין זיין די שטעט וואס זענין חרוב פול מוט פול לייט אונ זיי וועלין וויסין דאס אוך בין גאט דער תנחומא שרייבט (כְּטוּמְאַת הַנִּדָּה) דרום גלייכט דער פסוק זיי צו דער טומאה פון אנדה אונ נוט צו דר טומאה פון אמת ווייל מוט אנדה מעג אכהן זיין מוט איר אונ איין חדר אונ איבור איין מת טאר אכהן נוט זיין אונ איין הויז וואס אוך ווען ישראל וואלטין גגלעכין גוועזן צו אמת אזו וואלט גאט ביי זיי נוט גוועזן אבר אז ער האט זיי גגלעכין צו אנדה אזו איז גאט אוך ביי זיי אונ זייערי צרות אונ האפט דאס זיי ווערין תשובה טון אונ וועלין פרום ווערין אזו ווי אמאן האפט דאס ווייב אנדה וועט זוך טובל זיין עס שטייט אונ פסוק (וַיָּבוֹא אֶל הַגּוֹיִם) אונ ניט (וַיָּבוֹאוּ) צו ווייזין דאס גאט איז גקומין צווישין די פעלקור צו זיין מוט די ישראל אונ גלות די גמרא זאגט אונ סוכה זובין נעמין האט דער יצר הרע גאט האט אום גרופין (רַע) דוד האט אום גרופין (טָמֵא) שלמה האט אום גרופין (שׂוֹנֵא) ישעיה האט אום גרופין (מִכְשׁוֹל) ווייל ער מאכט שטרוכלין יחזקאל האט אום גרופין (אֶבֶן) ווייל ער ליגט אויף דעם וועג יואל האט אום גרופין (צְפוֹנִי) ווייל ער איז פר בארגין ביי דעם מענש (צֹאן אָדָם) דר תנחומא שרייבט ער גלייכט די ישראל צו שאף אזו

ווי שאף צו ברכון נוטו ביימור אונ גארטון אונ
דער האר טוט זיי נוט אזו אוך חאטשו דו
ישראל טואון עבירות שטרפט זיי גאט נוט
פול אונ ער גליכט זיי ווידור צו אמענש אז

זיי זענון פרום בצלט ער זיי שכר אזו ווי עם
אוז ראווי צו בצלון אמענש וום הט שכל אבור
שטראפון שטראפט ער זיי נאר אזו ווי מען
שטראפט שאף וואס האבון קיין שכל נוט׃